ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
## ספר
# לב טוב
## אידיש

**62**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ה לפ"ק

זה השער לה׳ צדיקים יבאו בו

ספר

# לב טוב

איר אלע מענטשין דיא בשעפניש פון גאט: וואש ער האט בשאפין דיא וועלט און יענע
וועלט אז איר וועט לייאנין דאש ספר וועט איר דרינן גיפינן דאש גאנצי אדשקייט
און עש וועלין גרויש הנאה האבין די וואש וועלין לערנען דרינן: דרינן שטייט די הנהגה
פון דעם מענטשן פון זיין יוגנט אן: און אויך פיל דינים אויף הלכות שבת און יום טוב:
און אלין וואש ניצליך איז היינטיגע צייטין: און דער וואש וועט האלטין וואש דרינן
שטייט וועט ער זוכה זיין צוא עולם הבא אמן:

## ווילנא

בדפוס ר׳ שמואל יוסף בר׳ יצחק פין, ור׳ אברהם צבי בר׳ יוסף ראזענקראנץ.

שנת תרכ״ה לפ״ק

СЕФЕРЪ ЛЕВЪ ТОВЪ.
т, е.
Хорошое Сердца.

ВИЛЬНО.
Въ типографіи С. І. Фина и А. Г. Розенкранца.

1864.

Дозволено Цензурою 20 Октября 1864 года Вильно.

Mr D. Goldberg
1066 C
Lombard

2

איר ליבה לייט איך וועל אייך מודיע זיין די סיבה וואש
עש האט מיך גיבראכט דעם ספר צו מאכין דש
איז ווייל איך האב גיזעהן פיל מנהגים וואש גפעלין מיר
ניט דען מיר האבין (תהלה לאל) איין גרויש גיליבטי תורה
וואש הקב"ה האט אונז גיגעבין אויף דעם בארג סיני
דורך משה רבינו ע"ה פאר דיא אויגן פון כל ישראל:
דער נאך האבין מתקן גיוועזן אונזערע נביאים אונ
חכמים זייער גוטע תקנות · וויא זייא זיינען בשייט אין
דער גמרא אונ פוסקים · אבער אצונדערט אין אונזערע
דורות אונ אין אונזערע קהילות דש עש זיינין נאר ווייניג
לייט וואש בנערין צו וויסן דיא רעכטע מנהגים אונ
איטליכער מאכט זיך מנהגים וויא אים גיפעלט · בפרט
אין שול זיינען פאר האנדין פיל לייט וואש זיצן צו
קדושה אונ שמונה עשרה אונ מודים · אויך ריידין זייא
אין איר דברים בטלים · אונ קיינר איז ניט דא זייא צו
שטראפין · אונ אוב עש גיפנט זיך ערגיץ איינר וואש
וויל זייא יוא שטראפין · האט ער מורא איינש מען וועט
אים ניט פאלגין: טראכט ער זיך וואש ניצט מיין
ריידין · דאש אנדרי אז ער וועט אן שרייאן אויף איינים
וועט ער אים נאך מזלזל זיין מיט פיל בזיונות אויך איז
ניט פר האנדן אין דעם דור איין מענטש ער זאל אין
זיך האבין דיא גוטע מדות פון לייטין צו שטראפן: דרום
מאכט זיך איטליכר איין מנהג וויא אים גיפעלט · אז
וויא עש זיינן פר האנדין פיל לייט וואש זאגין אין שול
גאר אן כוונה בשעת זייערע תפלות · אויך בשעת דער
חזן זאגט די הויכע שמ"ע טואן פיל לייט גלייך וויא זייא
גיהערין ניט דער צוא: אונ זעצין זיך אנידר אפילו צו
קדושה אונ מודים אונ צו קדיש אונ צום לייאנין · אויך
קערט אום איינר זיין פנים צום אנדרין אונ זעצין זיך
אונטערין טיש אונ ווערין פרייליך בנאנדר וויא זאלין
מיר ניט שטיין אין מורא פר דעם לעבדיגן גאט גילובט
איז זיין נאמין דאש ער האט בשאפין הימל אונ ערד
אונ ער זעהט וואש ביי איטליכן אין הארצין טוט זיך ·
קער מען דאך בודאי שטיין אין גרויש מורא: נון ליבי
לייט זעהט וויא מיר האבין איין מנהג ווען מען בענטשט
מזומן דא בענטשט איינר אונ דיא אנדרי הערין אים
ניט צו: אודר זייא ריידין דער ווייל דברים בטלים: אזו
איז ער דאך ניט יוצא אונ מוז נאך אמאל בענטשין:
אזו טרעפט זיך זעלטין איינר זאל נאך אמאל בענטשין:
אזו אויך אין שול איז קיינר ניט יוצא קיין חובת תפלה
איבר זייער גרוישי עבירה פון דברים בטלים · אונ דש
איז אסור אפילו אין דער היים מכל שכן אין דער
הייליגר שול · נאך מער אום שבת גישעהין אויך פיל
עבירות אין אונזרי הייזיר ווייל דיא בני בית ווייסן ניט
וואש מותר איז אונ וואש אסור איז: דרום האב איך
גימאכט דעם ספר אויף טייטשי אונ האב אים גירופן
(לב טוב) דען דער וואש האט איין גוט הארץ דער
קענט באלד קומן צו אלי גוטע מדות פון דער וועלט:
אזו וויא מיר לערנין אין פרק רבי יוחנן בן זכאי האט
גזאגט צו זייני פינף קעסטליכי תלמידים דאש איטליכר
פון זייא זאל זיך בטראכטין אונ זאל זאגין וועלכש עש
איז דיא בעסטי מדה וואש דער מענטש זאל זיך אין
אים בהעפטין זאגט רבי אליעזר איין גוט אויג איז
דיא בעסטי מדה · דען ער פר גינט איטלכן דאש זייניגי ·
רבי יהושע זאגט איין גוטר חבר · דען פון איין גוטן
חבר לערינט מען פיל גוטש: רבי יוסי זאגט איין גוטר
שכן: דען ער וועט זעהן פון אים פיל גוטש אונ וועט
אים נאך טואן · רבי שמעון זאגט דיא בעסטע מדה
איז אז דער מענטש באקענט זיך וואש עש וועט זיין ·
רבי אליעזר בן ערך זאגט איין גוט הארץ איז דיא
בעסטי מדה · דא זאגט צו זייא רבי יוחנן מיר גיפעלט
דאש רבי אליעזר בן ערך האט בעסער גיזאגט פון
אייך אלע · דען אין זייני רייד זיינן אין כלל אלע אייערע
רייד אויך: דען דער וואש האט איין גוט הארץ דער
קען גרינגער קומן צו אלע גוטע מדות: ער נעמט אן
שטראף פון אנדרע · אונ אויך שטראפט ער זיך
זעלבירט: ער האט ליב דיא לייט אונ האט איין גוט
אויג ער פר גינט איטליכן אל דאש גוטשי אונ בגערט
ניט קיין פרעמדע · אויך ווער עש וועט דעם ספר
לייענין וועט ער גיפנין פיל גוטי מדות צוא קומן דורך
זייא צו איין גוט הארץ · נאר די עצה וועל איך געבין
דעם מענטשין וואש בגערט צו האבין איין גוט הארץ
דאש ער מוז אויף זיך פריער נעמן די מדה פון ענוה ·
אז וויא עש שטייט אין פרק פון ענוה דען דער עניו

קען

# הקדמה

קען גרינג בקומן איין גוט הארץ: אבר דעם בעל גאוה איז עש שווערי אויך אלע דיא גוטי מדות הייגן אין ענוה׳ אויך הייסט די תורה לב טוב: דען זי הייבט זיך אן מיט איין ב בראשית׳ אונ לאזט זיך אויש מיט איין ל לעיני כל ישראל דאש מאכט לב׳ אויך הייסט זיא טוב וויא דער פסוק זאגט כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו נוא זעהן מיר אז דיא תורה הייסט לב טוב׳ דורך דעם ווערין מיר זוכה זיין אין היילגן לאנד ארײַן צו קומן אמן:

יצחק בן לא״א מוהר״ר אליקום זצ״ל מק״ק פוזנא:

## לב הלכות בית הכנסת פרק ראשון טוב

כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו שנאמר כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו:

דער פסוק איז אזו טייטש הקב״ה האט דרום בשאפין די וועלט פון וועגין ער האט גיוואלט זיין אמלך דען איין מלך אן פאלק איז קיין מלך ניט דרום האט ער בשאפין דיא הימל אונ ערד אונ אלין וואש איז אויף זייא כל מה שברא הקב״ה לכבודו אלין וואש גאט האט בשאפין איז פון זיין כבוד וועגין די הימלין אונ די ערד אונ אלש ווש איז אופן הימל אונ אוף דר ערד אונ אלש ווש איז אין וואשר אונטר דר ערד אלדינג האט הקב״ה בשאפין מיט רחמנות פון זיין כבוד וועגין אובין אופין הימל האט ער בשאפין די מלאכים אטייל פון וואשר אטייל פון פייער אטייל פון ווינד אטייל זיינן האלב וואשר האלב פייער אונ ווייל אין זייא איז ניט פאר האנדין קיין בלוט אונ פלייש דרום האבין זיי אויך קיין יצר הרע ניט דען דאש איני הייגט אין דער אנדרין זייא טואין ניט קיין שום זאך נאר זייא לויבן הקב״ה טאג אונ נאכט זייא זיצין ניט זייא שלאפין ניט זייא עסין ניט זייא טרינקן ניט נאר טאג אונ נאכט טוען זייא נאר געטליכי זאכין צו דעם שליחות וואש זייא זיינן בשאפין גיווארין דרום האבין זייא קיין שכר ניט ווייל זייא האבין קיין יצר הרע ניט: נוא קענין זיי קיין ביז ניט טאן נאר געטליכי זאכין: דר נאך האט הקב״ה בשאפין דיא בהמות אונ חיות אונ עופות אונ די פיש אין וואשר די אלע זיינין נאר אייטל בלוט אונ פלייש דרום זיינן זייא אייטל יצר הרע דרום קענין זייא מיין ניט טאן נאר אייטל מענטשליכי זאכין עסין אונ טרינקן אונ שלאפין אונ נאך אנדרי זאכין אונ אלש וואש צום יצר הרע גיהער: דרום האבין זיי אויך קיין עונש ניט ווייל זייא זיינן אייטל יצר הרע: נוא זעהן מיר דאך אז די מלאכים אונ דיא בהמות האבין קיין שכר אונ קיין עונש ניט ווייל זיי קענן מיין ניט טאן נאר צו דעם וויש זיי זיינין בשאפין גיווארין: נאך דעם אז אלש איז שוין בשאפין גיוועזן אונ אויך דר גיהנם אונ גן עדן האט די חכמה מיט גינומין אז מען זאל בשאפין דעם מענטשין דען ווען ניט דר מענטש צו ווש נוצט דש אלין: איז דש דען דר כבוד הקב״ה אז דר גיהנם אונ גן עדן זאל אום זיסט בשאפן זיין: אזו האט הקב״ה גיטן איין מלאך אין איין בהמה דאש מיינט מען די היילגי נשמה איז איין מלאך אייטל יצר טוב: אין דעם גוף וואש איז בלוט אונ פלייש איז אייטל יצר הרע: דער מיט האט ער בשאפין איין מענטשן אונ האט אים גגעבין דיא תורה אונ מצות דער מיט האט ער גוויזין וויא ער זאל זיך נוהג זיין נאך צו גיין נאך דער נשמה אונ גיט נאך דעם יצר הרע אונ אויך האט ער אים גוויזן דעם רעכטן וועג וויא ער קען קומין אין גן עדן: אונ אויב ח״ו פר קערט קומט ער אין גיהנם דרום אז דער מענטש טוט געטליכי זאכין אונ בצווינגט דעם יצר הרע אונ אלע זייני מענטשליכי זאכין נאר זיין כוונה איז מיט אלים פון גאטש וועגין למשל ער עסט אונ טרינקט כדי ער זאל שטארק זיין צו דער דינשט פון הקב״ה ער שלאפט כדי זיין קאפ זאל אים זיין אפ גרוט ווערט ער קענין טאן גאטש דינסט מיט קלארקייט נוא אז דר מענטש איז זיך אזו נוהג אזו איז דער גוף איין קנעכט צו דעם הער דיא נשמה אזו ברענגט דער הער דעם קנעכט אין גן עדן ארײַן דען וואו אהין דער הער גייט מוז דר קנעכט נאך גיין אזו איז דער זעלביגר מענטש בעסיר פון אמלאך דען דער מלאך האט קיין שכר ניט אונ

דער

דער מענטש האט יוא אגרוסן שכר און חלק לעולם
הבא אבער ח"ו פאר קערט אויב דער מענטש גייט נאך
דעם גוף און יצר הרע דאש זיין כוונה איז מיט אלים
זיך אן צו טאן תענוגים אזו איז דער גוף דער הער און
דיא נשמה דער קנעכט: אז מוז זיא נאך ציהן דעם
גוף אין גיהנם אריין נוא ווערט גיפונן אז דער מענטש
איז נאך ערגער פון איין בהמה · דען דיא בהמה האט
קיין שכל ניט דרום קומט זיא ניט אין גיהנם אריין
אבער דער מענטש האט יוא שכל און פאר דארבט זיין
שכל דרום קומט ער יוא אין גיהנם אריין:

דא וועל איך אייך בשיידין אלין וואש איז בשאפין
גיווארן פון דעם מענטשן ווען עש איז אמשל איין
מלך מאכט אסעודה פר זיין פריינד צום ערשטן ריכט
ער אים צו איין שיינים פאליין דאש ער זאל דרינן
מאכין דיא סעודה · דער נאך ציגט ער אן ליכט: דער
נאך בשטעלט ער שארוער וואש זאלין דינן צום טיש
דר נאך שטעלט ער דארטין שיינע ביימיר און בשמים
דער נאך שטעלט ער אריין דיא ליכט אין לייכטיר:
דער נאך ברייט ער אן צו עסין פלייש און אלירלייא
פייגל און גוטע שפייז · דער נאך רופט ער זיין גוטן
פריינד ער זאל קומן אויף דער סעודה וואש ער האט
גימאכט פון זיינט וועגין · אזו איז דיא זאך אויך: צום
ערשטן האט גאט ב"ה צו גריכט איין פאליין דאש איז
דיא וועלט: דער נאך האט ער אן גיצונדן איין ליכט:
דאש מיינט מען דעם אור וואש גאט האט בשאפין
אין ערשטין טאג · דער נאך האט ער בשאפין דיא
מלאכים דאש זיינן דיא סארוער · דער נאך די ביימיר
און אלערלייא קרייטעכער · דער נאך האט ער
גישטעלט דיא ליכט דאש איז דיא זון און לבנה אויף
דעם לייכטער דאש איז דער הימל · דאש זייא זאלין
לייכטין אויף דער ערד: דער נאך האט ער בשאפין
אלירלייא בהמות און פייגיל און פיש · נאך אלימן
האט ער בשאפין דעם מענטשין: נוא זעהט מען דאך
אז דאש אלין איז בשאפין גיווארין פון מענטשין
וועגין נון ווייל דער מענטש האט ניט גקענט זיין אן
עסין און טרינקן און שלאפין און אנדרי מענטשליכי
זאכין: דרום האט אים גאט גיגעבין דיא תורה און

מצות · צו ווייזן וויא ער זאל זיך נוהג זיין וועלכע
מותר און וועלכע אסור איז דען ווען ניט וואלט דער
מענטש גיטאן אלע זייני זאכין פון תענוג הגוף וועגין:
און וואלט זיך אן גיטאן וואל טאג און וואלט זיך
גימאכט יום טוב אלע טאג דאש וויל גאט ניט האבין
ער זאל פר דארבין זיין נשמה: אדרבה ער וויל האבין
מען זאל דעם גוף נאך ציהן נאך דער נשמה: דרום
שרייבט אן דיא היילגי תורה קדושים תהיו כי קדוש אני
איר זאלט זיין הייליג דען איך בין אויך הייליג דאש
טייטשין דיא חכמים דוא זאלשט זיך היילגן מיט וואש
מותר איז: דוא זאלשט ניט איבריג עסין און טרינקן
און אלע זייני מעשים זאלין זיין לשם שמים דאש ער
זאל גיזונד זיין צו גאטש דינסט: דען ווען דער מענטש
איז שוואך קען ער ניט רעכט גאט דינן און אלע זייני
עסקים און האנדיל פון דער וועלט זאל אלין זיין לשם
שמים: אבר ווען דער מענטש טוט דאש אלין פון זיין
וואול לוסט וועגין אזו איז ער ערגער אז דיא בהמה:
דען די בהמה האט קיין יצר טוב ניט אזו מוז זיא טאן
אלין וואש גיהער צו איר גוף אבר דער מענטש האט
ביא זיך דעם יצר טוב דאש איז דיא היילגי נשמה:
און לאזט זיא ארביטן צו דעם גוף: דרום איז ראוי אז
איטליכר מענטש זאל זעהן ניט צו פאר אום ריינקן
זיין היילגי נשמה מיט וואול טאג: און דער גוף זאל
זיין משועבד צוא איר · דען איטליכר ווייש וואול וויא
דר הער גייט מוז דר קנעכט נאך גיין אזו ווערט זיא קענן
קומן צו דעם אורט וואו זיא איז גינומן גווארן הינטער
דעם כסא הכבוד און זאל ניט לאזן די הייליגע נשמה
נאך גיין דעם גוף צו דער ערד · איך דארף ניט פיל
מאריך זיין: נון ווייל גאט האט אריין גיטאן די נשמה
אין גוף אריין דרום האט ער דר צו בשאפן צוויי כלים
איין כלי צום גוף דאש איז דר (וושט) ער נעמט אין זיך
אריין אלין וואש ער עסט און טרינקט און איין כלי צו
דר נשמה דאש איז דר (קנה) · ער ציהט ארויש דאש
קול און נעמט ניט אריין אין זיך קיין שום זאך · נאר
דאש וואש ער פאנגט אריין און ארויש דעם אטום
כדי דאש דיא נשמה זאל קענן בשטיין ביא דעם גוף:
נוא ווען דר מענטש איז משעבד דעם וושט אויך צו

דר נשמה · דאש ער טוט נאר אייטל געטליכי זאכין · אזו וויא איך האב גישריבן · דא איז ראוי ער זאל בעסר זיין פון אמלאך · דען דר מלאך האט ניט קיין כלי וואש גיהער צום גוף · אונ דר מענטש האט יוא · אונ איז עש פארט משועבד צו דער נשמה · אבר ח״ו ווען ער איז דעם קנה אויך משועבד צום גוף · אונ פר אום ריינגט זיין גוטי כלי · אזו איז ראוי ער זאל ערגיר זיין אז דיא בהמה דען דיא בהמה האט ניט דיא כלי וואש גיהער צו דער נשמה : אבר דער מענטש האט יוא אונ פאר דארבט זייא : אונ אזו וויא דער וושט דיא כלי וואש גיהער צום גוף איז פאר באטין גיווארין פון צו עסין טריפות אונ נבילות אונ אלין וואש טמא איז : דהיינו חזיר אונ בלוט אונ חלב · דען דער מיט פאר אום ריינגט ער זיין כלי וואש גיהער צום גוף · אזו אויך דר קנה די כלי וואש גיהער צו דער נשמה איז אויך פאר באטין גיווארין פון צוא ריידין בייזע רייד · דהיינו שבועות אונ קללות לשון הרע רכילות ניבול פה : דען דער מיט פאר דארבט ער זיין גוטי כלי וואש גיהער צו דער נשמה · אזו וויא ער דארף גיט עסין אונ טרינקן אונ זיך וואול טאג אן טאן נאר צוא דער האלטין זיין גיזונד וויא אויבן שטייט אזו אויך דארף ער ניט ריידין קיין איברגי רייד נאר צו זיין בדערפניש אז וויא איך וועל דא נאך בעסיר בשיידין :

אויף דעם האט רבי שמעון גיזאגט אין פרקים אלע מיינע טעג בין איך גצויגן גווארן צו ווישן תלמידי חכמים האב איך ניט גיפונען קיין בעסערע מדה אז שווייגין דאש מיינט ער מיזאל שווייגין אין וועלטליכע זאכן אונ דברים בטלים : אבער ניט ח״ו אין דברי תורה אונ מצות אזו אויך האט שלמה המלך גיזאגט גאט איז אין הימיל אונ דוא ביסט אויף דר ערד · דרום זאלין דיינע רייד ווינציג זיין דען איטלכש ווארט וואש דער מענטש רעט גוטש אדער בייז ווערט אלץ איין גישריבן דען איטלכש ווארט וואש דר מענטש לאזט ארויש פון זיין מויל אנטפאנגט עש איין מלאך אונ ברייגגט עש פר גאט : איז עש איין גוט ווארט אנטפאנגט עש איין גוטער מלאך אונ ברייגגט עש פר גאט אונ עש ווערט איין גשריבן אין גוטין בוך : איז עש אבר איין שלעכט ווארט אנטפאנגט עש איין בייזער מלאך אונ ברייגגט עש ניט פאר הקב״ה : נאר ער אליין שרייבט עש איין אין שלעכטין בוך : דען הקב״ה האט ניט צו טאן מיט בייזע לייט : נאר ער גיט זיי אפ צו די בייזע מלאכים מלאכי חבלה ר״ל : אז דער פסוק זאגט אל תתן את פיך לחטיא את בשרך ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא למה יקצוף האלהים וגו׳ דאש איז טייטש דו זאלשט ניט זינדיגן מיט דיין מויל · דוא זאלשט ניט ריידין אזעלכע רייד וואש מיט זייא מאכשטו זינדיגן דיין לייב : אונ זאלשט ניט דארפין זאגן פארין מלאך וואש אנטפאנגט דיינע רייד עש איז איין שוגג כלומר ניט ברצון האב איך עש גירעט · ווארום זאלסטו דער צארנען גאט איבר דיין שטים · אונ עש וועט פר דארבין ווערין די ווערק פון דיינע הענט · פון דאנען איז גידרונגען אז איטליכש ווארט אנטפאנגט עש איין מלאך אונ ער ווערט דריבר גישטראפט אונ לייט גהינום : דרום ווען עש איז יוא אזו איז ראוי צו בשיידין די רייד וואש מען מעג יוא ריידן · אונ וואש מען בדארף ניט ריידן אויך וואש עש איז איין חיוב צו ריידן · עש איז פיל צו שרייבין : עש זיינען דרויף גישריבן פיל ספרים אונ פוסקים : אבר איך וועל עש בקיצר בשיידין : דען מען בגערט ניט לאנגע דרשות : עש שטייט אמעשה אין ספר חסידים עש איז גיוועז איין חסיד וואש פלעגט תמיד שווייגין אונ ווינציג ריידין אין וועלטליכע זאכין : האבן אים די חכמים גפרעגט ווארום איז דש האט ער זיי געגנטפערט איך וועל אייך זאגין איר ליבע חכמים די רייד פון דר וועלט זיינן גיטיילט אויף צעהען חלקים : דריי חלקים פון דיא צעהען רייד איך יוא אונ ניט דיא איבעריגע זיבין דרום זיינען מיינע רייד ווינציג דאש זיינן די דריי ערלייא וואש מיזאל ריידין תורה תוכחה · תפלה צורכי הבית אונ דאש זיינן די זיבין וואש מיזאל ניט ריידן שבועות קללות לשון הרע רכילות חניפות ניבול פה ליצנות דברים בטלים : נון וועל איך זייא קורץ בשיידין אונ בגרייפין : דען עש וועט אטייל ווידער גישריבן ווערין הינטין אין דעם פרק : אונ איר וועט וואול פר שטיין : די ערשטע וואש מען דארף אונ מחויב צו ריידין דאש זיינן די רייד אין דר תורה : דאש איז די רעכטע ריידי

דען אויף דעם איז דיא מענטש בשאפין גוואהרין ער זאל ריידין אין דר תורה: אונ פון די מצות ווי אזו מיזאל זיך מיט זיי נוהג זיין · אונ וואש עש איז אסור אדער מותר טריפה אדר כשר · אין דעם כלל איז מיזאל שטראפין די לייט וואש טוען ניט רעכט: ווען ער זעט איין יהודי אדער איין יהודית איין עבירה טאן: איז ער מחויב זיי צו שטראפין מיט גוטע רייד: אונ ניט ח"ו זיי מבייש צו זיין פר לייטין · אפילו ביז הונדרט מאל ביסטו מחויב אים צו שטראפין · איז ער אבר אזעלכר וואש אכט ניט קיין שטראף ביסטו מחויב אים אן צו שרייען אפילו פר לייטין אזו לאנג ביז ער שיידט זיך אפ פון זיינע בייזע מעשים: אונ ווען דוא ווייסט אז ער וויל זיך ניט אפ שיידין דער פון ביסטו מחויב צו גיין פאר דיא ראשים אדר דיינים אדר פר איין רב: אדער פר איין מנהיג איז ער אבר אזעלכער וואש טרייבט גישפעט פון דיין שטראף: אונ זאגט צו דיר דו ביסט נאך ערגער פון מיר דו האסט דאש אונ דאש גיטאן לאז אים בלייבין אונ רייד אים ניט מער · דען ער איז ניט ווערט מיזאל אים שטראפין: אויף אים האט שלמה המלך גיזאגט אל תוכח לץ פן ישנאך זאלשט ניט שטראפן קיין שפעטער טאמער ווערט ער דיך פיינד האבין: הוכח לחכם ויאהבך שטראף דעם חכם ווערט ער דיך ליבן: אויך שטייט פריער אין פסוק מוכיח לץ לוקח לו קלון ומוכיח לרשע מומו · דער וואש שטראפט איין שפעטער דער באקומט שאנד: אונ דער וואש שטראפט איין רשע ווארפט אים אויש דער רשע אלע מומים וואש גיפינט זיך אין אים זעלבשט · אויך זאגט דער פסוק באזני כסיל אל תדבר כי יבוז לשכל מליך כסיל איז טייטש איין נאר אדער איין רשע · דאש מיינט דער פסוק דו זאלשט דיינע שטראף רייד ניט ריידין אין די אויערין פון אנאר אדער ארשע · דען ער פאר שעהמט דיינע קלוגע רייד דאש איז אלץ אין כלל פון דברי תורה: דאש אנדרע איז די רייד אין דער תפלה וואש מען איז מתפלל פר הקב"ה · אונ דיא תחינות אונ לויב פון גאט דאש איז אויך אחיוב: נאך איז פר האנדין אזעלכע רייד וואש זיינען מותר אבר ניט קיין חיוב · דאש הייסט צרכי הבית וואש מען בדארף צו ריידין אין זיין הויז פון צרכי הבית וועגין · אין דעם כלל איז אויך וואש מען בדארף צוא ריידין אין האנדיל פון פרנסה וועגין צוא קויפין אדער פר קויפין: דאש מאג מען וואל ריידין: אבער ניט איבריגע רייד:

דא וועל איך אייך בשיידין די זיבן ערלייא רייד וואש מען בדארף ניט צו ריידין: האטשי עש ווערט ווידר שטיין דר פון אין די אונטערשטע פרקים: דאך קאן איך זיך ניט אויף האלטין פון צו שרייבין: ווייל איך טוא דרינען ניט אן ווערין: טאמער ווערט זיך אימעצער דר צו קערין דרום וועל איך ניט קוקין אויף מיין טירחה אונ וועל עש אויף שרייבן: ווייל די וועלט ווערין זייער גשטרויכלט דרינן דאש ערשטע איז שבועות דאש מיינט מען שבועת שוא פאלשע שווערונג · אדר שבועת חנם אום זיסט שווערונג די ביידע זיינען פר באטן אין די עשרת הדברות · די עבירה פון שבועות איז הארבער פון אלע עבירות אין דער וועלט: ער שווערט הונדערט מאל אין טאג אונ האט דער פון קיין הנאה ניט: אונ דער יצר הרע רעט אים גאר ניט אן דר צו דען דר יצר הרע רעט מער ניט אן גאר צו אזו איין עבירה וואש איז פר האנדין אין איר הנאה: נאר פאר זיין גרושע בייזע מדה וועגין וואש ער האט קיין מורא ניט פר דיא גיבאט פון גאט: זיינען זיי ביא אים ניט גיאכט · דרום איז זיין עונש זייער גרויש: אין דעם כלל איז אויך ווער עש מאכט איין ברכה לבטלה: אין דעם כלל איז אויך דיא מענטשין וואש זאגין נאך די ברכה מיטין תן: ווייל זיי האבן דאך שוין פריער גזאגט די ברכה הייסט עש איין ברכה לבטלה: אזו איז ער עובר אויף לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא: אונ ווען איינר מאכט אברכה אויף איין פרי אונ דער נאך פאלט זי ארויש פון זיין האנט אויף איין מיאוס ארט: דא איז ער מחויב צו זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אויף דר ערשטער ברכה: נון זעהט איר וואל די הרבה עבירה פון שבועת חנם האטשי זיין כוונה איז דאך גיוועזן מיט דער ברכה איבר דער פרי גאט יתברך צו לויבין · דאך ווייל עש איז אום גערין ארויש גיפאלין פון זיין האנט ווערט ער גישטראפט דריבר ווארום ער האט די פרי ניט גיהיט: אונ ער מוז זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד · מכ"ש ווען איינר דר מאנט איין שם אדער איין שבועה לבטלה וויא גאר

גרויש

גרויש איז זיין עונש : דאש איז דאך ידוע אז די היילגע מלאכים טארין ניט גדיינקען דעם היילגן שם צו לויבין הקב"ה ביז נאך דריי ווערטער קדוש קדוש קדוש ה' צבאות · אונ ישראל מעגין אים גידיינקען נאך צווייא ווערטער שמע ישראל ה' וגו' אדער ברוך אתה ה' אבר דר רשע וואש שווערט אום זיסט גידיינקט דעם שם צום ערשטין מאל אונ פר שעמט אים דאש טוט ער אויפט אלי טאג דאש זיינן די רעכטע רשעים וואש פאר שעמען זיין היילגן נאמען דאש זיי גדיינקן אים נאך אויף איין אום ריינעם ארט · דאש טאר מען בודאי ניט טאן · אויף דעם זאגט די גמרא ווער עש הערט איין יהודי דער מאנט דעם שם אום זיסט זאל ער זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אדער ברוך הוא וברוך שמו אונ זאל דעם יהודי מחרים זיין · ער זאל אים זאגין דו ביסט מנודה · דו ביסט אין חרם · אונ באלד זאל ער אים מתיר זיין אונ זאגין מותר לך · אום זיסט ווערט די וועלט גישטרויכלט דריבר · דאש גלייכין איז ער מחוייב זיין חבר מודה צו זיין אויף דעם אלים וואש שטייט אויבין אויש גירעכינט דאש עש איז אין כלל פון שבועת חנם :

נאך איז אין דעם כלל ווער עש מאכט אברכה אן כוונה נאר זיין כוונה איז אויף עפיש אנדרש דאש איז אויך ניט רעכט : וויא וואלט גיווען איינר זאל ריידן מיט איין שר אונ ער זאל טראכטן אויף עפים אנדערש: אונ דר שר זאל עש וואול מארקין אז ער טראכט אויף עפים אנדערש וויא וואלט עש מיט אים גינאנגען · מכל שכן פאר איין מלך וואלט אים נאך ערגער גיווען· נון מכל שכן פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : עש איז פיל דר פון צו שרייבין · עש איז דרויף גמאכט גיוואורין פיל ספרים איך שרייב אבר נאר בקיצור אונ ווייטער אין פרקים ווערט ווייטער שטיין דער פון :

דאש אנדרע וואש מען בדארף ניט ריידין דאש זיינן קללות וואש איינר שילט זיין חבר · סייא איין מאן סייא איין נייב טאר מען ניט שילטן · אונ אפילו זיין אייגין קינד · אונ אפילו זיך זעלבסט אויך ניט : עש איז איין לאו אין דר תורה גלייך ווען איינר עסט חזיר · אדרבה דאש איז נאך פיל אגרעסערע עבירה פון חזיר עסין דאש וועל איך ווייזין אונ וואול בשיידין · איין טעם פון חזיר עסין איז חאטשי פאר האנדין הנאה · אבער פון קללות איז ניטא קיין הנאה נוא טוט ער דאך דיא עבירה חאטשי דער יצר הרע רעט אים ניט אן דער צו וויא אויבין שטייט · דער אנדרער טעם איז דער וואש עסט חזיר איז נאר מטמא זיין גוף אונ דיא כלי וואש גיהער צום גוף דאש איז דער ווישט · אבר דער וואש לאזט ארויש קללות פון זיין מויל דער איז מטמא זיין נשמה אונ איר גוטע כלי דעם קנה · דאש איז פיל ערגער וויא מען איז דעם גוף מטמא · דער דריטר טעם ווער עש עסט חזיר קאן ער תשובה טאן פאר השם יתברך איז ער אים מקבל אונ ער האט איין כפרה : אבר דער וואש פליכט אדר שילט העלפט אים קיין תשובה ניט אונ ער האט קיין כפרה ניט · ביז ער מוז איבר בעטין זיין חבר וואש ער האט אים גישאלטין : אונ אפילו ער שילט זיין אייגין קינד מוז ער אים אויך איבר בעטין · דאש איז אויך איינס דער פון וואש דר גלות דער לייננגערט זיך · אין דעם כלל איז ווען איינר זאגט אויב עש איז ניט אזו אונ אזו זאל אויף מיר קומען דיא קללה · דאש איז אויך זייער שלעכט : אונ עש איז אין כלל פון לאו לא תקלל · אזו ווי מיר גיפינן בייא יהודה ער האט גיזאגט צו זיין פאטר גיב מיר דעם יונג בנימן · אונ אויב איך וועל אים ניט צוריק ברייננגען אונ שטעלין פר דיר זאל איך זיין גזינדיגט פר דיר אלע מיינע טעג · פון דעם ווארט וועגין האבן זיינע ביינער קיין רוא ניט גיקענט האבין אין קבר ביז משה רבינו ע"ה האט גימוזט תפלה טאן פאר אים האט אים גאט מוחל גיוועזן קורין פון דער זאך איטליכר מענטש זאל זיך היטן עש זאל ניט ארויש גיין קיין שבועה אונ קיין קללה פון זיין מויל · אונ אויב ער איז דרינן מורגל גיווארין אונ קען זיך ניט אפ גיוואוינן דער פון שטייט שוין אין ספרים וויא ער זאל טאן · דאש ער זאל זיך איין קנס מאכן · אז ווען ער ווערט ארויש לאזין איין שבועה אדר איין קללה פון זיין מויל · זאל ער געבין דעם זעלביגין קנס צו עניים · אזו ווערט זיין עבירה צו איין מצוה · ניט מער ער מוז יענעם איבער בעטין אונ חרטה האבין אויף זיינע זינד :

אונ בפרט נייל איטליכש ווארט וואש דער מענטש

לאזט

לאזט ארויש פון זיין מויל ווערט איין גישריבן למעלה · דרום זאל ער זיך פריער גוט בטראכטין איידר ער רעט · אין ספר ראשית חכמה שרייבט ער אויך מיזאל בעסער געלט אויש געבן איידער איין ווארט צו ריידין · דען דאש געלט קען מען ווידר געווינען · אבר דאש ווארט איז שווער צוריק צו האפן ווייל עש ווערט איין גישריבן למעלה סיידין מיט גרויש תשובה · אין דעם כלל איז אויך ווען איינר איז מבייש זיין חבר: אדער ער איז אויף אים מוציא שם רע · אדר ער איז זיך מתכבד מיטין חברש שאנד · דאש זיינען דיא הארבסטע עבירות אזו וויא דא שטייט אין די פרקים ווען איינער איז מבייש זיין חבר האט ער ניט קיין חלק לעולם הבא · עש איז גלייך מיט איין קללה · אדר מיט אנאנדר ווארט איז ער אים גלייך מבייש · זעה דאך ווען איינר זעהט זיין חבר איין עבירה טאן · דא איז ער אים מחוייב צו שטראפין · אבר ער דארף אים ניט מבייש זיין פר לייט מיט זיין שטראף · דען ער ווערט זיך דרויף מצער זיין · מכ"ש אז ער טאר אים ניט מבייש זיין מיט זיין אן שרייען · אויף דעם זאגט קהלת דברי חכמים בנחת נשמעים מזעקת מושל בכסילים דאש איז טייטש דיא שטראף רייד פון חכם זיינען שטילער הייט אונ פאמעלאך דרום ווערין זיי גיהערט · אבער דער נאר שרייט אן אויף דיא לייט אזוא ווערין זיינע רייד ניט אן גינומען · אין דעם כלל פון מוציא שם רע איז אויך ווען איינר האט איין צו נאמין וואש ער שעהמט זיך מיט אים זאלסטו אים ניט רופין מיט דעם צו נאמן · דען דר מיט ביסטו אים מבייש · אדר דר וואש איז זיך מתכבד מיטין חברש שאנד · דאש איז ער ברימט זיך איך בין בעסר אונ גרעסער פון מיין חבר · אדר ער בארימט זיך איך האב מיין חבר טובות גיטאן דאש איז אלין אין דעם כלל וואש איך האב גישריבן:

לשון הרע מיינט מען דער וואש ברעט דיא לייט סייא צו רעכט אדער צו אום רעכט · דהיינו ער זאגט אין דעם הויז עסט מען וואול אלע טאג דר האט שיינע קליידר · דער האט דאש גיטאן · דער האט יענש גיטאן: אונ זיין כוונה איז צו בייז ברידן דאס הייסט לשון הרע בעו"ה פון דר עבירה וועגין ווערט די גאנצע וועלט גישטרויכלט · בפרט אום שבת אז דר עולם שטייען אין מארק דא רעט איינר פון דעם אנדרן · אונ וועלכער עש קען איין שמועה זאגין אויף אנאנדרן איין שאנד אדר איין זינד אדר ווען איינר זאגט עפיש איין שאנד אדר איין זינד אדר איין שפעט · דא פרייען זיך דיא אנדרע דאש איז אלץ אין כלל פון לשון הרע · דער פון קומט שנאת חנם · אונ בעו"ה אונזר בית המקדש איז חרוב גיווארין איבר שנאת חנם די עבירה ווערט בעו"ה אלע מאל גימערט דרום לאז איך קיין תידוש ניט זיין וואש מיר זיינען אזו לאנג אין גלות דאש קומט אלין פון ליידיג ארום גיין · דער וואש האט ניט צו טאן שטעלט זיך אויף דער גאס אונ מאכט איין רעדיל ארום זיך אונ טרייבט גישפעט אויש די לייט · אונ ברעט זייא אונ מאכט זיי לאכין · די לייט וואש זיצן אין קראמען זיי טוען ניט אנדרש נאר פון פרעמדע ריידין · אונ בפרט אום שבת איז דיא עבירה נאך גרעסער · דען ער איז דער מיט מחלל שבת דער צינט אן אזו איין פייער וואש דער היצט די לייט בנאנדר · אונ מאכט שנאת חנם אזו וויא איך וועל דא נאך בעסער בשיידין:

אין דעם כלל איז אויך רכילות דר וואש גייט פון איינם צום אנדרין אונ טרייבט רכילות אונ זאגט וואש יענער האט גיטאן אדר גירעט אויף אים · אדר אויף אנאנדרן · דר פון קומט רציחות · אפילו עש איז אמת הייסט עש אויך רכילות איך דארף דער פון ניט מאריך זיין ווייל איטלכר ווייסט וואול וואש רכילות איז · אונ דער וואש נעמט אן רכילות האט אזו גוט איין עבירה אונ עונש וויא דער וואש זאגט רכילות · דער פון קומט לשון הרע אונ שנאת חנם · חניפות דאש איז ווער עש האנפט צו איין רשע ווען ער זעהט אים טאן אום רעכט אונ זאגט אים דוא האסט רעכט גיטאן ער מאכט דאש דער רשע האט חרטה אויף זיינע בייזע מעשים אונ שטארקט אים נאך · אויך ווער עש חנפת איין רשע פון זיין הנאה וועגין · דאש ער וויל ביי אים עפיש באקומען דרום שטראפט ער אים ניט דאש הייסט אויך חניפות וויא עש וועט בעסער בשיידט ווערין:

ניבול פה דאש איז דער וואש רעט שענדליכע רייד

פר לייטין · דעם מאכט מען איין טיף גיהנם · איטליכר ווייסט וואול וואש ניבול פה איז · אפילו דער וואש הערט צו ניבול פה מוז אויך עונש ליידין · אזו וויא די גמרא זאגט איטליכר ווייסט וואורום די חתן כלה גייען בנאנדר אונטר דער חופה · נאר דער וואש רעט ניבול פה דער האט קיין חלק ניט לעולם הבא · ווייל ער פר דארבט זיין גוטע כלי אונ האט דער פון קיין הנאה ניט אזו איז דיא עבירה נאך גרעסער · דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין דריגן :

ליצנות דאש איז ווער עש שפעט פון לייטין אונ מאכט דיא לייט לאכין דאש קומט מחמת זיין וואול טאג אונ גאוה · דאש עש דוכט זיך אים ער איז העכער פון אלע דרום שפעט ער פון איטליכן · דעם זעלביגין זאל מען ניט שטראפין דען ער נעמט גיט אן דיא שטראף · אזו וויא שלמה המלך ע"ה האט גיזאגט דוא זאלסט ניט שטראפין איין שפעטער. דען ער טרייבט גישפעט דרויש אונ האט דיך פיינט דריבר · נאר דוא זאלסט שטראפין איין חכם וועט ער דיך ליב האבין · אין דעם כלל פון ליצנות איז אויך דברים בטלים · דהיינו ער רעט פון מלחמות אדר שבועות דער פון קומט קיין גוטש ניט ארויש אונ ער פר דארבט זיך זיין גוטע כלי · נאך ערגער דער פון איז פאר האנדין די רייד וואש דער מענטש רעט מיט צארין · עש איז פיל דער פון צו שרייבין · אבר איך וועל עש קורץ בשרייבין ווייל עש וועט דר נאך בשיידט ווערין · דר ראשית חכמה שרייבט אין פרק שטייט דער וואש ווערט באלד דער צארינט · אונ איז ניט באלד צו בווילגן דער הייסט איין רשע · אויך שטייט אין קהלת כעס בחיק כסילים ינוח דער צארין רוהט אין דעם שוים פון די נארין די משוגעים · אדר כסילים די רשעים · דרום זאגין די חכמים דער וואש איז צארונג איז ער גלייך אז וויא איין משוגע · ער רעט וויא איין משוגע · ער שרייט וויא איין משוגע ער טוט ווי איין משוגע : דרום שטייט ניט אן קיין חכם צו זיין צארונג · אזו ווי מיר גיפינן אין דר גמרא אז הלל איז קיין מאל ניט צארינג גיוועזן · אויך גיפינן מיר אין דער תורה דרייא מאל איז משה צארינג גיוועזן דרום האט ער זיך טועה גוועזן חאטשע ער איז דאך גוועזן איין נביא איבר אלע נביאים חאטשע ער איז רעכט צארניג גיוועזן דאש ער האט גשטראפט די ישראל · אזו האט ער עש דאך גטאן פון קידוש השם וועגן · פון דעסט וועגין שרייבט אונז פארט די תורה אז ער האט זיך טועה גיוועזן איבר זיין צארין · דען ער האט זיי גיקענט שטראפין אן צארין מכל שכן וקל וחומר אז אנאנדר איז צארונג פון נארישקייט וועגן · איז ער זיך בוודאי טועה אין אלע זיינע עסקים · דרום האבין אים די חכמים גירופן משוגע · מה דאך אז איינער איז צארינג פון געלט וועגין פאלירט ער זיין שכל בפרט די רייד וואש ווערין גירעט אין צארן זיי שאטין בוודאי צו דער גאנצער וועלט גאט זאל אונז היטן · אזו וויא עש וועט דא נאך בעסער בשיידט ווערין · דען ווען איינר איז צארינג שטעלין זיך לעבין אים פיל מלאכי חבלה אונ אנטפאנגן זיינע בייזע רייד וואש ער לאזט ארויש פון זיין מויל · אונ די זעלביגע מלאכי חבלה ווילן אלין פר טיליגן וואש זיי בגעגענן ר"ל · ווען ניט הקב"ה זעלבסט וואלט זיי אויף גיהאלטין אונ זאגט צו זיי וואש זיינען די אנדרע לייט שולדיג אז דר נאר איז צארינג אונ ווערט משוגע פון דברים בטלים אונ פון געלט וועגין · זיצט איר שטיל איך וועל אים זיין שכר אליין בצאלין אזו פיל חלאים אונ יסורים וועלין אויף אים קומען אונ דר נאך אלע דיא גהנם וואש איך האב בשאפין וועלין גוועלטיגין אין אים · אזו גייען אוועק די מלאכי חבלה אונ שרייבן אויף אלע זיינע ווערטער אין איין בוך אבר אויב ער צו רייסט אדר ער צו ברעכט עפיש איין זאך אין זיין צארין · אזו גייען זיי ניט אוועק · אונ זייא זאגין דער איז אונזער · ער קאן קיין תשובה ניט טאן ער וועט נאך מער זינדיגען : ווייל ער לאזט אזו גיוועלטיגן אויף זיך דעם יצר הרע אונ זייא רייצען אים אן ער זאל אפילו עבודת כוכבים ומזלות דינן · דרום איז זייער גרויש דיא עבירה פון דעם וואש רעט בייזע רייד מיט צארין אדער ער ווארפט עפיש איין זאך פון זיין האנט אין צארין · די חכמים ז"ל גלייכין דעם צארין צו דיא הארבע עבירות : דר צארין אונ כעס קומט פון גאוה · אונ דער וואש איז בעל גאוה איז גלייך אז ער דינט עבודת כוכבים ומזלות · דען ער פאר לייקנט אין דעם יחיד אייניציגן גאט · אונ הקב"ה האט פיינד די צארינדיגע לייט מכ"ש דיא בעלי גאוה אונ בפרט ווען איינר שווערט אין צארין · אדר ער

שילט

שילט און שלאגט זיין חבר אפילו זיין קינד · חאטשע ער וויל אים לערנן צו גוטן איז אויך איין איסור · און זיין זינד איז זייער גרויש דאש עש העלפט אים קיין תשובה ניט ווי אובן שטייט · דרום האבן די חכמים גיזאגט אז ווען איינר וויל אמורא מאכן אויף זיין גיזונד אדר איין אב בית דין אדר ראש הקהל וואש וויל אמורא מאכן ווייא זאל ער טאן · זאל ער זיך מאכן גלייך ווייא ער איז צארונג · אבר באמת זאל עש ניט זיין אין צארין · דר זעלביגר מענטש וואש טוט אזו האט ער בודאי מורא פר גאט · און גאט האט אים ליב · אבר איין רגזן דר האט ניט אין זיך גאטש פארכט · אזוא ווייא אויבן שטייט · דען אז מען שטראפט אים איז ער נאך מער צארינג · און רעט נאך מער בייזע רייד · ער האט קיין מורא ניט פר קיינעם · ער לאזט זיין צארין פרייער גיין און גידיינקט ניט אז ער פר דארבט זיין גוטע כלי · און פר אום ריינגט זיין היילגע נשמה · און עש טאר אים קיינער ניט רייזן אין צארין · אזו אויך שטייט אין פרק רו זאלסט דיין חבר ניט איבר בעטין בשעת כעס · און קיין מענטש טאר אים קיין ווארט ניט ריידין · דען ער ווערט נאך מער אין כעס :

עש איז אמאל גיוועזן א חסיד האט ער גילאזט צוואה זיין זון דאש ער זאל ניט צערנן · און אין קיין שום וועג זאל ער ניט צארינדיג ווערין · און אויב עש וועט זיך אים טרעפן דאש ער וועט ניט קענען אויף האלטין זיין צארין · זאל ער אים חאטשי נאר אויף האלטין איין שעה און זאל ניט ריידין און קיין שום מעשה ניט טאן · ער האט דרויף גישווארין זיין פאטר אז ער וועט זיין צוואת ניט ברעכין · דער חסיד איז גישטארבן און זיין זון איז גיוועזן אגרוסר סוחר : און האט גינומן איין ווייב איין פרומי אידנע אמאל איז ער גיפארין האנדלין אויפן ים און האט זיך גיזאמט אויפן וועג פופצהן יאר : און איז אהיים גיקומן מיט גרויש עשירות און ער איז אהיים גיקומן בייא נאכט : איז ער דורך גגאנגן בייא דר קאמר וואש זיין ווייב ליגט דרינן זעט ער דש איין בחור ליגט ביי זיין ווייב אזו איז ער זייער צארנדיג גווארן און האט זיי ביידן גוואלט דר שלאגן אין בעט האט ער זיך דר מאנט אן זיין פאטרש צוואה און האט אויף גיהאלטין זיין צארין ביז איין שעה · האט ער גיהערט הינטר דער טיר ווייא זייא ריידין בנאנדר · און ער הערט ווייא זיין ווייב זאגט מיין ליבר זון די ווייל איז מיר גרויש ביז דיין פאטער וועט אהיים קומן · עש איז שון צייט דיר איין ווייב צו געבין · נאר אויב ער לעבט וועט ער בודאי קומן · איך האב אים שוין ניט גיזעהן וויפל דוא ביסט אלט : אז דער סוחר האט דאש דער הערט איז ער אריין גיגאנגין מיט גרויש פרייד · און האט גיבענטשט זיין פאטער מיט ברכות אין קבר נון קענט איר וואול גידיינקן וואש עש קען קומן פון צארין · דער פון קומט אויך הילול השם · און דער צארין איז פון דער מדה פון גאוה · וואש פון איר קומן אלע בייזי מדות זיא איז דער מקור פון אלע מדות : און הקב"ה האט אויך פיינד דעם בעל גאוה : דען הקב"ה זאגט איך און ער קענען מיר בנאנדר ניט וואונין אין איין וועלט · אויך נעמט ער קיין שטראף ניט אן פון קיין שום מענטשן · דען אים דוכט זיך ער איז בעסיר פון דעם וואש שטראפט אים · ער הייסט איין גאותן : אויך איין נרגן דאש עש פאר דריסט אים אלין וואש יענער טוט דען ער מיינט יענער טוט אים דער ווידר זיין כבוד : עש פאר דריסט אים וואש יענער רעט · ער האט קיין מאל קיין רוא ניט אויף זיין הארצין · אלין וואש מען רעט און מען טוט איז בייא אים צו איין גנאי : און דיא טובות וואש מען טוט אים איז בייא אים אלין קארג · דען ער מיינט ער איז נאך פיל מער ווערט : ער הייסט איין נרגן דאש איז איין מאלמלך איין קיפלר אודר בעטלר · אלע צו נאמן זיינען אים קארג פאר זיין בייזי מדה :

נון איר ליבי לייט זעהט דאך וויפל בייזי זאכין הענגין אין דעם וואש רעט אין צארין ער איז מטמא זיין גוטע כלי דיא נשמה דאש זיינען דיא בייזי רייד וואש דער חסיד האט ניט גיוואלט ריידין : און דיא זעלביגי לייט וואש ריידין יוא דיא רייד האט זייא גאט זייער פיינט · און עש איז אים מיאוס פאר זעלבי לייט · מכל שכן דאש זיין תפלה ווערט ניט גיהערט און גיבראכט פר הש"י · עש איז איין משל איין עשיר האט איין שייני כלי וואש ער טרינקט דער פון תמיד : אזו

נעמט

גנעמט איינר דיא כלי אונ וואלגערט זיא אין קויט אונ שווייננקט זיא ניט רעכט אויש · אונ ברייננגט זיא פארין עשיר ער זאל דער פון טרינקן · קען ער דאך אפילו זי ניט אן זעהן · ווייל מיהאט זיא איין גישמירט פאר זיינע אויגן · אונ עש איז מיאוס ביי אים אונ מען טאר עש אפילו ניט ברייננגען פאר אים · מכ"ש דער מלך מלכי המלכים הקב"ה ער זעהט אלין וויא דער מענטש האט פאר אום ריינינגט זיין גוטע כלי מיט בייזי רייד נוא וויא אזו זאל זיין תפלה דער הערט ווערין אודר ווער טאר זיא ברענגין פאר הקב"ה · דרום ווערט זיין תפלה אוועק גישטוסן · אונ ער מאכט דאש זייני בייזי מעשים ווערין גידאכט · אזו וויא עש ווערט ניט גישווייננקט דעם וואש ברייננגט פארין מלך איין אום ריינע כלי אונ ניט אים דערינן טרינקן · אונ ווען אפילו דער מענטש זאל שוין אפילו דיא כלי רעכט אויש שווייננקין ביז עש זאל שוין אויף איר ניט בלייבן קיין שפרענקיל · דאך אז דער מלך גידיינקט זיך דיא כלי איז גיוועזן אין קויט איז אים נאך מיאוס צו טרינקן · ביז מען מוז די כלי איבר נייעם מבין · אזו אויך אפילו דער מענטש טוט תשובה נאר דיא תשובה איז ניט רעכט העלפט ניט · סיידין ער מאכט זיך איין נייאי מחשבה אונ נעמט אויף זיך קיין מאל ניט צו ריידין די בייזי רייד · אזו ווערט זיין גוטי כלי גימאכט איבר נייעם · דענמלט ווערט זיין תפלה דער הערט · דען ער איז שוין ניקס דער ערשטר מענטש · פריער איז ער גיוועזן איין זינדיגר · אונ היינט איין בעל תשובה · פריער האט אים הש"י פיינד גיהאט אונ היינט האט ער אים ליב · פריער איז זיין תפלה מיאוס גיוועזן פאר הש"י אצונד לוסט ער צו איר ווייל ער האט אפ גילאזט פון זייני בייזי רייד אונ אויב ער נעמט אויף זיך אז ער רעט עפיש ניט מיט ווילין גיט ער איין קנס דיא ארמי לייט דא ווערט זיין עבירה צו איין מצוה · אונ זיין תפלה ווערט דער הערט · הש"י האט ליב אזעלכי לייט אונ גלוסט צו זייערי תפלות · דרום זאל איטליכר מענטש לייענין אין די ספרים וואש שרייבן דער פון אין ספר המדות אונ דאש ספר מוסר איז דער בראנד שפיגיל ער איז גינומין גיווארין אויש דיא ספרים אונ אין דעם ראשית חכמה אונ אנדרי ספרים שרייבן אויך פיל דער פון אונ ברענגין דרויף פיל פסוקים · עש איז צו לאנג דער פון צו שרייבן · אונ עש קומט זייער פיל צו ניץ אין אונזרע דורות · אבר איך האב דרינן ניט גיוואלט מאריך זיין ווייל עש ווערט ווידר פר מעלט ווערין הינטין אין דיא פרקים · דרום וויל איך עש לאזין בלייבין אונ ווער אן הייבין צו שרייבין וויא מיזאל זיך נוהג זיין אין שול ווייל עש איז מיר עטליכי זאכין ניט גיפעלין דאש זיא זיינין אום רעכט דרום ווער איך עש קורץ בגרייפין אונ בשיידין:

## הנהגת בית הכנסת

דא וועל איך אייך ארויש שרייבן פון דעם ארח חיים אונ אויש דעם ספר מוסר: אונ אויש אנדרע ספרים וויא מיזאל זיך נוהג זיין איידר מען גייט אין דער הייליגר שול אריין · אונ וויא מיזאל זיך נוהג זיין אין שול: דער וואש ווערט דאש לייענין ווערט גיפינען דעם אמת דאש איך האב עש ניט גישריבן פון מיין קאפ · נאר אלין ווערט גיפונן אין ספרים · גאנץ פריא אז דער מענטש וואכט זיך אויף זאל ער אויף שטיין גישווינד צו דינן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואש ער האט ווידר גיגעבן זיין נשמה וואש ער האט אים גיגעבן בהאלטין איבר נאכט · אונ דער מענטש בקומט זי פיל בעסיר פונפריער · דען בשעת ער האט זיא גיגעבן בהלטין אין האנט פון הקב"ה · אונ האט גיזאגט בידך אפקיד רוחי אין דיין האנט בהאלט איך מיין זייל · דענמאלט איז זיא גיוועזן מיד אונ אויש גיארבייט · אונ אצונד בקומט ער זיא וואול אויש גירוט · דרום דארף ער אים לויבען אונ דאנקין · אויך זאל ער זיך בטראכטין וויא וואלט גיוועזן ער זאל וויסן עפעש געלט צו פאר דינן · אודר איין מלך אודר איין שר אודר איין סוחר זאל אים זאגין זיא בייא מיר מארגן גאנץ פריא · וואלט ער זיך בוודאי ניט פר שלאפין אונ וואלט גישווינד אויף גישטאנין · דען ער וואלט מורא גיהאט פארין מלך אודר ער ווערט דאש געלט אן ווערין · מכל שכן דאש ער דארף גיך אונ גישווינד אויף שטיין פאר דעם מלך מלכי המלכים

הקב"ה

הקב"ה · דער נאך זאל ער זיך וואול ריינגן · אונ זאל אויש ראמן זיין מיסט אונ אום פלייט : דאש ער זאל דער מיט ניט קומן פאר הש"י · דער נאך זאל ער וואשן זייני הענט דרייא מאל מיט ריין וואשיר · אזו גייט פון אים אוועק דער רוח הטומאה וואש האט בייא אים גירוט בייא נאכט · אונ זונסט גייט ער ניט אוועק · אונ איידר ער וואשט זיך טאר ער ניט אן רירין מיט זייני הענט קיין עסין שפייז · אויך ניט אויף זייני אויגן אונ זיין מויל אונ זיין נאז אונ זייני אויערין · דען עש איז איין סכנה פון וועגין דעם רוח רעה וואש רועט אויף זייא · אונ נאך דעם וואשין זאל ער מאכין דיא ברכה על נטילת ידים אונ דיא ברכה אשר יצר : אטייל לייט זיינן זיך נוהג צו מאכין דיא ברכה ענ"י אין שול · דען עש איז בעסיר מיט קהל ·

אונ ער זאל דיא ברכה זאגין מיט גרויש כוונה דעם ערשטין היילגין שם : חאטשי אלע דיא שמות מוזן האבין כוונה · אבר דער ערשטיר שם דארף נאך מער ווייא איך וועל עש וואול בשיידין · עש איז איין משל ווען איינר גייט פר איין מלך ב"ו וועןער רופט דעם מלך בייא זיין נאמן צום ערשטן מאל האט ער גרויש פארכט אונ ציטרנעש · אז ער קומט מיט אים אריין אין ריידין אזו האט ער שוין ניט אזו איין גרושי פארכט · אזו אויך פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אונ ווען ער זאגט ברוך אתה ה' זאל ער דעם שם המיוחד שארף ארויש ריידין אדני מיט גרויש כוונה אונ פארכט אונ ציטרניש אונ דער שרעקניש · אונ זאל גידענקין אין זיין ריידין אדני ווי ער איז גישריבן מיט דר י אונ מיט דר ה אונ מיט דר ו אונ ווידר מיט דר ה · דאש בטייט היה הוה ויהיה דאש איז טייטש ער איז גיוועזן איידר די וועלט איז בשאפין גיווארין · אונ איז יעצט אויף דר וועלט · אונ ועט זיין נאך דער וועלט · אונ מוז אויך איין כוונה האבין אדני איז טייטש איין האר איבער דער גאנציר וועלט · אונ אויף דיא מלאכים אונ איבר דעם הימל אונ אונטיר דער ערד · אונ אויף אלע זייטין · דאש איז זעקס אירלייא אויבן אונ אונטין · אונ צו מזרח אונ צו מערב אונ צו צפון אונ צו דרום · אונ ווען ער זאגט אלהינו אודר אלהים אודר אל זאל ער

מכוין זיין ער איז איין שטארקיר אונ מעכטיגר גאט ער קען בווייזן זיין מאכט אונ קראפט אלע צייט ווען ער וויל · אונ ער גיוועלטיקט איבר אלע עולמות ווייא ער וויל אונ ווען ער וויל · אונ האט בכח די וועלט חרוב מאכין אונ ווידר צו בויען ווייא עש גיפעלט אים · אונ ווען ער וויל לערנין אודר תחנות זאגין אין דער היים איידר ער גייט אין שול אריין · זאל ער זאגין ברכת התורה · דאש איז אשר קדשנו לעסוק בדברי תורה אויך דעסט גלייכין ווען ער וויל זאגין אין שול תחנות אודר סליחות זאל ער זאגין דיא ברכה פון דער תורה דען ווייל מען זאגט פיל פסוקים דרום איז ניט רעכט מיזאל זאגין אן אברכה :

אטייל זיינן זיך נוהג צו זאגין דיא ברכה דער נאך מיטען חזן · אבר עש איז פיל בעסיר מיזאל זאגין פאר דיא פסוקים · בפרט דער וואש לערינט פאר טאג · אבר דער וואש זאגט דיא ברכה אין דער היים אודר אין שול פאר תחנות אודר סליחות טאר ער דער נאך מיטען חזן נאך אמאל ניט זאגין · דען עש הייסט איין ברכה לבטלה חס ושלום · אונ גלייך ווייא איינר שווערט אום זיסט · אונ איידר ער גייט אין שול זאל ער ריינגן זיין גוף אונ נשמה · אונ זאל ניט לויפן אין גאטש הויז אריין מיט אום ריינקייט · אונ זאל ריין מאכין זיין גוטע כלי וואש ער האט פריער איין גזידלט אין קויט · דאש זיין תפלה זאל ניט גיין פון איין אום ריני כלי · דען ווייא אזו קען ער אזו איין בשמירטי כלי בריינגן פר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא · עש איז פיל בעסיר ער זאל אין דר היים בלייבין · ווי אזו זאל ער ריינגן זיין גוטע כלי די נשמה · ער זאל זיך שטעלין אין איין ארט אליין אונ זאל זיך בטראכטן ווש פר זינד ער האט גיטאן · סייא מיט מעשים סייא מיט בייזי רייד · אונ זאל חרטה האבין אונ וויינין אויף דעם וואש ער האט בשמירט זיין גוטע כלי · אונ האט זיא בזידלט אין קויט · אונ זאל זיך גידיינקין ווייא קען איך אויף הייבן מיין פנים · ווי קען איך קומן הינטר דעם פנים פון הש"ית תפלה צו טאן · ווייל איך בין אזו איין חוטא · אונ האב די אונ די עבירה גיטאן · אונ גירעט בייזי רייד · אונ האב מיין גאט ית' דר צערינט

מיט

מיט דער אונ דער עברה · איך וועל ווייל מיין לעבין וועט זיין אזעלכי עבירות ניט טאן · דרום גאט ית׳ זייא מיר מוחל מייני עבירות · אונ מעק אויש מייני זינד פון דעם בוך וואש זייא זיינן דרינן איין גישריבן גיווארין · הען איך ווייס וואול דאש אלע מיינע זינד זיינן איין גישריבן גיווארין דא האב איך חרטה אויף אלע מייני זינד וואש איך האב גיטאן פון מיין יוגנט ביז אצונד · אונ איך וועל שוין קיין מאל ניט ריידין אזעלכי בייזי רייד אונ טאן אזעלכי בייזי מעשים · אונ איך וועל נעבין קנס אויב איך וועל ריידין בשוגג אשלעכט ווארט · גאט יתברך היט מיין מויל עש זאל דר פון ניט ארויש גיין קיין בייז ווארט · אונ גאט ית׳ בהיט מיך פאר עבירות · אונ העלף מיר דער צו איך זאל זיך קענין היטן דער פון · דען איטליבער וואש בגערט זיך צו ריינגן העלפט מען אים דער צו · אונ נון אויף אלי דיא בייזי רייד אונ מעשים וואש איך האב גיטאן האב איך חרטה · אונ בין אויף מיר מקבל תשובה אונ קנס צו עניים · אזו באלד אז ער בטראכט זיך אזו : אודר ער רעט אזו אליין אין איין ווינקל מיט גאנצין הארצין · אזוא באלד איז ער גליבט אין דיא אויגן פון השי״ת : אזו מעג ער גיין אין שול אריין תפלה צו טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · דען לאז זיך דער מענטש אין זין אריין נעמן וויא וואלט גיוועזן אז ער זאל גיין פאר איין מלך בשר ודם · אודר פאר איין שר · אודר אפילו פאר איין פריין · אונ דער מלך אודער דער שר ווייסט אז ער האט קעגן אים געזינדיגט וואלט ער דאך ניט גיקענט קומן פאר דעם מלך אודר שר ביז ער זאל שיקן לייט אים איבר צו בעטין אונ ווידר צו קערין צו גינאד · מכ״ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · אבר ער דארף קיין אנדר מענטשן ניט שיקן פאר אים תפלה צו טאן · נאר ער אליין זאל פאר זיך מתפלל זיין · דען דער מלך מלכי המלכים הקב״ה בגערט ניט מיזאל צו אים שיקן פרעמדי לייט אז ווי פר איין מלך ב״ו · אויך בגערט ער ניט קיין געלט אונ גוטש · נאר ווידוי אונ חרטה אויף דעם בייז וואש ער האט גיטאן ער מוז אין זיין זין אריין נעמין דעם ניט צו טאן · דאש הייסט חרטה :

נוא ווען דער מענטש טוט דאש אלין איז ער גליך וויא אנייער מענטש · דען פריער איז ער גיוועזן איין חוטא : אצונד איז ער אפרומר מאן : פריער איז ער גיוועזן איין רשע · אצונד איז ער אצדיק : דען אלע זיינע עבירות ווערין אים אלע אן גישריבן פר מצות : אזו וויא עש וועט שטיין אין הלכות תשובה : פריער איז ער גיפיינט גיוועזן אין גאטש אויגן אצונד איז ער גליבט · דען הקב״ה איז איין רחמן · אונ דער בארימט זיך תיכף איבר זיינע לייט · דרום זאל איטליכער זאגין ווידוי מיט גיוויין אונ זאל חרטה האבין אויף זייני בייזע מעשים · אזו דער בארימט זיך הקב״ה איבר אים · דען ער האפט אויף דער תפלה פון זעלכע לייט · אונ דר מענטש איז מער גיליבט בייא הקב״ה פון אצדיק אונ זיין חלק עולם הבא איז גרעסער וויא דער חלק פון צדיק · דען די צדיקים קענען ניט שטיין אין דעם גבול וואו בעלי תשובה שטייען · אונ ווייטער אין הלכות תשובה וועט שטיין וואש די תשובה איז אויף איטלכע עבירה : אונ אז דער מענטש איז אויף זיך מקבל דיא תשובה איידער ער גייט אין שול אריין · דער נאך איז זיין תפלה אן גינומן · עש זיינן דרויף פיל פסוקים נאר איך וועל נאר ברייגען אטייל פון זייא :

דער פסוק זאגט מורה ועוזב ירוחם דער וואש בקענט זייני זינד אונ פאר לאזט זיי ווערט ער דר בארימט · אונ עש שטייט אויך אין דער היליגר תורה מיט דיין מויל אונ הארצין קענסטו תשובה טאן · אויך זאגט דר פסוק יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח לאז דער רשע פאר לאזין זיינע בייזע וועג אונ דער אום רעכטער מענטש זיינע בייזע מחשבות אונ זאל ווידר קערין צו גאט וועט ער אים דער בארמין · אונ צו אונזר גאט · דען ער מערט צו פר געבין · דרום זאל איטלכר מענטש זייער גיווארינט זיין צו ריינגן זיין גוף · מכ״ש זיין נשמה אזו וויא איך האב דא גישריבן דאש ער זאל ניט לויפן אין גאטש הויז וויא איין פויער לויפט אין ביר הויז : אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל ער גיך לויפין גליך אזו וויא איינר לויפט נאך איין מציאה · אונ בשעת ער גייט פון דער שול זאל ער גיין פאמעליך · עש זאל ח״ו ניט גליך

גליך זיין ווי ער האט גיפאטערט פון זיך איין משא ·
אזו וויא איך וועל נאך מער דר פון שרייבין :
אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל ער זעהען צוא
זיין דער ערשטער אין שול · אונ אויב ניט זאל
ער האטשע זעהן צו זיין פון דיא ערשטע צעהן · דען
דיא ערשטע צעהן האבין אזו פיל שכר אזו וויא דאש
גאנצע קהל · אונ אויב ער קען דאש אויך ניט אויש
פירען זאל ער זעהן קיין שום ארבית ניט צו טאן פארין
דאוונין דען איטליכר איז שולדיג צו בעטין פאר גאט
אויף זיין לייב אונ האב אונ גוטש · אונ אויף זיין
היילגע נשמה · אונ פר כל ישראל · אזו וויא אונזרע
תפלות זיינן שוין גימאכט גיווארין נוא וויא זאל ער
טאן זיינע זאכין אדר אנדרע זאכין פר גאטש זאכין ·
אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל אויף אים פאלין
איין מורא אונ ציטרניש ; ווען ער וואלט גיגאנגין פר
איין מלך וואלט דאך אויף אים גיפאלין איין מורא ·
מכל שכן וק"ו פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה ·
אונ ער זאל גיין מיט שווער גימיט ניט מיט גילעכטער
אדר מיט עזות קייט אונ ניט מיט פאטשטין · נאר ער
זאל אריין גיין מיט גרויש פארכט אונ ציטרניש · אזו
וויא דר פסוק זאגט ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל
קדשך ביראתך אונ איך מיט דיין גרויש גינאד קום איך
אין דיין הויז · איך בוק מיך צו דיין היילגן היכל מיט
גרויש פארכט · דער נאך זאל ער גיין אין שול אריין
אזו וייט ווי צוויי טירן ברייט · ער זאל זאמען אזו לאנג
דאש ער וואלט גיקענט גיין צוויי טירן ברייט · דר נאך
זאל ער זיך בוקין פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה
דער נאך זאל ער זיך אנידר זעצין אונ זאל נישט ריידן
אונ זאגין · נאר ער זאל זיך באטרכטין ווער בין איך
דאש איך זאל זוכה זיין תפלה צו טאן פאר דעם מלך
מלכי המלכים הקב"ה פאר אזו איין גרוסן הער · איך
בין דאך איין זינדיגער מענטש · אונ האב אפט דער
צארינט הקב"ה מיט מיינע בייזע מעשים אונ בייזע
ווערטער · אונ איך בין איטל בלוט אונ פלייש איטל
יצר הרע · איך בין ניט ווערט אונ ראוי צו גידיינקן זיין
היילגן נאמען · מכ"ש דאש איך זאל תפלה טאן · אונ
זאל אזו אופט ריידן זיין היילגן נאמן מיט מיין מויל ·
ווי קען איך אויף הייבן מיין פנים קעגין אים · וייל איך
האב אים אזו אופט דער ווידר גיטאן · אבר פון וועגין
זיין גרויש חסד אונ בארים הארציקייט · וואש ער דער
בארימט זיך איבר זיינע לייטין וואש קערין זיך צו אים
מיט די זאכין וואש אויבן שטייען · מיט דעם קום
איך פאר אים :

דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל זאגן מה טובו אוהליך
יעקב אונ אדון עולם אונ יגדל · אונ אויך אלע די
ברכות וואש שטייען פר אים מיט גרויש כוונה · אונ
אויב ער האט שוין גיזאגט עטליכע ברכות אין דער
היים טאר ער זייא נאך אמאל ניט זאגין אין שול סיידין
ער האט דער וייל זיין צורך גיטאן אדר ער האט
משתין גיוועזן · דא איז ער מחויב נאך אמאל צו זאגין
די ברכה אשר יצר אונ ער זאל זאגין איטליכע ברכה
מיט גרויש כוונה · אונ זאל זיך פריער וואול בטראכטין ·
אונ זאל ניט לאזין ארויש פאלין די היילגע ברכה
מיטין שם אן כוונה אונ בטראכטונג · ער זאל תמיד
גידיינקן ער שטייט פאר איין מלך · אונ ווען ער וואלט
אים גלובט אן אזינען · וואלט ער זיך בודאי גישטראפט
גיווארין · מכ"ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה ·
אונ זאל זיך טראכטין מיט דעם בין איך בעסער פון
אמלאך · דען דער מלאך טאר ניט גידיינקען דעם שם
סיידין נאך דריי ווערטער · אונ אפילו אזו אויך ניט אזו
גוט אזו ווי איך · דרום זאל איטליכער זיך פריער וואול
בטראכטין איידר ער לאזט ארויש דעם גרויסן שם :
אונ ער זאל אזו זאגין זיצינדיג ביז קטורת · אונ זאל
ווידר אויף שטיין · דען דאש איז אויף דעם ארט פון
דעם קרבן · אונ אז מיהאט מקריב גיוועזן דעם קרבן
האט מען גימוזט שטיין · דר נאך מעג ער ווידר זיצין
ביז ברוך שאמר · אונ פר ברוך שאמר מאג ער זאגין
תחינות וויפל ער וויל · אויך מעג ער לייגין דעם טלית
אונ תפילין ווי ער וויל · אטייל לייט לייגין זיי פר עוטר
ישראל בתפארה · אטייל לייגן זיי פר קטורת · אטייל
פר ברוך שאמר · נאך ברוך שאמר הייבט זיך אן די
רעכטע תפלה : אז ווי איך וועל דא נאך בעסר בשיידין ·
אונ דר וואש איז גיווינטליך צו זאגן תחינות אלע טאג ·
זאל ער זייא זאגין פאר ברוך שאמר · אדר נאך דעם
דאוונען

דאוונען · אבר צווישן די תפלות טאר מען שוין ניט זאגן קיין תחינות :

אטייל לייט זאגן פר ויברך דוד די לויב פון הקב"ה דהיינו אתה הוא אלהינו בשמים ובארץ אונ אויך האדרת והאמונה אבר קיין תחנות טאר מען ניט זאגן בשעת תפלות · בפרט אין דער קהלש תפלה · דאש הייסט פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה · ביז נאך דעם הינטרשטן קדיש טאר מען קיין ווארט ניט ריידין · אונ אפילו נאך דעם הינטרשטן קדיש טאר מען אויך קיין שום ווארט ניט ריידין נאר דעם שבח פון הקב"ה · דען ווייל מען רופט אויש מצות דרום טאר מען קיין דברים בטלים ניט ריידין סיידין דברי תורה אדער תחינות אונ מעמדות אבר בשעת דר חזן זאגט שמונה עשרה טאר מען ניט ריידין אפילו קיין דברי תורה אונ תחינות · נאר איטלכר איז מחויב צו הערין איטליכע ברכה פון חזן · אונ זאל כוונה האבין אויף איר · אונ זאל נאך זאגן ברוך הוא וברוך שמו אדר ברוך הוא ושמו : אונ זאל זאגן אמן אויף איטליכע ברכה · איך וועל דא די זאך בשיידין מיט אין משל · ווען ער זאל שטיין פאר אין מלך אונ זאל ריידין מיט אים אין מיטין דרינען זאל ער דעם מלך אוועק לאזין · אונ אן הייבין ריידין מיט אנאנדרין · וואלט ער זיך בודאי פער שולדיגט · מכל שכן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · דרום זאל איטלכר זייער גיווארינט זיין דאש ער זאל ניט ריידין קיין שום ווארט בשעת דאוונען · אונ זאל אויך קיין אנדרע מחשבה ניט האבן נאר צו הקב"ה:

פאר צייטין אז מיר זיינין גיזעסין אין אונזר לאנד ארץ ישראל ווען די ישראל האבן מלחמה גיהאלטין מיט די אומות · איז גיוועזן אין כהן משוח מלחמה ער איז גיזאלבט גיוועזן צו מלחמה · האט ער אזו אויש גישריבן דער וואש האט אין עבירה גיטאן זאל זיך אום קערין אהיים · דאש ער זאל ח"ו ניט נהרג ווערין פון זיין עבירה וועגין · אונ ווען איינר האט גיהאט אין זיך די עבירה · דאש ער האט גירעט פון ברוך שאמר ביז ישתבח · האט ער זיך אויך גימוזט אום קערין פון דער מלחמה · דען די עבירה איז זייער גרויש · מכל שכן ווען ער האט גירעט צווישן די ברכות פון ק"ש · בפרט בשעת דער חזן זאגט די שמונה עשרה איז זיין עבירה נאך גרעסער · עש טאר קיינר קיין שום ווארט ניט ריידין נאך ישתבח אפילו קיין דברי תורה ביז דר חזן לאזט אויש די שמונה עשרה ביז נאך קדיש · אונ איטליכר מוז שטיין אונ צו הערין איטליכי ברכה פון דעם חזן אונ זאל נאך זאגין אמן · אונ ווען דר חזן זאגט ברוך אתה ה' זאל ער זאגין ברוך הוא וברוך שמו · אודר ברוך הוא ושמו · דער נאך זאל ער זאגין אמן · אונ זאל דעם אמן ניט אוועק האפין · אונ זאל אים אזו לאנג מאריך זיין ביז ער זאל גידענקין עש איז אמת וואש ער זאגט · אונ איך גלייב עש · דען דער וואש זאגט נאך אמן איז חשובר פון דעם וואש מאכט דיא ברכה · אונ זיין מצוה איז בעסר · אז וויא איך וועל דא בשיידין · דרום זאל ער ניט טאן אזו וויא אטייל לייט טואן ·

דאש זייא זאגין תחנות ווייל דער חזן זאגט שמונה עשרה · עש איז טויזנט מאל בעסיר ער זאל גאר ניט זאגין · אונ עש וואלט בעסיר גיוועזן ער זאל ניט גיין אין שול אריין דען ער הערט ניט צו דעם חזן אונ זאגט ניט נאך אמן · אונ אפילו ער זאגט נאך אמן אזו טוט ער ערשט דער מיט אין עבירה · דען ער ווייסט ניט אויף וועלכי ברכה ער זאגט דאש הייסט אין אמן יתומה · אונ זיין עונש איז דער פאר דאש זייני קינדר ווערין פאר וויסט אונ יתומים · מדה כנגד מדה · אזו וויא דער יתום קען ניט זיין פאטר אונ מוטר · אזו אויך דער אמן קען אויך ניט זיין ברכה · אונ ווען איינר זאגט נאך אמן בכוונה אז ווי איך האב אויבן גישריבן · אפילו עש איז אים בשערט שלעכטין פר זיבציג יאר איז ער דר מיט מבטל די זעלביגי גזירה :

נון איר ליבע לייט איר זאלט ניט ריידין אין שול אפילו ניט בשעת דאוונין דען עש איז אגרויסי עבירה צו ריידין אין גאטש הויז פון האנדיל · עש איז גלייך אז וויא איינר שטייט אין איין חדר פון אמלך אונ רעט פרעמדי זאכין · אזו ווערט ער דאך דער פר זייער הארט גישטראפט · מכל שכן אין דעם חדר פון דעם מלך מה"מ הקב"ה טאר מען בודאי ניט ריידין קיין דברים בטלים · אפילו אין זיין היים איז דאך אגרושי עבירה צו ריידין דברים בטלים אז וויא די גמרא זאגט

ודברת

16

ודברת בם ולא דברים בטלים אין דר תורה דארפסטו ריידין׳ אבר ניט קיין דברים בטלים · נוא זעהן מיר דאך אז דער זעלביגר מענטש וואש רעט יוא דברים בטלים איז עובר אויף איין עשה: מכ״ש אין דער היילגר שול פר דר היילגר שכינה · נון נייטיר מכל שכן וקל וחומר דר וואש רעט בשעת דאוונין פון ברוך שאמר ביז דעם קדיש נאך שמונה עשרה אזו איז זיין עבירה פיל גרעסיר אונ הרביר · דאש ער אכט ניט אין הקב״ה אונ זיין שכינה אונ אין זייני היילגי תפלות · אונ ער שייאט זיך ניט פאר אים אונ פאר דער היילגר תורה וואש שטייט אין ארון קודש · אונ דער וואש האט קיין מורא ניט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה איז ער דאך בודאי אגרוסר עזות פנים · אונ עש שטייט עזות פנים לגיהנם · דאש האבין מיר דאך בקבלה אז פאר צייטין איז גיוועון אין אלע לענדער וואו יהודים האבין גיוואנט זייער שייני שולן אונ שייני הייזער · אונ גרויש עושר אונ כבוד · איז דאש אלין פר שטערט גיווארין פון וועגן זייא האבן גירעט דברים בטלים אונ קריג אין זייערע שולן · אונ האבין זייא ניט נוהג כבוד גיוועון · אזו אויך דאש היילגע בית המקדש האט אויך גאט יתברך דרום פאר שטערט · ווייל זייא האבן ניט נוהג כבוד גיוועון ·

אז וויא עש שטייט בשיידליך אין פסוקים:

אויך שטייט אין דער תורה צווייא מאל דער פסוק את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו מיין שבת זאלט איר היטן׳ אונ פר מיין בית המקדש זאלט איר זיך פארכטין׳ איין מאל שטייט אין קדושים · דאש אנדרע מאל אין בהר דאש דרשת די גמרא אזו וויא מען איז מחוייב שבת צו האלטין סייא בשעת דר בית המקדש איז גישטאנין׳ אונ סייא אצונד אז דער בית המקדש איז שוין חרוב׳ אזו איז מען מחוייב זיך צו פארכטין פאר דעם בית המקדש אפילו אצונד אז ער איז חרוב · דאש מיינין זייא מען איז מחוייב מורא צו האבין פר אונזרע שולין אונ בתי מדרשים · זייא זיינען אויף דעם אורט פון בית המקדש · אונ דרום שטייט דער פסוק צווייא מאל · דאש ווייזט אונז · אז וויא בייא שבת דארף מען מוסיף זיין מחול על הקודש · דאש מען דארף מקבל שבת זיין נאך פאר נאכט · אונ דער נאך ניט אוועק צו לאזין אים ביז שטערין שטייאן · אזו אויך דיא מורא פון דר שול דארף זיין סייא פארין דאוונען סייא נאך דעם דאוונען · דאש מיזאל ניט ריידין דרינן קיין דברים בטלים · מען טאר ניט אריין גיין אין שול אריין מיט איין שווערד זיך צו שפאצירן · אונ אויך ניט מיט אום ריינע שיך · אונ ניט מיט פלעקינדיגע קליידר · מיט אלע זאכין זאל ער דיא שול האלטין אין כבוד · גלייך אז וויא ער גייט פאר איין מלך בשר ודם · אזו אויך פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · אז דער פסוק זאגט הכון לקראת אלהיך · דוא זאלסט זיך שיין אן בריישין קעגן דיין גאט · דוא זאלסט זיך צירן גלייך אז ווי פר איין מלך בשר ודם · הלואי וואלטין מיר אזו פיל מורא גיהאט פאר הקב״ה וויא פר איין מלך בשר ודם · מיר זעהן דאך אין דער שול איז פאר האנדין דיא היילגע תורה וואש גאט האט אונז געגבן אויפן בארג סיני דורך משה רבינו ע״ה · אונ אין שול רוט זיין היילגע שכינה·מיר האבין גיהאט לאנד אונ לייט · אונ דאש בעסטע לאנד אין דר וועלט · אונ מלאכים אונ שרים אונ נביאים אונ סנהדרין · פון אלע דיא טובות האבן מיר ניט מער נאר דיא היילגע ספר תורה · נוא ווער עש שעמט זיך ניט פר איר אונ רעט דברים בטלים · מוז ער בודאי אגרושר עזות פנים זיין׳ דאש ער זאל ניט גידענקין אין דער שכינה וואש רואט אין אונזרע היילגע שולן אונ אכט ניט די היילגי תורה וואש הקב״ה זעלברט האט גישריבן מיט זיין רעכטע האנט · מיט שווארץ פייאר אויף ווייס פייאר אז וויא דיא תורה וואש מיר האבן · גיט איין ווארט מער אונ ניט ווייניגר · נוא וויא זאל דעם מענטשין קיין מורא ניט אן האפין אז ער זעהט דיא היילגע תורה אין ארון הקודש · אונ ער זאל ריידין דברים בטלים אודר נאך אנדרי רייד · אזו איז דאך זיין כוונה צו פאר טרייבין דיא היילגע שכינה אויש דער שול: דען נאר אונזר תפלה איז דיא שכינה זאל רואן צווישן אונז · אונ מיר זאלין אים לויבן · אונ ער זאל צו הערין אונזרע תפלות· דאש איז כמעט אלע אונזרע תפלות · אונ דער עזות פנים לאזט אוועק דיא שכינה אונ דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אונ טוט נאר אנדרע זאכין · אונ בשעת

דאוונען רעט ער מיטען מויל׳ אונ דאש הארין מראכט גאר עפיש אנדרש אוף הגדיל אדר אנדרי נארשקייט׳ אונ אפשר נאך אויף איין עברה׳ דאש איז גלייך וויא יענער וואש טראגט שטינקדיגי זאכן פארין שר׳ פון דעם קען זיך איטליכר אמוסר נעמין וויא עש איז הארב דאש ריידין אין שול׳ וויא דאש ער דער צערינט זיין הייליגן נאמין׳ אונ ער מאכט דאש דיא הייליגי שול ווערט חרוב ח״ו׳ אונ מאכט דאש ישראל ווערין פאר טריבן ח״ו גאט זאל אונז היטן׳ דרום זאל זיך איטליכר זעלברט שטראפין׳ אונ זאל גידיינקין פאר וועמין ער שטייט׳ אונ זאל האבין גאטש פארכט אונ ער זאל ניט פאר זינדיגן זיך אונ כל ישראל ח״ו: נון וועל איך בשיידין וויא מען דארף שטיין בשעת

דאוונין׳ אונ וויא מען מעג זיצן׳ דער ראשית חכמה שרייבט פון דעם זהר וועגין דאש איטליכר איז מחוייב צו שטיין ביא דיא הייליגע זאכין׳ דאש הייסט דאש וואש איין יחיד אליין טאר עש ניט זאגין׳ נאר מיט איין מנין׳ דהיינו קדושה אונ ברכו אונ קדיש׳ דאש מוז דער חזן זאגין במנין׳ אונ דאש קהל זאלין שטיין אונ נאך זאגין׳ נאך זיינן פאר האנדין וואש קיין יחיד טאר זיא ניט זאגין׳ דהיינו איבר חזרין דיא שמונה עשרה׳ אדר צו לייאנין אויש דער ספר תורה מיט איין ברכה׳ אדר צו זאגין שלש עשרה מדות׳ דאש טאר מען ניט זאגין סיידין בקהל׳ נאך זייגן עטליכי זאכין וואש מען פלעגט שטיין פון מנהג וועגין: צו אדון עולם אונ יגדל פון וועגין דאש איז דער גרושר שבח פון הקב״ה׳ צו קטורת ווייל עש איז אויף דעם אורט פון קרבן׳ צו ברוך שאמר ווייל עש איז דער ערשטיר שבח פון פסוקי דזמרה׳ דאש מיינט מען דיא הללוים׳ אז מען זאגט ישמחו השמים ותגל הארץ ווייל דיא ר״ת זיינען דער שם הויה׳ צו פותח את ידיך ווייל מען דארף כוונה האבין דאש ער שפייזט גרויש אונ קליין אפילו דיא ווערים אין דער ערד׳ צו ויברך דויד ביז אתה ה׳ לבדך דאש זעלביגע איז בקבלה׳ פון ישתבח ביז נאך ברכו׳ פון תהלות לאל עליון ביז נאך שמונה עשרה׳ אונ אויך ביי לאנג והוא רחום איז מען נאך מיין מחוייב צו שטיין אז וויא ביא שמונה עשרה אונ

וועז דער חזן לייאנט אויש דער ספר תורה׳ ווייל עש איז איין דבר קדושה אונ עש מוז זיין במנין׳ אונ אז מען עפינט דעם ארון קודש זאל מען אויך שטיין׳ אונ ווער עש שטייט זאל גיווארינט זיין דאש זיין פנים זאל זיין צו מזרח׳ אונ ניט וויא אטייל לייט זיינען ניט מקפיד דרויף אונ קערין זיך אום קיין מערב אודר קיין צפון׳ אדר קיין דרום׳ דאש ווייזט ח״ו אז ער האט אנגדר גלויבן׳ בפרט דיא לייט וואש קרין אום זייער רוקן צום ארון הקודש׳ זיי זיינין בוודאי מחלל השם׳ אז דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צום נביא יחזקאל ואחוריהם אל היכל ה׳ אטייל לייט פון ישראל זיינען רשעים אונ שטעלין זיך מיטען רוקן צום היכל פון גאט׳ אונ השי״ת איז זייער צארינג גיוועזן איבר דיא לייט:

דרום איטליכר וואש וויל רעכט דינן גאט יתברך שמו זאל ער אום קערין זיין פנים צו מזרח ווען ער שטייט׳ אונ ניט צו קיין אנדר זייט׳ אבר בשעת ער זיצט מעג ער אום קערין זיין פנים וואו אהין ער וויל דאש איז קיין עברה ניט׳ ווייל זיין שטאט וואש ער זיצט דרויף איז אזו גימאכט גיווארין׳ אבר אין אטייל ערטר זיינין גימאכט גיווארין אלע שטעט צום ארון קודש׳ אבר אין אונזרע קהלות איז דער מנהג אז וויא איך האב דא גישריבן׳ נאך ארגירם דער פון קאן ארויש קומן אז דער מענטש קערט ניט אום זיין פנים קיין מזרח׳ דען אמאל קומן אויש צווייא לייט איינר אנקעגן אנדרן אזו האבן זיי גאר אנדרי מחשבות אודר ער רעט מיט אים פאטשטין בשעת דאוונען׳ אזו קומט דער פון איין חילול השם וויא אויבן שטייט׳ דען ווען איטליכר זאל אום קערין זיין פנים קיין מזרח וואלט ער בוודאי ניט גיהאט קיין אנדרע מחשבות ווען ער וואלט גיזעהן דעם ארון קודש אונ דיא הייליגע ספר תורה אונ אויך די פסוקים וואש שטייאן גישריבן אויפן ארון קודש׳ דהיינו דער פסוק שויתי ה׳ לנגדי תמיד׳ אונ אנדרע פסוקים׳ דאש דער וועקט אים בוודאי זיין כוונה צו גאט ב״ה׳ אבר דער וואש קערט זיך אום צו אנאנדר זייט דער בגערט ניט זיין כוונה׳ זאל דער וועקט ווערן׳ לאז זיך איטליכר נעמין אמשל ווען איינר שטייט פאר איין מלך בשר ודם קערט ער זיך דאך

בודאי ניט אום זיין רוקן צו אים · בפרט ווען ער האט
עפיש איין משפט פארין מלך ווערט ער דאך בודאי
שטייאן אין אייטל ציטרנעש אונ אנגשט · מכל שכן
ווען דער משפט רירט אן אין זיין גוף אדר אין זיין
געלט ווערט ער דאך בודאי נאך מער ציטרניש אונ
אנגשט האבין · אונ ווערט בודאי קלאר צו הערין דיא
רייד פון מליץ פון מלך · דאש ער זאל אים ניט
פאר געסין צו זאגין זיינע זכיות · נון מכ"ש פאר דעם
מלך מלכי המלכים הקב"ה דער משפט רירט דאך
בודאי אן אין זיין גוף אונ געלט נוא וויא זאל ער ניט
רעכט צו הערין דיא רייד פון חזן וואש ער איז דער
מליץ צווישן הקב"ה אונ ישראל :

אויך דיא לייט וואש לעהנין זיך אן · אדער זיי לייגן
זיך אויפן שטענדר · אדר זיי שאקלין זיך אויפן
שטענדר בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה וויא אזו
וועלין זיי זיך קענין פר ענטפרין פר הקב"ה זייא פאר
שמאכין דאך נאטש דינסט אונ גידענקין ניט פר וועמין
זייא שטייאן · אונ לאזין זיך קיין פארכט ניט אן גיין ·
אונ טראכטין גאר אויף דברים בטלים · אויך פאר
זומין זייא דריבר אמן נאך צו זאגין אויף איטליכר
ברכה אדר וויא קען איינר דאש האבין אין זיין פנים
דאש ער זאל אום קערין זיין אחור צום ארון קודש ·
אדער ער זאל זיך אן לענען אין אנונט אדער אין
אשטענדר · מכל שכן דר וואש שאקילט זיך אויף איין
שטענדר אונ מאכט זיך איין שפילכיל אין שול גלייך
וויא ער וואלט גיוועזן דער היים · ווען ער גייט דאך
אין אנגדער הויז שעמט ער זיך דאך צו שאקלין אדר
אנגדרע חצפות טרייבין · אונ אין דער היליגר שול
שאייט ער זיך ניט פאר גאט אונ פאר לייט :

דער כלל איז איטליכן מענטשין זאל זיך דוכטן גלייך
וויא ער האט עפיס איין משפט פאר אמלך
בשר ודם · אונ דער משפט רירט אן אין זיין גוף אונ
געלט · מיט אזו איין מורא זאל ער שטיין פאר הש"י
האמשי דר משפט פון הש"י איז פיל טויזנט מאל מער
אונ גרעסיר דען דר מלך בשר ודם קען בייא דיר מיין
ניט נעמין נאר דאש געלט אבר ניט דיא נשמה · אבר
דער מלך מלכי המלכים הקב"ה קען בייא דיר אלין
אוועק נעמין אפילו דיא נשמה · אונ אויך דיא וועלט
אונ יענע וועלט נוא ווי זאל דעם מענטשין קיין מורא
ניט אן האפין · וויא זאל ער ריידין מיט זיין מויל אונ
דאש הארץ איז ניט דער בייא · אדר וויא זאל ער ניט
צו הערין דיא רייד פון מליץ אודר וויא זאל ער פר
שעהמן דיא גרושע מצוה פון אמן נאך צו זאגין דאש
קאסט דאך אים גאר קיין געלט ניט · נון קענט איר דאך
וואול פאר שטייאן וויא הארב דיא עבירה איז פון
דעם וואש קערט אום זיין אחור צום ארון הקודש ·
אודר ער הערט ניט צו דיא תפלה פון חזן · אודר
ער זאגט ניט נאך אמן אויף איטליכר ברכה · אודר דר
וואש רעט דברים בטלים אין שול אונ ווייל דיא מצוה
איז זייער גרויש צו צו הערין דעם חזן · דרום זאל קיין
שום מענטש דרינן ניט העלפין דעם חזן · אונ מיט
אים נאך זינגן אפילו ער ווערט ניט זאגין דעם שם · דען
מיווערט ניט וויסן וועמין צו צו הערין צו אים צו דעם
חזן · דרום איז זיין עונש זייער גרויש · אויך זאל
איטליכר זעהן צו זאגין זיין תפלה מיטען קהל · דען אזו
ווערט זיא גיכער אן גינומן · אז דער פסוק זאגט הן אל
כביר לא ימאס נון גאט יתברך פאר שעהמט ניט דיא
תפלה פון פיל לייט · אבר דיא תפלה פון איין יחיד
ווערט באלד פאר שעהמט פון זייני זינד וועגין · אז ווי
איך האב אויבן גישריבן דאש זיין תפלה ווערט ניט
אן גינומן ווען עש קומט אים אריין איין פרעמדי
מחשבה בשעת דאווענען · דאש איז גלייך אז וויא איינר
לאזט דעם מלך זיצן אונ גייט זיך שפאצירן · אונ זיינע
זינד ווערין גידאכט · דען ער זאגט השיבנו אדר סלח לנו
מאך מיך רעכט תשובה טאן אונ פאר גיב מיינע זינד ·
אונ האט ניט חרטה אויף זיינע זינד · דאש ער טוט
זייא נאך אמאל · אדר ער זאגט סלח לנו אונ וויל האבין
דאש הקב"ה זאל אים פאר געבין זיינע זינד אן תשובה
דאש קען דאך ניט זיין · אז וויא עש ווערט שטיין אין
הלכות תשובה אדר ער זאגט רפאנו דאש איז טייטש
הייל מיך פון מיינע מכות אונ פון מיינע זינד אונ האט
נאך קיין תשובה ניט גיטאן · נוא מאכט ער דאך דאש
זייני זינד ווערין גידאכט :

אבר ווען איינר טוט זיין תפלה מיט קהל בנאנד
זיינען

זיין דאך בודאי פאר האנדרין צווישן דיא לייט
וואש האבן יוא תשובה גיטאן · אזו ווערין אפילו דיא
תפלות פון דיא איבריגע לייט אויך אן גינומן · אז וויא
דער פסוק זאגט הן אל כביר לא ימאס גאט יתברך פאר
שעהמט ניט דיא תפלה פון פיל לייט · נאך דעם אז
ער האט שוין אפ גיזאגט ישתבח אונ ברוך ה' המבורך לעולם
ועד זאל ער זיך זעצן מיט גרויש פארכט · גלייך וויא
ער זיצט פאר איין מלך בשר ודם ער זאל זיך ניט אן
לעהנן אונ זאל ניט לייגן זיין האנט אויפן שטענדער ·
נאר ער זאל זיצן מיט גרויש פארכט · זיינע פיס זאל
ער הלטין כנאנד · זיינע הענט אויף זיין בריסט · דעם
קאפ אראפ גילאזט · דאש ער זאל ניט זעהן ווער עש
זיצט אין זיינע פיר איילין · אונ זאל גרויש כוונה
האבין · דאש דיא ווערטער פון זיין מויל זאלין ניט
ארויש פליהן ח"ו אן כוונה · אין איטליכן שם זאל ער
שארף ארויש ריידין אונ זאל אים ניט אוועק האפין ·
ווען ער וואלט גירעט פאר איין מלך בשר ודם וואלט
ער זיך בודאי זיינע רייד ניט אוועק גיחאפט · מכ"ש
פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אונ זאל גידענקען
דאש הש"י איז היה הוה ויהיה · אונ איז איין הער איבר
דר גאנציר וועלט · ווען ער זאגט אל אודר אלהינו אדר
אלהים זאל ער גידענקען דאש ער הט דיא קראפט אונ
מאכט איבר דער גאנצר וועלט אונ איבר אונז · אונ
אויף אלע פיר זייטין · בפרט אין ק"ש זאל ער זאגין דיא
היילגע שמות מיט גרויש כוונה · בשעת ער זאגט שמע
ישראל זאל ער מיט זיינע אויגן ארויף קוקין · דען שמע
איז דיא ר"ת · שאו מרום עיניכם הייבט אויף קעגן הימל
אייערי אויגן : אונ וויא באלד ער זאגט דעם היילגן
שם זאל ער צו מאכין דיא אויגן אונ דאש פנים אראפ
הלטין · כדי ער זאל כוונה האבין אויפן שם · אונ עש
זאל אים ניט אריין קומן קיין אנדר מחשבה ח"ו · ער
זאל דיא היילגע שמות זאגין מיט גרויש פארכט אונ
ציטרניש אונ אנגסט אונ דער שרעקנעש · אונ מיט
שוויים אונ מיט גרויש כבוד :

בשעת ער זאגט ה' אלהינו ה' אחד זאל ער מכוין זיין
דאש ער איז אצונד אונזר גאט · אונ ניט אזו
וויא דיא ישמעאלים האלטין אים ניט פאר איין גאט·
ער וועט זיין ה' אחד איין גאט · אונ זאל מכוין זיין דיא
א פון אחד בטייט ער איז איין גאט · דיא ח בטייט
דאש ער איז איינר אויף דיא זיבן הימל אונ אויף
דער ערד · דיא ד בטייט דאש ער איז איינר
אויף אלע פיר זייטין פון דער וועלט · מען
טאר דיא א ניט לאנג מאריך זיין · די ח אביסל לייגגירי
דיא ד נאך לייגגיר · דעם פסוק זאגט מען גאנץ הויך ·
כדי זיין כוונה זאל גאנץ זיין · ברוך שם כבוד מלכותו זאל
מען ניט הויך זאגין · אונ זאל אביסל שטיל שווייגן
צווישן ועד אונ ואהבת דער נאך זאל ער זאגין ואהבת את
ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך · אונ זאל זיך
גידענקין דאש ער וויל מקדש השם זיין אויב עש וואלט
גיקומן איינר אונ וואלט ביי אים גיוואלט אוועק נעמין
זיין לייב אונ געלט אונ גוטש וואלט ער ניט דער ווידר
גיטאן גאט יתברך · אונ וואלט מקדש השם גיוועזן ·
גלייך אז וויא עש שטייט אן אפרומן יודן · דען ווען
ער נעמט זיך אזו אין זיין מחשבה אריין דאש ער וויל
ליב האבין גאט מיט גאנצן הארצן אונ מיט גאנצן לייב
אונ מיט גאר זיין גוטש · אזו איז גלייך אז וויא ער
וואלט אלע טאג מקדש השם גיוועזן ער זאל זאגין
ווארט ביי ווארט · אונ זאל קיין שום ווארט ניט אוועק
האפין · ווען איין ווארט לאזט זיך אויש אז וויא דאש
אנדרע הייבט זיך אן · דהיינו בכל לבבך אדר עשב בשדך
אויך ווען איין ווארט לאזט זיך אויש מיט איין מ אונ
דאש אנדרע הייבט זיך אן מיט איין א · זאל ער אביסל
מפסיק זיין צווישן דיא ווערטער · אזו אויך צווישן
נשבע אונ דעם שם :

מען מוז זיצן בשעת ק"ש אונ אירע ברכות וויש פריער
אונ דער נאך ביז תהלות לאל עליון · דער נאך זאל
ער אויף שטיין אונ זאל זיך צו גרייטין גלייך אז וויא
ער וואלט אריין גיגאנגין פאר איין מלך בשר ודם אונ
זאל זיך שטעלין זיין פנים קיין מזרח · זיינע פיס כנאנד
גלייך אז וויא דיא מלאכים שטייאן · ער זאל זיך ניט
אן לעהנען ניט אויף קיין וואנט · אונ ניט אויף קיין
שטענדער · זיינע ביידי הענט זאל ער האלטין אויף
זיין הארצן · זיין רעכטע האנט אויף זיין לינקר האנט ·
זיין קאפ זאל זיין גיבוקט ניט אויף גירייכט · זיינע אויג
זאל

זאל ער אראפ האלטין דאש ער זאל קיינעם ניט זעהן אפילו אויף דער וואנט · זיין הארץ זאל ער האלטין איבר זיך · זיין כוונה זאל ער האבין צו גאט אליין ניט ח"ו צו קיין מלאך אויך ניט ח"ו אפילו צו דר שכינה· אונ ער זאל מכוין זיין בשעת ער זאגט דעם שם המיוחד · אז וויא אויבן איז גישטאנין · ער זאל שטיין מיט גרויש פארכט אונ אנגשט אונ ציטרניש אונ מיט איין שרעקליך הארץ · גליך וויא ער שטייט פאר איין מלך בשר ודם אונ בעט בייא אים פאר זיין לעבין · עש טאר קיינר ניט אויש שפייאן אין מיטן שמונה עשרה · אונ אויב עש קומט אים אריין שפייאחין אין זיין מויל זאל ער עש אראפ שלינגן · אונ ווער עש מיאוסת זיך זאל ער שפייאן אין איין טוך · האט ער קיין טוך ניט זאל ער זיך אום קערין צו דער לינקר זייט אונ זאל הינטר זיך אויש שפייאן · עש טאר קיינר ניט הוסטן אונ דיא גאז שנייצין אין מיטן שמונה עשרה · אין שמונה עשרה אונ ק"ש זאל ער זיך אביסל שאקלין דאש ער זאל לויבן גאט מיט זיין גאנצין לייב· אז דר פסוק זאגט כל עצמותי תאמרנה ה' דש איז טייטש אלע מיינע ביינר טואן זאגין דיין לויב גאט יתברך:

דא ווער איך איין שרייבין וויפל מאל מען בדארף זיך בוקן אונ וויא מען בדארף זיך בוקן: האטשע עש ווערט נאך אמאל בשיידט ווערין אין הלכות תפלה איטליכר איז מחוייב זיך צו בוקן פינף מאל אין ש"ע: ניט מער ניט ווייניגר · אז ער הייבט אן ברוך אתה זאל ער זיך בוקן · אונ צום שם זאל ער זיך ווידר אויף ריכטן · דאש אנדרע מאל אין סוף פון דער ברכה · צו ברוך אתה זאל ער זיך בוקן · צו מגן אברהם זאל ער זיך אויף ריכטן דאש דריטע מאל צו מודים מוז ער זיך בוקן צו אתה הוא ה' אלהינו אונ צום שם זאל ער זיך ווידר אויף ריכטן · דאש פערטי מאל אויך אזו · צו בא"י הטוב שמך ולך נאה להודות · דאש פינפטע מאל סוף ש"ע זאל ער זיך בוקן · אונ זאל גיין דרייא טריט אונטר זיך אזו גבוקט מיט דעם לינקן פוס פרער· דער נאך זאל ער זיך אום קערין צו דער לינקר זייט · אונ זאל זאגין עושה שלום במרומיו דער נאך אויף דער רעכטער זייט אונ זאל זאגין הוא יעשה שלום עלינו דער נאך זאל ער זיך בוקן פאר זיך אונ זאל זאגין ועל כל ישראל ואמרו אמן · דאש אלין איז גירעכנט פאר איין בוקן · ווייל ער מוז אזו אונטר זיך גיין איין גיבויגן · אונ ער טאר זיך ניט אויף ריכטן ביז ער האט גיזאגט אמן· דער נאך זאל ער זאגין יהי רצון וויא לאנג ער וויל· אונ זאל אזו בלייבין שטיין ביז דער חזן הייבט אן שמונה עשרה · אדר ביז קדושה · דער נאך זאל ער ווידער גיין אויף זיין ארט אונ זאל זיך ווידר בוקן· גלייך אז ער קומט ווידר פאר דעם מלך · אונ עש טאר קיינר זיך ניט ארום קוקן אין שמונה עשרה · ביז ער קומט ווידר אויף זיין ארט נאך עושה שלום מכל שכן דאש ער טאר זיך ניט ארום קוקן אז דער חזן זאגט שמונה עשרה · אונ אז ער גייט אויש עושה שלום זאל ער בלייבין שטיין אויף זיין ארט איין ווילע גלייך אז וויא איינר וואש ווארט אויף איין ענטפר:

איטליכר זאל גיווארנט זיין צו זאגן אמן אויף איטליכר ברכה · אונ זאל גוט צוא הערין דיא ברכה וואש דר חזן לאזט אויש · דען אויב ניט איז זיין אמן וואש ער זאגט אויף דער ברכה איין אמן יתומה · אונ די קדושה זאל ער זאגין מיט גרויש פארכט · אונ זאל זיך אזו גידיינקן איך זאג קדושה אז וויא דיא מלאכים אין הימל · צו מודים זאל ער זיך בוקן · אבר ווען דער חזן זאגט מודים זאל ער זיך ניט שטארק בוקן · נאר ביז עש זאל ווערין איין שפאלט בייא דעם הארץ גריבל · אונ ווער עש בוקט זיך שטארק איז דאש איין גאוה · אויך זאל ער זיך ניט צוא שטארק בוקן ביז זיין פנים זאל אויש קומן פאר זיין ערוה · אונ ווייל ער איז אזו איין גיבויגן זאל ער זאגין מודים דרבנן איטליכן זאל זיך דוכטין ער איז פון די צעהן וואש דארפין צו הערין דעם חזן· דען ווען ניט עש איז פר האנדין צעהן וואש הערין צו דעם חזן אונ זאגין אמן · איז עש איין ברכה לבטלה ח"ו אבר די לייט וואש זינגן אונ זאגין נאך דעם חזן אז ער זאגט שמונה עשרה אודר ער לייאנט אין דער תורה · וואלט פר זיי בעסיר גיוועזן אין דער היים צוא בלייבין דען מיר דארפין אלע זיין אין איין קשר · אונ דארפין טאן אונזרע תפילות בנאנדר · כדי זייא זאלין אן גינומן ווערין · אבער דיא וואש שיידין זיך אפ פון

קהל

קהל : אזו איז עש אגרוישע עבירה: איך וועל אייך דא
שרייבן דער פון : אטייל דער פון שטייט שוין אויבן :
דען דער וואש טוט זיין תפלה בזונדער ווערט זיא ניט
דער הערט : בפרט אז ווען דאש קהל דאוונען מאכט
ער זיך איין בזונדר תפלה : דאש איז גלייך אז וויא ער
בויאט איין במה : דאש מיינט מען דער וואש ברייננט
גיט זיינע קרבנות קיין ירושלים : אונ האט זיך גיבויאט
אבזונדר מזבח : במה הייסט איין הויפט עבירה : דען
אונזרע תפלות זיינען אויף דעם אורט פון די קרבנות :
אונ דר גייט אין שול אריין אונ טוט זיין תפלה בזונדר
דרום זאל איטליכער נזהר זיין דאש ער זאל דאוונען
מיט קהל : אונ זאל צוא הערין דעם חזן אונזר מליץ :
אונ זאל זאגין אמן אויף איטליכער ברכה : אונ זאל
אזוא שטיין אין פארכט גלייך וויא זיין מליץ וואלט
גירעט פארין מלך : אונ ער האט איין משפט וואש
רירט אן אין זיין גוף אונ געלט אז וואלט ער זיך בוודאי
גישטאנען אין גרויש פארכט · אונ וואלט גוט צוא
גיהערט דעם מליץ דאש ער זאל זיך ניט טועה זיין ·
אודר ער זאל אים ניט פר געסין זיינע זכיות · אונ וועט
זיך בוודאי גוויש ניט אנידער זעצין · אויך וועט ער
דאך בוודאי זיין פנים ניט אום קערין פון מלך · אונ
וועט זיך ניט אן לעהענין אין איין וואנט אודער אויפן
טיש · אויך וועט ער זיך ניט שאקלען אויף איין
שטענדער · אונ וועט בוודאי קיין אנדר ווארט ניט
ריידין וואש גיהער ניט צו זיין משפט · אויך וועט ער
מיט קיין אנדערין ניט ריידין פארין מלך · נוא ווען
דאש איז אזו פאר איין מלך בשר ודם · מכ"ש פאר
דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואש ער לעבט אייבג:
אונ זיין כבוד האט קיין סוף ניט ברוך הוא וברוך שמו אונ
אויך זעהט ער אלע הערצר · אונ פרובט אלע מחשבות ·
קען מען דאך בוודאי שטייען פאר אים אין ציטרניש ·
בפרט ווען אונזר מליץ דער חזן דאוינט וויא זאל דער
מענטש טאן אזעלכע בייזי מעשים · דאש ער זאל אום
קערין זיין אחור צום ארון קודש צו דער הייליגער ספר
תורה · אודער דאש ער זאל זיך שאקלען אויף איין
שטענדר · אודר ער זאל זיך אן לעהנען אין איין וואנט ·
אונ אלע די בייזע מעשים · דרום איר ליבע לייט נעמט
אייך אין אייערע הערצר גלייך וויא איר שטייט פאר
אמלך בשר ודם אין זיין חדר אונ ער זעהט אלע
אייערע מעשים אונ רייד · אונ מיט אלע זאכין זאל זיך
אייך דוכטן גלייך וויא איר שטייט פאר אמלך בשר
ודם מכל שכן דאש איר ווייסט דאך דאש די הייליגע
שכינה איז אין אונזר שול · אונ הש"י זעהט אונ ווייסט
אלין וואש איז אין דעם הארץ פון מענטשין אונ אין
זיינע מחשבות : נוא וויא זאל אויף אים קיין מורא
ניט פאלין לאמיר זעהן דער מענטש איז דאך מחוייב
צו גידיינקען אין דעם נאמען פון הקב"ה אפילו אין זיין
חדר : דאש ער זאל ניט זאגין ווער זעהט מיך נייערט
עש זאל זיך אים דוכטן דאש הקב"ה שטייט קעגין אים
אונ זעהט אלע זיינע מעשים : אז דער פסוק זאגט
מלא כל הארץ כבודו עש איז די גאנצע וועלט פול פון זיין
כבוד : אויך זאגט דער פסוק · שויתי ה' לנגדי תמיד · איך
האב גיטאן גאט יתברך קעגין מיר תמיד · אויך זאגט
דער פסוק בכל דרכיך דעהו אין אלע דיינע זאכין זאלסטו
גידיינקן אין הקב"ה אונ עש זאל זיך דיר תמיד דוכטין
דו שטייסט קעגין הקב"ה מכל שכן אז ער איז מחוייב
צו גידיינקען אין גאט אין נאטש הויז אין דער הייליגר
שול · וואש דארטין איז די הייליגע שכינה אונ הייליגע
תורה · קען ער דאך נאך מיין מורא האבין · אזו וויא
דער מענטש וואש שטייט פר איין משפט פארין מלך
האט ער דאך מער מורא וויא אין זיין הויז · דער
זעלביגער מנהג איז אין דער הייליגר שול :

בשעת מיזאגט קדושה זאל איטליכער מענטש זיינע
אויגין ארויף האלטין אז ער זאגט קדוש קדוש
קדוש · אונ דער נאך צום שם זאל ער זייא אראפ
האלטן · צו דר ברכה בונה ירושלים זאל ער אביסל איין בייגן
זיין קאפ אונ זאל אים באלד אויף ריכטן · נאך דעם
אז ער האט ארויש גיהערט אלע ברכות פון חזן : מא:
ער זאגין אמן ואמן אויף דער הינטרשטער ברכה
המברך את עמו ישראל בשלום דער נאך זאל ער צוא דעקן
זיין פנים מיט דער לינקער האנט אונ זאל זאגין רחום
וחנון דאש הייסט תחינות דש איז גירעט גיווארין בייא
נאכט אז ער האט ניט קיין תפילין אויף זיין לינקע
האנט אבר אין דר פרי זאל ער פאלין אויף זיין רעכטע

האנט

האנט · אונ זאל אויך גייגן זיין קאפ צוא דער לינקער זייט · אונ ווען דער חזן הייבט אן קדיש זאל ער ווידער אויף שטיין אונ צו אשרי ובא לציון מאג ער זיצן אודר שטיין וויא ער וויל · אבר עש איז בעשיר צו זיצן · דען דער אורח חיים שרייבט מען מוז אגרושי כוונה האבין צו דער קדושה פון ובא לציון אונ זיצנדיק קען מען מער כוונה האבין · אז וויא דער דין איז בייא ק"ש : צו קדיש מוז ער ווידער אויף שטיין · קורין פון דער זאך אלש וואש מען טאר ניט זאגין נאר במנין דארף מען עש זאגין שטייענדיג · אונ דאש וואש איין יחיד אליין מאג עש אויך זאגין מעג ער עש זאגין זיצענדיג · נאר שמונה עשרה אונ לאנג והוא רחום האטשי מען מעג עש זאגין ביחידות דארף מען פארט שטיין דער בייא · דען מיהאט אזו מתקן גיוועז :

ווער עש איז איין אונס דאש ער קען ניט שטיין אודר ער פארט אויף איין וואגין מעג ער אפילו בייא שמונה עשרה אויך זיצן אבער ער זאל ניט זיצען אן גילייענט · נייערט אז וויא דער דין איז ביי ק"ש · אונ ווען דער חזן לייענט אויש דער ספר תורה דארף מען אויך צו שטיין אונ ער טאר זיין פנים ניט אוועק קערין פון דער ספר תורה · אונ זאל צו הערין דעם חזן וואש לייענט · אונ טאר אים ניט העלפין · צווישן דעם אויף רופן פון איינם צום אנדרן מאג מען זיצן : בשעת דר חזן זאגט קדיש דעקט מען דאך צו די ספר תורה · אזו מוז מען זיך אום קערין פון דער ספר תורה מיט דעם פנים קיין מזרח ווייל דיא ספר תורה איז צו גידעקט · נאך קדיש זאל מען זיך ווידר אום קערין צו דער ספר תורה · ווען מען זאגט הלל דארף מען אויף שטיין · ברוך הוא אלהינו שבראנו לכבודו זאל ער זאגין מיט אפרייליך הארץ : גליך אז וויא איינר וואש גייט אויש אויף אים זיין משפט צו פאר ברענן אונ עש זאל קומן איין מלך אונ זאל אים מציל זיין אונ נאך געבן גרוישי שררה · וואלט ער דאך גיוועזן אין גרויש שמחה · אזוא אויך זאל ער פריליך זיין דש הש"י האט אונז אפ גישיידט פון די עובדי כוכבים ומזלות · אונ האט אונז גיגעבין איין גוטן גלייבין · דער מיט ווערין מיר בהיט פון דעם פייער פון גיהנם · אונ גיט אונז די גרוישי שררה דעם גן עדן · דרום זאל איטליכער זעהן ניט צו פאר זינדיגן די שררה מיט זייני בייזע מעשים · אודער בייזי רייד :

וויא אויבן שטייט :

צו מנחה צייט זאל איטליכער גיווארינט זיין צוא גיין גישווינד אין שול אריין : אונ זאל אוועק ווארפין זיין האנדיל · אויך זאל ער גיווארינט זיין ניט צוא גיין אויף אסעודה צו מנחה צייט · אויך זאל ער ניט אן הייבן קיין שום מלאכה האטשי ער וייס ער וועט איר קאנטשין פר מנחה · אונ ער זאל זעהן צו דאוונן מנחה בקהל · אונ ער זאל זייער גווארינט זיין ניט עובר מנחה צוא זיין · דען דיא תפלה פון מנחה איז אן גנומן ביי הקב"ה מער פון אלי תפלות · דען עש איז ביי טאג אונ ער ווארפט אוועק אלע זיינע האנדלן אונ גייט לויבן גאט · דאש איז בייא גאט זייער ליב · פאר מנחה מוז מען אויך ריינגן זיין גוף אונ נשמה · אונ מיט שטיין אונ זיצן איז דר דין ווי צוא שחרית · מעריב צו ברוך ה' לעולם אמן ואמן אונ צו עלינו מוז ער אויף שטיין · צו מארגינש פריא איז דער דין וויא אויבן שטייט בשעת ער וויל ארויש גיין פון דר שול זאל ער זיך אביסל אנידר זעצין אונ זאל ניט גיין איילינדיג אונ זאל זיך פרייען אין זיין הארץ דאש הש"י האט אים מזכה גיוועזן תפלה צו טאן פר אים מער אז אלע עובדי כוכבים · דאש זיי טוען זייער תפלה צו איין אב גאט · אבר איך טוא מיין תפלה צו דעם לעבדיגן גאט ית"ש · וואש ער דר הערט די תפלות פון אלע מיילער וואש רופן אים אן מיט גאנצן הארצן · אבר ער זאל זיך ניט גידיינקן עש איז ראוי הש"י זאל אן נעמן מיין תפלה ווייל זיא איז מיט גרויש כוונה · דען ער גידיינקט ניט אונ זיינע עבירות אונ בייזע רייד · אונ דאש ער האט מטמא גיוועזן זיין גוטע כלי אונ דיא עבירות וואש ער האט גיטאן מיט זיינע בייזע מחשבות אונ האט גאר דרויף קיין תשובה ניט גיטאן אונ וויל האבן דאש זיין תפלה זאל דר הערט ווערין · אונ דר וואש גריינקט זיך יוא אזו דר טוט גרוישע זינד אונ מאכט דאש זיינע זינד ווערן גידאכט · אונ ער ווערט גימשפט ח"ו צום גיהנם · נאר ער זאל זיך אזו גידיינקען מיין ליבר גאט דו טוסט דאך גינאר אונ בארימהרציקייט מיט מיר זינדיגר מענטש · איך האב פיל זינד גטאן מיט אלע מיינע גלידר · אונ האב דיר דער ווידער גיטאן אונ

דאך

דאך שטעל איך מיך פאר דיר אונ טוא תפלה גלייך וויא איך וואלט ניט גזינדיגט · נאר איך האף צו דיין דר באריםהערציקייט אונ הערליכקייט אונ דיין געטליכגינאר דש דוא ווערסט פאר דיר נעמן מיין תשובה אונ ווערסט מיר מוחל זיין אלע מיינע זינד · כדי מיין תפלה זאל דער הערט ווערן דאש זאל זיך איטליכר מענטש גידיינקן פארין דאבנן אונ נאך דעם דאבנן :

אויך זאל זיך דער מענטש בטראכטין ווען איך וואלט גירעט פאר איין מלך בשר ודם אונ מיין הארץ זאל ניט זיין דר ביי אודר איך זאל מחשבה האבן אויף עפיש אנדרש · וואלט עש אים בוודאי פר דראסן · אזו אויך וויא קאן איינר תפלה טאן פאר הקב"ה אונ דאש הארץ זאל ניט וויסן וואש ער רעט · אויף דעם האט ישעיה הנביא גישטראפט דיא ישראל אונ גיזאגט גאט יתברך האט גיזאגט דאש פאלק ישראל גינעהנן תפלה צו טאן מיט זייער מויל אונ לויבן מיך מיט זייערי לעפצן אונ דאש הארץ איז וייט דער פון · זיי טוען נאר זייער גיוואונטקייט דאש מויל רעט אונ דאש הארץ וויים ניט דער פון נון ליבע לייט וויא זאל זיין תפלה דער הערט ווערין אז זיין מחשבה איז אויף עפיס אנדערש · ווען הקב"ה ווערט אים ענטפרין אלש וואש דו בגערשט ווערל איך דיר געבן וואש ווערט ער קענן ענטפרן דען ער וויים דאך זעלבסט ניט וואש זיין בגער איז · דרום זאל איטליכר מענטש זיין תפלה וואול פר שטיין אונ זאל וויסן וואש ער רעט אונ בגערט פון הקב"ה · אונ ווער עש פאר שטייט ניט קיין לשו"ן קודש · זאל ער זיין תפלה טאן מיט וואש פאר איין לשון ער פר שטייט · אונ דר וואש דאוונט בכוונה אפילו אביסל איז עש פיל בעסר פון דעם וואש איז מאריך אין דאבנן אן כוונה :

אצונד וועל איך אייך שרייבן פון די לייטין וואש זאגין פיל תחינות אדער מעמדות אדער יוצרות אדער מערבית אדר מחזור אדר סליחות אונ פאר שטייען עש ניט · איז פיל בעסר אז זייא זאלין גאר ניט זאגן · תאמטשי זיין כוונה איז דאך דר מיט גאט צו דינן · אבר ער ווייסט דאך ניט וויא אודר וואש ער דינט · עש איז פיל דער פון צו שרייבן · דאש איז דאך ידוע אז די תפלה וואש מיר זיינן מחויב צו דאבנן אלע טאג איז בעסר פון אלי תפלות פון דר וועלט · דאש מיינט מען קריאת שמע אונ שמונה עשרה · דאש האבן מתקן גיוועזן די אנשי כנסת הגדולה אונ די סנהדרין · אונ צווישן זייא איז גיוועזן הונדרט מיט צוואנציג נביאים · אונ חגי זכריה ומלאכי אונ אנדרי פרומע לייט וואש האבין גיקענט כל התורה כולה · זיי האבן אונזרי תפלות מתקן גיוועזן מיט גרויש כוונה · אונ גרויש סודות וואש איז ניט צו דר גרונטווין דש וויים איטליכר וועדליג זיין שכל אונ וואש ער האט בקבלה · אונ אצונד איז גאר ווינציג לייט פאר האנדין וואש זאלן וויסן די חכמה דער פון · פון דעסט וועגן זיינן זיי דאך יוצא דער מיט · דען וואלטין די אנשי כנסת הגדולה גיוואלט האבן מי זאל עש וויסן · אזו וואלטין זייא עש ניט גישריבן בסוד אונ פר דעקט · דרום אפילו דער גימיינר מאן וואש וויים ניט דיא סודות איז ער דאך יוצא · אבר די טייטש פון דיא ווערטר מוז איטליכר וואול פאר שטיין אונ דרויף כוונה האבין אויך שטייט טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה עש איז בעסר ווינציג תפלה מיט כוונה איידר פיל אן כוונה · נוא אז ער וויים ניט דיא טייטש פון די ווערטר וויא אזוא קען ער מכוין זיין · אונ דש איז דאך אויך ידוע אז אונזרע תפלות זיינען גימאכט גיווארין אויף דעם ארט פון דיא קרבנות · נוא ווען איינר זאל ברייננן איין קרבן אונ זאל ניט מכוין זיין אויף וואש ער איז מכפר אונ צו וואש ער ניצט · אזו איז ער דאך חייב מיתה : דען עש הייסט חולין בעזרה · אויך איז דר דין גיוועזן ביי דעם קרבן איין עושר האט גיבראכט איין אקס · דער מיטלער מענטש האט גיבראכט איין שאף · איין ארומאן האט גיבראכט איין טויב אונ דער וואש איז גאנץ ארום האט גיבראכט אביסל זעמיל מעל צו איין קרבן · שטייט דרוי"ף אין דער תורה ריח ניחוח לה' די מנחה דר קרבן פון ארומאן איז אן גינומן ביי הקב"ה גלייך אז וויא דער קרבן פון עושר אדרבה עש איז נאך מער אן גינומן · דען עש שטייט דר ביי ונפש כי תקריב מיט דעם ביסל מעל וואש ער ברייננט איז ביים הקב"ה אן גינומן גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן זיין נפש אויב זיין הארץ איז נאר גוט דער צוא : דיא גמרא זאגט אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים עש איז גלייך ביים הקב"ה דער וואש ברייננט פיל קרבנות אונ דער וואש ברייננט ווינציג

קרבנות

קרבנות · נאר ער דארף מכוין זיין זיין הארץ צו הקב"ה נון ווען יוא אונזערע תפלות זיינען אויף דעם ארט פון קרבן · דרום איז פיל בעסיר דער וואש דאווינט אביסל מיט כוונה אונ ווייסט די טייטש פון די ווערטער פון דעם וואש דאווינט פיל אן כוונה אונ פאר שטייט ניט דיא טייטש פון דיא ווערטער · דרום דער וואש וויל יוא פיל תפילות זאגין זאל ער זאגין מיט דעם לשון וואש ער פר שטייט · דען ווען איינער זאל אפילו זאגין אגאנצין טאג דורך אגאנד אויב ער ווייסט ניט וואש זיין בגער איז צו וואש נוצט זיין זאגין · אדרבה ער איז נאך מחרף ומגדף מיט עטליכע ווערטער וואש ער זאגט ניט רעכט · דאש איז דאך אגרושע עבירה · דען דיא תפילות זיינען נאר גימאכט גיווארין פאר דיא לייט וואש פאר שטייען זיי · דרום זאל זיך איטליכער היטן ניט צו זאגין דיא תפלות וואש ער פאר שטייט זייא ניט · אונ איטליכער איז מחוייב צו לערנען דיא טייטש פון דעם דאווינען פון אלע טאג אונ אויב ניט זאל ער עש זאגין מיט דעם לשון וואש ער פר שטייט: פאר צייטין פלעגט ניט שכיח זיין קיין מחזורים אודר סליחות אין שול · נאר איין מחזור פון דעם חזן ווען אזוא פלעגט קיינער ניט זאגין נאר דער חזן אליין · דען ער האט גימוזט וואול פאר שטיין דיא טייטש דער פון · דען מען פלעגט נעמען חזנים פון ראשי ישיבות · אונ מיהאט ניט גיקוקט אויף זיין קול · אז וויא מיר טוען בעו"ה דאש ווען ער האט נאר א שיין קול איז שוין גינוג · אבער פאר צייטין פלעגט מען נעמען חזנים צדיקים אונ חסידים · אזו וויא דער דין איז · אונ אויך אנדרע לייט וואש האבין פאר שטאנין די טייטש פון די ווערטר האבן נאך גיזאגט מיטען חזן אבר ווייטער האבן קיינער ניט גיזאגט נאר דיא תפלה פון אלע טאג · אויך די יוצרות אונ די מערבית פלעגט נאר דער חזן אליין זאגין אונ ווייטער קיינער ניט · אבער איצונד האבן איטליכער איין מחזור אונ איין סליחה · דאש מאכט וייל די דרוק איז אויף גיקומען · אונ איטליכער שרייאט נאך העכער פון חזן גלייך וויא ער פאר שטייט עש וואול · אויף זייא זאגט דר פסוק נתנו עלי קולם על כן שנאתי איר האט אגרויש גישרייא

גישרען אין אייער בית המקדש דאש האב איך פיינט זאגט גאט אויך זאגט דער פסוק למה לי רוב זבחיכם כו' מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי כו' לא תוסיפו הביא מנחת שוא קטורת תועבה דאש איז טייטש צוא וואש נוצען מיר אייערע קרבנות ווער בגערט דאש פון אייך איר זאלט טרעטן אין מיין הויף זאגט גאט איר זאלט ניט מערין ברייננן פאלשע מנחות · אונ אום ווערדיגע קטורת · אויך זאגט ווייטר דער פסוק: גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו · אפילו איר ווערט מערין תפלה וועל איך ניט הערין ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט · אודער דמים אייערע הענט זיינען פול מיט געלט דאש כשעת איר דאבינט איז אייער מחשבה אויפן געלט · נוא אזו וואול אז איינר ברייננט איין קרבן אודער קטורת אונ זיין כוונה איז אויף עפיש אנדרש איז דאך עש אום ווערדיג · אזוא אויך בייא תפלה: דרום זאגט דר נאך דר פסוק רחצו הזכו הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע למדו היטב אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אם יאדימו כתולע כצמר יהיו דאש איז טייטש וואשט אונ לייטרט אייך אונ טוט אפ אייערע בייזע ווערק פון קעגין מייני אויגן · פאר מייד דאש בייז אזו ווען אייער זינדן אזו רויט וויא ארויטר פאדים וועלין זייא וייס ווערין אזוא וויא שנייא אונ אויב זייא זיינען אזו רויט וויא איין ווערימל זייד וועלין זייא זיין אז וויא ווייסי וואהל · דרום לערנט אייך צוא פאר שטיין אייערי תפלות אזו וועלין זייא אן גינומען ווערין · אויב איר ווערט נאר טאן וויא דער נביא זאגט · פון דעם קען מען אפ לערנען אז עש איז ניט גוט דר וואש דאווינט אונ ווייסט ניט דיא טייטש דער פון אודער זיין כוונה איז אויף עפיש אנדרש · דאש קומט אלש פון וועגין גרויש גאוה · דרום נעמט ער זיך אגראבין מחזור אונ סליחה אונ אגרוסן סידר אונ שרייאט מיטען חזן אודער נאך העכער גלייך וויא ער וואלט גוואוסט דרינן · דאש איז גלייך וויא איין פויגל שרייאט אונ ווייסט ניט וואש ער שרייא · אודר אז וויא איין הונט וואש בילט אונ ווייסט ניט וואש ער בילט · דאש קומט אלש פון גאוה · דאש אגאנצן יאר נעמט ער ניט קיין סליחה אונ קיין מחזור אין דרינן צו לערנען: אונ אז עש קומט יו"

אדר איין גוטן שבת דא שרייאט ער דרינן גלייך וויא
ער האט עש אנאנין יאר גילערנט :

נון איר ליבע לייט ווי זאל עש הקב"ה וואול גיפעלין
דאש איז איינש פון דיא זאכין וואש דער גלות
דער לענגירט זיך בעו"ה · אונ אונזרע גרוישע לייט
שטוסין זיך גאר דרויף ניט דאש זייא זאלין וויסן דעם
זעלביגן מענטשן צו שטראפין דרום זאל זיך איטליכר
אליין שטראפין אונ זאל זאגין אזעלכי תפלות וואש
ער פאר שטייט ניט אונ דאש דאוונען פון אלע טאג
זאל ער לערנען דיא טייטש דער פון · אונ אויב ניט
זאל ער מתפלל זיין מיט דעם לשון וואש ער פר שטייט
אויך שטייט גישריבן תפלה בלא כוונה כגוף בלא נשמה ווען
איין גוף איז אן איין נשמה וואלט דאך בעסיר גיוועזן
פאר אים ער זאל ניט גיבארין ווערין · אזו אויך דער
וואש דאווינט אן כוונה איז בעסיר ער זאל גאר ניט
דאוונן · זעהט איר ליבע לייט וויא דיא וועלט זיינן
גאר בלינד איז דער זאך אונ אז מען פרעגט איינם
ווייסטו וואש דוא האסט גידאווינט שפעט ער דרויש
אונ זאגט צום מענטשן וואש פרעגט איר דוא ווייסט
דען אלין · אונ לאכט דרויש גלייך וויא ער דארף ניט
וויסן דאש זיינן דיא רעכטע נארין וואש מען טאר
זייא ניט שטראפן · אז וויא עש וועט בעסיר בשיידט
ווערין · אונ דאש איז דער עיקר אפילו דער מענטש
ווייסט וואול אונ האט כוונה דרויף אונ טוט תשובה
פארין דאוונן אונ אלין ווש אובן שטייט דאך זאל ער זיך
טראכטין אונ פארכטין טאמיר האב איך נאך ניט יוצא
גיוועזן וויא איך בין שולדיג · אויך טאמער האב איך
פר געסין מתודה זיין אויף עטליכע זינד · אודר טאמיר
האב איך אזו פיל גאט דער צערינט דאש ער וויל מיר
ניט מוחל זיין · אונ ער זאל שטיין מיט גרויש פארכט
אונ מיט איין צו בראכין הארץ אונ מיט ענוות מיט
אנגשט אונ פארכט אונ ציטרניש פאר דעם מלך
מלכי המלכים הקב"ה אונ זאל אזו גידענקין אין זיין
הארצין הקב"ה איז דער בארומג איבר זיין פאלק
ישראל אונ גלובט צו זייערע תפלות דרום מיין ליבר
הער גאט מיין גאט פאר נעם מיין גיבעט · אונ דער
הער מיין תפלה פון וועגין דעם זכות פון מיינע עלטרן
אברהם יצחק ויעקב אבר ניט פון מיין זכות וועגין דען
איך בין איין זינדיגר · אונ איך בין ניט ווערט דאש
איך זאל שטיין פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה ·
נאר פון וועגין זיין גרויש דער בארימקייט איבר זיין
פאלק ישראל · אבר ער זאל זיך ניט גידענקען ווען
איך האב שוין תשובה גיטאן אונ חרטה גיהאט אויף
מיינע עבירות · אזו איז ראוי מיין תפלה זאל דר הערט
ווערין · דען דער וואש גידענקט אזו מאכט ער דאש
מען גידענקט זיינע עבירות אונ מען זאגט דער הדיוט
וויל האבין דאש זיין תפלה זאל זיין אן גינומן פון זיין
תשובה וועגין · אונ ער האט דאך גיטאן דיא אונ דיא
עבירה · אונ באמת האט ער דאך ניט חרטה גיהט
דרויף · אונ ער ווערט פאר שטויסן אונ זיין תפלה
ווערט פאר שעהמט :

דאש זאל זיך איטליכר מענטש בטראכטין ווען איך
זאל אפילו זיצן טאג אונ נאכט אונ זאל דר ציילן
די גינאר וואש השי"ת האט גיטאן מיט מיר זינדיגר מענטש
אונ בפרט מיט מיינע עלטרין · אונ טוט נאך איצונד
אויך גינאר · וואלט איך דאך ניט גיקענט אויש דר ציילן
אפילו קיין טויזנט חלק פון זיין לויב אונ אכפרקייט אונ
פון זיין גרוישי נסים וואש ער האט גיטאן מיט זיין פאלק
ישראל · אונ טוט נאך היינט אלי טאג · דרום זאל זיך
קיין שום מענטש ניט גרויש האלטן מיט זיין תורה לערנן
אדר מיט זיין צדקה אדער מיט זיינע גוטע מעשים · דען
דר מענטש איז נאר דרויף בשאפן גיווארן מכל שכן דש
איין מענטש טאר זיך ניט בארימן מיט זייני גוטי מעשים ·
אז וויא עש שטייט אין פרקים אם למדת תורה הרבה אל
תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת דו זאלסט זיך ניט איבר נעמן
מיט דיין תורה לערנן דען דו ביסט דרויף בשאפן גיווארן
נון איך זאל וועלן ארויש שרייבן אלי מצות פון דר תורה
איז אום מיגליך צוא דער שרייבין דען עש זיינען זעקס
הונדרט מיט דרייצעהן מצות · אונ איטליכר מענטש זאל
ארויש קוקין אז עש זאל אים צו קומען איין מצוה · גלייך
וויא ער קוקט ארויש עפיש אויף איין זאך · אונ ווער עש
בטראכט זיך ניט דאש ער איז אויף זיך מקבל אלי מצות
דער טוט ניט רעכט :

אויך דער מענטש וואש ארט ניט אין אמייל מצות אונ

טוט זייא ניט אדר אין אטייל עבירות אונ טוט זייא יוא · אפילו עש איז די גרינגסטי זאך פון דר תורה איז ער אין כלל פון ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת דאש איז דער גרויסער חרם פון משה רבינו ע"ה נאט זאל אונז היטן · סיי ער זאגט משה רבינו האט ניט אזו גימיינט אדר ער האט ניט אזוא גידאכט · אדר ער זאגט איך דארף דער פר קיין עונש ניט ליידן · אדר קיינר וועט פאר מיר ניט ליידן · נמצא האלט ער זיך עש פר קיין עבירה ניט אדער פון קיין מצוה ניט · אזו איז ער אלש אין כלל פון דעם ארור · אבער דער מענטש וואש טוט איין עבירה בשוגג · אדר אפילו במזיד מיט דעם אן רייצן פון יצר הרע · דער איז ניט אין כלל פון דעם חרם · די מצות פון דער תורה זיינן זעקס הונדרט מיט דרייצען · דרינן איז דריי הונדרט אונ פינף אונ זעכציג לאוין וואש מיטאר ניט טאן קעגן די טעג פון יאר · אונ איטליכער טאג זאגט צום מענטשין איך בעט דיך טוא אין מיר קיין עבירה ניט · אונ ווייטער זיינן דרינן צוויא הונדרט מיט אכט אונ פערציג מצות עשה וואש מען איז מחוייב צו טאן קעגן די אברים פון מענטשין · אזו זאגט איטליכר אבר צום מענטשין איך בעט דיך טוא מיט מיר איין מצוה · אזו איז סך הכל זעקס הונדרט מיט דרייצעהן :

אטייל מצות זייגען נאר נוהג אין ארץ ישראל דהיינו תרומה אונ מעשר אונ דיא מצות וואש זיינן נוהג אין בית המקדש · דהיינו קרבנות אונ בגדי כהונה · אטייל קומין ניט צו איטלכן מענטשין דהיינו חליצה אדר גיטין · אטייל מצות זיינן נאר ניט נוהג אין דיא דורות דהיינו שמטה אונ יובל אונ עבד עברי · נאך זיינן פר האנדין עטליכי מצות וואש זיינן ניט נוהג ביא איטלכן מאנזביל אונ אשה עש איז פיל דער פון צו שרייבין · נאר איך וועל שרייבין דיא מצות וואש זיינן אצונד נוהג אין אונזר הייזר אונ קהילות אין אונזרע דורות · אונ וועל פאר מיר נעמין דעם ספר המוסר · אונ וועל דיא זאכין ברענגען אין צוואנציג פרקים · אטייל וועל איך ברענגין פון ספרים · אונ דש וואש נוציג איז וועל איך צום ערשטין שרייבין דען דער סדר איז פון דער וועלט דאש זייא לייען נאר פארין אין איין ספר אונ הינטין לאזין זייא בלייבין דרום וועל איך אן הייבין שרייבין הלכות תפלה אונ הלכות תשובה אונ הלכות צדקה · וויא עש שטייט תשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה · דער נאך וועל איך שרייבין אטייל פון הלכות שבת אונ פון הלכות יום טוב אונ פון הלכות חול המועד דר נאך הלכות דרך ארץ · האמשע דש שטייט צום הינטרשטין אין ספר המוסר · דען אין זיינע צייטין איז מער דרך ארץ גיוועזן וויא אין אונזרע צייטען דרום איז נוטיג עש זאל שטיין פון פארינט · דען דאש איז נוהג ביא איטליכן מענטשען וואש וויל אן נעמין שטראף · אז וויא אצונד איז דער מנהג · אוי דרום וועל איך ניט מאריך זיין דרינן · דען דער וואש קערט זיך ניט צו שטראף וועט אים קיין פיל שטראף אויך ניט העלפין · אונ דער וואש קערט זיך יוא דעם איז גנוג ווינציג שטראף · אונ אים איז לייכט צו שטראפין · אונ אין אים איז איטל סימן ברכה · אונ ער איז איין בן עולם הבא :

## הלכות תפלה

את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד ובו תדבק ובשמו תשבע פאר גאט זאלסטו זיך פארכטין אונ זאלסט אים דינן · אונ אין אים זאלסטו זיך בהעפטין ווען דוא האשט אין דיר דיא אלע מדות אזו מעגסטו שווערין ביא זיין נאמין · דיא גמרא דרשת אזו את ה' אלהיך תירא איז דאך דאש ווארט את איבריג · דאש קומט מרבה צו זיין דוא ביסט זיך אויך מחוייב צו פארכטין פאר איין תלמיד חכם · ואותו תעבוד דאש מיינט מען צו אים זאלסטו דיין תפלה טאן ובו תדבק אין אים זאלסטו זיך בהעפטין · דיא גמרא פרעגט ווי איז דאש מיגליך זיך צו בהעפטין אין גאט ער איז דאך איטל פייאר וואש פר ברענט אנדר פייאר נאר דש מיינט מען דו זאלסט זיך בהעפטין צו תלמידי חכמים אונ זאלסט זיך אפ לערנען זייערע גוטע וועגין אזו איז גלייך וויא דוא וואלסט זיך בהעפט אין הקב"ה דש זיינן די גוטע וועגין וואש דוא זאלסט זיך פירן אין זייא · דאש דוא זאלסט זיין איין רחמן אונ איין גומל חסד אונ צו שפייזין דיא גאנצע וועלט אום זיסט · אונ זאלשטו בגערין תשובה אונ זאלסט מוחל זיין דעם וואש האט דיר דער ווידר גיטאן · אונ זאלסט

מאכין

מאכין דיא לייט תשובה טאן · אונ זאלסט בגיטגן סייא דעם גוטן מענטשין סייא דעם שלעכטן מענטשין · אונ דיא איברגע גוטע ווערין מיט אלים זאלסטו זיך אפ לערנען פון הקב"ה אונ אזו וויא ער בגערט מיזאל פר אים תפלה טאן מיט גאנצין הארצין אונ בגערט דיא תפלה פון דיא צדיקים · אזו אויך זאלסטו פאר אים תפלה טאן מיט דיין גאנצין הרצין אונ לייב · אונ זאלסט זיין איין צדיק · כדי ער זאל גלוסטן צוא דיין תפלה · וויא דער מענטש דארף זיך נוהג זיין פארין דאווגען שטייט שוין אויבן אין הלכות בית הכנסת · דער כלל איז מיט אלים זאל זיך אים דוכטן גלייך וויא ער גייט אדר ער שטייט פאר איין מלך בשר ודם · אונ איידר ער גייט אין שול אריין זאל ער זיך צו ריכטן מיט אלע זאכין גלייך וויא ער וואלט גיגאנגן פר איין מלך בשר ודם · דאש זיינע קליידר זאלין זיין ריין ניט איין גיריכט · ניט בפעדריג · אויך זיין בארד אונ די האר פון זיין קאפ זאלין ניט זיין מיט פעדרן · אבר הקב"ה לעבט דאך אייביג · נוא דארף מען זיך אים פיל טויזנט מאל מער כבוד אן טואן · דאך האבין דיא חכמים קיין חילוק ניט גימאכט · אונ זאגין הלואי וואלט דער גימיינער מאן האטשי אזו זיך גיהאלטין · דרום זאל איטלכר זייער גיוואונט זיין דאש זיינע קליידר זאלין ריין זיין · אונ אויך זיין נשמה :

אונ אזו וויא איינר וויל גיין פר איין מלך בשר ודם צום משפט אונ ער ווייסט דאש דער מלך איז ברוגז אויף אים אונ האט אים פאר ווערט אריין צו קומן פאר אים · אזו מוז ער אים דאך פריער איבר בעטין · אזו אויך ווען איינר וויל זיך שטעלין פאר גאט אונ ער ווייסט דאך דאש גאט האט איין שנאה אויף אים פון וועגן זיינע זינד · דרום מוז ער פריער תשובה טאן · אונ זאל ניט זאגין דש ח"ו השי"ת ווייסט מיך ניט · דען דער וואש האט בשאפן דיא אויגין אונ די אויערין איז דען מיגליך דאש ער זאל ניט זעהן אונ הערין אלע זאכין פון מענטשין · אויך זאלסטו ח"ו ניט מיינען דאש ער האט פאר געסין · אדר דוא דארפסט דער פאר קיין עונש ניט ליידין · דאש איז נאך פיל ערגער · דרום איז איטלכר מחוייב אכטונג צו געבין אויף זיינע

קליידר אונ שיך דאש עש זאל אויף זייא ניט זיין קיין אובריינקייט · אונ אויך אז וויא איינר גייט צום משפט פאר איין מלך בשר ודם אין זיין חדר · גייט ער דאך מיט מורא אונ ציטרנים אן גילעכטר אונ פאר געסט זיינע נארישקייט · נאר ער טראכט זיינע טענות · אזו אויך זאל ער גיין אין שול אין דעם חדר פון גאט דען ווען איינר גייט אין שול אריין מיט פאטשטין אדר מיט גילעכטר הייסט עש איין קלות ראש · אונ דאש איז זייער פאר באטין פאר אגרוסן איסור בשעת מען גייט אין שול אריין אונ בשעת דאווגען · דען ווען איינר זאל גיין מיט פאטשטען אונ גילעכטר פאר איין מלך בשר ודם · אזו איז דאש דאך אים קיין כבוד ניט אונ ער ווערט בשטראפט · דרום איז אין איטלכר שול איין פאלישי דאש מיזאל זיך דארטין וואול צו גרייטין איידר מען קומט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה די חכמים רופן דם פאלש פרוזדור איין פיר הויזי אזו אויך שטייט אין פרקים גרייט דיך אן אין פרוזדור איידר דוא גייסט אין חדר פון מלך · מכל שכן דאש דער מענטש איז זיך מחוייב צו גרייטען אדר ער גייט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ ווי אזו ער זאל רייניגן זיין גוף אונ נשמה שטייט שוין אויבן אין הלכות בית הכנסת :

דער מדרש פרעגט אויף דעם פסוק שומע תפלה עדיך כל בשר יבואו דוא דער הערסט דיא תפלות פון ישראל · עש וואלט גיקענט שטיין תפלות לשון רבים · ניט תפלה לשון יחיד · ענפרט ער ווייל כל ישראל טואן ניט זייערע תפלות אין איין צייט נאר איין קהל פאר דעם אנדרין אונ ווען דאש הינטרשטע קהל האבין שוין גיטאן זייער תפלה · דא קומט איין מלאך וואש איז ממונה דריבר אונ נעמט אלע די תפלות · אונ מאכט פון זייא איין קרוין אויף דעם קאפ פון הקב"ה · דאש איז איין תירוץ · דר אנדרר תירוץ איז אמענטש קען ניט אויש הערין קיין צווייא זאכין אבר הקב"ה דער הערט אלע דיא תפלות מיט אמאל גלייך וויא איין תפלה · דער דריטר תירוץ איז לאמיר זעהן דער סדר איז פון אשר אז ווען עש קומט פאר אים בעטין איין ארומאן מיט מיאוסע קליידער · אזו לאזט ער אים נאר ניט · אבר אז עש קומט פאר אים איין עושר אדר איין

שר

שר שיין אן גיקלייד לאזט ער אים באלד צוא · אונ בנערט צו זיין גיבעט · אבר הקב"ה איז ניט אזו ער נעמט אן אלע די תפלות גלייך · אפילו אין מיאוסע קליידר · אויב עש איז נאר מיט כוונת הלב · אדרבה הקב"ה האט בעסיר ליב די תפלה פון אר-מאן אז פון רייכין · דען ער איז נעביך איין עני · אבר איין רייכיר האלט זיך בגאוה · אונ גאט האט דאך פיינט גאוה · פון וואנין אין גידרונגן אז הקב"ה בנערט אין תפלה · אז דער פסוק זאגט קחו עמכם דברים ושובו אל ה' נעמט מיט אייך רייד פון תפלה אונ קערט ווידר צו גאט · אונ פון וואנין איז גידרונגן אז דיא תפלה פון ארומן ווערט פרער אן גינומן · אז דער פסוק זאגט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה דאש צו בראכין אונ צו שטויסן הארץ טוט גאט ניט מבזה זיין :

דאש איז דאך ידוע אז איטלכר פון דיא דרייא אבות אברהם יצחק ויעקב איז איין סימן אויף דיא גלותן פון זייערע קינדר · אברהם איז גיוועזן איין סימן אויף גלות מצרים · אזו וויא ער האט גיצוגין קיין מצרים פון וועגין דעם הונגר וואש איז גיוועזן אין ארץ ישראל · דער אך האט פרעה גינומן זיין ווייב · אזו האט אים גאט גשלגין מיט גרושי מכות אונ ער האט זיא גימוזט ווידר געבין מיט גרויש גוטין אונ געלט · אזו אויך האבין זיינע קינדר גיצוגין קיין מצרים מיט יעקב אבינו פון וועגין הונגר דר נאך האט ער זיי גינומן אונ האט גיארבט מיט זיי · איז ער גישלאגין גיווארין מיט גרוישע שלאק · אונ דער נאך זיינן זייא אויך ארויש גיגאנגין מיט גרויש גוטין אונ געלט · יצחק איז גיוועזן איין סימן צו גלות בבל · ער איז אויך פאר טריבן גיווארין פון אבימלך דער נאך איז אבימלך ווידר גיקומן מיט זיין הויבטקנעכט אונ האט אים איבר גיבעטין · אונ שלום גימאכט · אזו אויך אין גלות בבל זיינען דיא ישראל אויך חשוב גיוועזן אין דיא אויגן פון דעם מלך אונ דיא שרים · אונ אזו וויא דאש איבל גיין פון יצחק האט ניט לאנג גיווערט · אזו אויך דער גלות בבל האט מיין ניט גיווערט נאר זיבציג יאר · יעקב איז א סימן צו היינטיגן שווערין ביטרן לאנגין גלות · אזו וויא יעקב האט פיל צרות גיהאט פון זיין ברודר עשו · אונ פון לבן הארמי · דער נאך ווידר עשו · דער נאך האט ער גיהאט איין אומגליק מיט דינה · דער נאך מיט יוסף אונ שמעון אונ בנימן · דיא אלע צרות האט ער אויש גיליטן · דר נאך איז ער פרייא · אונ דר פרייאט גיווארין פון אלע זיינע צרות · אזו אויך האפין מיר דאש מיר ווערין באלד דער לייזט ווערין אונ ווידר דער פרייט ווערין פון אלע אונזרע צרות אמן :

דיא דרייא אבות האבין אונז מתקן גיוועזן דיא דרייא תפלות קעגין די דרייא גלותן · אברהם האט מתקן גיוועזן דיא תפלה פון שחרית · אז וויא דר פסוק זאגט וישכם אברהם בבוקר אברהם האט זיך גיפעדרט גאנץ פריא אונ האט גידאווינט תפילת שחרית · מנחה האט מתקן גיוועזן יצחק · אז וויא דער פסוק זאגט ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב יצחק איז ארויש גיגאנגן תפלה טאן אין פעלד פאר נאכט · דאש איז תפלת מנחה · יעקב האט מתקן גיוועזן תפלת ערבית · אז וויא דער פסוק זאגט ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש ער האט תפלה גיטאן אויף דעם אורט אונ האט דארטין גינעכטיגט ווייל די זון אין שוין גיהאט אונטר גיגאנגין דאש איז תפלת ערבית · קעגין דעם גלות מצרים וואש האט גיווערט פיר הונדרט יאר · איז דיא תפלת שחרית פיר שעה אויפן טאג · אזו וויא איך וועל דא בעסיר בשיידין · מנחה איז דיא צייט זיבן שעה אויפן טאג · קעגין דעם גלות בבל וואש האט גיווערט זיבציג יאר · אונ אזו וויא דענמלט אז מען האט אן גיהויבן צו בויאן דעם בית המקדש האט מען אים ניט גיטארט עש קאנטשין ביז נאך צווייא אונ צוואנציג יאר · אזו אויך איז דיא צייט פון מנחה צווייא אונ צוואנציג שעה אויפן מעת לעת דאש הייסט צווייא שעה פאר נאכט :

אונ אזו אויך דר אנדערר אות פון אברהם איז דר ב דאש מאכט בוקר · די פרי תפלה : דר אנדערער אות פון יצחק איז דער צ דאש מאכט צהרים נאך מיטאג תפלה · דער אנדערר אות פון יעקב איז דר ע דאש מאכט ערבית · דאש איז תפלת מעריב · דר נאך האבן זייערע קינדר גיהאלטין די תפלות אין מצרים · אונ אין דער מדבר אונ דער נאך אין ארץ ישראל · אבער דר נאך אז דר בית המקדש איז גיבויט גיווארן

האבין

האבן זיי נאך מוסיף גיוועזן מתפלל צו זיין אז דאש בית המקדש אונ דאש מלכות בית דוד זאלן אקיום האבין: אזו אויך איצונד טוען מיר אויך אזו תפלה דאש דער בית המקדש זאל גיך גיבויט ווערין אונ משיח בן דוד זאל קומן בבי"א. נמצא זיינען די תפלות פון איביג אן. נאך גלות בבל איז אויף גיגאנגען עזרא מיט ווייניג לייט מיט פערציג טויזנט. אונ האבן דאש בית המקדש ווידר גיבויט אין איטעל צווייטנש פאר דיא שונאים וואש האבן זיי ניט גילאזט בויען. דענמאלט זיינען זיך צוזם אויף גיגאנגען דיא אנשי כנסת הגדולה הונדערט אונ צוואנציג זקנים. אונ צווישן זייא חגי זכריה ומלאכי אונ מרדכי וואש שטייט אין דער מגילה זיי האבן ערשט רעכט מתקן גיוועזן דיא תפלות וואש מיר האבין גיציילט דיא אותיות אונ ווערטר. דאש עש זאל ניט זיין קיין איבריג אות. אונ אויך ווינציגר איין אות. אונ האבן עש גימאכט קעגן פסוקים: אונ האבן דרינן גימאכט גרוישע סודות אונ כוונות. וואש איז ניט צו דער שרייבין. אונ האבין וואול אויש גיטראכט דיא צאל פון די ווערטר פון איטליכער ברכה. אונ דאש איין ברכה הייגט אין דר אנדערער. די ערשטע אונ די הינטערשטע דריי ברכות זיינען קעגין די דריי אבות אברהם יצחק ויעקב: די מיטעלסטע ברכות קעגין די צוועלף שבטים נאך איין ברכה האט מען מתקן גיוועזן אין דער ישיבה פון יבנה קעגין דיא מינים אונ אנדערע שלעכטע לייט. זיא איז קעגין דעם דרייצענטין שבט. דען יוסף הצדיק איז גירעכינט פר צוויי שבטים אפרים ומנשה. אזו איז סך הכל אין שמונה עשרה ניינצעהן ברכות. די ערשטע דריי ברכות זיינען גלייך אזו ווייא איינר וואש קומט פר איין מלך גיט ער אים אפ צום ערשטין איין גוט מארגין. אדער אנגדר ברכה. דיא מיטעלסטע זיינען גלייך אזו ווי איינר באגערט עפעס פון מלך. די הינטערשטע דריי ברכות זיינן איטל לויב אונ דאנק. גלייך אזו ווי איינר דאנקט דעם מלך אויף דעם וואש ער האט אים גיטאן זיין בגער. דער נאך גייט מען אויש עושה שלום דרייא טריט הינטער זיך. גלייך אזו ווי איינר גייט אוועק פון מלך אזו קערט ער זיך דאך ניט אום צו אים מיטין רוקין. אונ זאל בלייבן שטיין איין ווייליע אויף דעם ארט וואש ער איז אהין אויש גיגאנגען ווערדליג מען קאן גיין פיר איילין. גלייך אזו ווי איינר ווארט אויף איין ענטפער אונ רשות פון מלך: אונ צום בעסטין איז ער זאל בלייבין שטיין. ביז דער חזן הייבט אן די הויכע שמונה עשרה. אדער ביז קדושה. נמצא אז די דריי תפלות זיינען גימאכט גיווארן קעגין די דריי אבות. אונ קעגין די דריי גלותן: אויך זיינען דיא תפלות גימאכט גיווארין קעגין דיא קרבנות וואש אונזרע עלטערין פלעגין ברייגגין אין בית המקדש. תפלת שחרית איז קעגין דעם תמיד של שחר דש קרבן וואש מען האט גיבראכט גאנץ פריער: תפלת מנחה. איז קעגין דעם קרבן וואש מען האט גבראכט צוא מנחה. תפלת ערבית איז קעגין דיא קרבנות וואש האבין גיברענט אגאנצע נאכט אויפין מזבח. אז דער בית המקדש איז גישטאנן ווען איינר האט איין עבירה גיטאן. אזו האט ער גיבראכט איין קרבן חטאת אדר איין אשם אדר איין עולה. אדער איין שלמים ווערדליג זיין עבירה איז גיוועזן. אונ האט גיזאגט צום כהן דאש ברייגג איך פאר איין חטאת אדער אשם אזוא האט ער אים שוין ניט גיזארפט זאגין וואש זיין עבירה איז. נייערט ער האט זיא מתודה גוועזן שטילער הייד קיינער זאל אים ניט הערין. דרום איז דאש אויך גיוועזן איינש פון די צעהן ניסים וואש זיינען גיוועזן אין בית המקדש. דאש חאטשי זיי זיינען דאך גישטאנען איינג אבער אז זי האבן זיך גיבוקט אונ מתודה גוועזן זייערע עבירות זיינען זייא גוועזן ווייט פיר איילין איינר פון דעם אנדערין. דאש איינר זאל ניט הערין די ווידוי אונ תשובה פון זיינעם חבר אונ הקב"ה האט אים מוחל גיוועזן אבער איצונד מיר אביונים האבין מיר ניט קיין בית המקדש אונ ניט קיין כהן. אונ אויך ניט קיין קרבן מיט וואש ווערין פאר געבין אונזערע עברות:

דרום זאגט דר נביא איך באגער ניט אייערע קרבנות נאר איר זאלט זיין פרום אונ נידריג גימיט. אז דער פסוק זאגט זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה די קרבנות פון גאט איז די צו בראכנע גימיט. אונ דאש צו בראכן אונ צו שטויסן הארץ טוט גאט

גאט פאר שעמען : אויך זאגט דער פסוק קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ נעמט מיך אייך רייד פון תפלה אונ קערט ווידער צו גאט :

נון ווען דיא תפלה איז יוא אויף דעם ארט פון דיא קרבנות דרום ווען איין מענטש מיט זיין תפלה פר הקב״ה מיטן גאנצין הארצין אונ לייב׳ אונ זאגט ווידוי׳ אונ האט חרטה אויף זיינע בייזע מעשים : אונ טראכט אין זיין הארצין דאש ער זאל קיין מאל ניט טוען אזעלכע בייזע מעשים : אזו דר הערט גאט זיין תפלה אונ איז אים מוחל אלע די עבירות וואש זיינן צווישין גאט אונ צווישין דעם זעלבינן מענטשן. אבר די עבירות וואש זיינען צווישן אים אונ זיין חבר איז אים הקב״ה ניט מוחל ביז ער מוז איבר בעטין זיין חבר . אז דר פסוק זאגט דער נביא זאגט פון גאטש וועגין שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם טוט תשובה איר ווילדע קינדר . דאש מיינט מען זינדיגע לייט אזוא וועל איך אייך היילין פון אייער ווילדיקייט דאש איך וועל אייך מוחל זיין אייערע זינד . אונ ווען איינר ווייגט בשעת דאוונען אויף זיינע זינד דאש דריבר קען ניט גיבויט ווערן דר בית המקדש אונ איבר די זינד פון זיינע עלטרן וואש דריבער איז דער ביהמ״ק חרוב גיווארין׳ אזו איז עש באלד אן גינומען פאר הקב״ה דען הקב״ה איז איין רחמן אונ דר בארימט זיך איבר אים דען דר זעלביגר מענטש האט בוודאי חרטה אונ נעמט אויף זיך ניט צוא טאן קיין מאל קיין עבירה׳ אויך דאס גלייכין זאגט דר פסוק קרעו לבבכם ואל בגדיכם דש מיינט מען צו רייסט אייערע הערצער דורך תשובה׳ אזו וועלין ח״ו ניט שטארבין אייערע קינדר איבר אייערע זינד . אונ איר וועט ניט דארפין צוא רייסין איבער זייא אייערע קליידר . אויך זאגט דר פסוק שובו עדי נאום ה׳ בצום ובבכי כו׳ קערט ווידר צו מיר מיט פאסטין אונ גיוויין . אזו וועט דער הערט הערן אייער תפלה׳ נאך איין פירוש איז אויף דעם פסוק קרעו לבבכם כו׳ צו רייסט אייערע הערצער : דאש איר זאלט ניט זיין קיין בעל גאוה׳ נייערט ענוים : דען הקב״ה האט פיינט די תפלה פון די האפערדיגע לייט׳ אזו וויא מיר גיפינען די חכמים האבין אמאל גוזר תענית גיוועזן . אויף רעגין אונ האבן דיא תעניתים גיהאלטין מיט אלע זאכין גלייך ווי יום כפור׳ האט זיך רבי אליעזר גישטעלט פארן עמוד׳ אונ האט גידאווינט פיר אונ צוואנציג ברכות איז זיין תפלה ניט דער הערט גיווארין׳ דא האט זיך רבי עקיבא גישטעלט פארין עמוד אונ האט תפלה גיטאן׳ אונ האט גיזאגט אבינו מלכנו חטאנו לפניך׳ אזו איז באלד גיקומן איין גוטער רעגין׳ איז אראפ גיגאנגען איין בת קול פון הימעל אונ האט גיזאגט איר זאלט ניט מיינען אז רבי עקיבא איז פרימר פון רבי אליעזר׳ נייערט ווייל דר איז איין עניו דרום איז זיין תפלה דער הערט גיווארין׳ אבער רבי אליעזר איז איין בעל גאוה אונ האט ניט איטליכין מוחל גוועזן׳ דער נאך זאגט ווייטר די גמרא עש איז נאך אמאל קיין רעגן ניט גוועזן׳ האט רבי אליעזר גוזר גיוועזן דרייצעהן תעניתים׳ אונ עש איז ניט גיקומן קיין רעגן׳ צום הינטערשטין האט רבי אליעזר גיזאגט צוא דיא ישראל גייט אונ גרייט אייך איטליכר איין קבר אונ לייגט זיך אריין דרינגען אידער איר זאלט שטארבין פר הונגער׳ אזו האבין כל ישראל אן גהייבין צו וויינן אונ האבין תפלה גיטאן איז באלד גיקומען איין רעגין׳ נוא זעהן מיר דאך אז דר וואש מאכט זיך אונטר טעניג קעגין הקב״ה׳ אונ טוט תפלה מיט גיוויין אזו ווערט זי באלד אן גינומען :

אויך האבין גיזאגט דיא חכמים ז״ל דער וואש טוט תפלה אין דער צייט איז ער זוכה צו דר וועלט אונ צו יענער וועלט׳ אזו וויא דער פסוק זאגט יהללו ה׳ דורשיו ויחי לבבכם לעד . די וואש לויבן גאט אויף דער וועלט וועלין לעבן אייביג אויף יענער וועלט . אונ פון וועגין דעם זכות פון תפלה ווערט דר מענטש באהיט פר איין מיתה משונה׳ אונ זיינע קינדר ווערן באהיט פר יסורים׳ אונ פר חיות רעות׳ דר ספר המוסר ברייננט דרויף פיל מענטשין זיינען זייערע קינדר באשירמעט גיווארין פון יסורים פון וועגין דעם זכות פון תפלה׳ איך וויל ניט מאריך זיין דרינן : דר וואש טוט תפלה אין שול מיט דעם קהל ווערט זיין תפלה פיל פריער אן גינומן פון דעם וואש טוט תפלה ביחידות׳ אזו ווי דר פסוק זאגט הן אל כביר לא ימאס כו׳ גאט פר שעמט ניט די תפלה פון פיל לייט דרום זאל איטליכר תפלה טאן בקהל:

רבי

רבי שמעון בן לקיש זאגט דער וואש האט אין שול
איין שטאט אונ גייט ניט אין איר דאווגען ווערט
ער גירופן איין שכן רע · אונ מאכט דאש זיינע קינדר
ווערין פאר טריבין · אזו ווי דער פסוק זאגט כה אמר ה׳
על כל שכני הרעים הנגעים בנחלה (הנני נותשם מעל אדמתם) דר נביא זאגט
אזוא זאגט גאט ווייא גישריען אויף מיינע שלעכטע
שכנים וואש קומען ניט תפלה טאן אין גאטש הויז · נון
איך וועל זיי פאר שטויסן פון זייער לאנד · (רב) זאגט
ווער עס גייט אלע טאג אין שול אריין · אונ איין מאל
גייט ער ניט פרעגט גאט אויף אים ווארום איז דער
פלוני ניט גיקומען אין שול אריין: זאגט הקב״ה איז
ער אנדערש ניט גקומען איבר איין מצוה נוגה לו זאל
אים די מצוה לייכטין לעולם הבא איז ער אבער ניט
גיקומן איבר זיין האנדיל · אזו ווערט פר פינצטרט זיין
וועג כלומר ער ווערט גישטראפט ווארום ער האט זיך
ניט פאר זיכערט אין גאט · דאש ער קען אים וואול
ממלא זיין דעם היזק וואש ער וואלט פר זאמט · רבי
יוחנן זאגט פון רבי יצחק ווען די ישראל דאוונען
אין זייער שול אונ אין זייער בית המדרש רועט דיא
שכינה אויך דרינען :

אויך זאגט רב הונא פון רבי יצחק וועגין דיא שכינה
רוט אין די שולין אונ בתי מדרשות אזו וויא דר
פסוק זאגט ואהי להם למקדש מעט כו׳ אונ איך וועל זיין צו
ישראל אין גלות אין זייערע שולין צוא איין קליין בית
המקדש · אזו ווי די שכינה האט גירוט אין גרוסין בית
המקדש אזוא רועט זיא אויך אין אונזערע שולין · דאש
הייסט דאש קליין בית המקדש · נוא איז פון דאנען
גדרונגען אז די שכינה רועט אין אונזרע שולין · דר פסוק
זאגט הקול קול יעקב והידים ידי עשו דאש דרשת דיא גמרא
ווען עש ווערט גיהערט דאש קול פון יעקב אין די שולין
אונ בתי מדרשות דאש די ישראל דאווגען אונ לערנען
דרינען · אזוא קען זייא קיינער קיין שלעכטין ניט טאן ·
אונ ווען ישראל זאמלען זיך איין אין זייערע שולין אונ
לערנען אונ דאווגען מיט כוונה (לשם שמים) · אזוא
גידענקט הקב״ה אין דעם חורבן פון בית המקדש · אונ
דאש ישראל זיינען פאר שפרייט צווישין דיא אומות ·
אונ איז זיך מצער דריבער · אונ דער בארימט זיך איבר
זיי · אזו ווי די גמרא זאגט דאש אמאל איז רבי יוסי בן
קסמא אריין גינאנגען אין איין חורבה תפלה צו טאן ·
איז (אליהו הנביא) גיקומען אונ האט גיווארט אויף דר
טיר ביז ער איז ארויש גגאנגען האט ער גיזאגט צו אים
שלום עליך רבי ומורי · האט (אליהו הנביא) אים גיפרעגט
מיין זון וואש האסטו גיהערט אין דיין תפלה · האט ער
אים גיענטפערט איך האב גהערט איין בת קול וואש האט
גיברומט ווי איין טויב · אונ האט אזו גיזאגט ווייא דאש
איך האב פר וויסט מיין הויז אונ האב פאר ברענט מיין
בית המקדש · וויי דאש איך האב פאר טריבין מיינע
קינדער צווישין דיא פעלקער · האט (אליהו הנביא) צו
אים גיזאגט מיין זון איך שווער ביי מיין קאפ אונ בייא
מיין איביג לעבין דאש ניט איצונד אליין האט הקב״ה
גילאזט אויש גיין איין קולי נאר אלע טאג ווען די ישראל
גייען אין זייערע שולין אונ זאגין אמן יהא שמיה רבא וגו׳
מיט גרויש כוונה · אזוא שאקילט הקב״ה מיט זיין קאפ
אונ זאגט וואול צו דעם מלך דאש מען לויבט אים אזו
אין זיין הויז · אונ וויי צו דעם פאטער דאש זיינע קינדר
זיינען פאר טריבין · אונ וויי צוא דיא קינדער דאש זייא
זיינען פאר טריבין גיווארין פון פאטערש טיש · נון דער
וואש גייט אלע פריא אונ אבינט אין שול אריין תפלה
צוא טאן · דער לעבט לאנג :

אויך זאגט דיא גמרא רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט
צוא זיינע תלמידים פערערט אייך אונ שפעטיגט
אייך אין שול · כלומר איר זאלט גיין אין שול אריין אין
דער פריא אונ פאר נאכט · כדי איר זאלט מאריך ימים
זיין · רבי אחא בר חנינאברייגגט דרויף א פסוק · עש
שטייט אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום לשמור
מזוזות פתחי · וואול דעם מענטשין וואש הערט מיך צו ·
צו קלאפין אויף מיינע טירין אלע טאג · צוא היטן דיא
מזוזות פון מיינע טירען · שטייט ווייטער כי מוצאי מצא
חיים ויפק רצון מה׳ דען דער וואש גיפינט מיך טוט גיפינען
לעבין אונ ציט אויש איין ווילין פון גאט · פון די פסוקים
איז גידרונגן אז ווער עש פערדערט זיך פריא אונ פר נאכט
אין שול אריין איידר דער חזן הייבט אן דאווגען · דער
לעבט לאנג · (אבא בנימין) זאגט קיין שום תפלה איז
ניט אזו אן גינומען אזו וויא די תפלה פון קהל אין שול

אזו

אזו וויא דער פסוק זאגט לשמוע אל הרנה ואל התפלה אויף דעם ארט וואו מען פלעגט לויבן מיט גיזאנג· דאש מיינט מען אין שול· דארטין איז אן גינומן די תפלה (רבין בר אדא) זאגט פון וועגין (רבי יצחק) פון וואנן איז גידרונגן דאש הקב"ה איז גוויינטליך אין שול· עש שטייט אין פסוק אלהים נצב בעדת אל הקב"ה שטייט כלומר זיין שכינה רוט צווישין דער עדה וואש זאמלען זיך איין תפלה טאן צו גאט נוא זעהן מיר דאך וואול דאש הקב"ה לאזט רוען זיין שכינה אין אונזערע שולין· נון איר ליבע לייט ווי זאל דעם מענטשין קיין מורא ניט אן טאפין אז ער גייט אין שול אריין· לאז זיך אים דוכטין ער גייט פאר איין מלך בשר ודם אדער פאר איין שר· אדער פאר איין שופט· אדער אפילו פאר איין פאריץ אויף איין עצה· אדר פאר איין שרייבער הלואי וואלט ער גיגאנגען אין שול אריין חאטשי מיט העלפט מורא דער פון אזו וואלט ער בוודאי ניט גיגאנגען מיט (קלות ראש) אונ מיט פאטשטין אונ גילעכטער· אונ וואלט זיך בוודאי פריער צוא גיגרייט אין פאליש· גלייך ווי איינער גרייט זיך צו איידער ער קומט פאר אמלך בשר ודם· דרום זאל איינער דעם אנדערין מזהיר זיין׃ אונ דער מאנן דרויף· דאש ער זאל גיין אין גאטש. הויז אריין מיט גרויש מורא· דא וועל איך אייך שרייבין אזו איין זאך וואש אביסיל דער פון שטייט שוין אויבן· נאר ווייל דער (ספר המוסר) שרייבט עש. דרום מוז איך עש נאך אמאל איבער חאזערין:

ווען דער מענטש וואכט אויף פון זיין שלאף איז ער מחוייב צו לויבן אונ צוא דאנקען הש"י דאש ער האט ווידר גיגעבין זיין נשמה· דאש ער איז ניט טויט גיבליבן אין שלאף· אונ הש"י האט זיא אים נאך בעסיר אפ גיגבן איידר וויא פריער בשעת ער האט זיא גיגעבן בהאלטין· דען פריער איז זיא גיוועזן מיד אונ אויש גיארבעט· אצונד בקומט ער זיא אויש גירואט· דרום זאל איטליכר מענטש גידענקען אין דעם חסד וואש הש"י טוט· אזו וועט אים באלד אן פאלין איין פחד אונ מורא· אונ זאל באלד ארויש שפרינגן פון זיין בעט· גלייך אזוויא איינר וואש האט עפיס איין משפט פאר איין מלך אדר פאר איין שר· אזו וועט ער דאך בוודאי ניט פאר שלאפין· אונ וועט גישווינד אויף שטיין פון זיין בעט· מכ"ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה· אונ ער זאל זיפצן אונ זיין בזארגט· אונ זאל זיך בדענקין וויא קען איך פר געסין דעם גרויסן חסד וואש הקב"ה האט מיר גיטאן· ווען איך זאלט אפילו לעבין צוויי מאל צוויי טויזנט יאר· אונ זאל טאג אונ נאכט מער ניט טאן נאר לויבן אונ דאנקין הקב"ה אויף דיא גרושי גינאד וואש ער האט מיט מיר אליין גיטאן· איז דאך אויך ניט גינוג· מכ"ש דיא גרושע חסדים אונ ניסים וואש ער האט גיטאן מיט אונזרע עלטרין· דען עש איז דאך אום מיגליך צו דר ציילין זיינע ניסים ונפלאותי ווען ער וועט זיך אזו בדענקין וועט אים בוודאי איין מורא אן טאפין:

אונ ווען דער יצר הרע וועט דיך אן רייצין עש איז נאך פריא אויף צו שטיין· דוא וועסט נאך בצייטין קומן אין שול אריין גאט יתברך· אדר: ער וועט דיר זאגין דיא קעלט איז זייער גרויש· אדר אום זומר וועט ער דיר זאגין דיא נאכט איז גאר קליין עש איז נאך צייט צו שלאפין· אז וויא דער סדר איז פון יצר הרע· דאש ער קען פאר פירן דעם מענטשין מיט טענות· דא זאל ער דעם יצר הרע אנקעגן גיין אונ זאל אים ענטפרין אין זיינע גידאנקען גייא אוועק דוא יצר הרע ווען עש זאל מיך רופן איין מלך אדר איין שר עפיס צו פאר דינין וואלט איך דאך בוודאי גישווינד אויף גישטאנין פון מיין בעט מיט גרויש לוסט· מכ"ש תפלה צו טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה· דאש איז דאך אגרויש פאר דינסט· אונ אויב ניט איז עש אגרויש אן ווערונג· דען דאש רירט אן אין זיין לייב אונ גוטש· אונ אין דער נשמה· אונ אין דער וועלט אונ יענר וועלט· אונ ווען דער מענטש זאל זיך בדענקן אין דיא גינאד אונ בארימהרציקייט· אונ ניסים ונפלאות וואש הקב"ה טוט מיט אים אלע שעה אונ אלע רגע וואש ער זעלבסט ווייסט גאר דער פון ניט אונ דאש ער האט· אים גישפייזט פון זיין יוגנט ביז אצונד· אונ האט אים בשירמט פר אלע בייזע בגעגנש אונ פאר ביטרע לייד· אונ פאר בייזע קרייניק ר"ל· אונ פאר וואשיר אונ פאר פייאר אונ פאר אלע בייזע צו קומנישן ר"ל· אונ זאל אויך גידענקין אין זיינע

פיל הטאים נוא וויא וואלט ער גיזאגט איין ליגן אונ זאל ניט אויף שטיין צו לויבן דעם הערין וואש האט אים אזו פיל גוטש גיטאן · אונ טוט אים נאך היינט אויך · דרום הייבט אן דער אורח חיים אונ זאגט אזו רבי יהודה בן תימא זאגט זייא אזו שטארק וויא איין לעמפרט · אונ אזו גרינג וויא איין אדליר · אונ אזו שטארק וויא איין לייב · אונ אזו גישווינד וויא איין הירש · צו טאן דש ווילן פון הש"י ער האט דרום גיזאגט די פיר זאכלייא · דען דרינן הענגט אלע דיא מעשים פון מענטשין : ער הייבט אן זיי אזו שטארק וויא אלעמפערט · אזו ווי דער לעמפרט איז איין עזות פנים · דאש אז ער פר צוקט א בהמה עסט ער זיא בפרהסיא פאר אלע לייט · אונ שעמט זיך ניט פאר קיינעם · אזוא זאלסטו זיך אויך ניט שעמען פר די שפעטערם ווען דו האסט גיטאן עפעס גוטש · אונ טוא דאש ווילן פון הש"י · דער נאך זאגט ער זיי אזו גרינג אזו וויא איין אדליר · דאש ער פליהט גאר גישווינד אזו זאלסטו אויך זיין גישווינד אין גאטש דינסט · אונ זאלסט ניט פאלגין דעם יצר הרע · אזו ווי אויבין שטייט · דער נאך זאגט ער זיי אזו גישווינד וויא אהירש דאש מיינט מען דוא זאלסט גישווינד לויפין צו איין מצוה אונ זאלסט ניט פויל זיין דרינען עש זאל זיין ביי דיר גלייך ווי דו וואלסט גילאפין נאך איין מציאה אדר אנאנדער ריוח · דער נאך זאגט ער זיי אזו שטארק וויא אלייב · דאש מיינט מען אויב דער יצר הרע ווערט דיך אפ ריידן פון גאטש דינסט · אונ ווערט זאגן עש איז קאלט אדר איין רעגין אדר אגרוישע היץ אדר ער ווערט דיר זאגין ווי קענסטו פאסטין דו ווערסט ח"ו קראנק ווערן אדר ער ווערט זאגין ווי קאנסטו צדקה געבן דיינע קינדר זיינען בילכער · דו האסט דאך זעלבערט ניט דיין גינוגן צו טאן : אזו ווי דער סדר איז פון יצר הרע · דרום זאגט ער זייא אזו שטארק וויא איין לייב · דאש ער האט קיין מורא ניט פאר קיינעם אונ לאזט זיך ניט אפ ריידן ווען ער פר צוקט עפעס · אזו זאלסטו זיך אויך ניט לאזין אפ ריידן דעם יצר הרע מיט זיינע בייזע טענות · אונ זאלסט זיין גיפרישט אונ גרינג אונ שטארק אין גאטש דינסט ביי טאג אונ ביי נאכט · אונ זאלסט דינען גאט ית' מיט דיין גאנצין הארצין אונ מיט דיין גאנצין לייב :

אונ איידער ער הייבט אן צו טאן גאטש דינסט · זאל ער פריער זיין צירך טאן · דאש ער זאל ניט זיין צו גאטש דינסט מיט טינוף אונ אומריינקייט · דער נאך זאל ער וואשין זיינע הענט · דאש ער זאל אויף גיסין אויף זייא פון איין כלי · אונ אויב ער וואשט זיך פון איין פאס · זאל ער אויף עפענען דעם צאפין אונ גיסין אויף זיינע הענט אונ ווידער פאר מאכין · אונ ווידער עפענען אונ ווידער פאר מאכין ביז דריי מאל · דען דר רוח רעה וואש רוט אויף זיינע הענט אין שלאף · ער גייט ניט אוועק ביז מען גיסט אויף וואסער אויף די הענט דרייא מאל · אונ איידר ער וואשט זיך זאל ער ניט אן רירין אין מויל אדער אין די אויגין · אדער אין דעם נאז · אדער אין די אויערין · דען עש איז א סכנה · נאך דעם וואשין זאל ער מאכין דיא ברכה על נטילת ידים אונ אשר יצר · אונ ווען ער וויל פריער לערנען איידר ער גייט אין שול אריין זאל ער מאכין די ברכת התורה אונ ווי מען זאל זיך נוהג זיין איידר מען גייט אין שול אריין · אונ אז מען איז אין שולי אונ ווי מען זאל ריינגין דעם גוף אונ מכ"ש דיא נשמה אונ דאש מען טאר ניט ריידין אין שול קיין דברים בטלים דאש שטייט אלין אויבין אין הלכות בית הכנסת · אונ דער ספר המוסר שרייבט אויך פיל פון דיא לייטין וואש ריידין אין שול : אין מדרש שטייט א מעשה רבי יוסי זאגט אמאל בין איך גיגאנגען אין וועג האב איך בגעגינט (אליהו הנביא) אונ ער האט מיט זיך גיהאט פיל קעמלען אן גילאדנע · האב איך אים גיפרעגט מיט וואש האסטו דיא קעמלאך אן גילאדין · האט ער מיר גיענטפערט מיט אייטעל מלאכי חבלה וואש הייסט אף אונ חמה דא פרעג איך אים פון וועמעש ווענין האסטו דאש אן גילאדין · אונ וואו אהין פירסטו עש · זאגט ער איך פיר עש אין גיהנם אריין צו באצאלין די לייט וואש ריידין אין שול בשעת דאוונען · פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה · אונ נאך דעם קדיש וואש נאך רחום וחנון · אויך די תפלה פון דעם זעלבין מענטשין ווערט ניט דער הערט · אונ ער איז איין עזות פנים דאש ער שייעט זיך ניט פאר דער הייליגער שכינה אונ פאר דיא הייליגע ספרי תורות וואש זיינען אין שול · דער ראשית חכמה שרייבט אויך פיל דער פון אונ דאש דער זעלביגער מענטש פאר זינדיגט זיך אונ אויך

די הייליגע שול אונ כל ישראל ח"ו · אזו ווי אויבן שטייט אין הלכות בית הכנסת · דרום איז דער דין ווען מען שרייט אן אויף דעם וואש רעט אין שול · אונ ער קערט זיך ניט דרינן · מעג מען אים זאגן עזות פנים גיי ארויש אונ פאר זינדיג ניט דיא שול אונ כל ישראל ח"ו · דאש האט גיפסקת (מהו' ליב יצ"ו) דער בעל גור אריה ז"ל :

נון וועל איך אייך שרייבן פון דעם ראשית חכמה ווענין פון וואנן דאש קומט וואש פיל לייט ריידין אין שול אונ גריינקען ניט אין דעם גרויסין עונש דר פון · דאש קומט ווייל די זעלביגע לייט האבין אין זיך ניט גאטש פארכט · איינער זעהט עש פון אנדערין אונ שרייעט אים ניט אן אדרבה ער הערט נאך אויך צו · דען ער מיינט עש שאט אים גאר ניט · אונ ער ווייס ניט אז עש איז גלייך דער עונש פון דעם וואש הערט צו ריידין ווי דער וואש רעט אליין · דען ווען ער וואלט אים ניט צוא גיהערט וואלט יענער ניט גירעט · וואלט ער זיך גיפארכטין פאר גאט וואלט ער יענעם ניט צוא גיהערט · מכל שכן דאש ער וואלט אליין ניט גירעט · דאש קומט אלש פון דעם וואש דיא לייטין קערין אום דאש פנים איינער צום אנדערין · אונ זעצין זיך ארום טיש גלייך וויא אויף אסעודה · אונ זעהן אלין וואש טוט זיך אין שול · ווער עש גייט אריין אונ ווער עש גייט ארויש · וואלטין זייא מורא גיהאט פאר גאט וואלט זיך איטליכר אום גיקערט זיין פנים צו דער וואנט ווי דער דין איז · דאש איטליכר זאל זיינע אויגין האלטין אראפ · אונ דאש הארץ ארויף צו הקב"ה : אפילו ווען איינער זיצט איז דער דין דאש ער זאל ניט קוקין ווער עש שטייט אונ גייט אין זיינע פיר איילין · דרום מאכין צו אמייל לייט זייערע אויגין בשעת ק"ש אונ שמונה עשרה · דרום ווער עש וויל אין זיך נעמן גאטש פארכט זאל זיין פנים צוא דער וואנט בפרט בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה · כדי ער זאל קענן מכוין זיין נאך צו זאגין א"ן אויף איטליכער ברכה · אזו וויא אויבן שטייט · אונ זאל מכוין זיין פאר וועמען ער שטייט אונ טוט זיין תפלה · אונ מיט וועמען ער רעט · אונ זאל גידיינקען דיא מורא וואש ער וואלט גישטאנען פאר איין מלך בשר ודם · מכ"ש וקל וחומר פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אבער ווען איינער קוקט אויפין אנדערין פאר גייט אים זיין מורא :

נעמט אייך איין משל פון די ישמעאלים ווי זיי שטייען אין איטל מורא פאר זייער גלויבין · גלייך אזוא וויא פר אמלך · אונ קוקין זיך ניט ארום · נון וואש זאלין מיר טאן מיר שטייען דאך פאר אונזער גאט וואש לעבט אייביג · אונ איז היה הוה ויהיה · אויך זיינן מיר איין הייליג פאלק בני ברית די קינדר פון אברהם יצחק ויעקב · מיר האבן איין וואר הפטיגן גאט · אונ איין וואר האפטיגע תורה אונ זיין אמונה איז אמת אונזר תפלה איז אמת · נוא ווארום זאלין מיר ניט טויזינט מאל פריטר זיין פון זיי מיט אונזר גלויבין דרום זאל איטליכער שטיין אין איטעל מורא אונ זאל טראכטין איין תקנה דאש זיין תפלה זאל זיין מיט כוונה :

ווער עש גייט פר טאג אין שול אריין דארף ער קיין טלית ניט לייגן אבר ארבע כנפות דארף ער יוא אן טאן אן אברכה אונ ווען ער טוט אן אין שול דעם גרוסן טלית זאל ער אין זין האבין יוצא זיין מיט דער ברכה אויף דעם ארבע כנפות אויך · אונ בשעת ער טוט אן דעם טלית אדר ארבע כנפות זאל ער מכוין זיין דאש ער וויל מקיים זיין דיא מצוה פון ציצית אז וויא עש שטייט אין דער תורה ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם אונ זאל אזו זאגין דא בין איך מקיים דיא מצוה פון ציצית · דאש איך וויל זיין גיצייכינט מיט דער גרוישר הייליגע מצוה וואש הקב"ה האט אונז גיגעבן זיא איז גיוואגין קגין כל התורה · אז וויא עש ווערט דא נאך בעסיר בשיידט ווערין · אונ בשעת ער לייגט תפילין זאל ער זאגין דא בין איך מקיים דיא גרושע מצוה פון תפלין · דאש איך וויל זיין גיצייכינט מיט דעם צייכין פון הקב"ה אז וויא דער פסוק זאגט וקשרתם לאות על ידך והיו לטוטפות בין עיניך · אונ דרינן איז גישריבן דיא פיר פרשיות קדש והיה כי יביאך שמע והיה אם שמוע · אונ בשעת ער זאגט דיא ברכה זאל ער זיא זאגין מיט גרויש כוונה · אונ זאל אויף זיך מקבל זיין עול מלכות שמים דעם יאך פון הקב"ה · אונ דאש איז איין עדות אז מיר זיינן זיין פאלק אונ ער אונזר גאט · אזו וויא אמלך היינגט אן זיינע קנעכט איין חותם דאש זייא זאלין אים קענען אזו אויך דיא ציצית אונ תפלין איז דער חותם פון הקב"ה · דרום איז איטליכר מחויב צו

האלטין

האלטין די תפילן הייליג אונ ריין · מיטאר ניט שלאפין אין דיא תפילן מיטאר מיט זייא ניט גיין אויף איין אום ריין ארט · אויך טאר מען אין זייא ניט ריידין קיין דברים בטלים ער מוז תמיד אין זינן האבין אויף דיא תפילן דער הייליגר שם הגדול והנורא · מיטאר אפילו קיין רגע אין זייא ניט פאר געסין :

אונ וייל מיר קענן זיך ניט האלטין אגאנצין טאג הייליג אונ ריין · דרום האבין דיא חכמים גיזאגט דאש מיזאל נאר אן טאן תפילן בשעת קריאת שמע אונ שמונה עשרה · ביז נאך ובא לציון · דען דיא ווייל קען מען זיי האלטין הייליג אונ ריין · אונ במורא אונ זאל תמיד גידענקן אין דעם שם המיוחד הגדול הגבור והנורא ברוך שמו הגדול וואש ער האט אויף זיך · אונ זאל לכל הפחות האבין אין זיך נאטש פארכט דיא ווייל דאש ער זאל ניט ריידין אין דיא תפילן · אבר דיא ציצית זיינן ניט אזו הייליג וויא תפילן דען אין תפילין שטייט גישריבן דער שם וויפל מאל אבר ניט אין ציצית · דרום מעג מען וואול גיין מיט זייא אפילו אין בית הכסא אריין · אויך טאר קיינר ניט גיין פיר איילן אן ציצית · דען דיא מצוה איז זייער גרויש · אונ איז גירעכינט קעגין אלע תרי״ג מצות דען דאש ווארט ציצית בטרעפט זעקס הונדרט · אונ אכט פעדים אונ פינף קניפן · איז סך הכל זעקס הונדרט מיט דרייצעהן · אונ זייא הענגן אויף די פיר עקין · דאש בטייט אויף דיא פיר עקין פון דער וועלט · וויא דוא ביכט מזוויב צו האלטין די תרי״ג מצות · וועה יוסף הצדיק איז גיוועזן אין די הענט פון די מצרים אונ האט פארט גיהאלטין אלע מצות אויך זאגט דער פסוק וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה׳ וגו׳ ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו׳ וראיתם וגו׳ · אין דעם פסוק איז צו פרעגין פיל קשיות אונ דיא גמרא שרייבט פיל דער פון · נאר איך וועל קורץ בשרייבן :

דיא גמרא פרעגט ווארום שטייט וראיתם אותו · בלשון יחיד עש וואלט גיקענט שטיין וראיתם אותם · בלשון רבים דען עש גייט דאך אויף דיא ציצית · דרום זאגט דיא גמרא פון דאנין לערנין מיר ווער עש האלט רעכט די מצות איז ער זוכה צו זעהן די שכינה זעלברט אונ אויך דר וואש איז גיווארינט אין דער מצוה פון ציצית · דער האט ארום זיך פיל שומרים וואש היטן אים פר אלים בייזין · אונ ווערט בשירמט פון דעם יצר הרע · אויך גיפינן מיר איין מעשה אין דער גמרא · עש איז גיוועזן אמענטש וואש פלעגט זייער גזהר זיין אין דר מצוה פון ציצית · אמאל האט ער גיהערט וויא עש איז פאר האנדין אין איין שטאט אשיינע זונה פון דיא היידין · אונ זיא איז ביי קיינים ניט גילעגין סיידין ער האט איר גיגעבין פיר הונדרט גילדן דער מענטש האט גישיקט צו איר פיר הונדרט גילדין · אונ זיא האט אים אפ גישטעלט איין צייט ווען ער זאל צו איר קומן · ער איז אהין גיקומן צו איר אויף דער צייט אונ ער האט זיך גיזעצט אויף איר מיר · איז ארין גיגאנגין איר מויד · האט ער איר גיוויזן דיא קריב וואש דיא זונה האט צו אים גישיקט · זיא האט דאש דער ציילט דער זונה · האט זיא אים גיהייסן ארין קומן · אונ זיא האט אויש גיבעט זיבן בעטין פון אייטיל זילבר · אונ נאך איין בעט פון אייטיל גאלד · אונ בייא איטלכין בעט איז גיוועזן אזילברנר לייטר · אונ בייא דעם גילדינם בעט אגילדנר לייטער · זיא איז ארויף גיגאנגין אונ האט זיך גיזעצט אויפין גילדנעם בעט · אונ ער האט זיך גיזעצט אקעגין איר · אין דעם קומן זיינע פיר ציצית אונ שלאגין. אים אויף זיין פנים · אזו גייט ער אראפ אונ זעצט זיך אויף דער ערד · גייט זיא אויך אראפ אונ זעצט זיך לעבין אים · אונ פרעגט אים וואש פאר איין אום ווערדיקייט האשטו גיפונן אין מיר · דאש דוא ווילסט בייא מיר ניט ליגען · דא שווערט ער איר איך האב קיין מאל קיין שענירין מענטשין ניט גיזעהן פון דיר · נאר איך וועל דיר זאגין ווארום איך וויל ביי דיר ניט ליגין · גאט האט אונז גיגעבן דיא מצוה פון ציצית שטייט דער ביי צווייא מאל אני ה׳ אלהיכם דאש בטייט אזו וויא איך שטראף דעם וואש אכט ניט די מצוה · אזו אויך גיב איך שכר דעם וואש אכט יוא דיא מצוה · אונ אצונד זיינן מיר אקגין גיקומן אלע פיר ציצית · אז וויא פיר עדות וואש וועלן עדות זאגין דאש איך טוא מיט דער דיא עבירה · דרום בין איך פון דיר אוועק גיגאנגען · איך וועל לאזין פאר פאלין דיא פיר הונדרט גילדן · אונ וויל מיט

דיר

דיר ניט זינדיגן · דא זאגט זיא איך וועל דיך ניט אוועק לאזן ביז דוא זאלשט מיר אויף שרייבן ווי דו הייסט אונ פון וואנין דוא ביסט · אונ צו וועלכן רבי גייסטו אין בית המדרש אריין · ער האט איר דאש אלין אויף גישריבן · אונ לאזט איר דאש געלט אונ גייט אהיים · אזו באלד איז די זונה גיגאנגען אונ האט צו טיילט איר געלט אויף דרייא חלקים · איין שליש האט זיא אפ גיגעבן דעם מלך וואש זיא האט דארטין גיוואונט · איין שליש דיא ארמע לייט · אונ איין שליש האט זיא מיט זיך גינומן · אונ זיא איז גיקומן פר רבי חייא אונ זאגט זייא מיך מגייר · איך וויל ווערין איין יודנע · זאגט ער צו איר טאמיר האסטו גיגעבן דיינע אויגן אויף איין בחור · דאש דוא האסט לוסט צו אים אונ ביסט ביא אים גילעגן דרום ווילסטו זיך מגייר זיין · זאגט זיא ניין מיין ליבר רבי אזו אונ אזו איז דיא מעשה גיוועזן · אונ זיא ווייזט אים דיא בריב וואש דר מענטש האט איר גיגעבן · דא זאגט רבי חייא צו דעם זעלבגן מאן אונ צו דר זעלביגר פרויא גייט אונ נעמט זיך בנאנדר · אונ איר זאלט האבין מזל · אונ ברכה בנאנדר · אונ די בעט וואש איר האט דרויף גיוואלט ליגן באיסור ליגט אצונד בהיתר דעם שכר האשטו בקומן אויף דער וועלט אונ דעם רעכטין שכר וועסטו האבין אויף יענר וועלט · דער האט גאר קיין שיעור ניט · דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין אין דיא מצוה פון ציצית אונ זאל זייא בודק זיין פר דר ברכה אויב עש זייגן גאנץ אלע אכט פעדים · זונסט הייסט עש אברכה לבטלה :

אונ ווען איינר וויל אן טאן זיינע ציצית באלד וויא ער שטייט אויף פון זיין בעט · דאש ער וויל ניט גיין פיר איילין אן ציצית זאל ער זייא אן טאן אן אברכה · אונ נאך דעם וואשין זאל ער זייא בודק זיין אונ זאל מאכין דיא ברכה · אונ ווען ער גייט אין שול אריין אונ טוט אן דעם טלית דארף ער נאך אמאל אברכה מאכין · אדר ער זאל אין דר היים קיין ברכה ניט מאכין · נאר ער זאל אין זין האבין יוצא צו זיין מיט דער ברכה פון טלית אויף ביידע · אזו אויך ווען איינר טוט אן דורך אנאנדר צעהן קליידר מיט ציצית זאל ער מאכין איין ברכה אבר אלע · אבר אז ער טוט זייא ניט אן דורך אנאנדר · אדר ער בטראכט זיך נאך דער ברכה נאך קליידר אן צו טאן · דארף ער איבר די איבריגע איבר נייאם אברכה מאכין · אויך אום שבת אונ יום טוב איז גוט מיזאל אויף איטליכן בזונדר אברכה מאכין · דען אין די טעג איז גוט מיזאל פיל ברכות מאכין :

רבי אליעזר זאגט דער וואש האט ביא זיך ציצית אונ תפילין · אונ מזוזות אין זיינע טירן · דאש זיינן דריי גישווירנדע קעסטליכע אונ גרושע מצות · דר קימט ניט באלד צו קיין עבירה דען דער יצר הרע האט קיין מאכט ניט אין דעם מענטשין וויש איז ארום גירינגילט מיט מצות · רבא זאגט דר וואש טוט אן דעם טלית אונ ליינט תפילין אונ לייאנט קריאת שמע מיט כוונה איז ער פאר זיכרט אז ער איז איין בן עולם הבא · אביי זאגט איך בין אים ערב אז דאש גיהנם ווערט ניט שולט זיין אין אים · רב פפא זאגט איך בין אים ערב דאש הקב״ה איז אים מוחל אלע זיינע עבירות דריבר · דרום וויל דיא רבנים זיינן אזו ערב זאל איטלכר גיווארינט זיין צו לייגן טלית אונ תפילין מיט כוונה · אונ זאל אויך מכוין זיין דאש מיר זייגן דאש פאלק פון הקב״ה · אונ מיר ווערלין טראגין אויף זיך זיין חותם · אונ דער מיט נעמין מיר אויף זיך דעם יאך פון זיינע מצות · צו טאן זייא מיטן גאנצן הארצן אונ לייב · איטליכר זאל גיווארינגט זיין צו זיין אין שול פון דיא ערשטע צעהן דען דיא חכמים זאגין אז דער זעלביגער מענטש בקומט אזו פיל שכר ווי פיל דאש גאנצע קהל · דיא צייט וואש מען מעג שוין אברכה מאכין איבר דיא ציצית איז ווען מיקען דער קענין צווישן ווייס אונ בלא · אבר דער וואש טוט אן דעם ארבע כנפות פריער טאר ער קיין ברכה ניט מאכין · נאר אז עש קומט דיא צייט זאל ער בודק זיין דיא ציצית אונ זאל אברכה מאכין · אדר ער זאל אן טאן אנאנדר קלייד מיט ציצית אונ זאל אין זין האבין יוצא זיין מיט דער ברכה אויף יענים אויך · אונ דיא צייט וואש מען מעג שוין אברכה מאכין איבר דיא תפילין איז ווען עש איז שוין אזו טאג דאש ער דער קענט פיר איילין ווייט דאש פנים פון זיין חבר וואש איז ניט גיוויינטליך

גיווינטליך ביי אים · אבר פריער ניט · אבר ווען איינר וויל ארויש גיין אין פעלד אריין פאר טאג זאל ער זיי לייגן אן אברכה · אונ אז עש ווערט טאג זאל ער גרייפין אין זייא אונ זאל אברכה מאכין · אבר האטשי ער איז אין פעלד דארף ער די תפילין ריין האלטין דאש ער זאל ח"ו ניט משתין זיין אונ אויך כל זמן ער האט דיא תפילין אויף זיך מוז ער זייא אין זין האבן · אויך טאר ער אין זייא ניט ריידין קיין דברים בטלים · גלייך וויא ער גייט אין זייא אין שול · ווייל ער האט אויף זיך דעם שם הגדול אונ דיא לייט וואש גייאן אזו אהיים מיט טלית אונ תפילין · אדר זייא שפאצירן זיך אין זיי · אונ ריידין פאטשטין אונ דברים בטלים אדר אפילו זייערע עסקים · דיא ווערין בודאי עונש ליידין יום הדין · אטייל לייט לייגין די תפילין אין דער היים איידר זיי גייאן אין שול אריין · כדי דאש זיי זאלן ארום גירינגילט זיין מיט דריי גרושע מצות ציצית אונ תפילין אונ מזוזה · עש איז זייער גוט ווער עש קען דאש טאן · אבר דיא לייט וואש גייאן אוועק אין שול אריין נאך פאר טאג קענין זייא דאש ניט טאן :

אטייל לייט לייגין דיא תפילין פאר ברוך שאמר אטייל פאר קטורת · אטייל צו עוטר ישראל בתפארה

איטליכר האט זיך זיין כוונה אונ עש איז אלין גוט · אונ איטליכר מענטש זאל לויפן אין שול אריין גישווינד · אונ פון דר שול זאל ער גיין פאמעליך אונ בשעת ער גייט אריין אין שול אריין זאל ער אריין גיין ווערליג צווייא טירן בריט · אדר ער זאל ווארטין אזו לאנג ביז ער וואלט גיקענט צווייא טירן בגייט · דער נאך זאל ער זיך בוקן · אונ זאל ניט טאן ביז ער זעצט זיך אנידר · אונ וויא באלד ער זעצט זיך זאל ער זיך בדענקן ווער בין איך · פון וואנין בין איך ארויש גיקומן אונ וואו אהין וועל איך גיין וויא קאן איך אויף הייבין מיין פנים קעגן דעם גרוסן הער וואש איך האב קעגן אים גיזינדיגט אונ האב אים אופט דער ווידר גיטאן דאך פון זיינע גרושע גינאד אונ בארים הרציקייט וואש ער טוט מיט זיינע לייט · דער מיט קום איך זינדיגר מענטש תפלה טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל זאגין מה טובו אונ זאל זאגין אלע דיא ברכות נאך אנאנד וויא זייא שטייאן פאר אים · אונ קטורת אונ איזהו אונ ברוך שאמר מזמור לתודה · אשרי תהלה ויברך דוד ויושע · ישתבח אונ ברכו אונ קריאת שמע אונ אמת ויציב · אונ שמונה עשרה · אונ מיט זיצן אונ שטייאן שטייט שון אויבן :

דיא צייט פון דער תפלה פון שחרית איר זינט עס ווערט טאג ביז דרייא שעה אויפין טאג · דאש איז דיא רעכטע צייט אבער דער עיקר מצוה איז אזו ווי די פרומע לייט האבן גיטאן אין ירושלים · דאש זיי האבן אן גיהויבין קריאת שמע איידר די זון אין אויף גיגאנגען אונ האבין באלד אן גיהויבין שמונה עשרה · זיי זיינען גיוועזן חכמים אונ האבין גיקענט טרעפין דיא זעלבינגע רגע · אבער מיר ווייסין ניט די חכמה · דרום איז די צייט ביז דריי שעה אויפן טאג · אונ אויב ער האט ניט גיקענט דאווענען אין די ערשטע דריי שעה האבין אים דיא חכמים גיגעבין נאך אשעה צייט ביז פיר שעה אויפן טאג · אבער דער וואש דאווינט דר נאך איז די צייט פאר זוימט · אונ ער נעמט אזו איין גרויסען שכר ווי דער וואש דאווינט אין דער צייט · אבער דער וואש פאר זוימט דיא תפלת שחרית ביז נאך מיטאג · דא מוז ער צו מנחה צווייא מאל דאווענן · קיין מענטש טאר ניט גיין צוא זיין חבר אים אפ צוא געבין אגוט מארגין איידער ער האט זיין תפלה גיטאן פאר הקב"ה · אבער אז ער באגעגינט אים אויף דער גאס מאג ער אים וואול זאגין אגוט מארגין · ווייל ער פלייסט זיך ניט צוא גיין צוא אים אהיים · אויך טאר קיינער קיין שום ביסען ניט עסין אונ טרינקען פארין דאווענען · אבער וואשער מעג ער יוא טרינקען אויב ער וויל גאר אטרונק :

ווען איינר קומט שפעט אין שול אריין אז דאש קהל האלטין שון אין מיטן דאווענן · אונ ער איז דאך מחוייב צו דאווענען בקהל דאש זיין תפלה זאל בעסר מקובל זיין ווי זאל ער טאן זאל ער אן הייבין פארינט אונ זאל איבר הופין איזהו · אונ זאל ווייטער דאווענען בקהל כסדר אונ נאך דעם דאווענן זאל ער זאגן איזהו · אונ אויב ער קומט אן נאך שפעטער זאל ער הודו אויך

איבר

איבער היפין · אונ ווען ער קומט אן נאך שפעטער
זאל ער אן הייבין פון ברוך שאמר · קומט ער אבער אן
אז דאש קהל זאגין ברכו · זאל ער מיט זייא דאוונען
כסדר · דער נאך זאל ער אן הייבין פארינגט · אבער
ברכת התורה דארף ער שוין ניט זאגן · ווייל ער האט
שוין יוצא גיוועזן מיט ברכת אהבה רבה · דאש זיא איז
אויך א ברכה אויף דער תורה · אונ אויך ברוך שאמר אונ
ישתבח זאל ער זאגין דיא ברכה אן איין שם דאש ער
זאל זאגין ברוך מלך מהולל בתשבחות אונ צוא ישתבח
ברוך אל מלך גדול בתשבחות כו' · אבר די איבריגע ברכות
דארף ער יוא זאגין :

דיא גמרא זאגט אין פרק אין עומדין דאש קיינער טאר
זיך ניט שטעלין שמונה עשרה ווען ער האט
גירעט רייד אפילו דברי תורה סיידין ער מאכט זיך
פריער אלויטרע מחשבה · מכ"ש דורך איטל גילעכטר
ח"ו דאש הייסט קלות ראש · נייערט דורך גרויש כוונה ·
ער זאל זיך גידיינקען פאר וועמען ער שטעלט זיך צו
ריידין זיינע רייד דרום האט מען מתקן גיוועזן מען זאל
פריער דאוונען ברוך שאמר אונ הללויות אונ ישתבח אונ
קריאת שמע כדי אז דער מענטש וועט קומען אן צו
הייבין שמונה עשרה וועט ער שוין זיין אין אלויטרע
כוונה דרום די ערשטע חסידים אונ צדיקים אונ אנדרע
גוטע לייט פון פאר צייטין פלעגין זאמען איין שעה
איידער זיי האבין אן גיהויבין שמונה עשרה דאש זיי
האבין פון זיך אראפ גיווארפין דיא אנדרע מחשבות ·
אונ האבין אן גיהויבין שמונה עשרה גיפלייסט מיט
גרויש כוונה · ווען מען האט אפילו פייער גילייגט
אויף זייער לייב בשעת שמונה עשרה האבין זיי אויך
ניט גיפילט · אונ דיא גמרא ברייגנט אויך דרויף פיל
מעשיות · דאש עש זיינן גיוועזן פיל צדיקים אונ חסידים
וואש איז זיי צוא גיקומען פיל סכנות בשעת שמונה
עשרה · אונ זייא האבין ניט מפסיק גיוועזן · איטליכער
איז מחוייב זיינע פיס גלייך צו האלטין בשעת שמונה
עשרה · אזו וויא דיא מלאכים שטייען · ווי דער פסוק
זאגט ורגליהם רגל ישרה · דיא מלאכים שטייען גלייך
גיפלייסט מיט זייערע פיס · אונ זאל אום קערין זיין
פנים צו דער וואנט פון מזרח אזו ווי דער פסוק זאגט
ויסב חזקיהו פניו אל הקיר חזקיהו האט אום גיקערט זיין
פנים צו דער וואנט אונ האט תפלה גיטאן · אונ אפילו
ער שטייט ביי אנאנדער זייט ניט בייא מזרח זאל ער
דאך אום קערין זיין פנים צוא דער וואנט :

אויך זאל מען צו האלטין דיא אויגין בשעת קריאת
שמע אונ שמונה עשרה כדי זיי זאלין ניט קוקין
בשעת דאוונען אויף קיין שום זאך וואש איז מבטל
זייער כוונה · אונ אויך אז דער חזן זאגט דיא הויכע
שמונה עשרה זאל ער אויך אום קערין זיין פנים צוא
דער וואנט פון מזרח אונ אפילו די לייט וואש האבין
שטעט זאלין אויך אום קערן דאש פנים צו דר וואנט
דאש זיי זאלין ניט זעהן וואש עש טוט זיך אין זייערע
פיר איילין · אונ סיי ער זיצט סיי ער שטייט טאר ער
ניט קוקין וואש עש טוט זיך אין זיינע פיר איילין ·
איטליכער איז מחוייב צו האלטין זיינע אויגין אראפ
אונ דאש הארץ ארויף צוא הקב"ה · אונ ער טאר ניט
קוקין אויף דר וואנט אפילו זי איז אין זיינע פיר איילין ·
ווען ער איז אויף אזו איין ארט דש ער ווייס ניט וואו
מזרח איז · זאל ער זיך שטעלין וואו אים דוכט זיך צום
בעסטין · אונ זאל זיין הארץ האבין צו הקב"ה · איטליכן
זאל זיך דוכטין ער רעט מיט הקב"ה · אזוא וועט אים
בודאי אן האפין איין מורא אונ פחד · אונ זאל גידיינקן
מיט וועמען ער רעט אונ פאר וועמען ער שטייט עש
טאר קיינער ניט אויש שפייען אין מיטן שמונה עשרה
אונ ווען עש קומט אים אן שפייאכץ אין זיין מויל זאל
ער שפייען אין איין טוך · אונ אויב ניט זאל ער אום
קערין זיין פנים הינטער זיך צו דער לינקער זייט אונ
זאל אויש שפייען · אבער ניט אויף זיין רעכטע זייט ·
מכ"ש דאש פר זיך · אונ זאל איין ווייליע שטיל שווייגן
פארין שפייען אונ נאך דעם שפייען · דאש ער זאל
דיא צייט קיין שם ניט זאגין ח"ו · דען עש איז גלייך
אזו ווי איינר רעט מיט איין שר אונ שפייט אים אין
זיין פנים :

ווען איינער דאווינט פארין קהל איז עש אויך איין
איסור אונ אפילו ווען איינער דאווינט אין דער
היים זאל ער זיך פלייסין צו דאוונען אין דר זעלביגר
צייט וואש דאש קהל דאוונען דען דענמאלט איז זיין
תפלה

תפלת מער אן גנומען אונ באוויליגט פאר הש"י אזוא ווי דער פסוק זאגט ואני תפלתי לך ה' עת רצון דוד המלך זאגט איך טוא מיין תפלה צו דיר גאט אין דער צייט אז דאש קהל טוען זייער תפלה· דען די זעלביגע צייט איז די תפלה אן גינומען אונ באוויליגט פר דיר גאט· איטליכער איז מחויב צוא זעהען ער זאל האבין איין שטאט אין שול· ניט היינט זאל ער דאווענען אויף דר שטאט אונ מארגין אויף אנאנדער שטאט· רב הונא זאגט ווער עש האט איין שטאט צו זיין תפלה איז דר גאט פון אברהם אין זיין הילף:

איטליכער איז מחויב צו האבין באזונדרע קליידער צום דאווענען· דאש זייא זאלין ריין זיין· די צדיקים אונ חסידים אונ אנדערע גרוישע לייט זיינן זייער גזהר דריגען· ער זאל שטיין בשעת דאווענען אזו ווי איין קנעכט שטייט פאר זיין הערין· אונ אזו וויא איינער שטייט פאר אמלך אדער פאר איין שר· אונ האט פאר אים אזו איין משפט וואש רירט אן אין זיין גוף אונ געלט· ער זאל שטיין מיט זיינע אויגין אראפ אונ זיין הארץ ארוף צו הש"י זיינע הענט אפין הארץ די לינקע האנט אין דער רעכטער· אונ זיין קאפ זאל זיין איין גיבויגין ניט מיט גאוה איטליכר איז מחויב צו צו דעקין זיין קאפ· ניט צו גיין מיטן הוילין קאפ אונ אויך ארום צו גארטלען זיך מיט איין גארטעל· דאש ער זאל מאבין אצווישין שייד צווישין זיין הארץ אונ די ערוה· דאש זיין הארץ זאל ניט זעהן דיא ערוה· אונ זונסט טאר ער קיין שם ניט זאגין· אויך זאל זיך איטליכער וואול ריין מאבין פארין דאווענען· ער זאל זיך פריער אויש הוסטין אונ אויש שנייצין דעם נאז· ווען איינעם בייסין אום פלייט בשעת דאווענען טאר ער זייא ניט אראפ נעמען מיט די הענט· נאר דורך אמלבוש· ווען איינם פאלט אראפ זיין מאנטיל אדר זיין טלית בשעת דאווענען זאל ער ניט מפסיק זיין די כוונה אים אן צו טאן נאר ער זאל ווייטער דאווענען· דען דער וואש דאווינט מיט כוונה זאגט אויף אים דר פסוק תכין לבם תקשיב אזניך די וואש ברייטין אן זייערע הערצר בשעת דאווענען פר נעמט הקב"ה זייער תפלה· אונ אויב ניט ווערט זיין תפלה גיט דער הערט· אזו וויא דער פסוק זאגט בפיו ובשפתיו כבדוני ולבם רחוק ממני ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה מיט זייער מויל אונ לעפצין הערליכן זיי מיך אונ זייער הארץ איז וייט פון מיר· אונ זייער פארכט פר מיר איז נאר אזו וויא איינר טוט זיין גוויינטליכקייט כלומר דש מיינט מען אן כוונה· אויך זאגט דער פסוק קרוב אתה בפיהם ורחוק מכל ותיהם זייא זיינן נאהענט מיט זייער מויל אונ וייט מיט זייערי גדאנקן אויך זאגט דער פסוק ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבו לא נכון עמו זיי ריידין אים איבער מיט זייער מויל· אונ זייער צונג לייקענען זיי גאר צוא אנאנדער מחשבה· דען זיין הארץ איז ניט אן גיריכט צוא הקב"ה אויך זאגט דער פסוק גאט ב"ה זאגט ולא אותי קראת יעקב ניט מיך האסטו גירופין יעקב דאש מיינט מען דיא ישראל· דאש זייער כוונה איז ניט צו גאט:

נוא זעהן מיר דאך אז דער וואש טוט תפלה אן כוונה ווערט זי ניט דר הערט· אונ ווען ער קען קיין כוונת ניט האבין איז בעבר ער זאל גאר ניט דאווענען· דען תפלה אן כוונה איז אזו וויא אגוף אן אנשמה· אטייל זאגין ווער עש האט גדאווינט אן כוונה דארף ער איבר נאיים דאווינן· אונ אטייל זאגין וואש וועט עש אים העלפין· ער וועט דאך דאש אנדרי מאל אויך קיין כוונה ניט האבין· אזו איז דאך עש נאך אגרעסרי עבירה· דרום האבין די חכמים מבטל גיוועזן די זאך טאמר וועט ער דאש אנדרע מאל אויך ניט מכוין זיין· אבר ווען ער האט ניט מכוין גיוועזן אין דיא ערשטי דריי ברכות· דארף ער זיי נאך אמאל זאגין מיט כוונה· אבר אטייל זאגן אז אפילו די ערשטי דריי ברכות זאל מען אויך נאך אמאל ניט דאווענען· נון קענט איר וואול פר שטיין ווי גרויש די עבירה איז דר פון· אויבן איז אויך פיל גישריבן דר פון אויך איז איטליכר מחויב דיא ווערטר שארף ארויש צו ריידן מיט די לעפצין: דש דיא אויערין זאלין הערן וואש דש מויל רעט· אבר ער זאל ח"ו ניט הויך שרייען· דען ער איז ח"ו מקטני אמונה דאש ער גלויבט ניט דאש הקב"ה דר הערט דיא תפלה וואש מען דאווינט שטילר הייד:

ווען איינר איז אזו שיכור דש ער וואלט שוין ניט גטארט ריידן פר איין מלך· טאר ער ניט דאווענן· אונ ווען ער דאווינט יוא איז זיין תפלה אום ווערדיג· כלומר הקב"ה

איז

איז מְמָאֵס זיין תְּפִלָּה · נאר ער זאל ווארטן ביז ער
גיבעטרט זיך אויש דער נאך זאל ער דאוונן · אבר אפילו
אז ער האט גידאווינט בְּשַׁעַת שִׁכְּרוּת הייסט עש אויך
איין תפלה דאש ער דארף ניט נאך אמאל דאוונן · אבר
ארעכטער שיכור איז זיין תפלה גאר ניט · ער מוז נאך
אמאל דאוונן · ווען איינר האט פר זאמט דיא צייט פון
שמונה עשרה זאל ער בצאלן צו דר אנדריר תפלה וואש
ער דאווינט דר נאך · אז ווי עש ווערט בשיידן ווערן · אויך
טאר קיינער ניט זיצן אין חברש פיר איילן בשעת דער
חבר שטייט שמונה עשרה · אפילו ער דאווינט אויך ·
ווען איינר האט שוין גידאווינט שמונה עשרה · אונ קומט
אין שול אריין בשעת דאש קהל דאוונן שמונה עשרה ·
אויב ער קען עפּיס מחדש זיין אין זיין תפלה וואש ער
האט עש פריער ניט מתפלל גיוועזן · למשל ער וויל זאגן
איין יהי רצון פר אקראנקין אין דר ברכה פון רפאנו · אודר
ווידוי אין דר ברכה סלח לנו אדר עפּיס אנאנדר חידוש
אדר ער האט פריער גידאווינט אן כוונה מעג ער נאך
אמאל דאוונן מיט קהלי אונ זונסט ניט · אונ וואש ער
זאל מכוין זיין בשעת שמונה עשרה אונ פריער אונ דר
נאך שטייט שיין אויבן · קיינר זאל זיך ניט איבר געטען
מיט זיין תורה אונ מעשים טובים אודר מיט זיין כוונה ·
דאש ער ווערט זאגן דריבר איז ראוי זיין תפלה אן גינומען
ווערין · דען ער מאכט נאך זיין תפלה צו איין עבירה חס
ושלום · נאר ער זאל תפלה טאן ווייל הש"י איז איין רחמן
אונ דער באריימט זיך איבר די וואש רופן אים מיט אמת:
נון וועל איך שרייבן וויא מען מעג מחדש זיין אין
שמונה עשרה · אונ וויא מען טאר ניט אין דיא
ערשטע אונ אין די הינטערשטע דריי ברכות טאר קיין
יחיד ניט מחדש זיין · אבר אין די מיטולשטע דרייציין
מעג מען יוא מחדש זיין · ווען איינער וויל מתפלל זיין
גאט זאל אים געבין ער זאל קענן לערנן ער זאל האבן
אגוטן הארץ זאל ער זאגין זיין יהי רצון אין דער ברכה
פון אתה חונן · ווען איינער וויל מתפלל זיין דער יצר
הרע זאל אים ניט אפּ ריידין פון תשובה זאל ער זאגן
זיין יהי רצון אין דער ברכה פון השיבנו וויל ער זאגן
ווידוי זאל ער זאגן אין דר ברכה פון סלח לנו · וויל ער
מתפלל זיין פאר אקראנקן זאל ער זאגין זיין יהי רצון
אין רפאנו · וויל ער מתפלל זיין אויף פרנסה אונ שפייז ·
זאל ער זאגן זיין יהי רצון אין ברך עלינו אמייל זאגן
אין דער ברכה פון ראה נא בעניינו אין דער ברכה פון
שמע קולנו מעג ער מתפלל זיין וואש ער וויל · דען זיא
איז דער כלל פון אלע ברכות · ווי ער זאל זיך בוקין
אין שמונה עשרה שטייט אויבן אין הלכות בית הכנסת:
ווען איינר האט זיך טועה גוועזן אין שמונה עשרה אין
די ערשטע דריי ברכות מוז ער נאך אמאל אן
הייבין פון אן הייב · האט ער זיך טועה גיוועזן אין די
הינטערשטע דריי ברכות דארף ער זיך אום קערין צו
רצה · אבער אז ער האט זיך טועה גיוועזן אין דיא
מיטעלסטע ברכות זאל ער זיך אום קערין צו דר ברכה
וואש ער האט זיך טועה גיוועזן · ווען איינער האט
גיזאגט משיב הרוח אום זומער זאל ער נאך אמאל אן
הייבין פון אתה גבור · אבער אז ער האט שוין אויש
גילאזין דיא ברכה פון מחיה מתים מוז ער אן הייבין פון
אן הייב · אזוא איז אויך דער דין אז ער האט פאר
געסין צוא זאגין משיב הרוח אום ווינטער · אבער אז ער
האט פאר געסין צוא זאגין טל ומטר איז אנאנדר דין ·
דער מאנט ער זיך פאר רצה · זאל ער עש זאגין אין
דער ברכה שמע קולנו · דער מאנט ער זיך אבער נאך
רצה אפילו פאר עושה שלום זאל ער זיך אום קערין צו
ברך עלינו אבר אז ער דער מאנט זיך אז ער איז שוין
אויש גיגאנגען עושה שלום מוז ער ווידער אן הייבין פון
אן הייב · אונ מוז דאוונען איבר נייעס שמונה עשרה ·
ווען איינער האט פאר געסין צו זאגין יעלה ויבא אום
ראש חודש אדער חול המועד · איז דר דין אזו · האט
ער פר געסין צו שחרית אדר צו מנחה דארף ער נאך
אמאל דאוונען ש"ע · אבר ניט צו מעריב ; אונ ווען
ער דער מאנט זיך פאר עושה שלום זאל ער אן הייבין
פון רצה · אונ ווען איינער האט פאר געסין צו זאגין
על הניסים אום חנוכה אדר פורים דארף ער זיך ניט אום
קערין · ווען איינר האט גיזאגט די וואכעדיגע שמונה
עשרה אום שבת אונ האט זיך דער מאנט אין מיטן
אברכה · זאל ער גומר זיין דיא ברכה · אונ זאל אן
הייבין פון שבת · דער גליך זאל ער זאגן רצה ביז
סוף · דא וועל איך באשיידין ווען איינער האט פאר

זאָגט אַיין תְּפִלָּה ווי זאָל ער טאָן :

ווען אַיינר האָט פֿר געסין צו דאַוונן מִנְחָה · אָדר ער איז גיוועזן אַיין אָנֵס · אונ האָט ניט גיקענט דאַווענען · דאַרף ער דאַוונן צו מַעֲרִיב צווייא מאָל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · דאָש נאָך מַעֲרִיב זאָל ער אָן הייבן אשרי אונ דאַוונען מִנְחָה · האָט ער פֿר געסין דאַוונן מַעֲרִיב זאָל ער דאַוונן צו שַׁחֲרִית צווייא מאָל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · האָט ער פֿר געסן צו דאַוונן שַׁחֲרִית · זאָל ער דאַוונן צוא מִנְחָה צווייא מאָל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · אָבר די תְּפִלָּה פֿון דר זעלביגר צייט זאָל ער פֿריער דאַבנן · דער נאָך דאָש בַּצָאלונג · דען ער קען ניט בַּצָאלן קיין אַלְמִין חוב אַיידר ער בַּצָאלט דעם נייאָם חוב · אונ ווען ער האָט פֿאר געסין צו דאַוונען מִנְחָה אום עֶרֶב שַׁבָּת זאָל ער דאַוונען צו מַעֲרִיב צווייא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פֿון שַׁבָּת · דעסט גלייכן אַז ער האָט פֿר געסין מִנְחָה פֿון שַׁבָּת · זאָל ער דאַוונען מוֹצָאֵי שַׁבָּת צווייא וואכינדיגי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · אָבר ער דאַרף ניט זאָגין אתה חוננתנו אין דער אַנדרר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · אונ אויב ער האָט יוא גיזאָגט אין ביידי איז ער אויך יוֹצֵא · אָבר אַז ער האָט אין דער ערשטיר ניט גיזאָגט · אונ אין דער אַנדרר יוא · נוא וויל ער דאָך האָבין די ערשטע פֿר מִנְחָה אונ די אַנדרי פֿר מַעֲרִיב · דרום איז ער ניט יוֹצֵא · אונ מוז נאָך אַמאָל דאַבנן אַיין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פֿר מִנְחָה : אונ ווען אַיינר וויל בַּאצאָלין אַיין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מיט

דעם דאָש ער ווערט צו הערין דעם חַזָּן · אונ נאָך זאָגין וואָרט בייא וואָרט איז ער אויך יוֹצֵא · נאָר ער זאָל זעהן ניט צו פֿאר הערין קיין שום וואָרט אונ זאָל נאָך זאָגין אָמֵן אויף איטליכר בְּרָכָה · אונ אויב ניט איז ער ניט יוֹצֵא · אַזו איז אויך דער דין מיט יַעֲלֶה וְיָבֹא · אונ וואו איז דאָש גירעט אַז עש העלפֿט בַּצאָלין נאָך אַשְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · דאָש איז נאָר אַז ער האָט פֿר געסין · אָדר ער איז גיוועזן אַיין אָנֵס · דאָש ער האָט גיהאַט אַמִשְׁפָּט פֿאר אַיין שַׂר אונ האָט ניט צייט גיהאַט · אָדר עש האָט אים זיך גיטראָפֿין אַיין סַכָּנָה · אָדר ער האָט גימיינט עש איז נאָך פֿרי איך ווער נאָך צייט האָבין צוא דאַוונען · אָבער דער וואָש האָט בַּכַּוָּונָה פֿאר זאַמְט דיא צייט אויף אים זאָגט דער פָּסוּק מעות לא יוכל לתקון דער פֿאר קרימֶער קען ניט

בַּאצאָלין אָבר פֿון דעסט וועגין אַז ער וויל נאָך אַמאָל דאַוונן בְּתוֹרַת נְדָבָה ניט בְּתוֹרַת חוֹבָה מאָג ער דאַוונן אונ דאַרף נאָר ניט מְחַדֵּשׁ זיין · אונ ווי ער זאָל זאָגן

אָמֵן שְׁטֵייט שוין אויבין אַביסל דער פֿון :

די חֲכָמִים זאָגין עש איז מער מִצְוָה דער וואָש זאָגט נאָך אָמֵן פֿון דעם וואָש זאָגט דיא בְּרָכָה דען דער וואָש זאָגט די בְּרָכָה איז גלייך אַזוא ווי אַיינער דער ציילט עפעם אָדער ער ווייזט אַיין שְׁטָר אָן עֵדוּת אַזו קאָן זיין אַז עם איז אַיין שֶׁקֶר · אָבער אַז ער האָט עֵדוּת דרויף מאַכין זייא אים פֿאר אַיין וואָרהאַפֿטיגין מענטשין · אַזו אויך דער וואָש זאָגט נאָך אָמֵן איז גלייך אַזו ווייא אַיין עֵדוּת · נון ווען יוא עש איז אַזוא אַיין גרויסע זאַך · דרום זאָל איטליכער גיוואָרינט זיין דרינן · אַזו ווייא איך וועל דאָ בַּאשיידין · איטליכער איז מְחוּיָּב נאָך צו זאָגין אָמֵן מיט גרויש כַּוָּונָה · דאָש ער זאָל גלייכין אין דער בְּרָכָה וואָש דער חַזָּן זאָגט אַז עש איז אַזו גיוועזן · אונ עש ווערט אַזו זיין · אונ זאָל אַזוא לאַנג מאַריך זיין מיטין אָמֵן ביז ער זאָל דאָש מְכַוֵּין זיין · ניט מער אונ ניט ווינציגער · די גְּמָרָא זאָגט ווער עש זאָגט נאָך אָמֵן מיט דער גאַנצר כַּוָּונָה אֲפִילּוּ עש איז אויף אים נִגְזַר גיוואָרין בייז חַס וְשָׁלוֹם פֿאר זיבעציג יאָר · איז ער עש דער מיט מְבַטֵּל · עש איז פֿאר האַנדין פֿיל כַּוָּונוֹת אויף דעם אַלֶעם וואָש שְׁטֵייט דאָ אָבער דאָש איז די עִיקָּר כַּוָּונָה וואָש דער מענטש זאָל האָבין בְּשַׁעַת ער זאָגט אָמֵן דרום זאָגט די גְּמָרָא עש זאָל קיינער ניט זאָגין קיין אָמֵן חטופה · דאָש האָט אין זיך צווייא טייטשין דאָש ער זאָל ניט זאָגין מיט אַיין פַּתַח אַמֵן אָדר אמן · נאָר ער זאָל זאָגן אָמֵן · נאָך אַיין טייטש איז · חטופה פֿאר צוקין · דאָש ער זאָגט אָמֵן איידער יענער לאָזט אויש די בְּרָכָה · דרום זאָגט בֶּן עַזַּאי ווער עש זאָגט אַיין אמן חטופה ווערין פֿאר צוקט זיינע יאָרין ח״ו · דער נאָך זאָגט דיא גְּמָרָא ווער עש זאָגט אַיין אמן חטופה אייליגדיג אונ פֿר צוקט אָן כַּוָּונָה · ווערין זיינע יאָרן אייליגדיג פֿאר צוקט · אונ דר וואָש זאָגט אַיין אמן יתומה כְּלוֹמַר ער ווייס ניט אויף וועלכער בְּרָכָה ער זאָגט דעם אָמֵן · איז זיין עונש דאָש זיינע קינדר ווערין יְתוֹמִים · אָבר דער וואָש איז מַאֲרִיךְ אַזו

לאַנג

לאנג ווי איך האב אויבן גישריבן דר לייגנגערט מען
אים זייגע יארן:

דער וואש זאגט אמן מיט דער גאנצער כוונה עפינט
מען אים דעם טויער פון גן עדן · אזוא ווי דער
פסוק זאגט ויבוא גוי צדיק שומר אמונים עש זאל אריין
קומען דער צדיק וואש ווארט מיטין אמן ביז יענער
לאזט אויש די ברכה אונ זאגט עש מיט גרויש כוונה ·
בשעת דער חזן האלט מודים איז איטליכער מחוייב זיך
צוא בוקין · אונ זאל זאגין מודים דרבנן אונ זאל אויש
לאזין ברוך אל ההודאות אן אשם · אונ זאל זיך ניט
צו שטארק בוקין · דאש זיין פנים זאל ניט אויש קומן
קעגין דער ערוה · די לייט וואש שטייען ניט אויף צו
מודים · אונ בוקין זיך ניט · דאש איז איין עבירה אין די
אנדערע איינש ער זיצט בשעת דער חזן זאגט דיא
שמונה עשרה · דאש אנדערע ער בוקט זיך ניט צוא
מודים · דיא גמרא זאגט ווער עש בוקט זיך ניט צוא
מודים ווערט פון זיין שדרה נאך זיין טויט איין שלאנג ·
דען איז דער דין ער זאל זיך בוקין גישווינד · אונ זאל
זיך פאמעלאך אויף הייבין אזוא וויא דר שלאנג טוט ·
אונ ער טוט דאש ניט · דרום ווערט ער אשלאנג · ווען
איינער האלט אין מיטען שמונה עשרה · אונ דער חזן
האט אן גהובין צוא זאגין קדושה · זאל ער שטיל
שווייגין · אונ נאר צו הערין אין הארצין · אזו איז אויך
דער דין ביי מודים · זאל ער צוא הערין אין הארצין
אונ טאר זיך ניט בוקין סייער האלט אין מיטן אברכה ·
אדר תחלת אדר סוף פון די ברכות וואש מען דארף
זיך ניט בוקין · אטייל זאגין מען טאר ניט צוא הערין
אין הארצין אויך · נאר ער זאל דאוונען כסדר :

נאך שמונה עשרה זאל ער אויש גיין עושה שלום אזוא
ווי אויבין שטייט אין הלכות בית הכנסת · דער
נאך זאל מען זאגין תחנון · פאר נאכט זאל מען פאלין
אויף דער לינקער האנט · אין דער פריא אויף דער
רעכטער אזו וויא אויבין שטייט · דער נאך זאל מען
זאגין אשרי למנצח ובא לציון · מען בדארף גרויש כוונה
האבין צו דער קדושה פון ובא לציון · דען עש איז אויף
תרגום לשון · אויך שרייבט דער טור אורח חיים רבי
שמעון בן גמליאל זאגט פון רבי יהושע בן לוי ווען
זינט דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין ווערט אלע
טאג גימערט אייטל קללות · אונ עש נידערט ניט קיין
טוי פון ברכה פון הימל · אויף וואש דען שטייט דיא
וועלט · אויף דעם וואש מען זאגט ובא לציון · אונ אויף
דעם אמן יהא שמיה רבא וואש מען זאגט נאך דער דרשה ·
דאש איז זייער אגרוישע מצוה · דרום מוז מען עש
זאגין מיט גרויש כוונה · אונ אז ער קומט צו ברוך אלהינו
שבראנו לכבודו זאל ער זיך פרייען מיטן גאנצין הארצין ·
אזו וויא אויבין שטייט דער משל דער פון · דער נאך
זאל דער חזן זאגין גאנץ קדיש · דער נאך עלינו אונ
קדיש יתום · אונ ער זאל ניט באלד ארויש גיין פון דר
שול אזו ווי איין אשה טוט · דען עש איז גלייך ווי ער
פאטערט אראפ פון זיך אמשא ח"ו · נאר ער זאל זיצן
אביסל · אונ דאש איז אויך אגרושע מצוה · אזו וויא
דער פסוק זאגט אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה · אום
מאנטיג אונ דאנערשטיג זאגט מען לאנג והוא רחום אונ
ה' אלהי ישראל דען דאש זיינן דיא צוויא טעג וואש
הקב"ה האט מוחל גיוועזן צו די ישראל אויף דעם חטא
עגל · דען אז זייא האבן דר נאך תשובה גיטאן האט
גאט ית' גיזאגט צו משה גייא אויף צו מיר אויפן בארג
סיני וועל איך דיר שרייבין אנדרע לוחות אויף דעם
אורט פון דיא ערשטע וואש דוא האסט צו בראכין ·
דא איז משה ארויף גיגאנגען אום דאנערשטיג אונ האט
זיך דארטין גיזאמט פערציג טעג אונ פערציג נעכט ·
אונ איז ווידר אראפ גיקומן אום מאנטיג · האט אים
הקב"ה איין בשורה טובה גיזאגט סלחתי כדברך איך האב
פר געבין אזו וויא דוא האסט גיבעטין די אלע פערציג
טעג אונ אויך נעמט מען אויש דיא ספר תורה · אונ
מען לייענט צעהן פסוקים אין דער פרשה פון דער
וואך · אבר קיין הפטורה זאגט מען ניט ווייל דש פאלק
איילין זיך צו זייער מלאכה אונ האנדיל :

אויך דעסט גלייכין אום ראש חודש זאגט מען אויך
קיין הפטורה ניט פון דעם טעם וועגין · אבר
שבת אונ יום טוב זאגט מען יוא איין הפטורה · תענית
צו מנחה זאגט מען אויך איין הפטורה ווייל דענמלט
הילין זיך ניט דאש פאלק צו זייער ארבעט · אין אטייל
ערטער זאגט מען אל ארך אפים אום מאנטיג אונ
דאנערשטיג

דאנרשטיג · אין שבת צו מנחה אונ אין איין תענית רופט מען מער ניט אויף נאר דרייא אונ אום ראש חודש רופט מען אויף פיר · אונ אום יום טוב פינף · אונ אום יום כיפור זעקס · אונ אום שבת זיבן · בשעת לייענען מוז זיין אמנין אונ אויב עש איז מער ניטא נאר ניין חאטשע עש זיינן פאר האנדין נייבער אונ קינדר וואש זיינען נאך אלט דרייצעהן יאר טאר מען ניט לייענען מיט א ברכה · אויך אז דר מנין זיינן אין צווייא חדרים · טאר מען אויך ניט לייענען מיט א ברכה · סיידין דער חזן שטייט אויף דער טיר וואש פון איין חדר אין אנדרין · דעם וואש מען רופט אויף טאר ניט מאכין דיא ברכה ביז דער חזן ווייזט וואו מען וועט אים לייענען אונ ער זאל זיך אום קערין אויף אזייט אדר ער זאל צו מאכין דיא ספר תורה בשעת ער מאכט די ברכות · כדי מען זאל ניט מיינען די ברכה שטייט אין דער ספר תורה · אזו איז אויך דער דין ביא דער אנדערר ברכה וואש נאך דעם לייענען · אונ מען זאל די מענטשין דורך אנאנד אויף רופן · אונ דעם וואש מען רופט אויף צום הינטרשטן זאל בלייבן שטיין אויפן בלעמער ביז מען הייבט אויף די ס"ת אונ זאל זיא באלייטין אזו ווי דר בעל גלילה · דאש פיל לייט זאלין זי באלייטין · אונ טאן איר כבוד · נאך דעם לייענען הייבט מען אויף דיא ס"ת אונ מען ווייזט דאש כתב איטליכן מענטשין דרום גייט דר בעל הגבה אויף אלע זייטען אזו ווי דר סדר איז · אטייל קהילות זאגין תחנות אונ יהי רצון אונ אטייל זאגין אב הרחמים נאך דעם לייענען · איטליכע שטאט וויא איר מנהג איז · דער נאך זאגט מען אשרי ובא לציון :

## תפלת מנחה

די צייט פון מנחה איז נאך זעקס שעה מיט אהאלבי אויף טאג · אונ מיר רעכענען תמיד דעם טאג פר צוועלף שעה · אונ אויך די נאכט פר צוועלף שעה · סייא אום זומער סיי אום ווינטער · אונ דיא צייט פון מנחה איז דרייא שעה · דהיינו ביז ניין שעה מיט אהאלבין אויפין טאג · דאס הייסט מנחה גדולה · רבי יהודה זאגט די צייט איז ביז עלף שעה מיט אפערטיל אויפין טאג דאש איז דריי פערטיל שעה פאר נאכט · אונ ווי איטליכער וויל זאל ער טאן · נאר ער זאל זעהן ניט צו פאר זאמען די צייט · דרום זאל זיך איטליכר אין זין אריין נעמן ניט צוא פאר זאמען דיא צייט פון מנחה · דען די תפלת מנחה איז מער אן גינומען ביי הקב"ה פון אלע תפלות · אזו ווי מיר גיפינען אויך ביי אליהו דאש זיין תפלת מנחה איז דער הערט גיווארין אונ עש איז אראפ גיקומען אפייער פון הימל פאר די אויגין פון כל ישראל אונ דאש איז דער טעם דרום איז די תפלת מנחה מער אן גינומען · נוייל דענקמאלט האט דער מענטש זיינע רעכטע עסקים · אונ ער בצווינגט זיין יצר הרע אונ גייט אונ טוט תפלה פאר הקב"ה · דען הקב"ה האט ליב די לייט וואש באצווינגן דעם יצר הרע · אונ האט פיינט די לייט וואש ציהען אים נאך · דרום האבין די חכמים פאר באטין דאש קיינער זאל זיך ניט זעצין עסין אדער אן הייבין א מלאכה פאר מנחה אפילו ער וועט זיא קאנטשין פאר מנחה · ביז ער זאל פריער דאווענען מנחה · אונ ווען איינער האט אן גיהויבין איין מלאכה אדער ער האט זיך גיזעצט צו איין סעודה איז ער מחוייב אוועק צו ווארפין אונ דאווענען מנחה · דען די תפלת מנחה איז חשובר בייא הקב"ה פון די קטורת אונ קרבנות · אזו ווי דער פסוק זאגט עש זאלין אן גינומען ווערין מיינע תפלות מער פון די קטורת אונ מער וויא איך וואלט אויף גיהויבין מיינע טענער צוא ברייגען קרבנות דאש מיינט מען תפלת מנחה :

אין איין תענית מוז מען מער כוונה האבין צו מנחה אדר אנאנדערש מאל צו מנחה · דען דענקמאלט איז מען הונגעריג אונ מיד · אונ דאש לייב איז דער שלאגין · אזו וויא דער פסוק זאגט תפלה לעני כי יעטוף דאש מיינט מען די תפלה פון איין עני וואש ווענד זיך ארום מיט אן מאכטקייט ער פאר גיסט זיין תפלה פר גאט מיט כוונה · איטליכער איז מחוייב זיינע הענט צוא וואשין איידער ער קומט אין שול אריין · אפילו איינער זיצט איבר איין ספר אונ לערינט טאר ער דר נאך ניט דאווענען ביז ער מוז פריער די הענט וואשין · ווען איינר האט אבר קיין וואשע ניט איז ער מחוייב

צו

צו גיין איין מייל וועגס ווייטער פון וואשער וועגן · אונ צוריק איז ער נאר מחוייב גיין את תחום שבת · אונ מער ניט · אבר אז עש איז שוין שפעט דאש ער וועט מיט זיין גיין עובר זיין דעם זמן תפלה · אדער עש איז אום מגלאך וואשער צו קריגן · זאל ער אפ רייבן זיינע הענט אין דער וואנט :

מען דארף זאגן אשרי פאר שמונה עשרה אז וויא די גמרא זאגט דר וואש זאגט אשרי דריי מאל אלע טאג דער איז בודאי איין בן עולם הבא · דער טעם איז וויל דרינן שטייט רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם הקב"ה טוט דאש ווילן פון זיינע פארכטיר אונ דער הערט זייער גישרייא אונ העלפט זייא · אזו וועט ער דער נאך דאוונען שמונה עשרה מיט אפרייליך גימיטו׳ די גמרא זאגט עש זאל זיך קיינער ניט שטעלין שמונה עשרה בקלות ראש דאש מיינט מען אז ער רעט פריער פאטשטין · אדר מכ"ש דברים בטלים׳ אדר ער איז אין צארין׳ נייארט דורך פריידין אונ פארכט אונ זא׳ אביסל ווארטין פאר שמונה עשרה אונ נאך שמונה עשרה אזו וויא ביא שבת ביסטו מחוייב מוסיף צו זיין מחול על הקודש פריער אונ דער נאך · אזו אויך ביסטו מחוייב בכבוד האלטין אונזרע שולן וואש זייא זיינן אויף דעם ארט פון בית המקדש פארין דאוונען אונ דער נאך · אויך זאגט דיא גמרא אפילו איין חרבע שול ביסטו אויך מחוייב נוהג כבוד זיין · אז וויא דער פסוק זאגט והשמותי את מקדשיכם איך וועל פאר וויסטן אייער בית המקדש · נוא ווערט עש דאך גירופן בית המקדש חאטשע עש איז וויסט אונ דיא קדושה איז נאך דרויף׳ ווען איינר גייט אין שול אריין אימצין ארויש רופן׳ אדר עפיס ארויש טראגין אונ אריין טראגין · איז ער זיך מחוייב אין שול אנידר זעצין אונ זאל זאגין עטליכע פסוקים וויל דיא שכינה רוט דרינן · אונ אויב ער קען קיין פסוק ניט זאל ער זאגין אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה קאן ער דאש אויך ניט זאל ער אזו בלייבין זיצן איין ווילע · אונ זאל זיך גידענקען ווען ער וואלט גיגאנגין פאר א מלך בשר ודם אין זיין חדר אזו וואלט ער דאך גיגאנגין מיט גרויש מורא · מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אונ ניט אזו וויא אטייל לייט מאכין אגישרייא נאך

דעם דאוונען וויא אין א ביר הויז אונ אפט קריגן זייא זיך אין שול · דאש איז איין הארבע עבירה צו דיא זעלביגע לייט וואש טואן אזעלכע ביטרע עבירות אין דיא ליבע שולן :

נון איר ליבע לייט איך וועל אייך לערנען וואש איר זאלט טאן אז עש זאל אויף אייך פאלין די מורא פון גאט · איר זאלט זיך אום קערין מיטען פנים צו דר וואנט דש איר זאלט אויף קיינעם ניט זעהן אין דיינע פיר איילן בשעת דאוונען׳ אונ פר ווערמין איר שטעלט זיך צו ריידין · וועט אייך בודאי איין מורא אן האפין אונ דער וואש האט ניט קיין שטאט צו דער וואנט זאל ער אראפ האלטין זיינע אויגן אונ זאל אויף קיינם ניט קוקן · אונ ווער עש בגערט דאש צו טאן העלפט אים הקב"ה דר צו · אז וויא דיא גמרא זאגט הבא לטהר מסייעין אותו ווער עש קומט זיך ריינגן העלפט מען אים פון הימל׳ הבא לטמא כו׳ אונ ווער עש קומט זיך מטמא זיין מיט זיינע בייזע מחשבות׳ בקומט ער אויך זיין בגערי דרום זאל איטלכר אויף זיך נעמען דיא מורא פון גאט דער מענטש דארף נאר אן הייבין · אז וויא דיא גמרא זאגט כל התחלות קשות אלע אן הייבנס איז שווער · אבר דר נאך קומט עש אים גרינג אן · איר ליבע לייט לאז אייך דיא יראה קיין קליינע זאך ניט זיין · דען דיא וועלט אונ יענע וועלט הענגט דרינן אז וויא דר פסוק זאגט ועתה ישראל מה ה׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך משה רבינו ע"ה האט גיזאגט צו ישראל נון וואש בגערט הש"י פון דיר נאר דוא זאלסט זיך פארכטין פר גאט דיין גאט מיט דיין גאנצין הארצין אונ לייב נון זעהן מיר אז אונזר גלייבין הענגט אין גאטש פארכט · דען דער זעלביגר מענטש וואש פארכט זיך פר גאט טוט ניט באלד קיין עבירה · אונ אלע מצות קומן אים גרינג אן׳ אונ ער האט די וועלט אונ יענע וועלט · אונ דער מענטש וואש פארכט זיך ניט פאר גאט · איז ביא אים אלין פאר קערט · אונ ער איז אזו ווי איין גוף אן אנשמה · אז וויא עש וועט נאך בעסיר בשיידט ווערין אין פרק ענין המצות : דער וואש גייט אדר ער פארט אין וועגן אדר ער רייט אויף איין פערד · אונ עש קומט דיא צייט צו דאוונען זאל ער אזו דאוונען גייאנדיג אונ זיצנדיג

אדער

דר רייטנדיג אפילו ער קומט ניט אויש מיט זיין פנים קיין מזרח דען אז ער וועט זיך אנדרש שטעלין וועט ער קיין כוונה ניט קענין האבין ווייל ער איילט צו זיין וועג · אטייל לייט זיינגען זיך יוא נוהג צו שטעלין זיך צו דעם ערשטין פסוק פון קריאת שמע דאש איז שמע ישראל אונ צו דיא הינטרשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה · כדי זייא זאלין קענען אויש גיין עושה שלום · דאש איז אויך רעכט · אונ דער וואש דאווינט שמונה עשרה ריטנדיג אויפן פערד · זאל ער עש פירן דרייא טריט הינטר זיך צו עושה שלום דרום אויך ווער עש פארט אין איין וואגין אדר אין אשיף אויב ער קען זיך שטעלין איז זייער גוט פון עושה שלום וועגין · ווען איינר איז אין וועג אין איין מקום סכנה דאש ער קען ניט זיין תפלה טאן · זאל ער זאגין דיא קורצע תפלה וואש שטייט אין אורח חיים סימן ק״י · אונ איטליכר זאל זיך אויף שרייבין דיא תפלת הדרך · אונ זאל עש זאגין באלד אז ער גייט ארויש פון זיין הויז · אונ עכ״פ זאל קיין מענטש ניט גיין קיין מייל אן תפלת הדרך · אונ אז ער האט פר געסין זאל ער עש נאך זאגין ביז איין תחום שבת פון דער שטאט וואש ער וויל דארט בלייבין נעכטיגן · איטליכר איז מחוייב גיווארינט צו זיין צו לייאנען קריאת שמע אויף זיין בעט אזו ווערט ער בשירמט פאר רוחות רעות אונ פאר אלע מזיקים ר״ל · אונ ער זאל אזו לאנג לייאנען קריאת שמע ביז ער ווערט אנטשלאפין · אזו וועט אים ניט צו קומן קיין בייזי חלומות די זעלביגי נאכט ווייל ער איז אנטשלאפין גיווארין פון דברי תורה :

אויך זאל איטליכער גיווארינט זיין דאש ער זאל זיין בצניעות אין זיין קאמיר · אונ זאל זיין העמד ניט אויש טאן ביז ער לייגט זיך אין בעט אריין · אויך אין דער פריא זאל ער עש אן טאן בצניעות דאש דיא גיר וועגט זאלין ניט זעהן זיין בלויז לייב · דער כלל פון דער זאך איטליכר זאל גידענקען מלא כל הארץ כבודו אז דער כבוד פון הקב״ה איז איבר דער גאנצער וועלט אונ דוא קענסט זיך ניט פאר בארגין פאר אים · דר דיק וואש האט גאטש פארכט אין זיך איז ער גוויש מדקדק אין אלע זיינע מעשים אונ עש דוכט זיך אים תמיד ער שטייט פאר הקב״ה · אז וויא דוד המלך ע״ה האט גיזאגט שויתי ה׳ לנגדי תמיד איך טוא גאט יתברך צו קעגן מיר תמיד · אויך האט ער זיין זון שלמה צוואה גילאזט בכל דרכיך דעהו אין אלע דיינע וועגין אונ מעשים גידיינק אים · אונ לאז זיך דיר דוכטען דוא שטייסט פאר הקב״ה · אין דיא צווייא פסוקים העננט כל התורה כולה · אונ דער זעלביגר מענטש וואש האט גאטש פארכט אין זיך גידענקט ער אין דיא פסוקים אונ ער וועט בודאי קיין עבירות ניט טואן אונ דיא מצות קומן אים גרינג אן · אונ איז אערעכטער צדיק אונ חסיד · אבר דר וואש איז ניט קיין גאטש פארכטער העלפט אים ניט אפילו קיין הונדרט פסוקים · דען ער קערט זיך ניט דרינן אונ גייט נאך דעם יצר הרע · אונ ער איז פון די רעכטע רשעים וואש הקב״ה האט פיינט · אונ זייער תפלה ווערט ניט דער הערט · אבר דיא תפלה פון צדיקים איז גליבט אין גאטש אויגן אונ ער גלוסט דער צו :

סליק הלכות תפלה · בעזרת האל אשר לו נאוה תהלה :

איידר איך וועל שרייבן דעם אנדרין פרק וועל איך שרייבין איין הג״ה :

דיא יראה אונ אהבה פון הקב״ה איז גיטיילט אויף צווייאן · עש איז פר האנדין איין מענטש וואש פארכט זיך פאר הקב״ה · דאש ער וועט אים שטראפין אין זיין לייב אונ גוטש · אדר ער פארכט זיך פארין גיהנם · דיא זעלביגע יראה איז זייער גוט דאש ער פארכט זיך תמיד פר הקב״ה · אז דער פסוק זאגט למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו דרום זאל זיין דיא פארכט פון גאט אויף אייך כדי איר זאלט ניט זינדיגן · אבר עש איז נאך פאר האנדין אבעסרי יראה דער פון · דאש איין מענטש פארכט זיך פאר הקב״ה ווייל ער איז אגרוסר הער אונ האט אין זיך זייער פיל מעלות אונ גדולות דער זעלביגר וואלט זיך גיפארכטן פאר הקב״ה ווען אפילו עש זאל קיין עונש ניט זיין · דאש איז דיא רעכטע יראה · אויף דעם האט משה רבינו ע״ה גיזאגט וואש בגערט הקב״ה פון אייך ניט מער נאר איר זאלט זיך פארכטין פאר אים דער וואש

האט

46

האט די מדה אין זיך וואול צו אים אבר דער וואש פארכט זיך פר עונש איז עש ניט קיין רעכטע יראה · דען ווען ניט דער עונש וואלט ער עובר גיוועזן אויף אלע עבירות אונ וואלט נאך גיגאנגין דעם יצר הרע · אויף דעם זעלביגן זאגט דער פסוק ויראת מאלהיך אני ה׳ זאלסט זיך פארכטין פאר דיין גאט · דען איך בין גאט וואש קען שטראפין :

דיא אהבה איז אויך גיטיילט אויף צווייא חלקים · עש איז פאר האנדין אמענטש וואש האט ליב הקב״ה פון שכר וועגין · דהיינו דאש ער האט אים גיגעבן-עושר אונ כבוד · אדר ער זאל אים געבין גן עדן · אדער פון עולם הבא וועגין · עש איז וואול גוט דאש ער האט זיין בטחון אויף הקב״ה · אבר עש איז ניט דיא רעכטע אהבה דען ווען ניט דאש וואלט ער אוועק גילאזט דיא אהבה · די אנדרי איז די רעכטע אהבה דאש איין מענטש האט ליב הקב״ה ניט פון שכר וועגין נאר ער בגערט תמיד צו דינן צו זיין הייליגען נאמין אונ צוא טאן זיין רצון פון ליבשאפט וועגין · גליך אז וויא איין קינד וואש האט ליב זיין פאטער אזו וויא אברהם אבינו האט גיטאן דאש ער האט זיך גילאזט אין פייאר אריין ווארפין פון קידוש השם וועגין · אונאזו אויך חנניה מישאל ועזריה אונ נאך פיל צדיקים אונ חסידים האבן מקדש השם גיוועזן · אונ האבין זייער לייב אונ גוטש ניט גיאכט קעגן דר ליבשאפט פון הקב״ה · וואול צו דעם מענטשן וואש איז זוכה צו קומן צו דער מדה וואול צו זיינע עלטרין · אונ זיינע קינדר אונ קינדש קינדר דורי דורות גניסן זיין זכות :

דער פרק רעט פון תשובה וויא מיזאל תשובה טאן

## הלכות תשובה פרק שלישי

שובה ישראל עד ה׳ אלהיך כי כשלת בעונך דער נביא שטראפט די ישראל אונ זאגט טוא תשובה צו גאט דיין גאט דען דוא ביסט זייער גישטרויכלט אין דיינע זינד · רבי לוי זאגט דיא תשובה איז אגרושע זאך דאש זיא גרייכט ביז אין דעם כסא הכבוד · וויא דר פסוק זאגט שובה ישראל עד ה׳ אלהיך דש מיינט מען ביז אין דעם כסא הכבוד · אויך זאגט דער פסוק אם תשוב ישראל אלי תשוב ווען איר ישראל וועט תשובה טאן וועט אייער תשובה גרייכין ביז צו מיר צו מיין כסא הכבוד · רבי יהודה בר סימון זאגט טוט תשובה ישראלי ווען אפילו איר האט פאר לייקנט אין גאט ח״ו · דאש איז דאך דיא הרבסטע עבירה העלפט פארט תשובה · אז ווי מיר גיפינן דאש דיא ישראל האבן עטליכי מאל עבודת כוכבים גידינט · אונ הקב״ה האט זייא איבר גיענפרט צו דיא פיינט אין דיא הענט אריין · דער נאך אז זייא האבין תשובה גיטאן האט גאט יתברך זיא אן גינומן · אונ האט זייא גישיקט איין נביא אונ ער האט זייא גיהאלפין פון זייערע פיינד · אונ האבין גיטאן נקמות אין זייערע פיינדי פון דעם לערנען מיר אז דיא תשובה העלפט אויף אלע עבירות אין דר וועלט · אז וויא עש וועט דא נאך בעסיר בשיידט ווערין · רבי אליעזר זאגט דער מנהג איז אז איין מענטש איז מבזה זיין חבר פאר לייט אונ דער נאך בעט ער אים איבר זאגט ער צו אים בעט מיר איבר פאר לייט וועל איך דיר מוחל זיין · אבר אליין וויל איך דיר ניט מוחל זיין · אבר הקב״ה איז ניט אזו ווען איינר טוט איין עבירה פאר לייטין · אדר ער שעגט אונ איז מבזה פאר לייטין · דר נאך אז ער שטעלט זיך אין זיין חדר אליין אונ וויינט אונ פאסט אונ טוט תשובה · אונ בעט מחילה פון הקב״ה · דא איז ער אים מוחל :

אונ הקב״ה האלט אויף זיין צארין · אונ האפט אויף דער תשובה פון דיא רשעים · אז וויא מיר גיפינן ביי משה רבינו ע״ה אז ער איז ארויף גיקומען אויפן הימל האט ער גיזעהן דאש הקב״ה האט גישריבן ה׳ ארך אפים גאט ית׳ האלט אויף זיין צארין טאמיר וועט ער תשובה טאן · האט אים משה רבינו ע״ה גיפרעגט פאר וועמין שרייבסטו דאש · האט אים הקב״ה גיענפרט פאר די צדיקים אונ פאר די רשעים · האט משה רבינו גיזאגט דיא רשעים לאזין באלד פר לארן ווערין: אונ זיי זיי דיין מיט דיין צארין · האט הקב״ה גיזאגט משה דוא וועסט נאך קומן דער צו · אונ אז די ישראל האבין גיזינדיגט מיטן עגל אונ מרגלים האט משה גיבעטין ה׳ ארך אפים · האט אים הקב״ה גיענפרט משה דוא האסט דאך גיזאגט די רשעים לאזין פארלארן

פרלארין ווערין יהאט משה אן גיהובן אונ גיזאגט ועתה יגדל נא כח ה׳ כאשר דברת לאמר אצונד לאז זיך דר גרייסן דער כח פון גאט וויא דוא האסט גירעט צו זאגין דאש דוא דער לענגירסט דיין צארין צו דיא רשעים · האט הקב״ה גיזאגט יזא איך וועל אויף האלטין מיין צארין אויב זייא וועלין תשובה טאן · אויף אלי דיא עבירות האלט אויף הקב״ה זיין צארין · אבר ניט אויף דער עבירה פון זנות · דען פון וועגין זנות קומט איין אום קומניש אויף דער וועלט ר״ל · אז וויא עש איז ווישינליך · עש איז אגרוישע זאך די תשובה · אונ ווען מיזאל רעכט תשובה טאן וואלט באלד גיקומן די גאולה: דיא גמרא זאגט אז ישראל וועלין תשובה טאן וועלין זייא אויש גילייזט ווערין פון גלות · אונ אויב ניט וועלין זייא ח״ו ניט אויש גילייזט ווערין · אזו זאגט רבי אלעזר · רבי יהושע זאגט אפילו זייא וועלין קיין תשובה ניט טאן וועלין זייא אויך דער לייזט ווערין · אונ ווען דיא צייט וועט קומן פון קין וועט הקב״ה אויף שטעלין איין שלעכטין מלך ווי המן · ער וועט מאכין פיל בייזע גיזעץ אונ גזירות · דא וועלין ישראל מוזן תשובה טאן · אזו וועט זיין די גאולה · אונ משה רבינו ע״ה האט אונז דרויף פר זיכרט ווען מיר וועלין תשובה טאן וועט הקב״ה מקבל זיין אונזר תשובה · אונ וועט אונז דער לייזין פון גלות · אז וויא דער פסוק זאגט · ושבת עד ה׳ אלהיך ושמעת בקולו וגו׳ · אז וויא עש וועט נאך בעסיר בשיידט ווערן אין פרק פון דר גאולה · רבי יהושע בן לוי זאגט דיא תשובה איז אגרוישע זאך · דאש אפילו דיא עבירות ווערין אים גירעכנט פאר מצות · אונ דיא תשובה דער לענגרט אים זיין לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט · אז וויא דר פסוק זאגט ובשוב רשע מרשעתו ועשה משפט וצדקה חיה יחיה אז דר רשע קערט ווידר פון זיין שלעכין אונ טוט משפט אונ צדקה דער לייגרט אים הקב״ה זיין לעבין אויף דער וועלט · אונ אויף יענער וועלט · רבי חמא בר חנינא זאגט די תשובה איז זייער גרויש דאש זיא ברענגט ארפואה אויף דער וועלט · אז וויא דער פסוק זאגט שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם טוט תשובה איר זינדיגע לייט וועל איך שיקן איין רפואה אויף דער וועלט:

רבי אליעזר זאגט קום אונ זעה וויא איין גרוישע זאך איז די תשובה · הקב״ה איז ניט ווי איין מענטש · דען אז איין מענטש דער צערינט דעם אנדרן · דער נאך וויל ער אים איבר בעטין · אזו איז אים אספק אויב ער וועט אים מוחל זיין אונ אויב ניט · אויך איז אים אספק טאמיר דארף ער צוא אים שיקן לייט · אדר ער זאל אים איבר בעטין מיט געלט · אבר הקב״ה איז ניט אזוי ער בגערט ניט מיזאל צו אים שיקן לייט אונ אויך קיין געלט · נאר ווערטער אונ אגוטז הארץ אז וויא דער פסוק זאגט · קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ נעמט מיט אייך רייד אונ קערט ווידר צוא גאט · אזו וועט איר בקומן אלי דאש גוטש · אויך זאגט דר פסוק מודה ועוזב ירוחם דער וואש בקענט זיינע זינד אונ פאר לאזט זייא ווערט ער דער בארימט · אונ זיין רייד אונ ווידוי וואש ער זאגט פאר הקב״ה איז גלייך אז ער וואלט גיבראכט אלע קרבנות פון דר וועלט · אונ ווען ניט תשובה וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט: אויך הקב״ה האט ניט גיוואלט בשאפין די וועלט ביז ער האט פריער בשאפין דיא תשובה · אונ דאש איז איינש פון די זיבן זאכין וואש זיינען בשאפין גיווארן איידר די וועלט איז בשאפין גיווארין · דען הקב״ה האט גיוואוסט דאש דער מענטש ווערט בשאפין מיטין יצר הרע · אזו וועט ער בוודאי זינדיגן · נוא ווען הקב״ה זאל אים משפטין נאך זיינע מעשים נאך אזו וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט · דרום האט הקב״ה בשאפין דיא תשובה · אונ ער האלט אויף זיין צארין אונ דער בארימט זיך איבר דעם וואש טוט תשובה · אזו ווי מיר גיפינן אין פסוקים דאש הקב״ה איז מקבל תשובה אויף דיא גרעסטע עבירות אין דער וועלט: אזו וויא איך וועל בעסער בשיידין: הקב״ה האט אן גינומן דיא תשובה פון קין אונ פון אדם הראשון אונ פון ראובן אונ יהודה · אונ פון אחאב מלך ישראל: אויך מנשה האט פיל הארבע עבירות גיטאן וואש זיינען פר באטין אין דער תורה: האט דאך הקב״ה מקבל גיוועזן זיין תשובה: אונ אויך די תשובה פון דר שטאט נינוה: אונ פון דוד המלך:

נון זעהן מיר דאך אז סייא דיא תשובה פון איין יחיד

סייא

סייא די תשובה פון רבים: סייא פון דעם וואש האט גיטאן הרבע עבירות סייא פון דעם וואש האט גיטאן גרינגע עבירות · סייא פון איין מלך איז דאך הקב"ה אליש מקבל: דרום האט הקב"ה אן גישריבן די עבירה פון עגל: נון ווארום זאל איטלכער ניט תשובה טאן איידר ער נייט אוועק פון דער וועלט · דען אלע שעה דארף דער מענטש מורא האבין פארין טויט · אונ דער נאך העלפט אים קיין תשובה ניט · אז וויא מיר גיפינן אין דער גמרא רבי שמעון בן לקיש האט גיהאט צווייא חבירים דאש זייא פלעגין בנאנדר גנבנן אונ גזלנן: אמאל האט רבי יוחנן זיך גיבאדין אין טייך · אונ רבי שמעון בן לקיש איז אריבר גינאנגין דעם בריק אונ האט אים דער זעהן אזו האט ער באלד תשובה גיטאן אונ איז נינאנגין אבינט אונ מארגין אין שול אונ אין בית המדרש ארין אונ האט גיטאן אייטל מעשים טובים · אטייל זאגין רבי יוחנן האט אים גיוואלט געבין זיין שוועסטר פאר איין ווייב האט ער זיא ניט גיוואלט נעמין · דאש מיזאל ניט זאגין ער האט דרום תורה גילערנט פון איין שיין ווייב וועגין · אונ אטייל זאגין ער האט זיא יוא גינומן · דאש ער האט גיוואלט זיין רבי יוחנן אשוואגער · דעם טאג וואש רבי שמעון בן לקיש איז גישטארבין זיינען זיינע חברים אויך גישטארבין · דעם רבי שמעון זיינען אנקעגן גיגאנגן פיל מלאכים אונ פיל צדיקים אונ חסידים · אונ האבין אים גאר שיין אנטפאנגין · אונ האבן אים גיבראכט הינטער דעם כסא הכבוד וואו דיא אנדרע צדיקים זיצן · אונ צוא זיינע צווייא חברים זיינען אנקגין גיקומען מלאכי חבלה · אונ האבין זייא גיווארפין אין תהום פון גיהנם · האבין זייא גיפרעגט ווארום טוט מען אן דעם רבי שמעון אזו אגרוסן כבוד · ער איז דאך גיוועזן אונזער חבר · דיא אונ דיא עבירה האט ער מיט אונז גיטאן · האט מען זיי גיענפערט ער האט תשובה גיטאן · וואלט איר אויך תשובה גיטאן וואלט איר אויך גיהאט דעם כבוד · האבן זייא גיזאגט מיר וועלין נאך מער תשובה טאן פון אים · האט מען זייא גיענפערט עש העלפט ניט קיין תשובה נאך דעם טויט · נאר פאר זיין לעבין:

אזו אויך האט שלמה המלך גיזאגט ווילסטו תשובה טאן טוא תשובה פאר דיין לעבין · דען אין דער גרוב וואש דוא גייסט אהין איז קיין תשובה ניט פאר האנדין · דרום זאל זיך איטלכער בדיינקען אונ זאל תשובה טאן בצייטין איידר ער שטארבט · אונ עש זאל קיינר ניט ווארטין אויף דער לעצטער שעה · דען אלע שעה איז דר מענטש ניט זיכר פארין טויט · דרום זאל איטלכער מענטש מיט זיך ברייננען תורה אונ מעשים טובים · דאש איז דאש צירונג אויף יענער וועלט: עש איז איין משל איינר זעצט זיך אין איין שיף אונ פארט אויפין ים אז ער נעמט ניט מיט זיך קיין שפייז שטארבט ער דאך אין שיף פאר הונגער · דען אויפן ים בקומט ער ניט קיין עסין אזו איז דאש אויך ווער עש נעמט זיך ניט מיט קיין שפייז אויף יענער וועלט · דאש מיינט מען די תשובה אונ מעשים טובים · העלפט אים שוין דארט קיין תשובה ניט · דרום זאל איטלבר תשובה אונ מעשים טובים טאן אין זיין יוגנט · דען אויף דר עלטער איז אים שוין גאר שווער · צום ערשטן איז דער מענטש מחוייב צו וויסן די פיר זאכין וואש איך וועל דא שרייבין:

ווען איינר האט עובר גיוועזן אויף איין מצות עשה דאש איז אזו איין מצוה וואש הקב"ה האט גיבאטין זי יוא צו טאן · דהיינו ער לייגט איין טאג קיין תפילין ניט · אדר ער זיצט ניט אין סוכה · אדר ער עסט אן גיוואשין · אדר ער בענטשט ניט קיין אתרוג · אדר אנאנדרע מצות עשה פון די צווייא הונדערט אונ אכט אונ פערציג מצות עשה · דר נאך האט ער חרטה אונ טוט תשובה · איז אים באלד הקב"ה מוחל · אבר ווען איינר איז עובר אויף איין מצות לא תעשה דאש איז איין לאו · דהיינו ער עסט חזר אדער ער טרינקט נסך אדר ער גייט אין שעטנז אדר דיא איבריגע לאוין · דר נאך אז ער טוט תשובה דרויף איז אים הקב"ה ניט מוחל ביז נאך יום כיפור · אבר אז ער טוט אזו איין הארבע עבירה וואש ער איז חייב מיתה אדר כרת · העלפט אים קיין תשובה אונ קיין יום כיפור אויך ניט · ביז ער מוז אויף זיך נאך מקבל זיין יסורים אונ תעניתים דענמאלט ווערט עש אים ערשט פאר געבין · אבר אז איינר טוט איין עבירה וואש האנגט דרינן חילול השם ·

דהיינו ער טוט איין עבירה בפרהסיא פר אטנגן לייט · אדר ער שווערט שבועת שוא · אדער שבועת שקר · אדר שבועת חנם דער מיט איז דאך ביי אים גאר ניט גיאכט דר כבוד פון השם יתברך · אדר ער מאכט דאש דיא אומות זאגן אז אונזר גלויבן איז חס ושלום ניט רעכט · אדער ער איז מחלל השם מיט זיינע בייזע מעשים · אדר איין תלמיד חכם וואש איז זיך ניט נוהג וויא מען דארף · דער מיט ברייגנט ער דאש דיא עמי הארצים פאר שעמן דיא תורה · אדר איין תלמיד חכם וואש טוט איין אום רעכט · אונ ער מאכט דאש דיא לייט טואן עש אים נאך · דעם זעלביגן העלפט ניט ביז ער מוז האבין דיא פיר · תשובה אונ יום כיפור אונ תענית · דער נאך אז ער שטארבט ווערט עש אים פאר געבין · דיא פיר ארלייא תשובה דארף וויסן איטליכר בעל תשובה :

נאך זיינען פאר האנדין זיבין זאכין וואש איטליכער בעל תשובה דארף זייא וויסען · דאש ערשטע ער מוז ליידין גיהנם פון וועגין זיינע זינד · אונ מוז חשבון אפ געבין אויף זיינע מעשים וואש ער האט גיטאן ביא זיין לעבין ער זאל ח"ו זיך ניט גידיינקען עש איז ניט פאר האנדין קיין דין ומשפט אויף יענער וועלט · דרום מאג איך טאן וואש מיין הארץ גלוסט · ווארום זאל איך פאסטין איך וועל בעסער לעבין אין וואול טאג · דער וואש גידיינקט זיך אזו אונ טוט קיין תשובה ניט · זאל ער וויסען דאש הקב"ה וועט אים ברייגנגען צום דין אונ משפט · וויא דער פסוק זאגט על כל מעשיך יביאך אלהים למשפט · אויף אלע דיינע זאכין וועט דיך גאט ברייגנגען צום משפט סייא אויף דיא גוטע סייא אויף דיא שלעכטע . אונ אפילו דיא פאר הוילטע זאכין וואש דו מיינסט עש איז שוין לאנג פאר געסין אונ דו וועסט גיצאלט ווערין נאך דיינע מעשים נאך · אזו וויא דר פסוק זאגט כי אתה תשלם לאיש כמעשהו דען דוא גאט בצאלסט איטלכן נאך זיינע מעשים נאך · דרום זאל ער זיך גידיינקען אז ער וועט תשובה טאן אונ ווידוי זאגין וועט זיך גאט מרחם זיין איבער אים אונ וועט אים מוחל זיין · אזו ווי דער פסוק זאגט מכסה פשעיו לא יצליח דער וואש פאר הוילט זיינע זינד · וועט ניט בגליקן · אבר דער וואש בקענט זיינע זינד ווערט דער באריכמט :

דאש אנדערע ער מוז זיך באדיינקן אונ בטראכטין וואש פר עבירות ער האט גיטאן · אונ מוז זיך תמיד צום הארצין נעמן אז ער איז אחוטא : אזו וועט ער תשובה טאן דר וויף · אזו ווי דער פסוק זאגט אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך וגו' נאך מיין ווידר קערין האב איך מיך בדאכט וואש פאר עבירות איך האב גיטאן · אונ נאך דעם אז איך בין גיוואר גיווארין פון מיינע זינד האב איך מיך גיקלאפט אויף די זייטן אונ אויפין הארין אונ האב ווידוי גיזאגט · דאש דריטע ער מוז וויסען דעם גרויסין שכר וואש ער וועט האבין אז ער וועט רעכט תשובה טאן · אזוא ווי דער פסוק זאגט יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח לאז דער רשע פאר לאזין זיין בייזין וועג אונ דער אום רעכטער מענטש זיינע בייזע מחשבות · אונ זאל ווידר קערין צו גאט מיט תשובה · אזו וועט זיך הקב"ה דער בארעמען איבר אים אונ צו אונזער גאט דען ער מערט צו פאר געבין · אונ אז ער וועט ניט גידיינקען אין דעם שכר וועט ער בודאי קיין תשובה ניט טאן · דאש פירטע · ער מוז גידיינקען אז אלע זיינע עבירות ווערין איין גישריבין אונ גיחתמת אויף אלע זיינע גלידר וואש ער האט מיט זיי גזינדיגט · אזו ווי דער פסוק זאגט וביד כל האדם יחתם לדעת כל איש מעשהו אין דער האנט פון איטליכין מענטשין איז גיחתמת צו וויסין איטליכער מענטש זיינע מעשים · אונ הקדוש ברוך הוא גידיינקט אלע דיא מעשים · אזו ווי דער פסוק זאגט הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי לי נקם ושלם וגו' פאר וואר אייערע שלעכטע מעשים זיינען פר החתמת אין מיין אוצר איך וועל מיך נוקם זיין אונ וועל בצאלין נאך זיין פאר דינסט נאך · נוא ווען ער וועט דרינען גידיינקען וועט ער בודאי רעכט תשובה טאן :

דאש פינפטע ער מוז וויסן דאש זיינע זינד ווערין אים פאר געבין אונ הקב"ה איז אים מוחל דורך רעכטע תשובה · אזו ווי דער פסוק זאגט דיא ישראל האבין גיזאגט צום נביא כל פשעינו אתנו וחטאתינו עלינו

ובם

ובם אנחנו נמקים · ואיך נקיה אלע אונזערע שולד זיין מיט
אונז און אונזערע זינד אויף אונז · און דורך זיי וועלין
מיר מוזן צו זיין אין גיהנם ווי קענען מיר האפן דאש
איביג לעבן האט זיי דער נביא גיענפערט אזו האט
גאט גיזאגט חי אני נאום ה' אלהיכם אם אחפוץ במות הרשע
כי אם בשובו מדרכיו וחיה איך שווער ביי מיין איביג לעבן
זאגט גאט אייער גאט אויב איך וויל אין דעם טויט פון
רשע דאש ער זאל קומען אין גיהנם · נאר ער זאל
תשובה טאן אויף זיינע בייזע מעשים וועט ער בקומען
דאש איביגע לעבן :

דאש זעקסטע איטליכער זאל זיך צום הארצין נעמן
און זאל וויסן וואש הש"י האט אים גיטאן ער
האט אים באשאפין מיט אלע זיינע גלידער · און האט
אים גיבראכט אויף דער וועלט · און האט אים גיגעבן
איין הארץ צוא פרובן און צו פאר שטיין איין זאך ·
און אויגן צו זעהן · און אויערן צו הערין · און דיא
איבריגע גלידער ער זאל מיט זיי דינן הקב"ה און טאן
זיין ווילין כדי ער זאל זוכה זיין צו עולם הבא · און ער
האט גיזינדיגט קעגין אים מיט אלע זיינע גלידר · און
אויב ער וועט בוראי ניט גידינקן וועט ער קיין תשובה
ניט טאן דרום איז איטליכער בעל תשובה מחויב צו
וועגן מיט זיין שכל דעם שכר קעגין דעם עונש און
זאל באצייטן תשובה טאן :

דאש זיבטע ער זאל ליידן דעם יאך פון דער תשובה ·
און זאל זיך אפ שיידין פון אלע עבירות וואש ער
פלעגט צו טאן · און אז דר יצר הרע וועט אים אן ריידין
צו עבירות זאל ער אים בצווינגן · און זאל בעסער פאלגין
דעם יצר טוב · און זאל ניט קוקן אויף דעם וואש איז
אים שווער און שלעכט אוועק צו ווארפן זיין גיוואונהייט
ער זאל זיך גידיינקען אזו וויא איין קראנקין גיט מען איין
ביטערע גיטראנק און רפואות · כדי ער זאל גיזונד ווערין
און לעבין בלייבין · נוא וויפל איז דען גאר דאש לעבין
פון מענטשין נאר זיבציג יאר · מכל שכן וק"ו דאש איינר
זאל זיך ווייא טאן דאש זיין נשמה זאל גיזונד ווערין און
זאל בקומען דאש איביגע לעבין ידען אזו ווי דר קראנקער
איז קראנק אין זיין גוף · אזו איז דר חוטא קראנק אין זיין
נשמה · אזו ווי דר פסוק זאגט שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם

קערט ווידר איר ווילדע קינדר וועל איך אייך היילין
פון אייערע ווילדיקייט און זינד · אויך שטייט וישב ורפא לו
לאז ער ווידר קערין וועט אים גאט היילין אויך שטייט
הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי גאט פאר גיט אויף
אלע אייערע זינד און היילט אלע אייערע ווייטאג ·
נוא זעהן מיר דאך אז עש שטייט דאש לשון רפואה ביי
תשובה · דרום איטליכער וואש וויל תשובה טאן מיטן
גאנצין הארצין זאל ער גידיינקען אין דיא זיבין זאכין ·
און אויב ניט וועט ער צייט זיין לעבין וועט זיין קיין
תשובה ניט טאן · און אויב אפילו ער וועט יוא תשובה
טאן וועט זיא ניט זיין מיטן גאנצין הארצין :

אויך די תשובה האט פיר כללים · און איטליכער כלל
האט פינף פרטים · אזו ווי איך וועל דא בשיידין
אי"ה · דער ערשטער כלל איז ער זאל זיך בדיינקען אויף
זיינע זינד און בייזע מעשים · דאש אנדרע ער זאל בווילגן
זיא פר לאזן · דאש דריטע ער זאל בעטן הקב"ה מיט זיין
תשובה · דאש פירטע ער זאל גידיינקן דעם גרויסן שכר
פון בעל תשובה · איצונד וועל איך באשיידין די פינף
פרטים פון ערשטין כלל · דער ערשטער פרט איז ער זאל
באלד תשובה טאן · און זאל זיך פארכטין טאמער וועט
ער שטארבין איידער ער וועט תשובה טאן · אדר טאמר
וועט אים הקב"ה באלד שטראפין אויף דער וועלט וויא
דר פסוק זאגט תנו כבוד לה' אלהיכם בטרם יחשיך גיט כבוד
צו אייער גאט איידר עש ווערט פינצטער אייער ליכט ·
אויך זאגט דער פסוק זכור את בוראיך בימי בחורותיך עד אשר
לא יבואו ימי הרעה גידיינק דיין באשעפער · אין דיינע יונגע
טעג איידר עש וועלין קומען די בייזע טעג · כלומר טוא
תשובה אין דיין יוגענט · דען אויף דער עלטר וועט דיר
שווער אן קומען · דער אנדערר פרט ער זאל אונטער
טעניג זיין פאר הקב"ה פון וועגין זיינע זינד ווי דער פסוק
זאגט ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם · זיי זאלין אונטער
טעניג זיין מיין פאלק כדי עש זאל גירופין ווערין מיין
נאמען אויף זיי · אויך שטייט ובהכנעו ישיב חרון אף ממנו
דער וואש איז זיך מכניע קעגין גאט קערט ער ווידער
זיין צארין פון אים :

דער דריטער פרט איז דר וואש וויל זיין ארעכטר בעל
תשובה זאל ער פאר ענדרין זיינע קליידער און

עסין

עסן אונ טרינקן אונ זיינע רייד׳ דען איין בעל תשובה
דארף טאן אייטל מעשים טובים · אונ זאל גיין אין
איין רעכט פארטיגן וועג · אויך זאל ער זיך זעצן אויף
אנגדר ארט וואו ער פלעגט פריער צו זיצן׳סיי אין שול
סיי אין דר היים׳אויך זאל ער וואנדרן פון איין שטאט
אין דר אנדרר · אונ דאש איז זייער מכפר דען צווישן
פרעמדע ווערט מען זייער אונטר טעניג · אונ זאל זיך
פארכטין פאר די עבירות וואש ער פלעגט צו טאן ·
דהיינו האט ער גיזינדיגט מיט איין אשה זאל ער מיט
קיין שום אשה ניט ריידין אונ ניט קויפן אונ פר קויפן
אירי סיי מיט אלמנות סיי מיט בתולות׳ אונ זאל תמיד
זיפצין אונ ויינן אונ שרייען · ווייא איבר מיינע זינד ·
וואש איך האב גיטאן אונ זאל בעטין פון הקב״ה ער
זאל אים מוחל זיין · אונ זאל מקבל זיין זיין תשובה ·
אזו ווי דר פסוק זאגט קרעו לבבכם ואל בגדיכם צוא רייסט
אייערע הערצר מיט וויינן · אזוא וועט איר ניט צוא
רייסין אייערע קליידער איבר אייערע קינדר · דען פון
די זינד וועגין שטארבן די קינדר ר״ל · דר נאך זאגט דר
פסוק ושובו אל ה׳ אלהיכם אונ טוט תש בה צו גאט אייער
גאט · אויך זאגט דר פסוק על זאת חגרו שקים וספדו והילילו
אויף דעם דאזיגן גורט אן זעק אונ קלאגט אונ וויינט׳
אויך שטייט הלכוף כאגמון ראשו ושק ואפר יציע ויתכסו שקים
האדם והבהמה וישובו אל ה׳ בוקט אייער קאפ אזו ווי איין
טשרעטיל · אונ מיט איין זאק אונ אש אויף אייער
קאפ · לאזין זיך בדעקן מיט זעק די מענטשין אונ
בהמות · דאש מיינט מען די שלעכטע לייט זיינן ווי די
בהמות · אונ טוט תשובה דען זי גרייכט ביז אין דעם
כסא הכבוד פון גאט :

דער פערטער פרט ער זאל זיך פר וואונדרין אויף דעם
וואש ער האט גיטאן אזעלכע גרוישע עבירות
אונ זאל וויינן אונ זיפצן אונ טרויערן דרויף · ווי דער
פסוק זאגט פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך טייכן מיט
וואשר האבן גירונן מיינע אויגן איבר דיא לייט וואש
היטין ניט דיין תורה · דער פינפטר פרט איז ער זאל
תמיד אזוא זאגין ווייא צו מיר דאש איך האב זיך ניט
גישעמט אזעלכע עבירות צו טאן׳ ווי האב איך גקענט
ז׳ דר צארני מיין ליבין גאט יתברך אז ער וועט זיך
אזו איין ריידן וועט ער בוודאי תשובה טאן · ווי‌א דער
פסוק זאגט כי אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך
בושתי וגם נכלמתי וגו׳ נאך מיין תשובה האב איך מיך
בדאכט · אונ נאך דעם אז איך בין גיוואר גיווארין פון
מייני זינד האב איך מיך גישעמט דא וועל איך שרייבן
די פינף פרטים פון אנדרין כלל :

דער ערשטר פרט איז ער זאל פאר לאזן זיינע בייזע
מעשים · אונ זאל טאן אייטל מצות אונ דאש
ווילן פון הקב״ה פון ליבשאפט וועגין · וויא דער פסוק
זאגט שנאו רע ואהבו טוב האט פיינט בייז אונ האט ליב
גוטיש אויך שטייט שש הנה שנא ה׳ ושבע תועבת נפשו עינים
רמות ולשון שקר וידים שופכות דם נקי לב חורש מחשבות און רגלים
ממהרות לרוץ לרעה יפיח כזבים עד שקר ומשלח מדנים בין אחים
זעקס זיינן וואש הקב״ה האט פיינט · אונ דאש זיבטע
פר אום ווירדיגט זיין לייב · די הויכע אויגן ־דש מיינט
מען בייזע אויגן וואש פר גינט ניט די לייטין׳ אונ דיא
פאלשע צונג · אונ די הענט וואש פר גיסן אום שולדיג
בלוט׳ דאש מיינט מען דר וואש פר שעמט זיין חבר
דא פאר גיסט ער זיין בלוט׳ אונ דאש הארץ וואש
טראכט אום רעכט · אונ די פיס וואש לויפן צו בייזען׳
אונ דר וואש זאגט פאלש עדות׳ אונ דער וואש מאכט
קריג צווישן איינם אונ זיין חבר · אויך שטייט שומר ידו
מעשות כל רע ער זאל היטן זיינע הענט פון צוא טאן אלע
דאש בייזע · אויך שטייט יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו
וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח לאז דר רשע פר
לאזין זיין בייזע וועג · אונ דר אום רעכטר מענטש זייני
בייזע מחשבות · אונ זאל ווידר קערין צו גאט וועט ער
זיך דר בארימן איבר אים · אונ צו אונזר גאט דען ער
מערט צו פר געבין · למשל ער זאל ניט קוקן אויף איין
אשה וואש איז אסור צו אים · אדר אויף איין עבודת
כוכבים · דר אנדרר פרט איז ווען עש קומט אים ארייין
איין שלעכטי מחשבה זאל ער טראכטן א מצוה צו טאן׳
אדר צדקה צו געבין אזו ווי דר פסוק זאגט ולא תתורו אחרי
לבבכם ואחרי עיניכם אונ איר זאלט ניט אפ קערין נאך
אייערע הערצער אונ אויגן בייז צוא טאן :

דער דריטר פרט איז ער זאל פר לאזן די עבירות פון
זיין תשובה וועגן · אונ פון גאטש פארכט וועגן ·
אזו

אזו ווי דר פסוק זאגט סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי עש האט גיגרוילט פאר דיין פחד מיין לייב · אונ פר דיינע משפטים טוא איך מיך פארכטין אונ נאך שטייט יראה ורעד יבא בי ותכסני פלצות פארכט אונ שרעקניש איז גיקומן אין מיר אונ עש האט מיך בדעקט ציטרניש :

דער פערטר פרט איז ער זאל פר לאזין די עבירות פון וועגין גאטש פארכט · ניט ער זאל ווייזן פר לייטן אז ער איז פרום · אונ דאש הארץ איז גאר אנדרש אז ווי דר פסוק זאגט ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה נאט האט גיזאגט צום נביא די פארכט פון ישראל פר מיר איז נאר ווי די מענטשן וואש טוען זייער גוואונטלכקייט למשל ער איז גיוואונט צו גיין אין שול אריין · אונ טוט עש ניט פון מצוה וועגין · אדר ער דאווינט אן כוונה · דאש מויל רעט אונ דאש הארץ ווייס ניט וואש · איין בעל תשובה דארף זיך דער ווייטרן דער פון · נאר ער זאל זיין כוונה האבין צוא גאט יתברך :

דער פינפטר פרט איז ער זאל פר לאזין זיינע עבירות · אונ זאל אויף זיך נעמן ער זאל צייט זיין לעבין קיין בייזע מעשים ניט צוא טאן · אזוא וויא דער פסוק זאגט ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו מיר וועלין ניט זאגין גאט צוא אונזרע מעשים · כלומר מיר וועלין ניט זאגן צו דר עבודת כוכבים דו בישט אונזר גאט אויך זאגט דער פסוק אם פעלתי און לא אוסיף אויב איך האב גיווערקט אום רעכט · וועל איך שוין ניט מערין צוא טאן אזעלכם · דא וועל איך שרייבן די פינף פרטים פון דריטן כלל :

דער ערשטר פרט איז דעם בעל תשובה זאל זיך דוכטן זיינע עבירות זיינען זייער גרויש · אונ אפילו ער האט גיטאן אקליינע עבירה פאר לירט ער אויך פיל גוטש · אזו ווי דער פסוק זאגט וחוטא אחד יאבד טובה הרבה פון וועגן איין חטא וועט ער פאר לירין פיל גוטש · דר אנדרר פרט איז עש זאל זיך אים דוכטן דיא עבירה שטייט פר אים · אזו ווי דר פסוק זאגט וחטאתי נגדי תמיד מיין זינד איז קעגין מיר תמיד · דער דריטר פרט איז ער זאל אויף שטיין פר טאג אונ זאל תפלה טאן צו נאט אז ער זאל מקבל זיין זיין תשובה · אזו וויא דער פסוק זאגט קומי רוני בלילה לראש אשמורות שטייא אויף אונ טוא תפלה ביי נאכט אין אן הייב פון דר דריטר אשמורה דען די נאכט איז גיטיילט אויף דריי משמרות דאש איז חלקים · אונ זאל זאגין ווידוי אונ תחינות · דען די זעלביגע צייט גידיינקט הקב"ה אין זיין בית המקדש וואש איז חרוב גיווארין · אונ דאש זיינע קינדר זיינן פר טריבין גיווארן צו ווישין די אומות אונ גידיינקט אין זיינע צדיקים אונ חסידים וואש לאזין זיך אום ברייגן פון קידוש השם וועגין · דרום איז דיא זעלביגע צייט מרוצה פר גאט :

דער פערטער פרט איז ער זאל זאגין ווידוי · אונ זאל בקענען זיינע זינד פאר גאט ניט פאר לייט · אזו וויא דער פסוק זאגט חטאתי אודיעך ועוני לא כסיתי מיינע זינד האב איך פאר דיר גימאכט וויסען · אונ ניט פר לייטין · אונ מיינע זינד האב איך ניט פאר הוילן · דר פינפטער פרט ווען דער בעל תשובה זעהט אימעצן איין עבירה טאן זאל ער אים זאגין וואש עש ברייננט אים צו דער עבירה · אונ דעם גרוסן עונש וואש ער וועט מוזן לידין איבר דר עבירה · אונ דעם שכר וואש ער וועט האבין אז ער וועט תשובה טאן · אונ זאל אים לערנען וויא אזו ער זאל תשובה טאן · אזו וויא דער פסוק זאגט אלמדה פושעים דרכיך וחטאים אליך ישובו איך טוא לערנען דיא זינדיגע דיינע וועגן · אונ וויא אזו זיא זאלין צו דיר תשובה טאן · דא וועל איך שרייבין דיא פינף פרטים פון פערטין כלל :

דער ערשטער פרט איז ער זאל גידיינקען אז דער וואש פאר לאזט דיא עבירות אונ קוקט ניט אויף דער הנאה פון איר · דען דיא זעלביגע הנאה גיווערט ניט לאנג · דער בקומט דאש אייביגע לעבין צוא דער רעכטער רוא · אונ צו דעם גרוסן שכר פון עולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט וראיתם ושש לבכם איר וועט זעהן דאש עש וועט זיך פרייאן אייער הארץ · אונ אייערע ביינער וועט בליהן אזו ווי איין גראז דענקמלט וועט איר גיוואר ווערין דאש די האנט פון גאט יתברך איז מיט זיינע קנעכט · אונ ער איז זייער צארינג אויף זיינע פיינד · אבער דער וואש ליבט די הנאה פון דער עבירה אויף דער וועלט זאל ער וויסן אז זיין עונש לעולם הבא האט גאר קיין סוף ניט אז ער שטארבט אן תשובה · אזו ווי דר פסוק זאגט ויצאו וראו בפגרי האנשים

דיא

דיא צדיקים וועלין אי״ש גיין פון ירושלים · אדר פון גן עדן · אונ וועלין זעהן אין דיא לייבער וואש האבן גישולדט אין מיר · זייערע ווערים וועלין ניט פיינרין · אונ זייער פייאר ווערט ניט פר לאשין · בלומר זייערע יסורים בלייבין אויף אלאנגע צייט · דער אנדרר פרט איז ער זאל גידיינקן אז ער ווערט ניט באלד תשובה טאן טאטער וועט ער פלוצלונג פר גיין · אונ טאמער וועט אויף אים קומן דער גרים צארין פון גאט · אונ ער וועט ניט קענען בשטיין · אזו וויא דר פסוק זאגט ומי יכלכל את יום בואו וגו׳ ווער קען אויש ליידין דעם טאג פון זיין קומן · אונ ווער וועט קענען בשטיין ווען ער וועט זיין גרים צארין שיקן · דער פערטער פרט איז ער זאל דער קענען דאש הקב״ה האט אים פיל טובות גיטאן פון וועגין ער זאל אים דינן מיטן גאנצן הארצן אונ לייב · אזו וויא דער פסוק זאגט · כי מעולם שברתי עולך וגו׳ דען פאר צייטין פון אייגנע יארין האב איך צו בראכין דיין יאך · אונ האב פאר רוקט דיינע בינד רימן · דער פערטער פרט איז ער זאל אפ געבין אלע גניבות אונ גזילות · אזו ווי דער פסוק זאגט אם און בידך הרחיקהו אויב עש איז אום רעכט געלט אין דיין האנט דר ווייטער דיך דר פון · אונ גיב עש אפ צו וועקן עש גהער: דער פינפטער פרט איז ער זאל זיך נעמן צום הארצן דאש ער האט פר קריכט זיין גלייכין וועג: אונ האט בצאלט שלעכטין פר גוטש · ווי דער פסוק זאגט הלה׳ תגמלו זאת אויב צו גאט זאלט איר דאש בצאלין · אויך זאגט דער פסוק שחת לו לא דער וואש פר דארבט זיך מיט עבירות טוט ער עש זיך · אבר צו הקב״ה טוט ער גאר ניט · דרום ווען איין מענטש נעמט זיך צום הארצן דיא פיר כללים מיט אירע פרטים · אונ מאכט זיך איין סקנה · באלד תשובה צו טאן · אזו ווערין זיינע מעשים אן גינומן פאר גאט · אונ זיין תשובה איז בווילגט · אונ השי״ת איז אים בודאי מוחל אויף זיינע עבירות · עש זיינען פאר האנדין פיר אונ צוואנציג וואש האלטין אויף פון דער תשובה · פיר דר פון זיינען דאש דיא עבירה איז זייער גרוש ביז זיא דער לאזט אים ניט קיין תשובה טאן · דאש ערשטע ער מאכט פיל לייט זינדיגן · אין דעם כלל איז אויך דער וואש דר לאזט ניט דיא לייטן מצות טאן · דאש אנדרע ווער עש רעט אן זיין חבר צו שלעכטין · דש דריטע ער זעהט זיין זון גייט ארויש לתרבות רעה אונ ווערט אים ניט · דען ווייל ער האט אים בכח צו ווערין אונ ווערט אים ניט איז גלייך אזו וויא ער זעלברט גייט ארויש לתרבות רעה · אין דעם כלל איז אויך ווער עש קען דיא לייט ווערין אז זיא זאלין ניט זינדיגן אונ ווערט זייא ניט · דאש פערטע דער וואש זאגט איך וועל איין עבירה טאן · אונ דער נאך וועל איך תשובה טאן · אדר יום כיפור וועט מיר מכפר זיין · אדר ער זאגט איך האב נאך אחופה פר מיר · דער מיט איז ער זיך צווייא מאל טועה · איינש דיא חופה איז ניט מכפר סיידין דורך תשובה · דאש אנדרע הקב״ה איז ניט מוחל בשעת דער חופה דעם וואש האט גיקענט תשובה טאן · אונ האט ניט תשובה גיטאן · דאש זיינען דיא הארבע פיר עבירות וואש האלטין אויף פון דער תשובה:

נאך זיינען פאר האנדין פינף זאכין פון דיא פיר אונ צוואנציג וואש האלטין אויך אויף דעם מענטשין פון תשובה · אבר דיא ערשטע פיר זיינען הארבער דר פון · דאש ערשטע ווער עש שיידט זיך אפ פון קהל ווען זייא טוען תשובה · אדר דאש קהל האבין גוזר תענית גיוועזן · אונ ער שיידט זיך אפ דער פון · אזו איז ער ניט זוכה צו זעהן אין זייער נחמה · אונ ער האט קיין חלק ניט אין זייערע זכיות · דאש אנדרע דער וואש קריגט אויף דיא רייד פון דיא חכמים · דער פון קומט דאש ער גייט ניט צו זיי · אונ לערנט זיך ניט פון זיי דעם וועג פון תשובה · דאש דריטע ווען איינר זעהט זיין חבר אמצוה טאן שפעט ער אונ לאכט פון אים · דאש פערטע ווער עש איז מבזה זיינע רבנים · אונ רעט אויף זיי שענדליכע רייד · דאש פינפטע דר וואש האט פיינט שטראף דאש ער זאגט צו זיין חבר עש דארף מיך קיינער ניט שטראפין · זיא דיך זעלברט ביי דיין נאז · דאש מיינט מען שטראף דיך זעלברט · אונ קריגט זיך מיט אים · דער זעלביגר הייסט איין לץ אונ איין כסיל דאש האט אין זיך צווייא טייטשין · כסיל איז איין נאר · אדר איין רשע · שלמה המלך ע״ה האט אויך גיזאגט מע זאל קיין לץ אונ קיין כסיל ניט שטראפן·

דריבער

דריבר קען ער אויך קיין תשובה ניט טאן · דען ער האלט זיך פאר איין פרומן מאן · אונ אז דער רב אונ דרשן פון דר שטאט קומט אונ שטראפט די לייט קומט ער ניט צו דער דרשה · אונ אפילו ער קומט שוין יוא הערט ער ניט צו אונ קערט זיך ניט דר צו · דען זיינע מעשים גיפעלין אים זייער וואו״ל :

נאך זיינען פאר האנדין פינף זאכין פון דיא פיר אונ צוואנציג וואש דריבר קען דער מענטש קיין תשובה ניט טאן מיידין דורך שווערקייט · דאש ערשטע דער וואש שילט פיל לייט דען ווען איינר שילט איין מענטשין קען ער אים איבר בעטין · אונ אז ער איז אים מוחל · איז אים הקב״ה אויך מוחל · אבר פיל לייט ווייסט ער ניט ווען צו בעטן · דרום קען ער ניט תשובה טאן מיידין דורך שווערקייט · דאש אנדרע ווער עש טיילט זיך מיט א גנב · דער גנב זעלברט קען בעסער תשובה טאן פר אים · דען ער ווייסט ביא וועמין ער האט גיגנבה אזו קערט ער אים אום · אדר ער בעט ער זאל אים מוחל זיין · אבר דער זעלביגר מענטש העלפט דאך דעם גנב · אונ ער מאכט אים מער גנבנן · אונ ער ווייסט דאך וועמען אפ צו געבין · אדר פון וועמן ער זאל בעטין מעזאל אים מוחל זיין · דרום איז זיין תשובה דורך שווערקייט · דאש דריטע ווער עש גיפינט עפיס אונ לאזט ניט אויש רופן · דאש פערטע ווער עש גזלת עניים אדר יתומים אונ אלמנותי דאש פינפטע דר דיין וואש נעמט שוחד איינם צו צו פסקענן דאש איז אויך אגרושע עבירה וייל ער ווייסט ניט וויפל געלט ער האט יענעם ז׳ וויש גיבראכט מיט דעם וואש ער האט דעם צו גיפסקת :

נאך זיינען פר האנדן פינף עבירות פון די פיר אונ צוואנציג דש איבר זיי קען ער ניט תשובה טאן · ווייל זיי זיינן ביא אים גרינג · אונ ניט גיאכט אן זיינע אויגן · דאש ערשט ווער עם עסט מיטן בעל הבית אונ דר בעל הבית זעלברט האט ניט גנוג צוא עסין האטשע ער האט אים דאך גיבעטין עסין · הייסט עש דאך איין אבק גזל דאש אנדערע ווער עש לייאט געלט איין ארומאן אויף אזו איין משכון וואש דער ארומאן האט זיין פרנסה דער פון · דהיינו איין האק אדער איין זעג · אונ ער ניצט דר מיט · דאש ער טראכט וואש שאט עש די כלי · דאש איז אויך איין אבק גזל · דש דריטע ווער עש קוקט אויף די ווייבר וואש זיינען אסור צוא אים אונ האט הנאה דר פון · דש איז אויך איין הרבע עבירה · דען ער טראכט איך האב מיט זייא חלילה קיין עבירה ניט גיטאן אזו טוט ער קיין תשובה דרויף ניט · אזו וויא דער פסוק זאגט ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איר זאלט ניט אפ קערין נאך אייערע הערצער אונ אייערע אויגין · דאש מיינט מען איר זאלט ניט גלובין מיט אייערע הערצער אונ אויגין וואש אסור איז · דאש פערטע ווער עש איז זיך מתכבד מיט דער שאנד פון חבר · דאש מיינט מען ער האלט זיך חשוב אונ דער מיט איז ער מבוזה זיין חבר אונ שענד אים · אפילו דער חבר איז ניט דער ביא איז עש אויך אגרוישע עבירה · דער טוט אויך קיין תשובה ניט דען ער טראכט זיך וואש האב איך יענעם גיטאן · דאש פינפטע ווער עש איז הושד בכשרים איין ערליכר מאן אז ער הט אום רעכט גטאן · דר טוט אויך קיין תשובה ניט · דען ער טראכט זיך וואש האב איך יענעם גיטאן :

נאך זיינע פאר האנדין פינף הארבע עבירות פון דיא פיר אונ צוואנציג וואש דער מענטש קען זיך ניט אפ גיוויינען פון זייא · אזו וויא דיא גמרא זאגט ווער עש טוט איין עבירה צווייא דרייא מאל · איז זיא ביא אים שוין גלייך וויא איין היתר · דרום טוט ער דרויף קיין תשובה ניט · דרום מוז איטלכער זייער אונ זייער גיווארנט זיין אוועק צוא ווארפין דיא שלעכטע מידות · דאש ערשטע איז רכילות אונ לשון הרע · דאש אנדרע איז איין רגזן · דאש דריטע איז דער וואש פלוכט איין חכם אדר אפילו זיין אייגן קינר אדר אפילו זיך זעלברט · דאש פערטע ווער עש שווערט פאלשע שבועות אדער אום זיסטע שבועות · דאש פינפטע ווער עש טראכט שלעכטע מחשבות · אונ דר וואש בהעפט זיך צו רשעים · דען ער לערינט זיך פון זיי קיין גוטש ניט · די אלי טוען קיין תשובה ניט · דען וייל זייא זיינען גיוואונט דרינען איז עש ביא זייא קיין עבירה ניט · נוא ליבע לייט דאש זיינען דיא פיר אונ צוואנציג זאכין וואש דער לאזין ניט דעם מענטשין תשובה צו טאן · דאך ווען ער טוט יוא תשובה דרויף הייסט ער אויך איין בעל תשובה : אונ

האט

האט אויך איין חלק לעולם הבא :

בזמן שבית המקדש היה קיים אין דער צייט אז דאש בית המקדש איז גישטאנען ווען איינער האט איין עבירה גיטאן · אונ האט דרויף תשובה גיטאן אז עש איז גיקומען יום כיפור האט מען גינומען איין ציקלע אונ כיהאט עש אוועק גישיקט לעזאזל אין דער מדבר אריין · דא האט דאש זעלביגע ציקלע מיט זיך גינומן אלע דיא עבירות פון כל ישראל אין דער מדבר אריין אבר אצונר בעו"ה האבן מיר קיין בית המקדש ניט · אבר די תשובה איז נאך גיבליבן · אונ אפילו ווען איינער איז גיוועזן א רשע אלע זיינע טעג אונ טוט תשובה איידער ער שטארבט · אזו ווערין אים פאר געבין אלע זיינע עבירות · אונ עש ווערט אים ניט גידאכט קיין שום עבירה · אדרבה זייא ווערין אים נאך גירעכינט פאר מצות · אזו וויא דר פסוק זאגט ורשעתו לא יכשל בה ביום שובו מרשעתו · אונ זיין שלעכץ פון רשע ווערט ער ניט גישטרויכלט אין דעם ווען ער טוט תשובה דרויף · איזהו היא תשובה גמורה · וועלכעם איז די רעכטע תשובה וואש נאט וויל האבין פון מענטשן · אונ זיא איז גישריבט אין זיינע אוגן · דאש איז ווען דער מענטש טוט קייא איין גרינגע סייא איין הרבע עבירה אונ האט חרטה דרויף · אונ זאגט וידוי · אונ דער נאך קומט אים ווידער דיא עבירה צוא דיא הענט · אונ ער האט זיך בכח צו טאן · אונ טוט זיא ניט · למשל ווען ער האט עפיס גיגנבת · אונ טוט תשובה דרויף · אונ דער נאך קומט אים ווידער צו די הענט דאש ער וואלט ווידר גיקענט גנבען · אונ קיין מענטש וואלט ניט גיוואר גיווארין דר'ר פון אודער ווען איינער האט מזנה גיוועזן מיט איין אשה · אונ טוט תשובה דרויף דער נאך קומט דיא אשה ווידער צו אים · אינ ער טוט ניט דיא עבירה · דאש איז דיא רעכטע תשובה וואש גאט וויל האבין · אז וויא דער פסוק זאגט וזכור את בוראיך בימי בחורותיך גידיינק דיין בשעפר אין דיין יוגנט אז דוא האסט נאך בכח דיא עבירה צו טאן לאז זיא אוועק פון וועגן דיין בשעפר וואש האט דיך בשאפין אונ ווער עס טוט תשובה ערנשט אויף דער עלטר · האטשע זיא איז ניט אזו גוט וויא דר וואש טוט תשובה אין דער יוגנט ווערט ער דאך גירעכינט פר איין בעל תשובה · אונ אפילו ער איז גיוועזן איין רשע גמור אלע זיינע טעג נאר דעם טאג פארין טויט טוט ער תשובה אונ שטארבט אין דער תשובה ווערין אים אויך פאר געבין אלע זיינע עבירות · אזו וויא עש שטייט אין פרק שוב יום אחד לפני מיתתך · טוא האטשע תשובה א טאג פארין טויט אזו הייסט עש אויך איין תשובה :

אויך זאגט דער פסוק ותשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם הקב"ה ברייננט יסורים אויף מענטשן דאש ער זאל תשובה טאן אודער זיין נשמה גייט אים אויש · אונ דאש איז אים אויך גירעכינט פאר איין תשובה · אונ זיינע עבירות ווערין אים פאר געבין · אויך זאגט דער פסוק אין איוב ותקרב לשחת נפשו וגו' איידר עש גינעהנט צו דער גרוב זיין לייב דאש איידער זיין נשמה גייט אים אויש · אונ ער בעט צוא גאט מיט תשובה אונ ווידוי · אזו איז עש אויך בווילינט צו גאט · אזו וויא מיר גיפינן אין דער גמרא עש איז גיוועזן איינער וואש האט גיהייסין רבי אליעזר בן דורדאי · ער האט אלע זיינע טעג אייטל זנות גיטריבן · אונ האט דרינגען פאר בראכט גאר דש געלט וואש איז אים גיבליבין ירושה פון זיין פאטר · אמאל האט ער גיהערט עש איז פאר האנדין אשיינע זונה אין ים · אזו האט ער מיט זיך גינומען איין זאק געלט אונ איז גיגאנגען איבער זיבן וואשרין ביז ער איז צו איר גיקומען : האט ער איר גיגעבין דעם זאק געלט אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן · אזוא האט ער איין נפוחה גיטאן · אונ האט גיהערט איין קול האט גיזאגט אזו וויא די נפוחה קומט ניט ווידער אויף איר ארט · אזוא וועט אויך דיא נשמה ניט קומען אויף איר ארט · אונ דיא תשובה פון דיר אליעזר וועט מען ניט מקבל זיין · דער נאך אז ער האט דאש קול אויש גיהערט האט ער גימיינט עש איז איין בת קול · אזו איז ער גיגאנגין אונ האט זיך גיזעצט צווישן צווייא בערג · אונ האט גילייגט זיין קאפ צווישן דיא קניען אונ האט גיוויינט אזוא לאנג · ביז זיין נשמה איז אים אויש גיגאנגען מיט ווידוי · דער נאך האט ער גיהערט איין רעכט בת קול רבי אליעזר האט איין חלק לעולם הבא · דא האבין דיא חכמים זייער גיוויינט אונ גיזאגט מיר לערנען תורה טאג אונ נאכט אונ היטן זיך פאר עבירות · ווייסען מיר ניט אויב מיר זייגען זוכה צו עולם הבא · אונ דער אליעזר האט אלע זיינע טעג אייטל

עבירות

עבירות געטאן אונ אין איין שעה האט ער זיך גיקויפט עולם הבא · אונ האט בקומן דאש מען רופט אים רבי אלעזר · נוא זעהן מיר דאך ווער עש איז איין רשע אל"ע זיינע טעג · אונ איין שעה פר זיין טויט טוט ער תשובה אזו איז זיא אן גינומן · אונ ער האט עולם הבא :

אונ דר תנא זאגט אויך אין פרק קוקט זיך ארום בצייטן דו זאלכט ניט פאר זויכן דעם טאג פארין טויט אן תשובה · דרום איז איטליכער מענטש מחוייב אלע טאג תשובה צו טאן ווייל ער ווייכט דאך ניט ווען ער וועט שטארבן · דרום הייסט הקב"ה נורא דען ער ווערט גיפארכט · וואלט ער ניט מוחל גיוועזן די עבירות · דא וואלט איטליכער פארט עבירות געטאן אונ וואלט זיך ניט גיפארכטין פאר הקב"ה · אבער ווייל הקב"ה איז יוא מוחל די עבירות · אזו האט איטליכער מורא פאר הקב"ה · אונ טוט תשובה כדי ער זאל אים מוחל זיין די עבירות · דען עש איז אמשל איין מלך וואש האט ליב אטייל שרים · אונ זיי זיינען זייער חשוב אונ אויך גיאכט אין זיינע אויגן · אמאל האלטין די שרים צווישן זיך איין עצה אונ גייען ביי נאכט אונ עפנין אויף דעם מלך אוצר : אונ נאנבען גאלד אונ זילבער אונ אבנים טובות אין דער פריא שטייט ער אויף אונ גיפינט דאש זיין אוצר איז אפין אונ עש איז אלש ארויש גינגבת · דא בעט דער מלך זיינע קנעכט דאש זיי זאלין נאך קלערין ווער עש האט די מעשה געטאן · די קנעכט זיינען גיוואר גיווארין · אונ גייען צום מלך אונ זאגין צו אים ווייכט איר ווער עש האט דש געטאן אייערע ליבע שרים וואש איר האלט זיי · אזו חשוב · זייא האבין אייך בגנבת · אזו איז זיך דר מלך זייער מצער אויף זיינע שרים · ער וויא אויף זיין גוטש · אונ ער וואלט זייא גערין בשירמט פון דעם פאלק וואש ווילן אין זייער נקמה · אזוא הייבט ער אן צוא זאגין צוא זיינע קנעכט איר זייט לינגערם גייט אונ ברייננגט זיי פר מיר ווער איך זעהען אויב זייא האבין עש געטאן אדער ניט · אונ ער שיקט שטילער דייד צוא זייא איין גיטרייען קנעכט ער זאל זייא זאגין ווארפט אריין די גניבה אין ים אריין · דען מיר גייט ניט אן געלט · איך האב נאך פיל אוצרות · אונ דיא עבירה איז ניט גיאכט אין מיינע אויגן קעגן אייער ליבשאפט · אזוא האבין אלע אריין גיווארפין דיא גניבה אין ים אריין · נאר איינער האט זיך גיפונען וואש האט בהאלטין זיין גניבה · נון אז זייא קומען פארין מלך שטעלט ער זיך קעגין זיי זייער צארינג אונ הייסט זיי בזוכן · אונ הייסט זיי אויש טאן זייערע קליידר · אונ גיפינט ביי קיינעם ניט נאר ביי דעם איינעם · אזו ווערט ער זייער ברוגז אויף אים · אונ זאגט די אנדרע עבירה וואש דוא האסט געטאן איז ערגער פון דער ערשטער · דען פריער האב איך זיך גיטראכט עש איז קיין חידוש ניט דען עש קען זיין דער יצר הרע האט דיך אן גירעט · דרום האב איך דיר גילאזט ווארנען דוא זאלשט די גניבה אין ים אריין ווארפין · אונ דוא האסט מיינע רייד ניט פאר נומען · אונ דיינע חברים האבין מיך יוא גיפאלגט · נוא זעה איך דיין בייז הארץ · אזו וועל איך דיר דיין שכר געבין · אונ האט אים גיהייסין אן טאן גרושע יסורים · אונ דיא אנדרע האט ער אהיים גישיקט מיט גוטען מיד · אונ דר רשע מוז יסורים ליידין פאר זייא אלע · אזו איז דאש אויך הקב"ה האט גישיקט זיינע גיטרייע משרתים דאש זיינען די נביאים · אונ האט זייא גיווארינט אויף דער תשובה · אונ זיי זאלין פון זיך אראפ ווארפין די זינד אייער זייא קומען צום משפט · אונ דער רשע וויל זיינע זינד ניט אראפ ווארפין · אונ האלט זייא ביא זיך · דאש איז ערגער פון דעם וואש ער האט דיא עבירה געטאן · דען פריער האט אים דער יצר הרע בצוואונגן · אבער דא זעהט ער דאך זיין טויט פאר זיינע אויגן · אונ האלט פארט ביא זיך די עבירות · אונ קערט זיך ניט צו דיא רייד פון דיא נביאים וואש האבין גיזאגט טוט תשובה איר קינדער ישראל אזוא וועט איר האבין דאש אייביגע לעבין · אונ אויב ניט וועט איר פלוצלונג שטארבן אונ וועט פאר לירן אייער עולם הבא · אבער דער וואש טוט תשובה אפילו אשעה פארין טויט האט ער אחלק לעולם הבא אז וויא מיר זעהן וויא עש איז גיגאנגען מיט רבי אלעזר בן דורדאי:

אזו אויך זאגט דער פסוק טוב שם משמן טוב וכו' עש איז בעסר איין שם טוב פון אלע דיא שמעקינדיגי

חית אייל

איילי · אזו איז אויך בעסער דר טאג וואש דר מענטש שטארבט אונ איז מיט תשובה איידר דער טאג וואש ער איז גיבארין גיוואָרין · דען אז דער מענטש ווערט גיבארין איז איין ספק אויב ער ווערט שטארבין מיט תשובה אונ אויב ניט · אבר ווען ער איז שוין גישטארבן מיט תשובה · דא איז גוט זיין חלק אויף יענער וועלט צו עולם הבא · דרום זאל איטליכער בצייטין תשובה טאן איידער זיין זין גייט אונטער · דאש מיינט מען איידער עש קומט דיא צייט ער זאל שטארבין · נון וועל איך בשיידין וועלכעס עש הייסט איין רעכטע תשובה · דאש ערשטע ער מוז פאר לאזין זיינע עבירות זייא ניט צו טאן · דאש אנדרע · ער זאל אין זיין מחשבה האבין ער וויל די עבירות שוין ניט טאן · דאש דריטע ער זאל זיך תמיד בדיינקען · אונ זאל חרטה האבין אויף דעם וואש איז אים גישעהן · אונ זאל זיך דרויף זייער מצער זיין · דש פערטע ער מוז זיין מחשבה לויטער מאכין · ביז דש הקב"ה זעלברט וועט אויף אים עדות זאגין דאש ער האט שוין דיא עבירות ניט גיוואלט טאן · דש פנפטע ער מוז ווידוי זאגין · אונ באקענן זיינע זינד פאר הקב"ה · אונ אין זיין ווידוי זאל ער כוונה האבין ניט צו טאן די עבירות · אונ זאל דרויף חרטה האבין · אונ זאל זיך מצער זיין · אונ אויב ער איז דאש ניט מכוין אין זיין תשובה אונ ווידוי גאר ניט גירעכינט · ניט אזו וויא עטליכע לייט זאגין ווידוי אן כוונה · אונ ווייסין ניט וואש זיי זאגין · דש זעקסטע ער מוז ארויש ריידין מיטען מויל איטלכע עבירה בזונדר · אונ דרויף בקענין אונ חרטה האבין פאר הקדוש ברוך הוא:

אונ ער זאל זאגין זיין ווידוי שטילער הייד · דאש קיינער זאל אים ניט הערין · אדרבה עש איז איין עזות קיט ווער עש בקענט זיינע זינד פאר לייטין · דרום איז דאש אויך גיוועזן איינש פון דיא ניסים וואש זיינען גיוועזן אין בית המקדש · דש בשעת זייא זיינען גישטאנן זיינען זייא גישטאנן זייער איינג · אונ בשעת זייא האבין זיך גיבוקט איז גיוועזן ווייט איינר פון אנדרין פיר איילין · דאש קיינער זאל ניט הערין די ווידוי פון זיין חבר · דאש איז אלש גירעט גיוואָרין בייא די עבירות וואש צווישן אים אונ צווישין הקב"ה · אבער ווען איינר האט איין אום רעכט גיטאן קעגין זיין חבר · סייא מיט געלט · אדער מיט אנאנדר זאך · איז זיין תשובה ער זאל זאגין פאר לייטען · ליבע רבותי איך האב מיין חבר אום רעכט גיטאן · איצונד בעט איך פריער מחילה פון הקב"ה: דער נאך פון מיין חבר · איך האב גיזינדיגט צוא גאט יתברך דער נאך צו מיין חבר · היינט האב איך חרטה אונ בין אויף מיר מקבל תשובה דאש איך וועל אים שוין קיין מאל קיין אום רעכט ניט טאן · אונ אויך ניט קיין אנדרן · דאש איז די רעכטע תשובה · אויך זאל איטלכר מענטש וויסן דאש יום כיפור איז ניט מוחל דורך תשובה נאר די עבירות וואש צווישן אים אונ צווישן הקב"ה דהיינו ווען איינער האט גיזינדיגט מיט אזונה · אודר ער האט גיגעסין טריפות אודר נבילות · אודער ער האט גיטרונקן נסך · אודער דעסט גלייכין אנדרע עבירות · דרויף דארף ער זיינע עבירות ניט בקענין פאר לייטין · נייערט ער זאל עש פאריכטען מיט פאסטין אונ חרטה אונ ווידוי אונ תשובה אבער די עבירות וואש זיינען צווישן אים אונ זיין חבר · מוז ער פריער זיין חבר איבר בעטין אזו וויא אויבן שטייט: אזו אויך אפילו ער האט זיין חבר נאר דר צערינט מיט רייד מוז ער אים בעטין: וויל ער עש אים ניט מוחל זיין · זאל ער אים איבר בעטין פאר דרייא לייט · וויל ער אים נאך ניט מוחל זיין זאל ער ווידר נעמין אנדרי דרייא לייט: אזו ביז דריי מאל · אבר אז ער וויל אים נאך דעם אלים נאך ניט מוחל זיין זאל ער אים לאזין גיין · אונ די עבירה איז אויף אים · ווייל ער איז אזו אום דער בארמיג אונ וויל אים די עבירה ניט מוחל זיין · וויא זאל אים דען גאט זייני זינד מוחל זיין · אונ דער וואש איז גרינג צו דר צארינן · אונ איז שווער צוא באוויליגן דער איז ניט פון די קינדר פון אברהם אבינו · דרום זאל איטליכר באלד מוחל זיין כדי גאט זאל אים אויך באלד מוחל זיין · אויך דר וואש וויל ניט מוחל זיין ווערט זיין תפלה ניט דר הערט אדרבה ער מאכט דאש זיינע זינד ווערין גידאכט · דען מען זאגט ווי אזו זאל אים גאט מוחל זיין זייני זינד · ער האט דאך יענם ניט גיוואלט מוחל זיין · דרום ווערט זיין

תפלה פר שטויסן · אונ ווערט ניט דער הערט · אונ ווען זיין חבר איז גשטארבן איידר ער האט אים איבר געבעטן · זאל ער נעמן צעהן לייט · אונ זאל זיך שטעלין אויף זיין קבר · אונ זאל זאגין איך האב גזינדיגט צו גאט ישראל אונ צו דעם פלוני וואש ליגט דא אין דעם קבר · אונ אויב ער איז דעם מת עפים שולדיג געבליבן זאל ער עש אפ געבין זייני יורשים · אונ אויב עש איז ניטא קיין יורשים זאל ער עש אפ געבן דעם בית דין · דער בעל תשובה זאל זיך ניט ארין נעמן דאש הקב"ה האט אים פיינט פון וועגין זייני עבירות וואש ער האט גיטאן פר זיין תשובה: עש איז ניט אזו · אדרבה ער איז נאך גיליבט אין דיא אויגן פון הקב"ה גליך וויא ער איז ערשט נייא געבארין · אונ נאך מער זייני זינד ווערין אים גירעכנט פר מצות · וויל פריער האט ער הנאה גיהאט פון דער עבירה · אונ איצט לאזט ער אוועק די הנאה אונ זיא איז אים מיאוס אונ בצווינגט זיין יצר הרע · אונ פר לאזט זייני בייזי מעשים: דיא חכמים זאגן אפילו דיא רעכטע צדיקים קענן ניט שטיין אויף דעם ארט וואו די בעלי תשובה שטייען לעו"ה · איך וועל דא קורץ בשיידן די זאך · איין בעל תשובה האט פאר זוכט די הנאה פון עבירות · אונ פאר לאזט עש פון זיין תשובה וועגן · אבער דער צדיק האט ניט פאר זוכט די הנאה · אזוא קען זיין אפשר אויב ער וואלט זי יוא פר זוכט וואלט ער זיא ניט אפ גילאזט · נון זעהט וואש פאר אגרוישע מעלה דר בעל תשובה האט · פריער איז ער גיפיינט גיוועז אין גאטש אויגן · אצונד איז ער גיליבט · פריער איז ער אפ גישייט גיוועזן פון הקב"ה · אצונד איז ער בהעפט אין אים · אונ איז ביי אים נושא חן · פריער איז זיין תפלה ניט דער הערט גיוועזן · אצונד איז זיא יוא דער הערט · אונ ער ווערט גיענפערט אויף אלע זיינע בקשות · אונ ניט דאש אליין הקב"ה גלוסט נאך צו זיין תפלה · דר בעל תשובה זאל זיך אזו נוהג זיין · ער זאל זיין איין עניו · אונ ווען איינר שפעט פון אים · אונ זאגט צוא אים וואש האלסטו דיך אזו פרום דוא האסט דאך די אונ די עבירה גיטאן · אזו זאל אים דאש ניט הארין · אדרבה ער זאל שווייגין אונ זאל זיך פרייען · דען דער נעמט ביא אים אראפ זיינע עבירות · אונ דר וואש ווארפט אים דאש אויף איז ער

איין נאר אונ איין רשע · אונ ער מוז דריבר עונש ליידין גלייך ווי ער וואלט זעלברט די עבירה גיטאן · דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין ניט צוא שפעטין פון איין בעל תשובה · דען ער פר זינדיגט זיך באלד אין אים:

אזו אויך זאגט די גמרא ווען דו זעהסט איינם איין עבירה טאן זאלסטו אים ניט אויף ווארפן · נאר שטראף אים שטילר הייד · אונ ווען דו זעהסט איין תלמיד חכם איין עבירה טאן זאלסטו אים דריבר ניט שפאל האלטין · דען ער האט בוודאי דרויף תשובה גיטאן · אזוא אויך דעסט גלייכין אנאנדרין טארשטו אויך ניט אויף ווארפן · דען טאמר האט ער דרויף תשובה גיטאן · דיא תשובה פון איחיד איז ניט אזו גוט וויא די תשובה פון אקהל · דען די תשובה פון אקהל ווערט תמיד אן גנומן · אז ווי דער פסוק זאגט הן אל כביר לא ימאס נון גאט פאר שעהמט ניט דיא תפלה אונ תשובה פון פיל לייט · אויך זאגט דער פסוק ומי גוי גדול אשר לו אלהים וגו׳ ווער איז אזו איין הויך פאלק וואש גאט איז נאהנט צו זיי · אונ אלי צייט ווען זייא רופן אים ענטפערט ער זייא אונ נעמט אן זייער תשובה אונ תפלה · אבר דיא תשובה פון איין יחיד איז ניט אזו גוט · נאר עש איז פר האנדן צייטין דרויף דהיינו אום עשרת ימי תשובה איז זיין תשובה מער אן גינומן ווי אנדרש מאל אז וויא דר פסוק זאגט דרשו ה׳ בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב וגו׳ פארשט גאט אין דר צייט אז איר געפינט אים · רופט אים אין דר צייט אז ער איז נאהנט צו אייך · זאגין די חכמים אז דאש גייט אויף די עשרת ימי תשובה אויך זאגט דער פסוק ובקשתם משם את ה׳ אלהיך כו׳ איר זאלט זוכן פון דארטין פון גלות גאט דיין גאט · אונ דו ווערסט אים גיפינן אויב דו ווערסט צוא אים תשובה טאן מיט גאנצן הארצן אונ לייב · זאגן דיא חכמים אז דאש גייט אויך אויף דיא עשרת ימי תשובה · דען הקב"ה האט אויש דער ווילט אין דעם חודש תשרי מער איידר אין אלי חדשים ווייל ער איז דר זיבטר · אזו אויך האט גאט אויש דר ווילט דעם זיבטין טאג צו מאכין שבת · אונ דאש זיבעטע יאר צוא מאכן שמיטה דיא זיבעטע שמיטה צו מאכין יובל · אזו אויך דאש זיבעטע טויזנט יאר איז גאר הייליג · אז ווי עש ווערט בשיידט ווערין אין הלכות שבת · אויך האט זיך הקב"ה אויש דר ווילט אין

דעם

דעם זיבעטן הימל וואש הייסט ערבות אויך דיא זיבעטע שעה איז דיא נשמה אריין גינומען גיווארין אין אדם הראשון · דאש זיבעטע דור פון אדם הראשון איז חנוך לעבדיגער הייר אין הימל ארין דאש זיבעטע דור פון אברהם אבינו איז גיוועזן משה רבינו ע"ה · דר זיבעטער זון פון ישי איז דוד המלך ע"ה דר זיבעטר זון פון דוד איז שלמה המלך ע"ה דרום איז אויך די תשובה אין דעם חודש תשרי מער גיליבט אין גאטש אויגן · אבר באמת איז די תשובה אגאנץ יאר גוט אבר ניט אזו ווי אין חודש תשרי: אדר דרום איז אין דעם חודש תשרי מער אן גינומען די תשובה · ווייל אדם הראשון איז בשאפן גיווארין אום ראש השנה · אונ אין דעם זעלביגן טאג האט ער גיזינדיגט · אזו איז הקב"ה זייער צארינג גיוועזן איבער אים · אונ זאגט צו אים איין מצוה האב איך דיר גיבאטן · אונ דוא האסט זי ניט גיקענט האלטין · וויא וועלין דיינע קינדער טאן אז איך וועל זיי געבן זעקס הונדערט מיט דרייצען מצות · אז אדם הראשון האט דאש דער הערט האט ער חרטה גיהאט · אונ האט תשובה גיטאן · אזוא האט אים הקב"ה מוחל גיוועזן · אונ האט אים דר לייגרט זייני יארן · אונ האט צו אים גיזאגט דו זאלסט זיין אסימן צו דיינע קינדר · דאש ווען זייא וועלין תשובה טאן וועל איך זיי אויך זייערע זינד פר געבן אז ווי איך האב דיר פאר געבן · דיא גמרא פרעגט ווארום האט דיא תורה אן גישריבן אויף ישראל די גרוישע עבירה פון עגל · הקב"ה האט זיי דאך מוחל גיוועזן דרויף · אזו אויך ווארום האט די תורה אן נישריבן די הרבע עבירה פון דהע"ה הקב"ה האט אים דאך מוחל גיוועזן דרויף ענפרט די גמרא דאש קומט צוא ווייזן אז ווען איין קהל אדער אפילו איין יחיד וועט איין עבירה טאן · אזו זאלין זייא תשובה טאן וועט זייא גאט מוחל זיין:

אונ זעקס ערלייא מעלות אונ צייטן איז פר האנדין אויף דר תשובה איינע עהגיר פון דר אנדרר דיא ערשטי מעלה איז ווער עש טוט תשובה אין דר יוגנט אז דער יצר הרע איז נאך שטארק בייא אים · אונ ער בצווינגט אים אויף דעם האט גיזאגט דר נביא השליכו מעליכם את כל פשעיכם וגו' ווארפט פון אייך אראפ אייערי זינד אונ מאכט איין פריש הארץ אונ נייע גימיט דאש איר זאלט נאך גיין דעם יצר טוב · אויך זאגט דר פסוק וזכור את בוראיך בימי בחורותיך גידיינק דיין בשעפר אונ טוא תשובה אין דיינע יונגי טעג ·׳ די אנדרי מעלה איז אויך ווער עש טוט תשובה אין דר יוגנט · אבר זיין תשובה קומט דרום ווייל ער קען שוין ניט קומן צוא דער עבירה · דאש איז אויך גוט אבר ניט אז ווי די ערשטי די דריטי מעלה איז ווער עש טוט תשובה דרום ווייל ער האט פארכט פר יסורים אונ עונש פון זיין זינד וועגין · דיא פערטע מעלה איז ווער עש טוט תשובה דרום ווייל עש האט אים גיטראפן יסורים אדר אנאנדער זאך · די פינפטי מעלה ווער עש טוט תשובה אויף דר עלטר אז ער ווערט אלע מאל שלאפר · אונ קען שוין ניט טאן זעלכע עבירות ווי ער פלעגט צו טאן · די זעקסטי מעלה איז ווער עש טוט תשובה אז ער ליגט שוין קראנק פארין טויט דרום ווייל עש איז יוא אזוא אז איין תשובה איז בעסער פארין אנדערן · זאל קיינר ניט פר זוימן מיט זיין תשובה · אונ ווי באלד איינר ווערט קראנק זאל ער תיכף תשובה זאגן · אונ זאל ניט ווארטן ביז דיא קראנקהייט וועט זיין שווער אויף אים · טאמער וועט ער ח"ו דער נאך ניט קענין ווידוי זאגין · אדר טאמער וועט ער ח"ו פון זינן קומן · אונ דיא לייט וואש זיינן ביי דעם קראנקן זיינן מחוייב אים צוא דער מאנן ער זאל ווידוי זאגן אונ זאלן צו אים זאגין עש זיינען דאך פאר האנדין פיל לייט וואש האבן שוין ווידוי גיזאגט אונ אצונד גייען זיי ארום אויפן מארק · דען דיא ווידוי איז איין רפואה · אונ עש זיינען פאר האנדין פיל לייט וואש האבין ניט גיוואלט זאגין קיין ווידוי · אונ זיינן אזו גישטארבין אן ווידוי אבר מיטאר אים ניט זאגין די רייד פאר זיין ווייב אונ קינדער דאש זייא וועלין וויינען אונ וועלין אים שווער מאכין זיין הארץ מען זאל אים אויך זאגין אפילו די מענטשן וואש גייען ארום אויפן מארק זיינן אויך ניט זוכה פארין טויט דרום וועט דיר ניט שאטן אז דו וועסט ווידוי זאגין:

עש איז פר האנדין אמענטש וואש טוט איין עבירה · אונ ווערט אויף איר מער גישטראפט וויא זיין חבר ווערט אויף איר גשטראפט דהיינו אז איין תלמיד חכם טוט איין עבירה האט ער מער עונש פון איין עם הארץ וואש טוט איין עבירה · אזו אויך איין אלטר

אז ער טוט איין עבירה האט ער מער עונש פון
אייניגן: אז איין רייכר גנבת האט ער מער עונש וויא
איין ארעמער גנבת אונ ווען איין שלעכטער מענטש
האלט זיך בגאוה האט ער מער עונש וויא אגרוישער
מאן האלט זיך בגאוה׳ אונ דר וואש גזלת איין ארומאן
האט ער מער עונש ווי ער גזלת איין רייכן׳ אזו אויך
ווען ער טוט איין שאדן צו איין צדיק אודר צוא איין
אלטן מאן׳ אדר ער איז אים מצער׳ האט ער מער
עונש וויא ער וואלט עש אנאנדרין גיטאן׳ אז ווי די
גמרא זאגט הכל לפי המבייש והמתבייש דער עונש איז אלש
ווערלינ דעם וואש פר שעמט אונ ווערט פר שעמט
אויך דער וואש טוט איין עבירה אום שבת אדר אום
יום טוב אדער אין איין תענית איז זיין עונש גרעסער
וויא אננדרשט מאל׳ אויך זיינען פאר האנדן אטייל
זכיות וואש זיינן בעסר פין די אנדרי דהיינו די תפלה
פון אצדיק איז בעסר פון דער תפלה פון ארשע אונ
ווען איין יונגר דינט גאט מיטן גאנצין הארצין׳ איז
בעסר איידר וויא איין אלטר טוט דאש אונ ווען איין
ארעמר האנדילט באמונה איז פיל בעסר איידער וויא
איין רייכר האנדילט באמונה דאש גלייכן פאר קערט
קענגן עונש׳ אונ ווען איין גרוישר מאן איז איין עניו
איז ער מער גליבט אין גאטש אויגן וויא איין שלעכטר
מאן איז איין עניו:

איר ליבי לייט זייט וויסן דאש דיא וועלט איז גיגליכן
צוא איין ים וואש שטורמט דורך איין שטורעם
ווינד׳ אזוא גיפינען זיך פיל לייט וואש ווילין פארט
אריבר גיין׳ אונ ווערין דער טרונקען אין דיא
טיפי וואשער׳ דיא אנדערי זעהן אז דיא זיינען דער
טרונקן גיווארין׳ אונ גייאן זייא פארט נאך: אונ
ווערין אויך דר טרונקן׳ דר נאך קומן נאך מער לייט
אונ זעהן דאש יעני זיינען דער טרונקען׳ אונ קערין
זיך ניט דרינן אונ גייאן אויך אריין אונ ווערין אויך
דער טרונקען׳ אין דעם קומט צוא גיין איין חכם אונ
באטראכט זיך מיט כל המצאות. אונ מאכט זיך איין
שיף מיט איין זעגיל בוים׳ אונ מיט גראבי שטריק׳
אין דינגט זיך רודר וואש זאלן אים רודלן די שיף. אזו
פארט ער בשלום איבר דעם ים׳ אזוא איז אויך דיא
וועלט׳ די לייט לויפן נאך זייער האנדל׳ אונ די לייט
וואש ווערין דרינן דער טרונקן דאש זיינן די רשעים׳.
זיי טראכטן ניט אויף עולם הבא׳ אונ פאלן אין גיהנם׳
אונ דער חכם דאש איז דר בעל תשובה׳ די שיף איז
די תשובה׳ אונ די רודר דאש זיינן די מעשים טובים׳
פאסטין אונ צדקה אונ תפלה׳ אזו וויא די רודר האבן
גרויש מיא: אזוא האט דער בעל תשובה אויך גרויש
מיא מיט זיין תשובה׳ אונ דר זעגיל בוים דאש זיינן
דיא מצות בכוונה׳ דען אזו וויא מיקען ניט פארן אן
דעם זעגיל בוים׳ אזו אויך דיא מצות אן כוונה זיינן
ניישט גירעכינט אונ די גראבי שטריק דאש זיינן דיא
תפלות דאש דורך זייא ווערט דר מענטש אן גיקניפט
אין הקב״ה אונ ווערט גיבראכט לעולם הבא:

פינף צייטן איז פאר האנדן וואש דער מענטש האט
צייט תשובה צוא טאן׳ דיא ערשטי צייט איז
תיכף דעם טאג אז ער טוט דיא עבירה׳ עש איז גלייך
אז וויא עש קומט איין פלעק אויף אמלבוש׳ אז מען
נעמט אים תיכף ארויש איז גוט׳ אונ אויב ניט איז
ניט גוט׳ אזו אויך מיט דר עבירה מאכט ער אפלעק
אין זיין נשמה׳ אזוא אז ער טוט באלד תשובה גייט
ארויש דער פלעק׳ אונ אויב ניט גייט ער ניט ארויש
דאש אנדרי ווער עש פאר זוימט דעם טאג אבר ער
טוט נאך תשובה אין זיין יוגנט׳ דאש דריטי ווער
עש טוט ערשט תשובה אויף דער עלטר׳ דש פערטי
ווער עש טוט ערשט תשובה אז ער ליגט קראנק
אויף אטויטע בעט׳ דאש פינפטי ווער עש שטארבט
גאר אן תשובה׳ אונ בלייבט אין זיין בייזקייט׳ דאש
איז איין משל צו פינף כיתות וואש פארן אין איין שיף
אויפן ים׳ דא קומט איין שטורם ווינט אונ ווארפט
זייער שיף טאג אונ נאכט׳ אונ זייא קענן ניט קומן
צוא קיין יבשה: אמאל האט זייא דער ווינט פאר
טראגן צוא איין אינזל אין מיטען ים׳ דיא לייט גייאן
ארויש אויפן אינזל אונ גיפינן דארטן גוטי פירות אונ
גוטע קרייטיכער אונ אלערלייא פייגל אונ בהמו״ת
אונ קוואלן וואשר׳ אונ אלש וואש זייער הארץ בגערט׳
די ערשטי כיתה זאגט מיר וועלן ניט ארויש גיין פון
דער שיף פון אונזר וואול טאג ווענן דען טאמר וועט
קומן

קומן אשטורם ווינד אונ ועט פאר טראגן דיא שיף · אזו ועלן מיר מוזן שטארבן אויף דעם אינזל · אונ אונזר האב אונ גוטין ועט אלש פר לארן ווערן · דיא אנדרי כיתה גייאן יוא ארויש אונ עסין פון דיא מאכלים אונ נעמן מיט זיך אין שיף אריין אבער זייא קערין זיך אום באלד אין שיף אריין · די דריטע כיתה גייאן ארויש אונ בלייבן פון דרויסין · אונ גייאן נאך נאך וואול טאג · אונ עסן אונ טרינקן אונ בויען זיך שייני הייזר אונ טוען זיך אן גרויש תענוג אויפן אינזל · ביז עש קומט איין ווינט אונ די רודר הייבן אן צו רודרן די שיף · אונ מען הייבט אן צו טרומייטרן · אזו לויפן זייא באלד אין שיף אריין אונ גיפינן דאש דיא אנדרי לייט זיצן אויף זייערע שטעט · אונ זייא מוזן זיך שוין זעצין אין איינג שאפט · דיא פערטע כיתה זאגט מיר ועלן נאך קומן אין שיף אריין דיא רודר ועלן ערשט אויף שטעלן דעם זעגיל בוים · אונ זייא זאמען זיך אויפן אינזל אונ גייאן נאך נאך תענוגים · אונ זייא מיינען זייא ועלן נאך קומן צוא דער שיף · אין דעם הייבט אן דיא שיף צו גיין · אזו דער שרעקן זייא זיך · אונ דיא שיף איז אבער שוין ווייט אוועק פון זייא · אזוא מוזן זיי שווימן אונ גייען ביז אין האלז אין וואשר ביז זייא גרייכן צוא דער שיף אבער זייא מוזן נאך פיל איינגר זיצן פון דער דריטע כיתה · די פינפטי כיתה בלייבן אויפן אינזל אונ קערין זיך ניט דרינן וואש די שיף פארט אוועק · אונ זייא מיינען זייא ווערן זייערי טעג אזוא פאר ברייגן אין תענוג אויף דעם אינזל דער נאך קומט דער ווינטר אונ דיא בייטר ווערין פר דארט אונ עש קומט דיא קעלט אונ שנייא אונ רעגן · אונ זייא האבן ניט צוא עסין אונ טרינקן אונ מוזן זיך נאך בהאלטין אין זייערע הייזר פאר די חיות רעות · אונ זייא ויינען אונ שרייאן אונ קיינער קען זייא ניט העלפין · אונ זייא מוזן דארטן שטארבן פאר הונגער · אודר זייא ווערן צו ריסן פון דיא חיות רעות :

אזוא איז אויך דער מענטש · דיא וועלט איז גלייך צו איין אינזל אונ דיא מעשים טובים זיינען גלייך אז וויא איין שיף · דען ווען איין מענטש גייט אין גלייכן וועג · אונ דינט הש"י · אונ לאזט זיך ניט בצווינגן פון דעם יצר הרע אזו גייט ער ארום אויף דער וועלט בשלום אונ קומט אויף לעולם הבא בשלום אין גן עדן אריין · די ערשטע כיתה דש זיינען די רעכטע צדיקים · זייא ווילן נאך גיין נאך וואול טאג אונ תענוגי · די אנדרי כיתה איז די וואש טואן עבירות אבר זייא טוען באלד תשובה דרויף · זיי קומן ווידר אויף זייער ארט אין גן עדן אריין · אונ זיצן גראם · די דריטי כיתה איז די וואש טוען פיל עבירות אונ טוען קיין תשובה ניט ביז אויף דער עלטער · חאטשע דש הייסט דאך אויך איין תשובה · אבר עש איז ניט אזו גוט וויא די ערשטע כיתה · דיא פערטע כיתה איז דיא וואש טוען ערשט תשובה פאר'ן טויט · דרום האבן זייא גאר איין איינגן ארט אין גן עדן · ווייל זייא האבן פר זאמט מיט זייער תשובה · אונ זיינען פריער נאך גיגאנגן נאך תענוגים · די פינפטע כיתה זיינען די רעכטע רשעים וואש טוען גאר קיין תשובה ניט זיי בלייבן אין גיהנם ווייל זייא האבן ניט גידיינקט אין זייער שיף דאש איז די תורה אונ מעשים טובים · אונ די חיות רעות צוא רייסן זייא · דאש מיינט מען די מלאכי חבלה ר"ל · זייא ווארפן אים אין דעם אפגרונד פון גיהנם אונ איטליכר זאל זיך דעם משל אין מוח אריין נעמען אונ זאל ניט פאר זאמען מיט זיין תשובה :

פיר כללים זיינען פאר האנדין אויף דר תשובה איינש ער מוז זיך בדיינקען אויף איטליכר עבירה וואש ער האט גיטאן · דאש אנדרע ער מוז זייא פאר לאזין גאר צוא טאן · דאש דריטע ער דארף ווידוי זאגין · דש פערטע ער דארף אויף זיך מקבל זיין קיין מאל קיין עבירה ניט טאן · אונ דארף אזו זאגין רבון כל העולמים איך האב גיזינדיגט די אונ די עבירה האב איך גיטאן · אונ איך וועל עש שוין קיין מאל ניט טאן · איך האב חרטה דרויף חטאתי עויתי פשעתי וכו' אויך זיינען פאר האנדין פיר ארלייא תשובות תשובת הכתוב דאש מיינט מען ער זאל זעהן אין דער תורה וואש פאר איין עונש עש שטייט אויף אזו איין עבירה וויא ער האט גיטאן · איז דער עונ"ש הארב איז זיין תשובה אויך הארב · אונ תשובות המשקל ער זאל וועגין דיא הנאה פון דר עבירה קעגין דעם צער וואש ער וועט ליידין דרויף אונ ווידר

תשובת הדרמה דאש ער מוז חרטה האבין אויף זיינע עבירות · זונשט הייכט עש קיין תשובה ניט · אונ עש איז גלייך אזו וויא איינר טובלת זיך אונ האלט איין שרץ אין זיין האנט · הקב"ה האט גיווארינט די ישראל אויף דר תשובה אזו ווי אויבן שטייט דאש ער בגערט ניט אין דעם טויט פון רשע · נאר ער זאל תשובה טאן וועט ער לעבין דאש אייביגע לעבין אונ האט זיי אויך גיווארינט דרויף דורך משה רבינו ע"ה · אז וויא עש שטייט אתם נצבים אונ אויך דורך אנדרע נביאים · דרום זאל קיינר זיך ניט טראכטין איך בין נאך יונג אונ האב נאך קיין עבירות ניט גיטאן · אונ דארף קיין תשובה ניט · ניין עש איז ניט אזו איטליכר בדארף תשובת טאן · אונ דר וואש נעמט זיך מיט די עבירות אויף יענער וועלט איז וויא צוא אים :

נאך דעם אז ער האט תשובה גיטאן זאל ער מאכין אנדרע אויך תשובה טאן אז וויא די גמרא זאגט דר וואש קען שטראפין די לייט אונ שטראפט זיי ניט ווערט ער גישטראפט דרויף דרום איז מחוייב איטלכם קהל צו האבין איין בעל דרשן וואש זאל שטראפין די לייט אזו אויך איין בעל הבית וואש שטראפט ניט זיין הויז גיזינד מוז ער עונש ליידין איבער זייא אבר דער וואש מאכט יוא דיא לייט תשובה טאן האט זיין שכר נאר קיין שיעור ניט · אז וויא דער פסוק זאגט בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון מיט שלום אונ גלייכקייט איז ער גיגאנגין מיט מיר · אונ פיל לייט האט ער ווידר גיקערט פון זינד · אויך זאגט דיא גמרא מיזאל גיוועהן שטראפין איינר דעם אנדרן וואלט דער בית המקדש ניט חרוב גיווארין · אונ דאש שטייט דאך שוין אויבן דאש דער מענטש איז מחוייב צו שטראפין זיין חבר צווייא דרייא מאל אונ אז ער קערט זיך ניט דר צו הייסט ער איין נאר · אבר דר וואש נעמט יוא אן שטראף הייסט ער איין צדיק אונ איין חכם · דרויף זאגט דער פסוק אל תוכיח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך זאלשט ניט שטראפין קיין שפעטר טאמר וועט ער דיך פיינט האבין · שטראף צוא איין חכם וועט ער דיך ליב האבין · אויך זאגט דער פסוק באזני כסיל אל תדבר אין די אויערן פון אנאר זאלשטו ניט ריידין · אויך זאגט דר פסוק אוזן שומעת תוכחת חיים בין חכמים תלין דר אויער וואש הערט צו שטראף רער בקומט דאש אייביגע לעבין · אונ צווישן די תלמידי חכמים וועט ער איבר גנעכטיגן אבר דר וואש האט פיינט שטראף איז פיל ערגער פון א בהמה · אונ ווערט ניט גירעכינט צווישן דיא לייט · וויא דער פסוק זאגט שונא תוכחת בער דער וואש האט פיינט שטראף איז איין נאר · אונ איז אויש גילערט פון דר וועלט אונ יענער וועלט · דרום זאל איטליכר אן נעמען די שטראף · אפילו דר וואש איז איין אלטער מאן אונ איין תלמיד חכם · אז וויא עש שטייט דרויף פיל מעשיות אין דער גמרא · אונ דער וואש מאכט די לייט תשובה טאן איז ער מקרב דיא גאולה :

פון וועגין דר תשובה איז דער מענטש זוכה צוא פיר זאכין · איינש הקב"ה איז אים מוחל אלע זיינע עבירות · אונ זייא ווערין אים גירעכינט פאר מצות · דאש אנדרע ער ווערט גיהיילט פון זיינע זינד אונ פון אלע קראנקהייט : אז וויא דער פסוק זאגט הרופא לכל תחלואיכי דש דריטע ער ווערט בשירמט פון גיהנם · אונ קומט אין גן עדן · אז וויא דער פסוק זאגט הגואל משחת חייכי ער לייזט אויש פון גיהנם דיין לעבין · דש פערטע הקב"ה נייגט אויף אים חן אונ חסד אונ דער בארימקייט · וויא דער פסוק זאגט המעטרכי חסד ורחמים גאט מאכט דיך קריינען גינאד אונ דר בארימקייט אונ דרום ווייל הקב"ה האט ליב די ישראל מער פון אלע אומות · דרום האט ער אונז ניגעבין די תשובה דאש אייביגי לעבין · אויך זאגט דר פסוק כי חסיד אני הקב"ה זאגט אפילו איינער טוט מיר שלעבין טוא איך אים גוטש · אונ ווען איר וועט תשובה טאן וועל איך אייך מוחל זיין אייערע זינד . אונ דורך דער תשובה וועלין מיר זוכה זיין צו דער גאולה במהרה בימינו אמן :

סליק הלכות תשובה

## הלכות צדקה פרק רביעי

דער פרק רעט וויא מיזאל צדקה געבין · אונ ווען מיזאל צדקה געבין · אונ וועמען מיזאל צדקה געבין אונ וויא דיא צדקה זאל זיין :

דער

דער פסוק זאגט זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד די פסוקים זיינען אזו פר טייטשט איר זאלט זייען די צדקה גלייך וויא איינער זייעט קארין אדער ווייץ · דא ווערט איר אפ שניידין חסד · אונ ווען איינער זייעט קארין אדער ווייץ · אזוא ווייסט ער ניט אויב עס ווערט וואקסין · אדר אויב ער ווערט עס אפ שניידין · דען עס קען זיין דער האגיל ווערט עס אויש שלאגין · אבר דר וואש זייעט צדקה ווערט ער בוודאי שניידין · אונ אזו ווי פון איין קארין וואקסין אויש פיל קארינש אזו אויך פאר איין שילינגער צדקה ווערט מען גיבענטשט מיט אלפי אלפים אונ דאש איז דאך ידוע אז גמילות חסד איז פיל בעסער אונ חשובר פר צדקה · דען צדקה איז נאר פר עניים · אונ גמילות חסד איז פאר עשירים אויך · צדקה איז נאר פר איין לעבנדיגן · אונ גמילות חסד קאן זיין מיט דעם טויטן אויך · צדקה גיט מען נאר געלט · אבער גמילות חסד איז מיט זיין לייב אונ גוטש · דרום זאגט דר נביא זייעט אייך צדקה ווערט איר אפ שניידין חסד · אונ דרום אויך זאגט ער דאש לשון זייען ביא צדקה · דען אזו וויא איינער זייעט קארין בהאלט ער עש אין דער ערד · אזו אויך איז צום בעסטין צדקה צו געבין שטילר הייד · אז וויא איך וועל עש דא בעסער בשיידן אויך זאגט דער פסוק נירו לכם ניר ועת לדרוש את ה׳ אקערט אייך איין אקער · דאש מיינט מען אזוא וויא אז איינער וויל אקערין איין פעלד קלייבט ער זיך אויש אזוא איין פעלד וואש זאל דרויף גוט וואקסין אזו אויך זאל מען זעהן צדקה געבין צו פרומי לייט · אונ צו דעם וואש לערינט תורה · אונ ניט צו שלעכטע · אונ אויב דו ווערסט וועלין זאגין וויא קען מען וויסען אז דער איז אנוטער אונ דער איז אשלעכטר · דרום זאגט דער נביא ועת לדרוש את ה׳ עש איז איין צייט צו פארשטין גאט · כלומר אפילו דו ווייסט ניט דעם מענטשין גיב אים פארט וצדקה: אונ האלט אים פאר פרום · ביז אליהו הנביא ווערט אונז ווייזין ווער מען מיזאל צדקה געבין · דער נאך זאגט דער נביא אשריכם זורעי על כל מים וואזל צו אייך דש איר זייעט אויף אלי וואשרין · דש מיינט מען גיט אייער צדקה צו די וואש לערנען תורה וואש זיא איז גיגליכן צוא וואשער · אונ זיא בלייבט נאר ביא דיא נידריגע לייט · אונ ניט ביא די בעלי גאוה:

דער פסוק זאגט בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך דאש טייטשן דיא חכמים ווען דו האשט צדקה געגעבן צו איין עני זאלשטו צו אים ניט זאגן איך האב שוין היינט געגעבן קום אנדערש מאל · נייארט דוא זאלשט אים ניט אוועק לאזן ליידיג · דען אין דעם זכות פון צדקה איז מען זוכה צום לעבין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט · אונ דער וואש גיט צדקה וויא רעכט איז וויא עש ווערט דא ווייטר בשיידט ווערין: דר איז זוכה אויף צו שטיין צו תחיית המתים · אונ איז זוכה צוא קומן צו דער מחיצה פון הקב״ה · אונ ער ווערט הנאה האבן פון דעם לויטרקייט פון דר שכינה אונ דיא צדקה גייט פארן מענטשין אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט · דרויף זיינען פאר האנדין פיל פסוקים · נאר איך וויל דרינן ניט מאריך זיין · ווער עש וויל דאש ניט גלייבן זאל זיך נעמן דעם ספר המוסר ווערט ער עש געפינען בשיידליך · אויך בהיט אים דיא צדקה פאר מיתה משונה אונ פאר דעם גיהנם · אונ ברייננגט אים צוא עולם הבא · אונ זיא גייט פר אים אונ ווייזט אים דעם וועג אין גן עדן אריין · אונ זיא איז זיין מליץ אונ מענת פאר אים ביא דעם גרוישן משפט אויך האבן די חכמים ז״ל גזאגט ווען דו האסט ביי דיין טיש עניים זאלשטו זיך פרייען אויף דעם וואש דו האשט די הונגריגי זאט גמאכט · כדי דו זאלסט לאנג לעבן אויף דר וועלט · אונ ווערסט אויך בקומן דש אייביגי לעבן · אז וויא דר פסוק זאגט אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה׳ וואזל דעם מענטשן וואש קליגט זיך צום ארומאן · אין דעם בייזן טאג ווערט אים גאט מציל זיין פרעגט די גמרא וואש הייסט גיקלינט צו איין ארומאן נאר דאש מיינט מען ער בקלערט זיך מיט זיין חכמה צו העלפין דעם ארומאן מיט כל המצאות · מיט לייאן · אדר מיט אנאנדר זאך · ביום רעה ימלטהו ה׳ דער וואש טוט אזו ווערט אים קיין בייז ניט צו קומן:

ווען איין ארומאן קומט צו איין עושר אונ בגערט פון אים צדקה אדער ער זאל אים לייאן דא שיקט

גאט

גאט איין מלאך אונ׳ שטעלט זיך לעבן דעם ארומאן אונ זעהט אונ הערט אלש וואש ער רעט מיט דעם עושר׳ אונ וואש דר עושר ענטפירט אים ׳ דען גאט ב״ה פרובט אויב ער איז זיך נוהג מיט זיין צדקה וויא עש קער צוא זיין ׳ אויב ער גיט זיא מיט גוטן גמיט אונ מיט שמחה ׳ אדר מיט איין טרויאריג פנים ׳ אונ אויב ער גיט זיא בשתיקה אדר בפרהסיא ׳ אויך פרובט ער דעם ארומאן אויב ער לאזט זיך בנוגן מיט דעם וואש מען גיט אים ׃ אונ אויב ער רעט ניט קיין שלעכטע רייד קעגין דעם עושר אדר אויב ער איז ניט מתרעם אויף גאט צוא זאגן ווארום האט ער יענם געגעבן פיל געלט אונ עשירות אונ אים ניט ׳ דען מיט דיא רייד טוט ער אגרוישע עבירה דר וואש גיט ניט קיין צדקה ווערדליג זיין עשירות ווערט אים זיין עשירות בהאלטן צו בייזין ׳ ער ווערט פרלארן פון דר וועלט אונ יענר וועלט ׳ אונ זיין עשירות ווערט אויך פארלארן ׳ אזו אויך דר ארומאן וואש לאזט זיך בנוגן מיט וואש מען גיט אים ׳ אונ ער רעט ניט קיין שלעכטע רייד וואש זיינען דר ווידר גאט אונ לייט ח״ו ׳ אונ נעמט אן זיין ארומקייט פאר ליב ׳ דאש וויא גאט האט מיט אים גימאכט איז אלין רעכט ׳ דער בקומט זיין שכר כפל כפליים אויף יענר וועלט ׳ אונ זיין שכר איז גרעסר פון דעם וואש גיט צדקה ׳ דען ער זאגט צוא הקב״ה ליבר גאט האסטו מיר אויך גיזאלט געבן געלט וואלט איך אויך צדקה גיגעבין ׳ פון דעסט וועגין זאל דער ארומאן אויך צדקה געבן פון דעם ביסל וואש ער האט׃ אויך זאל איטליכר וויסן אז דער ארומאן וואש נעמט צדקה ביי דעם עושר טוט ער מיט אים פיל מער גוטש ׳ אדר דר עושר טוט מיט אים ׳ דען דער עושר גיט אים געלט אדר עסין אונ טרינקן ׃ אדר ער מאכט אים איין מלבוש ׳ אבר ער בקומט דורך אים טויזינט מאל מער ׳ דש גאט גיט אים מזל אונ ברכה אונ לאנג לעבן ׳ אונ אלין וואש אויבן שטייט אויש גירעכינט ׳ אויך זאל איטליכר וויסן אז דער וואש גייט זיין חבר צדקה געבין ׳ האט ער מער שכר פון דעם וואש גיט צדקה ׳ דען דער טוט גוטש מיט דעם ארומאן ׳ אונ נאך מער גוטש מיט דעם עושר וואש ווערט גינייט ׳

אונ אויך דער וואש גייט זיין חבר וצוא צדקה איז ער דאך בוודאי אויך איין בעל צדקה ׳ אזו איז זיין שכר זייער גרויש ׳ עש שטייט אין פרק יוסי בן יועזר זאגט דיין טיר זאל תמיד אפין שטיין ׳ אונ עש זאלן זיין ארעמע לייט אין דיין הויז בשעת דוא עסט אדר ווען דוא האשט עפים צו ארבעטן זאלסטו עש געבין צוא עניים ׳ כדי זייא זאלן זיך פאר דינן אויף פרנסה ׳ נאך איין פשט איז דיין טיר זאל תמיד אפין זיין דאש דיא אורחים זאלן אריין גיין ׳ דען אז די טיר איז צוא גמאכט ׳ שעמין זייא זיך אן צו קלאפן ׳ אדר טאמער קומט איין הונגריגר אורח ׳ אונ איידר דוא וועסט אים עפינן וועט ער פאלן פארן טיר ח״ו ׳ אונ דער שכר פון הכנסת אורחים איז גרעסר פון צדקה אונ זיין גרוישר שכר האט גאר קיין שיעור ניט ׳ אזוא האט אויך גטאן אברהם אבינו ע״ה ׳ אונ דער וואש איז איין מכניס אורח איז ער מזרע אברהם אבינו ׳ אונ ווען דער אורח קומט אין דיין שטוב אריין זאלשטו אים צו נעמן מיט ליבשאפט ׳ אונ זאלשט אים תיכף געבן עסין טאמר איז ער הונגריג ׳ אונ זאלסט אים ניט פרעגין אויב ער וויל עסין ׳ דען טאמר שעהמט ער זיך פאר דיר אונ וועט זאגן ניין ׳ אזוא וויא מיר גפינן דרויף פיל מעשיות אין דר גמרא דאש אטייל לייט זיינן דריבר גשטארבן ׃ דרום זאל מען אים תיכף געבן . אונ זאל מיט אים ניט ריידן קיין פאטשטין ביז ער עסט אפ׃

אונ אז דוא גיסט אים עסין זאלסטו אים געבן מיט אפרייליכן פנים אונ זאלסט עש אים פאר גינען ׳ אונ זאלשט זיך שטעלן קעגן אים גלייך וויא דו האסט גנוג אים מכבד צוא זיין ׳ אונ וואלסט אים גיגערין מער גיטאן ׃ אונ זאלסט זיך דרויף מצער זיין אונ זייא אים מכבד מיט דעם בעסטין עסין אונ טרינקן ׳ אונ דאש בעסטי גילעגר ׳ אונ דוא ביסט אים מחוייב איין צוא ריידן ער זאל זיך ניט שעהמן עסין ׳ אונ בשעת דער אורח איז ביי אים טאר ער גיט ווייזן קיין שום רוגזה אויף זייני בני בית ׳ דען ער וועט מיינן די רוגזה איז איבר אים ׳ אזו וועט ער דער שראקן ווערן ׳ אונ וועט זיך שעהמן צו עסין ׳ אויך טאר אים דער בעל הבית ניט דער ציילן פון זיינע היזיקות אונ בלבולים ׳

אדרבה ער זאל אים טרייסטן מיט גוטע רייד · ער זאל צו אים זאגן מיין ליב האבר עס אונ טרינק אונ זארג ניט · אצונד ביסטו ביי מיין טיש · עש קען נאך וואול זיין איך זאל בייא דיר איין אורח זיין · איך האב גילויבט איז גאט גינוג צוא געבין עסין פאר זעלכע אורחים איך וואלט גערן דוא זאלסט צוא מיר נאך אורחים אריין בריינגן · ליבר גאסט עס איך פאר גין דיר עש מיטן גאנצן הארצן עש ווייש קיינער ניט וויא גאט קען מיט אים פירן · אונ ער זאל זיך דרויף מצער זיין וואש ער קען אים ניט מער כבוד אן טאן · דאש אלש איז ער מחוייב צו טאן צו איטליכן אורח אפילו צו איין עם הארץ · מכ"ש צוא איין תלמיד חכם · אויך איז דער בעל הבית מחוייב צו שטיין בייא דעם טיש אונ זאל אוועק געמן אונ דער לאנגן אלש וואש מען דארף · אז וויא אברהם אבינו ע"ה האט גיטאן אז די דרייא מלאכים זיינען צו אים גיקומן · אונ משה רבינו ע"ה פאר זיין שווער:

נון קענט איר וואול פאר שטיין וויא גרויש דיא מצוה איז דער פון דען אברהם אבינו האט דאך גיהאט פיל משרתים אונ איז פארט זעלבסט משמש גוועזן ביי דעם טיש · אונ דער בעל הבית וואש איז ניט מקיים דאש אלש וואש אויבין שטייט וויא צוא אים דען ער מאכט זיין מצוה צוא איין עבירה · אויך טאר דער בעל הבית ניט דער מאנן דעם עני זיין אום גליק דאש ער זאל ניט טרויאריג ווערן · אז וויא שלמה המלך האט גזאגט טוב ארוחת ירק ואהבה שם משור אבוס ושנאה שם עש איז בעסר אביננטל קרויט מיט ליבשאפט איידר איין פעטר אקס מיט פיינר שאפט · דר מדרש שרייבט אויף דעם האט שלמה המלך גיזאגט דעם פסוק אז דער אשמדאי האט אים אווארף גגעבן אויף פיר הונדערט מייל · איז ער ארום גגאנגן אין אלע לענדרי · אמאל איז ער אריין גיקומען צוא איין בעל הבית · אונ ער האט אים דער קענט אז ער איז שלמה המלך · דא האט ער אים זייער מכבד גיוועזן · אונ האט אים גישעכט איין פעטן אקס · בשעת ער האט גיגעסין האט דער בעל הבית אים אן גיהויבן פרעגן איר מיין ליבר שלמה וויא אזו איז דאש גיקומען דאש איר זייט אזו פאר שטויסן פון אייער מלוכה · איך גדיינק דאש איר האט גשעכט פיל טויזנט אקסן אין איין טאג · עש איז דאך ניט גיוועזן אויף דער גאנצר וועלט אזו איין מלך וויא איר זייט · האט שלמה המלך אן גיהויבן צו וויינן אונ האט ניט גיקענט עסין · אזו איז ער פון דארטן אוועק גגאנגן אונ איז גיקומן צוא אנדר בעל הבית · אונ דער איז גיוועזן ארום · אונ האט אים גגעבין צוא עסין קרויט אונ פלייש · בשעת עסין זאגט ער צוא אים מיין ליבר שלמה נעמט אלש אן פאר ליב · אונ ווערט גטרייסט ידען דעם וואש גאט הט ליב שטראפט ער · אז וויא דער פסוק זאגט את אשר יאהב ה' יוכיח · דרום מיין ליבר שלמה איר וועט אי"ה ווידר צו אייער גדולה קומן · עסט אונ טרינקט מיט מיר וואש גאט יתברך האט בשערט · איך פאר גין עש אייך מיטן גאנצין הארצין · איר וועט שוין באלד זיין אין דער היים איר האט שוין ניט פיל ארום צוא וואנדרן · אזו איז שלמה המלך זייער פריילך גיווארן אויף זייני רייד: אונ איז זייער ברוגז גוועזן אויף דעם ערשטן בעל הבית אז ער איז ווידר אהיים גיקומען צוא זיין מלוכה האט ער גיזאגט דעם פסוק טוב ארוחת ירק וגו' עש איז בעסר דיא קרויט פון דעם ארומאן · דאש ער האט מיר בוויזן ליבשאפט דר בייא · פון דעם פעטין אקס פון עושר · דאש ער האט מיר דר מאנט מיין אום גליק:

אויך זאל דער אורח ניט איין שטיין בייא איין קמצן דען ער פר שעהמט זיך זעלברט · אונ בשעת ער עסט מיט אים פאר גינט ער עש אים ניט · אונ מען עסט אים זיין בלוט אונ פלייש · אויף דעם זאגט דער פסוק אל תלחם את לחם רע עין זאלסט ניט עסין קיין ברויט מיט איין קמצן · עס אונ טרינק זאגט ער צו דיר · אונ זיין הארץ איז ניט דער בייא · ער פר גינט דיר ניט · אפילו דאש טרוקן ברויט: מכ"ש די אנדרי שפייז: אונ אויב דוא ביסט הונגיריג שמעק בעסיר איין מעסיר צווישן דייני ציין איידר דוא זאלסט מיט אים עסין · ער איז איטל ליגן אונ פאלש · אויך זאגט דער פסוק ווען דוא עסט זיין ברויט וועסטו עש מוזן אויש מייקינן · אונ עש ווערין פאר דארבן דייני גוטי שפייז וואש דוא האסט מיט אים גיגעסין · אונ איין

גוטר בעל הבית זאל נאך גיין נאך אורחים׃ אונ אז ער בקומט זייא זאל עש ביי אים גלייך זיין וויא ער וואלט גיפונן איין מציאה׃ אונ אז דער אורח בלייבט ביי אים איבער נעכטיגן זאל ער אים געבין איין בעט מיט אגוט גילעגר׃ דען דאש איז ביי אים ליבר וויא עסין אונ טרינקן׃ אונ אז ער גייט אוועק זאל ער אים מיט געבין אויפן וועג אשטיק ברויט׃ דען מיר גפינן דאש פיל רציחות אונ שטרויכלונג איז גשעהן פון איין שטיק ברויט וועגין׃ איך וויל דריגען ניט מאריך זיין׃ אונ ער איז אים מחוייב צו בלייטן׃ אונ זאל אים נאך זאגן ברכת כהנים׃ אונ זאל בלייבן שטיין אזוא לאנג ביז ער זעהט אים שוין ניט׃ ווער עש איז דיא מצוה רעכט מקיים איז ער בוודאי מזרע אברהם אבינו אונ זיין שכר האט קיין שיעור ניט׃ די גמרא זאגט מיזאל איטליכן אורח מכבד זיין גלייך וויא ער וואלט גיוועזן רבן גמליאל אבר דו זאלסט פאר אים ניט פר טרויאן קיין שום זאך טאמר איז ער איין גנב׃

דיא צדקה וואש די ווייבער גיבין איז מער בווילינגט אונ אן גינומן פון דער צדקה פון מאנזבלין׃ דען דער מאנזביל גיט אים געלט אזו דארף ער ערשט קויפן וואש ער דארף׃ אבר די ווייבער גיבין ברויט אונ שפייז׃ דש זיי קענן דש באלד עסין׃ אז וויא מיר גיפינן אין דער גמרא מר עוקבא מיט זיין ווייב פלעגין גיין אלע מארגין פריא אין שול אריין׃ אונ עש האט גיוואונט איין ארומאן אין זייער שכנות פלעגין זייא אים אלע אין דער פריא היגטר ווארפין פיר גראשין הינטער דער טיר׃ אונ דער ארומאן פלעגט זייא גיפינן אונ האט גיקויפט פאר זייא ברויט זיינע קינדער אמאל זאגט דער ארומאן איך וואלט גיגערין גיוויסט ווער עש ווארפט מיר אלש הינטער דיא פיר גראשין׃ אזו האט ער זיך גישטעלט הינטער דער טיר׃ וויא מר עוקבא מיט זיין ווייב זיינען גיקומען אונ האבין זיך איין גיבויגן אים הינטער צו ווארפין דיא פיר גראשין׃ אזו האט דער ארומאן אויף גיעפינט דיא טיר צו זעהן ווער עש איז׃ אזו זיינן זייא אוועק גילאפין׃ אונ ער איז זייא נאך גילאפין ביז זיי זיינן אהיים גיקומן׃ אזו איז גיוועזן אויש גיהייצט דער אויבן צו באקין ברויט אונ ער איז גיוועזן זייער היים׃ אזו האבן זיי אויף זיך גינומן בעסער פאר ברענט צו ווערין איידר מבייש צו זיין דעם ארומאן׃ אונ זייא זיינען אריין גילאפין אין אויבן אריין אונ האבן זיך דארטין אנידר גיזעצט׃ כדי דער ארומאן זאל זייא ניט זעהן וויא זייא זיצן אזו זאגט מר עוקבא צו זיין ווייב מיינע פים ברענען מיר זאגט זיא צו אים לייג זייא אויף מיינע פים דאש פייאר האט זיך אלי מאל מער דער היצט׃ אונ עש האט זיי נאר גיט גישאט דער נאך אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען דא זאגט מר עוקבא צו זיין ווייב דו ביסט פרימער פר מיר זאגט זיא צוא אים דו גיסט דעם ארומאן געלט האט ער ערשט מיא דער פאר צוא קויפן שפייז׃ אבער איך גיב אים גרייטע שפייז דאש ער קען עש באלד עסין׃

אויך שטייט איין מעשה חוני המעגל מיט זיין ווייב פלעגט תמיד תפלה טאן אויף רעגין אונ ער איז גיוועזן אגרוסער צדיק׃ אמאל האבין די חכמים צוא אים גישיקט ער זאל תפלה טאן פאר כל ישראל׃ אזוא איז ער ארויף גיגאנגין מיט זיין ווייב אויפן בוידם׃ אונ ער האט זיך גישטעלט אין איין ווינקל׃ אונ זיא אין אנדרן ווינקל׃ אונ האבן תפלה גיטאן דא איז גיקומען איין וואלקין צו רעגנין אויף איר ווינקל׃ האבן דיא חכמים גיפרעגט ווארום איז דאש האבן זייא אים גיענפרט ווייל זיא גיט דיא ארומע לייט גרייטע שפייז אויך ער טוט אפט תפלה דיא רשעים זאלין שטארבין׃ אבער זיא האט תפלה גיטאן גאט זאל זייא שטארקין זייער הארץ דער מיט איז זיא אויך פרימר גיוועזן פר אים׃ דאש איז אויך איינש פון די צעהן תקנות וואש עזרא האט מתקן גיוועזן בשעת דיא ישראל זיינען אויף גיגאנגין פון בבל קיין ארץ ישראל׃ דאש איטליכע אשה זאל אויף שטיין גאנץ פריא׃ אונ זאל באקין ברויט׃ דאש דיא ארעמע לייט זאלין גיפינען פרישע ברויט צוא עסין׃ דער פון זעהן מיר אז דיא צדקה פון דיא ווייבער איז מער אן גינומען פון דער צדקה פון מאנזבלין דען דיא אשה איז תמיד אין דער היים אויך ווען דיא אשה גיט עפים דעם ארומאן זאל זיא עש אים געבין מיטן גאנצין הארצין׃ אונ מיט גוטע רייד׃ דאש זיא זאל אים ניט מבייש זיין׃ אונ דער וואש דער בארימט זיך איבר איין ארומאן דר בארימט זיך גאט איבער אים אונ דר הערט זיין תפלה׃

אונ

אונ וויא מער ער גיט צדקה ווערט ער אלי מאל רייכער · אז וויא דער פסוק זאגט יש מפזר ונוסף עוד עש איז פאר האנדין איינר וואש פאר שפרייט זיין געלט אויף צדקה · אונ ווערט נאך גימערט מיט עשירות :

דער פסוק זאגט מלוה ה׳ חונן דל דער וואש דר בארימט זיך איבער דעם ארומאן אונ גיט אים צדקה אנטלייאט ער עש גאט אויך זאגט דער פסוק נותן לרש אין מחסור דער וואש גיט צדקה צום ארומאן ווערט אים ניט גימינרט פון זיין געלט · אבער דער וואש וויל ניט צדקה געבין דר ווערט ארום · אונ דער וואש פר הוילט זיינע אויגין פון ארומאן גלייך וויא ער זעהט אים ניט קומן אויף אים פיל קללות · אונ זיין געלט ווערט גימינרט איטליכר איז מחוייב מעשר צו געבין פון זיין געלט סייא פון ירושה · סיי פון מתנות סייא פון מציאות אונ אויך פון זיין פאר ארביטונג · אונ ווען ער האט נאר רווחים וויינגער פון צעהן שילנגער אזו קען ער דאך דער פון קיין מעשר ניט געבין זאל ער עש האלטין אונ ניט אן רירין ביז עש ווערט אים נאך רווחים צו קומען אזו ווערט ער געבין מעשר בנאנד · אונ ווען ער האט פאר דינט מער פון צעהן שילנגער זאל ער פון צעהן געבין מעשר · אונ דאש איבריגע זאל ער האלטין ביז עש ווערט אים צו קומן נאך רווחים · ווער עש וויל זיך רעכט נוהג זיין מיט דעם מעשר געבין · זאל ער לייגין זיין געלט אין דריי כלים אויף איינער זאל ער אויף שרייבין טבל דאש איז נאך ניט גימעשרט · אויף דער אנדרער מעשר דאש איז דאש מעשר געלט זעלבסט · אויף דער דריטער זאל ער אויף שרייבין חולין דאש הייסט שוין גימעשרט · אונ מיט דעם מאג ער טאן וואש ער וויל · נאר צדקה איז ער מחוייב דער פון צווא געבין · ניט פון דעם אום גימעשרת געלט :

דאש מעשר געלט זאל ער אוועק געבין ארמע לייט תלמידי חכמים · אדער איין פראסטין ארומאן איז ער אויך יוצא · ער מעג עש געבין זיינע ארומע קרובים אפילו זיין ארומן זון אדר טאכטר אדר זיין ברודר אדר זיין ארומי שוועסטר · אטייל לייט קויפן דר פאר ספרים אודר מצות · אונ זיינן מכבד לייט אונ זיך אויך מיט דעם מעשר געלט דש איז איין איסור · דען ער האט נאר דרינן דיא טובת הנאה צווא געבין וועמן ער וויל אבער ניט דיא הנאה זעלבסט דאש איז אויך איין צדקה · אבער עש זיינען פאר האנדין עטליכע חלוקים צווישן צדקה אונ מעשר · איינש צדקה מעג ער געבין וויפל ער וויל · אבער מעשר איז ניט וויניגער אז איינש פון צעהן · דש אנדרע צדקה איז מען מחוייב צו געבין אפילו הונדרט מאל אין איין טאג · דש מיטאר קיין ארומאן ניט לידיג אוועק לאזין · אבער מעשר דארף מען נאר געבין פון רווח׳ דאש דריטע דער וואש האט נאר ווערליג זיין עסין איז ער פטור פון צדקה · אבער מעשר איז ער חייב · דאש פערטע זיין מעשר מעג ער געבין וועמן ער וויל אבער צדקה איז זיין קרוב בילכער אונ מעשר האט אויך איין קצבה וויפל ער זאל געבין איטליכען ארומאן · אז וויא איך וועל עש בשיידין דרום דיא לייט וואש לייגין בנאנדר מעשר אונ צדקה געלט זאלין זיי פריער אתנאי אויש נעמען דאש זייא זיינען עש פון דעסט וועגין מנדר · עש זאל האבין אין זיך דעם דין פון מעשר צווא געבין וועמען ער וויל :

דיא גמרא ברייננט איין מעשה רבי יוחנן בן זכאי איז גיפארין פון ירושלים · אונ זיינע תלמידים זיינען אים נאך גינאנגען · האט ער גיזעהן איין יונגע פרויא האט גיקליבן גערשטין פון הינטער די בהמות פון עובדי כוכבים · אז זיא האט דער זעהן רבי יוחנן איז זיא אים אנקעגין גילאפין אונ זאגט רבי שפייז מיך · גיב מיר עפיס עסין · פרעגט ער איר ווער ביסטו ווער איז דיין פאטער · זאגט זיא מיין פאטער האט גיהייסין נקדימון בן גורין · פרעגט ער זיא וואו איז אהין גיקומען דיין פאטירש געלט ער האט דאך גיהאט פיל געלט אונ גיטער · זאגט זיא רבי האט איר דען ניט גיהערט דעם משל זאגין אין ירושלים ווער עש וויל זיין געלט איין זאלצין עש זאל אקיום האבין זאל ער געבין דער פון מעשר אונ צדקה · אונ אויב ניט פאר גייט דאש געלט · דרום איז מיין פאטרש געלט גאר אין גאנצין ארויין גיקומן צווא דיא כותים אין די הענט ארויין פרעגט זיא רבי יוחנן וואו איז דיין שווערס געלט ענפערט זיא עש איז צום אויף גיקומן באנאנדר איז עש אויך פרלארין גיווארין דר נאך זאגט זיא רבי גידיינקט איר ניט אז איר זייט גיחתמת אויף מיין

בארימט

כתובה · זאגט ער צו זיינע תלמידים איך גידיינק דש איך בין גיחתמת אויף איר כתובה אונ זיא איז גיוועזן גישריבן אויף טויזינט מאל טויזינט גאלד גילדין וואש זיא האט גיהאט פון איר נדן חוץ וואש דר מאן האט איר נאך מער פאר שריבין · דא הייבט אן רבי יוחנן צו וויינען אונ זאגט וואול אייך ישראל ווען איר זייט פרום אונ טוט דאש ווילין פון הקב"ה דא קאן אייך קיין שום אומה קיין שלעכטיץ ניט טאן אבער וויל זיי זיינן ניט פרום גיוועזן זיינען זייא גיפאלין אין די הענט פון די עובדי כוכבים · אונ ניט אזוא אין זייערע הענט אליין · אפילו אין דיא הענט פון זייערע בהמות דש זיא האט גיקליבן גערשטין פון הינטער דיא בהמות :

פרעגט די גמרא האט דען דער נקדימון בן גריון קיין צדקה ניט גיגעבין · ער האט דאך פיל צדקה גיגעבין · אונ נאך מער אז ער איז גיגאנגען פון זיין הויז אין בית המדרש אריין · האט מען אונטר גילייגט הינטר זיינע פיס סאמיט אונ זיידנע קליידר · דער נאך זיינען גיקומען די ארמע לייט אונ האבין עש גינומן אונ האבן זיך צו טיילט · אזוא אויך אז ער איז גיגאנגען פון בית המדרש · ענפרט דיא גמרא יוא ער האט פיל צדקה גיגעבין אבער ווערליג זיין עשירות איז ער קארג גיוועזן · דרום איז זיין געלט פר לארין גיווארין · איין טייל זאגין ער האט יוא גיגעבין גינוג צדקה ווערליג זיין געלט · נאר דרום איז ער גישטראפט גיווארין וייל ער האט גיגעבין בפרהסיא כדי די לייט זאלין אים לויבן · ניט פון גאטש וועגין · דרום זאל זיך איטליכער פון אים אמשל נעמען דאש זיין כוונה זאל זיין מיט דער צדקה לשם שמים אזוא וועט זיין עשירות אקיום האבין אונ ער וועט האבין דיא וועלט אונ יענע וועלט :

נאך איין מעשה ברייננגט די גמרא עש איז גיוועזן איין פרומער מלך ער האט גיהייסין מונבז · אמאל איז גיוועזן אין זיינע צייטין אגרויסער הונגער : אונ די ארמע לייט האבין ניט גיהאט וואש צו עסין · האט ער אויף גיעפינט זיינע אוצרות אונ די אוצרות פון זיינע עלטערין אונ האט גינומען גאלד אונ זילבער אונ האט צו טיילט דיא ארעמע לייט · זייא זאלין זיך קויפין עסין : זיינען גיקומען צוא אים זיינע ברידער אונ קרובים אונ האבין גיזאגט צו אים וואש טוסטו דיינע עלטערין האבין לאנג איין גיזאמילט אונ האבין גימאכט אוצרות · אונ האבין עש גיהאלטין טאמער וועט אמאל זיין אמלחמה אזוא וועלין זיי עש דארפין · אונ דוא פאר ברייננגשט דאש אלין אין איין יאר : אונ לא די דו מערסט ניט דרויף דוא פאר ברייננגשט עש נאך : זאגט ער צוא זייא איך וועל אייך זאגין מיינע עלטערין האבין גימאכט אוצרות אויף דער ערד אונ איך מאך אוצרות אויפין הימל · מיינע עלטערין האבין גימאכט אזעלכע אוצרות וואש דער מענטש קען זייא אויש ברייננגען · אונ מיינע אוצרות קען קיין שום מענטש ניט אויש ברייננגן · מיינע עלטערין האבן גימאכט אזעלכע אוצרות וואש קענן זיך ניט מערין · אבער מיינע אוצרות מערין זיך פון זיך זעלבערט : זייערע אוצרות איז פון אייטל גאלד אונ זילבער אבער מיינע אוצרות זיינען פון אייטל נפשות · מיינע עלטערן האבן גימאכט אוצרות פאר אנדערע לייט · אבער איך מאך אוצרות פאר מיר זעלבערט אזו וויא דער פסוק זאגט · והלך לפניך צדקך עש וועט גיין פאר דיר דיין צדקה אונ וועט זיין דיין מליץ יושר אויף יענער וועלט · אונ די צדקה איז איין כלי פון הקב"ה אזוא וויא דער פסוק זאגט לך ה׳ הצדקה רען קיין מענטש קאן דאך קיין צדקה ניט געבין ביז גאט גיט אים פריער עשירות פון זיין מילדי האנט · אזו ווי דער פסוק זאגט והעושר והכבוד מלפניך דאש עשירות אונ כבוד איז פון פאר דיר :

אויך זאגט דער פסוק לי הכסף ולי הזהב אמר ה׳ צבאות צו מיר איז דאש גאלד אונ זילבער זאגט גאט ב"ה ·

אויך זאגט דער פסוק דוד המלך ע"ה האט גיזאגט כי ממך הכל ומידך נתנו לך פון דיר איז אלש · אונ פון דיין האנט גיבן מיר דיר · דאש מיינט מען דאש וואש מיר גיבין די ארעמע לייט · איז גלייך ווי מען גיט עש גאט אזוא ווי דער פסוק זאגט מלוה ה׳ חונן דל דער וואש דער בארימט זיך איבער דעם ארומאן מיט צדקה אנטלייעט ער עש גאט · אונ כביכול הקב"ה איז אים מחוייב צו באצאלין אזוא וויא דער פסוק זאגט עבד לוה לאיש מלוה דער וואש אנטלייעט איז איין קנעכט צו דעם וואש האט אים גיליען כביכול מיטאר עש ניט ריידין · דאש גאט ב"ה איז איין משועבד אים צו באצאלין דער פון זעהט איר אויך ליבע לייט

לייט וויא גרויש די צדקה איז · דרום זאל איטליכר זעהן זיין צדקה רעכט צוא געבין אין דער רעכטער צייט ווערליג עש איז ראוי פון זיין עשירות · אזוא וועט אים הקב"ה ווידער געבין עושר אונ כבוד אונ לעבין · אונ אויב ניט ער גיט ניט רעכט ווערט זיין עושר פארלארן · אז וויא דר פסוק זאגט ואבד העושר ההוא עש וועט פרלארין ווערין דער זעלביגער עושר פון דעם וואש גיט ניט לשם שמים · נאר כדי לייט זאלין אים לויבין · אויך זאגט דער פסוק עושר שמור לבעליו לרעתו דש עשירות ווערט אים גיהיט צו בייז · אויך זאגט דר פסוק התעיף עיניך בו ואיננו ער גיט איין בלאז אין עשירות פליהעט עש אוועק :

אבער דער וואש גיט צדקה וויא רעכט איז בענטשין אים די לייט אזו ווי דר פסוק זאגט טוב עין הוא יבורך דאש גוטע אויג אויף צדקה ווערט גיבענטשט · כי מלחמו נתן לדל ווייל ער האט פון זיין ברויט גיגעבן צום ארומאן אויך זאגט דער פסוק בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ פון וועגין דר צדקה וועט דיך בענטשין גאט דיין גאט · אויף דעם האבין די חכמים גיזאגט ווען איינעם גייט וואול זאל ער צדקה געבין · כדי זיין עשירות זאל אקיום האבין אזוא אויך ווען איינעם ווערט אלע מאל גימינערט זיין געלט זאל ער זעהן צדקה געבין איידער ער ווערט ארום · דען דער נאך וועט ער ניט קענן געבין אפילו ער וועט וועלין עש איז אמאל גיוועזן איין חסיד ווען איין ארומאן פלעגט קומען פאר זיין טיר האט ער גיזאגט צוא זיין ווייב מיין ליב ווייב דער בארים דיך איבער דיא ארעמע לייט · כדי די לייט זאלין זיך אויך דער בארעמען איבר אונזרע קינדער · האט זיא צו אים גיזאגט ווארום עפינכטו דיין מויל צו ריידין אזעלכע שלעכטע רייד · האט ער גיזאגט עש איז דאך גיוואונטליך די זאך אפילו איינער איז רייך זיינן זיינע קינדר ארום · אונ אויב זיינע קינדר זיינן אויך רייך זיינען זיינע איניקלאך ארום · אזו ווי דער פסוק זאגט ולא יחדל אביון מקרב הארץ דען עש ווערט ניט פאר מיטען קיין ארומאן פון לאנד · ורבי אלעזר הקפר זאגט איטליכער זאל תפלה טאן ער זאל ניט ארום ווערין · דען אפילו ער איז רייך זיינען זיינע קינדער אדר זיינע איניקלאך ארום · דען דאש איז איין גלגל חוזר בעולם איין ראד וואש דרייט זיך ארום אויף דער וועלט היינט איז דער רייך אונ דער ארום אונ מארגין קען זיין פאר קערט :

דיא חכמים האבן גיזאגט אגרוישי זאך דער וואש פר הוילט זייני אויגן פון דער צדקה · אדר דר וואש האט ניט צו געבן אונ טרייסט אפילו ניט דעם ארומן מיט גוטי רייד · איז גלייך אז ער וואלט גידינט עבודת כוכבים · זייא לערנען דאש אפ פון פסוקים · אבר דר וואש גיט צדקה וויא ראוי איז דר איז מקרב די גאולה · וויא דר פסוק זאגט שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבוא היט משפט אונ טוט צדקה דען מיין הילף איז נאהינט צו קומען וצדקתי להגלות אונ מיין צדקה וועט זיך אנפלעקן · אויך זאגט די גמרא ירושלים וועט ניט גיבויאט ווערין אונ דיא ישראל וועלן ניט אויש גלייזט ווערין ביז זייא וועלן האבן אין זיך דעם זכות פון צדקה · אז וויא דער פסוק זאגט ציון במשפט תפדה וגו׳ ציון וועט דר לייזט ווערן מיט משפט · אונ די ישראל מיט צדקה · אונ דיא צדקה איז אן גינומן בייא גאט בעסר פון אלע קרבנות אז וויא דער פסוק זאגט דער וואש טוט משפט אונ צדקה איז עש השובר איידר אלע קרבנות אונ דער וואש פר שעהמט איין ארומאן טוט ער אגרוישע עבירה · אז וויא דער פסוק זאגט ווער עש שפעט פון איין ארומאן דער שפעט פון זיין בשעפר · אדרבה איטליכער דארף ערליך האלטן דיא ארמע לייט · אזו איז עש גלייך וויא ער האלט ערליך הקב"ה · אז וויא דער פסוק זאגט ווער עש וויל ערליך האלטן זאל ער די ארמי לייט ערליך האלטן דען דר וואש איז מבזה דעם ארומאן ווייזט ער דאש הקב"ה האט ח"ו ניט בכח אים רייך צו מאכן דען דר ארומאן מיט דעם עושר זיינען דאך ביידע בשאפן פון גאט · נאר דער האט געלט אונ דער האט ניט · נוא ווארום זאל מען אים מבזה זיין פר זיין ארומקייט דער ארומר קאן דאך רייך ווערין · אונ דר רייכר קאן דאך ארום ווערן :

עש איז איין משל צוא איין בן מלך וואש האט דער צערינט זיין פאטר · אונ דער פאטר האט גוזר גיוועזן אויף אים ער טאר פאר אים ניט קומן אין זיין הויז · אמאל מאכט דער מלך אסעודה אונ ער ווייסט דאך וואול דאש זיין זון איז זייער הונגריג · דא זאגט ער ווער עש וועט מיין זון געבין עסין וועל איך אים

בצאלין

בצאלין כפל כפלים · האט אים איינר גינומן צוא זיך אונ האט אים גיגעבין עסין אונ טרינקן · אזו איז דאך וואול צו דעם זעלבינן · דען אלש וואש דר מלך האט איז דאך דעם זונש · אזו איז דאש אויך דער ארומאן איז דער זון פון הקב"ה · אונ ווער עש גיט אים עסין האט ער בוודאי גרויש שכר לעולם הבא · נון קענט איר וואול פאר שטיין דאש גרוישקייט פון דער מצוה פון צדקה · ווען דוא זעהסט איין בעל הבית וואש איז גיפאלן פון זיין גוטש · זאלשטו אים ניט שפל האלטן · אדרבה האלט אים בכבוד · אזו זאלסטו גדיינקן דאש גאט האט אים גישטראפט פון זיין טובה וועגין אז וויא דער פסוק זאגט את אשר יאהב ה׳ יוכיח ווען גאט האט ליב שטראפט ער אויף דער וועלט · אבר ווען ער האט פיינד דעם גיט ער אפ זיין שכר אויף דער וועלט · דאש ער האט וואול טאג אונ תענוגים · אז וויא דר פסוק זאגט לא יאחר לשונאו גאט ב"ה פר זאמט ניט דעם שכר פון רשע אויף זייני מצות · על פניו ישלם לו ער בצאלט אים זיין שכר אויף דער וועלט · אבר דער שכר פון דעם צדיק דעם ארומאן בהאלט גאט אויף יענר וועלט · אז וויא דער פסוק זאגט וידעת כי ה׳ אלהיך הוא האלהים וגו׳ משה רבינו ע"ה זאגט צוא ישראל דוא זאלסט וויסן אז גאט דיין גאט איז איין גאט איבר אלי מלכים · אונ איבר דר גאנצר וועלט · אונ ער איז בגלייבט מקיים צוא זיין אלש וואש ער זאגט צו · אונ ער וועט געבין איין גוטן שכר צוא די וואש האלטן זיין תורה אונ מצות · אונ זיינע קינדר אונ קינדש קינדר ביז טויזינט דורות ווען גיניסן אין זיין זכות · דרום זאלסטו היטן אויף דער וועלט דיא מצות וואש שטייאן אין דר תורה · אזו ועסטו בקומן דיין גוטן שכר לעולם הבא · דרום שטראפט ער דעם צדיק מיט ארומקייט אויף דער וועלט וואש זיא איז נאר איין ווייל כדי ער זאל אים געבן זיין גוטן שכר אויף יענר וועלט וואש גיווערט איטער אונ אייביג · אונ דעם רשע גיט ער אפ זיין שכר אויף דער וועלט : כדי ער זאל גישטראפט ווערין אויף ייענער וועלט · אונ זיין שטראף האט קיין סוף ניט · דרום זאגט ער דוא זאלסט דעם ארומאן ניט שפל האלטן פון וועגין זיין ארומקייט · אדרבה זאלסט אים ערליך האלטין פון וועגין זיין גרוסן שכר אויף עולם הבא :

דרום זאל זיך איטליכער אין זין ארייין נעמן אונ זאל זארגין טאמר האט אים הקב"ה אפ גיגעבין זיין שכר אויף דער וועלט מיט דעם עשירות · אונ דאש ער וועט ח"ו אויף ייענר וועלט עונש ליידן · אונ זאל זיך בטראכטן וואש פאר עבירות ער האט גיטאן · אונ זאל דרויף באלד תשובה טאן וויא אויבן שטייט אין הלכות תשובה · בפרט דער וואש פאר שעהמט דיא ארמי לייט אונ ווארפט אים פיר זיין דלות · איז בוודאי זיין עונש זייער גרויש · דער ארומאן האט דאך גינוג דאש ער ליידט אזעלכע יסורים אויף דער וועלט אונ דיא גמרא זאגט אויך ווען איינר האט יסורים · אונ זיין חבר ווארפט עש אים אויף · איז ער עובר אויף לא תונו דאש איז איין לאו אין דער תורה גלייך מיט חזיר עסין · אונ נאך הרבה · אז וויא אויבן איז גישטאנען · איר זאלט ניט מיינען אז דיא ארומקייט איז קליינע יסורים · ניין ווען אפילו מזאל לייגן אלע יסורים פון דער וועלט אין איין וואג שאל · אונ דיא יסורים פון עניות אין דער אנדרר וואג שאל · וואלטן דיא יסורים פון עניות איבר גיוואוגין :

דיא גמרא זאגט אויך . גאט האט גיזאגט צוא איוב וואש ווילסטו בעסער · צו דעם דלות · אדער אנדרי יסורים · האט ער גיענפרט רבש"ע הער פון דר גאנצר וועלט · איך וויל ליבר האבן אלי יסורים פון דר וועלט איידר דעם דלות · נאך דעם אז עש זיינן אויף אים גיקומען דיא יסורים האט ער זייער גיוויינט אונ גיקלאגט ; האבן זיינע חברים צוא אים גיזאגט ווארום ווייגסטו דוא האסט דאך זעלבסט אויף דיר גינומען דיא יסורים דא זעהן מיר דאך אז דאש עניות איז ערגיר פון אלי יסורים אין דער וועלט · אונ דאש איז דאך אויך ידוע אז דער וואש ליידט גיהנם אויף דער וועלט דארף ער שוין ניט ליידין אויף ייענר וועלט · אונ עניות איז דאך דער גרעסטר גיהנם : נוא קענט איר וואול פאר שטיין וויא גאר חשוב אז דר ארומאן לעולם הבא · אויב נאר ער גייט אין רעכט פארטיגן וועג · אונ איז מקבל אויף זיך גאטש שטראף פר ליב

וואול

וואול דעם זעלבינגען מענטשין :

נון וועל איך בשיידן וויא מיזאל צדקה געבין · אונ צדקה נעמן · דרויף זיינען אכט פרקים · אונ אין איטליכן פרק ווערט בשיידט אנאנדר דין :

דער ערשטער פרק רעט ווער זיינען דיא לייט וואש זיינן מחוייב צדקה צוא געבין :

איטליכר איז מחוייב צדקה צוא געבן · אפילו דער ארומאן וואש נעמט צדקה איז אויך מחוייב צו געבן צדקה פון דעם וואש ער נעמט איטליכר נאך זיין פאר מעגן נאך · אונ ווען איין ארומאן גיט צדקה פון זיין ארומקייט · וועט ער זוכה זיין צוא געבן פון עשירות · רבי זכריה בן רבי יהושע בן לוי האט צדקה גנומען · אונ ער האט עש ניט בדארפט · האבן דיא לייט זייער גירעט אויף אים · אז ער איז גשטארבן איז מען גיוואר גיווארן אז ער האט עש צוא טיילט אנדרי ארמע לייט · אויך זאגט די גמרא רבי חמא איז גוועזן איין ארומאן · אונ האט גידארפט צדקה נעמן · אונ אז מיהאט אים גגעבן האט ער עש צוא טיילט אנדרי ארמע לייט · אונ האט זיך איבר גילאזט גאר ווייניג דער פון · אונ דער וואש דארף ניט נעמן אונ נעמט יוא שטארבט ער ניט ביז ער דארף יוא דער צו · דען ער בגזלת דיא ארמע לייט · אבר דר וואש בהעלפט זיך מיט זיין דלות אונ לאזט זיך בנוגינגען · אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן · אויף אים איז גזאגט גווארן דר פסוק ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו וואול דעם מענטשן וואש פר זיכרט זיך אין גאט · אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן · אונ גאט וועט זיין זיין פאר זיכרונג · אבר דער וואש ליידט גרויש דוחק אונ צרות : אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן פון גאוה וועגין : דאש די לייט זאלן אים לויבן ער ליידט גרויש דוחק אונ וויל קיין צדקה ניט נעמן · דער איז איין רוצח : גאט האט אים ניט גהייסן ער זאל זיך זעלברט אום ברייגגן :

דער אנדרער פרק רעט וויפל מיזאל צדקה געבין :

איטליכער זאל געבין צדקה נאך זיין פר מעגן נאך · אונ וויא זיין הארץ בווילגט · אונ הקב"ה האט אונז גיבאטין מיר זאלין תמיד דיא האנט אפין האלטן צדקה צוא געבין · אזו וויא דער פסוק זאגט פתוח תפתח את ידך דוא זאלסט עפינען דיין האנט צוא געבין צדקה כדי גאט דיין גאט זאל דיך בענטשן · קיין שום מענטש איז קיין מאל ניט ארום גיווארין פון דעם וואש האט צו פיל צדקה גיגעבין · אונ עש קומט ניט קיין שלעכטץ פון צדקה נאר איטל גוטץ · אז וויא דר פסוק זאגט והיה מעשה הצדקה שלום דייגע מעשים וואש קומען פון צדקה זאלין זיין איטל שלום · אונ תמיד ווען ער טוט תפלה פאר הקב"ה זאל ער גידיינקען איך בגער מיין שפייז פון הקב"ה · אונ איך וואלט גערין דאש הקב"ה זאל דער הערין מיין תפלה · אזו אויך אז דער ארומאן קומט צוא אים אונ בגערט פון אים שפייז זאל ער אים געבין אונ זאל גידיינקען איך וועל אים צדקה געבין איידער איך זאל ח"ו אויך ארום ווערין · אונ אויך זאל ער גידיינקען דאש ער איז איין שליח פון הקב"ה צו געבן דעם ארומן · אונ אז ער וועט ניט טאן רעכט זיין שליחות וועט הקב"ה ביי אים דאש געלט אוועק נעמן אונ וועט עש געבן אנאנדרן · אונ ביי צדקה געבן איז דער דין אזו · ווער עש איז זייער מילד אונ האט אגוט הארץ זאל ער געבין וויפל דיא ארעמע לייט בדארפן · אונ ווער עש פר מאגט ניט אדר ווער עש וויל ניט געבן צו פיל אדר צו ווייניג נאר ווי עש קומט זאל ער צום ערשטן געבין איין פינפט חלק פון זיין קרן דר נאך זאל ער געבין איין פינפט חלק פון רווח · אבר מער פון איין פינפט חלק טאר ער ניט געבין · סיידין אז ער ליגט קראנק אונ שרייבט איין צוואה מעג ער פאר שרייבין אויף צדקה מער פון איין פינפט חלק · אבר גיזונטער הייט טאר ער ניט געבין מער פון איין פינפט חלק · דען טאמער האט ער אזוא איין עבירה גיטאן וואש דריבער מוז ער ארום ווערין אזו וועט ער אן הייבגען זיין ארומקייט קומט איבער דער צדקה · אונ דער וואש וויל ניט געבין קיין פינפט חלק איז ער עכ"פ מחוייב צוא געבין איין צעהנטעל פון קרן אונ רווח ניט ווייניגער · אונ דער גרעסטער ארומאן אין דר וועלט זאל ניט ווייניגער געבין דורך דעם יאר וויא איין שליש פון אשקל · דש בטרעפט אנדר האלבין פולישע גילדן אונ אויב ניט איז ער ניט מקיים די מצוה :

דער וואש וויל קיין צדקה ניט געבין ווערליג נאך זיין

פר

פאר מעגן נאך אזוא זאל אים דאש ב"ד נייטן מיט
אלעם וואש זייא האבן יכולת · יתומים דארפן אויך
צדקה געבן · אבער מקאן זיי ניט נייטן · סייא מען
טוט עש פון זייער פאטרש כבוד וועגן · אדער דער
ארומאן איז זייער קרוב אזוא איז עש דאך זייא איין
שאנד צו פאר לאזן זייערע קרובים · דא זאלן דיא
אפטרופסים געבן פון זייערט וועגן :

דער דריטער פרק רעט וואש דיא צדקה זאל זיין :

דיא צדקה איז דרייא ערלייא זאכן · איין צדקה
איז וואש מען גייט אלע טאג אויש נעמן אלירליי
עסין שפייז · דאש הייסט תמחוי שיסל צדקה אונ מען
צו טיילט עש באלד דיא ארעמע לייט · אונ בייא דער
צדקה איז דר פרעמדר ארומאן מיטען היימשין גלייך ·
דאש אנדרע הייסט קופה של צדקה דאש מען גייט ארום
אלע ערב שבת אונ מען נעמט אויש געלט אונ עסין
שפייז · דיא צדקה גיט מען נאר דיא היימשע ארמע
לייט · סיידין דער מנהג איז אין דער דאזיגער שטאט
צו געבן די פרעמדע אויך דאש דריטע איז וואש דיא
גבאים גייען ארום · דאש הייסט סתם צדקה · דיא
גבאים מעגן עש געבן וואו אהין זייא ווילן צום שול
אדר בית החיים וואש מען דארף דער צו מתקן זיין :

דער פערטער פרק רעט ווער עש מעג נעמן צדקה :

דיא חכמים ז"ל האבן גיזאגט ווער עש האט זיין
אייגנש צווייא הונדרט גילדן אפילו ער האנדילט
ניט דער מיט אדער ער האט ווייניגער פון צווייא
הונדרט גילדן נאר ער האנדילט אונ דר נערט זיך דר
פון טאר ער קיין צדקה ניט נעמן · אבער דער וואש
האט ווייניגער פון צווייא הונדרט גילדן אונ האנדילט
ניט דער מיט מאג ער יוא נעמן · דער סימן איז צדקה
בטרעפט צווייא הונדערט אן איינש · אונ אפילו ער
האט נאר איין גילדן ווייניגער אונ מען גיט טויזנט
גילדן מיט אמאל מעג ער נעמן אין דיא צווי הונדרט
גילדן רעכינט מען ניט זיין גיפעם וואש ער דארף צו
זיין טיש אפילו זייא זיינען גילדנע אדער זילברנע
כלים · אונ אויך זיינע קליידער אונ זיין ווייב אונ
קינדערש קליידער · וויל ער דארף דאש האבן צוא
זיין לייב :

דער פינפטער פרק רעט וועמען מיזאל געבן צדקה :

צום ערשטין איז ער מחויב זיך זעלברט צו דר נערין ·
דער נאך זיין ווייב דער נאך זיין פאטער אונ
מוטר · דער נאך זיינע קינדער · דער נאך זיינע ברידר
אונ שוועסטער · דער נאך זיינע פעטרש אונ מומעס
דר נאך זיינע שוועסטרם קינדר · דער נאך די אנדרע
קרובים · דער נאך די ארעמע לייט וואש וואונען אין
זיין שטאט · דער נאך דיא פרעמדע אונ זיין רבי איז
פריער פון אלע אפילו פון זיין פאטער סיידין זיין
פאטער איז אתלמיד חכם · אזו איז אויך דער דין אז
זייא זיצן אין דער תפיסה זאל ער פריער אלש דעם
נאהנטרין קרוב אויש לייזן :

דער זעקסטר פרק רעט וויא מיזאל גובה זיין די צדקה :

עש טאר ניט ארום גיין גובה זיין צדקה איינער
אליין · נאר צוויי · אונ זייא טארין ניט גייז ווייט
איינער פון אנדרן · דאש דיא לייט זאלין אים ניט
חושד זיין · אונ ווען איינער גיפינט עפים איין מציאה
בשעת זיי גייען ארום · טאר ער עש ניט ארין לייגין
אין זיין בייטיל ארין דאש מיזאל אים ניט חושד זיין ·
נאר ער זאל עש ארין לייגין צווישן דער צדקה · אונ
אז ער קומט אהיים מעג ער עש ארויש נעמען · דען
איטלכער איז זיך מחויב צו היטן פאר איין חשד ·
דען ער מאכט דיא וועלט זינדיגן · דיא פרומע אונ
ערליכע ווייבר פלעגין זיך מאכין גבאיתות · אונ פלעגין
ארום גיין גובה צדקה זיין אונ האבן עש צוא טיילט
דיא ארעמע לייט · אדער ארעמע ווייבר אדר קראנקע ·
אונ פלעגין אכטונג געבין אויף ארעמע לייט · אונ ווען
איין אשה גיט צדקה פון איר ארבעט · אדער פון איר
רווח דאש איז ארעכטע צדקה דער מיט בשירמט זיא
איר מאן אונ קינדער פון גיהנם אונ פון טויט ·
אז וויא דער פסוק זאגט וצדקה תציל ממות צדקה איז
מציל פון טויט · אונ ווען זיא זעהט איר מאן איז פר
טראגין אין האנדיל זאל זיא אים דער מאנען ער זאל
צדקה געבין · אונ דאש ער זאל האטשע איין שעה
אדר צווייא שעה עפים תורה לערנען · אונ ער זאל זיך
אלע טאג מאכין איין צייט אויך צוא לערנען · אויך
זאל זיא אים דער מאנען מעשים טובים צו טאן · דיא

הייסט איין פרומע אשה אונ איין צנועה אונ חכמה · אז וויא דער פסוק זאגט פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה איר מויל טוט זיא עפנען מיט חכמה · אונ דיא רייד פון תורה אונ גמילות חסד איז תמיד אויף איר צונג · דאש זיא זאל דער מאנען איר מאן אונ קינדר :

דער זיבנטר פרק רעט וויפל מיזאל געבין צדקה סייא דיא פרעמדע סייא דיא היימשע :

קיין נבא צדקה טאר ניט אליין צוא טיילין דאש צדקה געלט · דען עש מוזן זיין דער בייא דרייא פרומע אונ קעסטליכע לומדים · וואש ווייסין אלע דיא דינים פון צדקה · אבר ניט עמי הארצים · אונ דרייא דיינים מוזן זיצן אונ משפטן ווען מיזאל געבין פיל אדער ווייניג · דש ערשטע דר ארומאן וואש שעהמט זיך ניט ארום צוא גיין אויף דיא טירין · גיט מען אים נאר אשטיקל ברויט · אדער איין שילינגר · דש אנדרע דער ארום מאן וואש וואנדרט ארום פון שטאט צוא שטאט דעם גיט מען זיין צערונג וואש ער דארף איבר נאכט · אונ אז ער בלייבט שבת האלטין גיט מען אים געלט אדער שפייז אויף דרייא סעודות · דאש דריטע איז ווען איין יתומה דארף חתונה האבן גיט מען איר פופציג גילדן · דאש פינפטי איין יתום וואש וויל התונה האבין · דארף מען אים געבין איין דירה איבר דער חתונה אונ איין בעט · אונ גיפעם וואש ער דארף האבין צום טיש · אונ זיינע קליידער וואש ער דארף · דאש פינפטע ווען עש קומט איין ארומאן וואש ער איז פון גרושע לייט אדער פין עשירים · זאל מען אים געבין וואש ער דארף צוא דעם זעלבינגן טאג אפילו איין פערד דרויף צו רייטין · דש זעקסטע איין ארומאן וואש שעמט זיך צדקה נעמען זאל מען אים לייען · דער נאך זאל מען עש אים שיינקען · וויל ער אזו אויך ניט לייען · זאל מען צוא אים זאגין ברייננ מיר איין משכון וועט מען דיר לייען · אונ מיזאל מיט אים ניט מדקדק זיין · אונ מיזאל אים באלד לייען · דאש זיבנטע ווען איין תלמיד חכם איז ארום · זאל מען אכטונג געבין אויף זיין כבוד · דאש מיזאל אים געבין דורך אזו איין אופן ער זאל ניט פאר שעמט ווערין · אונ אז ער וויל קיין צדקת ניט נעמען זאל מען אים ניט לאזין קיין הוהק לידין נאר מיזאל מיט אים עסקים האבין מיזאל אים וואלוויל פאר קויפן · אונ בייא אים טייער אפ קויפן אונ אז ער ווייסט עפיס איין האנדיל וואש ער קען דער פון גישפייזט ווערין · זאלין אים לייען געלט אדער סחורה · כדי ער זאל בכבוד גישפייזט ווערין · אויף דעם האבין דיא חכמים גיזאגט ווער עש לייעט געלט איין תלמיד חכם אויף האנדיל · איז ער איין בן עולם הבא · אונ דר וואש וויל פר דינן רעכט עולם הבא · זאל ער זעלבסט האנדלען פאר דעם תלמיד חכם · אונ זאל אים לאזין תורה לערנען · אזו העלפט ער אים דאך צו דר תורה · דרום האט ער אויך אהלק דרינן :

אויך די בעלי בתים וואש קענען ניט תורה לערנען ווען זייא האלטין אויש אונ גיבין הספקה דיא יונגן אונ בחורים אונ תלמידים פון דער שטאט · דאש איז גירעכנט גלייך וויא זייא זעלברט וואלטין תורה גילערנט · אז וויא דער פסוק זאגט שמח זבולון בצאתך וישישכר באוהליך ווען ניט זבולון וואלט גישפייזט זיין ברודער ישכר וואלט ער ניט גיקענט קיין תורה לערנען · דען זבולון האט גיהאנדילט מיט סחורה איבר דעם ים · אונ האט זיך גיטיילט דעם רווח מיט זיין ברודער ישכר · דש ער זאל קענען ביי דעם לערנען בלייבין · דרום זאגט דיא תורה פרייא דיך זבולון ווען דוא ציהסט נאך סחורה · ווייל ישכר זיצט אין דיא גיצעלטין אונ לערינט תורה · אונ אפילו דיא תורה לויבט מיין זבולון אז ישכר והא ראיה ער שטייט דאך פר ישכר אין פסוק · אויך זאגט דער פסוק עץ חיים היא למחזיקים בה דיא תורה איז איין בוים פון לעבין צו די וואש העלפין צו איר · דרום זאל איטליכר בעל הבית וואש קען ניט לערנן דרויף אכטונג געבין אונ זאל העלפין דיא בחורים אונ יונגען וואש לערנען תורה מיט געלט · אונ מיט עסין אונ קליידער · אדר ליכט צו לערנען · אדר ער זאל זייא לאזין בייא זיך אין שטוב לערנען · אזו איז עש גלייך וויא ער וואלט זעלברט תורה גילערנט · דאש אכטע איז די נבאים זאלין אכטונג געבין אויף די ארעמע לייט וואש וואונן אין שטאט · צו געבין איטליכן נאך זיין מעלה נאך ·

מכבן

74

דען די ארמע לייט האבן זיבן נעמען דל הלך מך עני רש מסכן אביון דל איז אזעלכער וואש איז רייך גיוועזן אונ איז ארום גיווארין אז וויא דער פסוק זאגט ודל מ־עהו יפרד · אונ דר דל איז אפ גישיידט פון זיין חבר · ואוהבי עשיר רבים אבר דער עושר האט פיל פריינד אונ קרובים וואש קומען צוא אים · דרום איז ראוי מיזאל דעם דל מער העלפין אז אנאנדרן · הלך דאש איז איין מיטל מעסיגר · וואש בהעלפט זיך נעבעך מיט זיין דלות וויא ווייט ער קאן · אבער ווען עש קומט אויף אים איין קריינק ר״ל אדער עפיס אנאנדער זאך קאן ער זיך שוין ניט בהעלפין · דעם איז ראוי מיזאל אים העלפין איידער ער ווערט גאר פאר ארומט ח״ו · דער רש איז אזעלכער וואש פלעגט זיך דער נערין מיט גאט אונ מיט כבוד · דעם איז אויך ראוי צוא העלפין דאש ער זאל זיך קענען ווידער דר נערין · דער מך איז אזעלכר וואש איז תמיד גיוועזן איין ארומאן · דעם מוז מען פשיטא העלפין · דער עני טוט זיך אן ווינד אונ וויי · אלע זיין טאג טוט ער מער ניט נאר ער ארבעט אונ קאן ניט פאר דינען אויף פרנסה · דער איז תמיד אין אייטל צער אונ ווייא טאג · דרום זאל מען אים פשיטא העלפין · דער מסכן איז אזעלכער וואש וויל ניט ארבטין · נאר ער קוקט ארויש אויף לייטינש גאב אונ די לייט שפעטין פון אים אונ ווייזן אים נאך מיט דיא פינגער · אפילו ער קען לערנען איז זיין תורה פר נישט גיאכט · אונ מען האלט אים שפל · דעם זאל מען אויך צדקה געבין · דער אביון איז אזעלכער וואש גלוסט צוא אלע גוטע שפייז · אונ קאן זיי ניט בקומען : אונ ער קאן קיין שום מלאכה אונ קיין האנדיל ער קאן אפילו קיין צדקה ניט בעטין · אונ כמעט ער קאן אפילו ניט רעכט ריידין מיט די לייט · דעם זאל מען פשיטא אויך געבין :

דרום זאלין דיא דרייא גבאים השגחה געבין וועלכער ארומאן עש איז בלכר צוא געבין · אונ וועמען מיזאל פיל געבין אונ וועמען ווייניגער · איטליכער נאך זיין כבוד אונ זיין באדערפעניש נאך אונ וועמן מיזאל געבין עסין שפייז · אונ וועמען מיזאל געבין געלט וועמן מיזאל געבין אלע טאג · אונ וועמען מיזאל געבין אלע ערב שבת · אונ די גבאים זיינען מחויב צו קלערין די ארמע לייט אויב עש איז ניט פר האנדן קיין פאלשקייט אין זיי · ווער עש קומט אונ באגערט מיזאל אים געבין עסין לאז ער זיין ווער עש איז דארף מען אים אלש געבין סיידין ער טוט איין עבירה בפרהסיא · אונ שייאט זיך ניט פר גאט אונ פר לייט · דעם זאל מען ניט געבין · אונ אויב ער זיצט אין דער תפיסה דארף מען אים אויך ניט אויש לייזן ביז ער טוט תשובה · איין עובד כוכבים איין ארומאן וואש קומט צווישין ארעמע לייט יהודים · אונ באגערט מיזאל אים געבין עסין · דארף מען אים אויך געבין · די חכמים האבין גיזאגט עש זאל זיין מיין חלק איז גן עדן מיט דיא וואש זיינען גובה צדקה · אבר ניט מיט דיא גבאים וואש טיילין ארום דיא צדקה · דען זייא גיבין איינם צו ווייניג אונ דעם אנדערין צו פיל · אויך ניט ער זיין קרוב מער וויא עש איז ראוי צו אים · אונ אויך זיין פיינר גיט ער ווייניגער ווי ער דארף · דאש איז איין הארבע עבירה ח״ו · דרום זאל מען מאכין גבאים פרומע בשרע לייט אונ לומדים · אבר ניט עמי הארצים · אונ אויב איין ארומאן זידעלט דעם גבאי · זאל עש אים ניט הארין · דען אזו איז זיין שכר גרעסער · אונ ער זאל אים געבין זיין קצבה אלע וואך ווי פריער · אונ זאל אויף אים ניט אן שרייען · ער זאל גידיינקען טאמער רעט ער עש פר צרות · דרום זאל ער מיט אים ריידין מיט ווייכע רייד · אונ זאל אים וואול אויש פארשטין אויב עש איז ניט פאר האנדין אין אים עפש רמאות · אין דער צדקה זיינען פאר האנדין אכט מעלות איינע בעסער פון דער אנדערער דיא ערשטע מעלה איז דער וואש גיט צדקה ניט גערין אדער ער בארימט זיך מיט זיין צדקה : אזוא וואלט בעסער גיוועזן ער זאל ניט געבין · דען זיין מצוה ווערט צו איין עבירה · די אנדערע מעלה איז דער וואש גיט יוא גערין אונ מיט פריילכקייט ווי דער דין איז · אבער ער גיט ניט גינוג ווי מען דארף געבין דם ארומאן די דריטע מעלה איז ווער עש גיט גנוג אויך · אבר ער גיט ביז דער ארומאן מוט אים אן אונ איז מבייש זיין פנים קענין אים · די פערטע מעלה איז ווער עש גיט דם ארומאן אין אזוא איין אופן ער זאל ניט פאר שעהמט ווערין דאש איז זייער וואול · אבער עש איז נאך פאר

האנרן

האנדרין בעסערע מעלות דער פון דיא פינפטע מעלה איז אז ער ווייסט וועמען ער גיט · אבער דער ארומאן ווייס גיט ביי וועמען ער נעמט · אזו וויא די חסידים אונ אנשי מעשה פלעגין מאן מר עוקבא האט הינטר גיווארפן געלט דיא ארעמע לייט אין זייערע הייזער · כדי זייא זאלין ניט וויסען ווער עש גיט זיי · דיא זעקסטע מעלה איז אז דער ארומאן ווייסט פון וועמען ער נעמט · אבער דער בעל הבית ווייסט ניט וועמען ער גיט · אזוא וויא פאר צייטין האבין אטייל חסידים אונ צדיקים איין גיקניפט געלט אין זייער מאנטיל · אונ דיא ארעמע לייט זיינען גיקומען אונ האבין עש גינומען · אזו האט זיך דער ארומאן ניט גישעהמט פאר אים · די זיבעטע מעלה איז אז זייא ווייסן ביידע ניט · דער ווייסט ניט וועמען ער גיט · אונ דער ווייסט ניט ביי וועמען ער נעמט · דהיינו ער ווארפט אין מתן בסתר אריין · אונ די גבאים זיינן ראך רעכטע נאמנים אונ וייסין די דינים פון דער צדקה · דיא אכטע מעלה איז איבער אלע מעלות דאש איז ווען איינער לייאט זיין חבר · אדער ער העלפט אים צו זיין פרנסה · אדער ער מאכט חברותה מיט אים דאש ער זאל באקומען ריוח אדער ער ווייזט אים איין פרנסה · אדער ער לערינט אים איין מלאכה · דאש ער זאל ניט דארפין צו לייטינש גאבי דש איז גרעסערע צדקה פון די פיר אירליי צדקות וואש איך וועל דא באשיידין :

דאש ערשטע איז פדיון שבוים דאש מען זאל אויש לייזן תפוסים פון די הענט פון כותים · דאש איז פריער פאר אלע צדקות אין דער וועלט · דאש הייסט מצוה רבה די גרעסטע מצוה פון אלע מצות · דרום אפילו דש געלט וואש מען האט עש אפ גישיידעט אויף צדקה אדר אויף איין שול בויען · אדר אפילו מיהאט שוין גיקויפט האלץ אויף איין שול בויען · דארף מען עש פאר קויפין אויף פדיון שבוים אויב עש איז ניט פר האנדין קיין אנדר געלט · אבער אויף אנאנדר מצוה טאר מען ניט נעמען פון שול געלט · דאש אנדערע איז ארעמע בתולות חתונה צוא מאכין · דאש איז נאך בעסער פון פדיון שבוים · אונ דער פר באקומט מען גרויש שכר לעולם הבא · דאש דריטע איז ווער עש גיט צו שטייער אויף איין שול אדער אויף איין בית המדרש צו בויען · אין דעם כלל איז ווער עש ער האלט דיא וואש לערנען תורה · אדער ער לערינט איינעם איין מלאכה · ער זאל דער פון פרנסה האבין · דאש איז איין גרוישע צדקה וואש האט קיין שיעור ניט דאש פערטע ווער עש גיט צדקה ארעמע חולים · אדער אלטע לייט וואש קענען זיך ניט דער נערין דאש איז די גרעסטע צדקה · ווען צווייא ארעמע לייט גיבין צדקה איינער דעם אנדערין זיינען זיי יוצא מיט זייער צדקה :

איין קבצן וואש גייט ארום פון איין שטאט צוא דער אנדערע מיט איין קיבוץ בריב · דאש ער וויל זיך דער נערין · אדער זיין טאכטער איישׁ געבין · דא דארף ער ניט בצאלין דער פון זיינע חובות · סיירן עש שטייט אין דער קיבוץ בריב אז זיין ארום גיין איז אויף חובות צו באצאלין ווען איין בעל הבית קומט אין דער פרעמד אונ האט ניט צוא עסין · מעג ער נעמען צדקה · אונ אז ער קומט אהיים דארף ער ניט באצאלין · ווייל דערנמאלט איז ער גיוועזן איין ארומאן · ווען איין ארומאן גיט אים געלט איבער וועגין אונ עש איז פאר האנדין איבעריגעש ווי ער דארף ניהער דאש אויך צו אים :

דיא צדקה וואש מען איז מנדר פאר דיא מתים בפרט אום שבת אדער יום טוב · דאש העלפט זייא אויף יענער וועלט · דרום זאל איטליכער מזכיר נשמות זיין זייגע קרובים · אונ זאל געבין צדקה פון זייערט וועגין · איטליכער זאל זיך זעהן באהעלפין ווי ווייט מיגליך איז · אונ זאל קיין צדקה ניט געמען · אפילו איין תלמיד חכם זאל איין מיאסע מלאכה טאן · איידער ער זאל דארפין צו לייטין · אונ איין אלטער מאן אדר אקראנקער וואש קאן זיך ניט מפרנס זיין אונ וויל קיין צדקה ניט געמען · איז גלייך אזו ווי ער טוט זיך זעלבערט אבער איין גיזונטער מאן וואש דארף געמען צדקה אונ נעמט ניט · אונ בהעלפט זיך וויא ווייט מיגלאך איז · דער שטארבט ניט ביז ער שפייזט אנדערע לייט · אויף אים זאגט דער פסוק ברוך הגבר אשר יבטח בה׳ גיבענטשט איז דער מענטש וואש פר זיכערט זיך אין גאט :

סליק הלכות צדקה

## הלכות דרך ארץ פרק חמישי

בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך מיר האבן גילערינט אין

אין דער מסכת ברכות פרק הרואה · בר קפרא האט גידרשת וועלכם איז אזו איין פסוק וואש כל התורה כולה הייננט אין אים · דאש איז איין פסוק אין משלי · בכל דרכיך דעהו אין אלי דייני וועגן אונ עסקים זאלשטו וויסן אז גאט יתברך זעט אלי דיינע מעשים אונ האנדל · אז וויא דער פסוק זאגט שויתי ה' לנגדי תמיד איך האב גיטאן גאט קעגן מיר תמיד · אונ האב ניט אויש גיטראטין פון זייני גיבאט · דער נאך זאגט וייטער דר פסוק והוא יישר אורחותיך אונ ער וועט גלייך מאכין אלע דיינע וועגין · דאש מיינט מען ער וועט דיך לערנן דרך ארץ צוא גיין אין רעכט פארטיגן וועג דער דרך ארץ איז נאך גוועזן אין אדם הראשון צייטן · אז וויא דער פסוק זאגט לשמור את דרך עץ החיים זעקס אונ צוואנציג דורות דער נאך האט גאט גיגעבין די תורה צו משה רבינו · אונ האט אים גיבאטן צוא היטן דעם דרך ארץ · דיא חכמים ז"ל זאגן ווער עש איז גיווארנט אין דרך ארץ וועט ער זוכה זיין צו זעהן אין דער נחמה פון ירושלים : אז וויא דער פסוק זאגט ושם דרך אראנו בישע אלהים דער וואש טוט אין זיך דעם דרך ארץ וועט ער זעהן אין דער הילף פון גאט :

דיא גמרא זאגט אין מסכת ברכות רבי מאיר איז גוויינטליך גיוועזן צו זאגן דו זאלשט לערנן תורה מיטן גאנצין הארצן אונ לייב אזוא וועסטו דער קענען דעם רעכטין וועג פון הקב"ה · דאש איז דר דרך ארץ · אונ זאלסט זיין דער ערשטר אין דיא טירין פון דער שול אונ בית המדרש · אונ היט דיא תורה אין דיין הארצין · דאש דוא זאלסט זיא ניט פאר געסן אונ דיא פארכט פון הקב"ה · אונ היט דיין מויל פון שלעכטע רייד · אונ ריינג דיך פון אלי דיינע זינד · אזוא וועט גאט מיט דיר זיין אלע צייט · אביי איז גיווינטליך גוועזן צוא זאגן דו זאלסט תמיד טראכטן ערמות אין גאטש פארכט · אונ זאלסט שלום מאכן צווישן איינם אונ זיין חבר · אונ צווישן מאן אונ ווייב · אונ זאלסט זיך ניט דער ווייטרן פון דיינע קרובים אונ שכנים · אונ זאלסט איטליכן אפ געבן שלום אונ אגוט מארגין · אפילו איין עובד כוכבים אין מארק אזו וועסטו זיין גליבט אין גאטש אויגן · אונ אין לייטינש אויגן · רב איז גיוויינטליך גיוועזן צוא זאגן דער תכלית פון דער חכמה איז דיא תשובה אונ מעשים טובים אבר דער וואש פר ברייננט זיין חכמה אין וועלטליכע זאכן איז ער קיין חכם ניט · דער וואש לערינט תורה אונ איז בועט אין זיין פאטר אונ מוטר אונ אין זיין רבי · אדר אין דעם וואש איז עלטר אונ חשובר פון אים · דער איז איין נער אונ ארשע · אויף אים זאגט דער פסוק ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם דער אן הייב פון דער חכמה איז די פארכט פון גאט · דאש איז אגוטר שכל צו אלע מעשים · עש שטייט ניט שכל ללומדיה עש איז איין שכל צו די וואש לערנן תורה נאר שכל טוב לכל עושיהם דאש מיינט מען צוא די וואש טוען דיא מצות אונ מעשים טובים לשם שמים · אבר ניט כדי די לייט זאלן אים לויבן · אבר דער וואש לערינט תורה פון כבוד אדער פון געלט וועגן · אזו איז אים בעסער אז ער וואלט ניט בשאפן גווארן :

דרום זאל איטליכר מענטש גיווארנט זיין צו האבין אין זיך יראה אונ דרך ארץ · אונ ער זאל מאכן דיא לייט זאלן אים ליב האבן · אזו וועט אים גאט אויך ליב האבן : אבער דער וואש ברייננט אויף זיך ליבשאפט דורך חניפות אדער וייל ער שטראפט ניט דיא לייט · דעם האט הקב"ה פיינט · אז וויא די גמרא זאגט ווען דו זעהסט איין תלמיד חכם וואש די שטאט האט אים ליב איז דאש דרום וייל ער שטראפט זיי ניט · דען ווען ער וואלט זיא גישטראפט וואלט זיך גפינן אטייל וואש וואלטין אויף אים בייז גירעט · אונ דאש וואש שטייט ער זאל זעהן דיא לייט זאלן אים ליב האבין מיינט מען די פרומע לייט · ניט די שפעטר ווער עש גינהנט זיך צו חכמים · אונ איז מקבל זייערי שטראף רייד דער איז גוויש אצדיק אונ אויב ניט איז ער בוודאי ארשע . אונ האט ניט אין זיך קיין יראת שמים · אונ קיין דרך ארץ · אויף אים האט גיזאגט שלמה המלך ע"ה · אל תוכח לץ פן ישנאך זאלסט ניט שטראפין קיין שפעטר טאמר וועט ער דיך פיינדן · הוכח לחכם ויאהבך שטראף צוא איין חכם וועט ער דיך ליב האבין · דער כון זעהט מען אויך אז דיא פרומע לייט האבן ליב דעם פרומן מאן · אונ די

שלעכטע

שלעכטע לייט דעם שלעכטין מאן:

דיא גמרא זאגט · רבי זכאי איז אלט גיוועזן העכער וויא הונדרט יאר האבן אים די תלמידים גפרעגט רבי מיט וואש האט איר זוכה גיוועזן צוא לאנגע יארי האט ער צו זייא גיזאגט נייט איר דען גערין איך זאל שטארבין · האבן זייא גיענפערט ניין ליבר רבי דאש איז אויך תורה אונ דרך ארץ דרום ווילן מיר עש לערנן פון אייך · זאגט ער איך וועל אייך זאגן · איך בין צייט מיין לעבן ניט ברוגז גיוועזן · אונ האב אויף קיין מענטשן ניט אן גשריען · דען איך האב תמיד גידאכט ער איז בעסר פון מיר איז ער עלטער גוועזן האב איך מיר גידאכט ער האט מער מצות גיטאן פון מיר · איז ער יונגר גיוועזן האב איך מיר גידאכט ער האט ווינציגר עבירות גיטאן פון מיר · אונ ווען עש איז איינם ניט גוט גגאנגן האב איך מיך אויך מצער גיוועזן · מכל שכן דאש איך האב מיך ניט גיפרייאט אין זיין אום גליק אויך האב איך קיין מאל קיין מענטשן ניט גירופן מיט אזו איין נאמן וואש ער שעהמט זיך · דען ווען איינר פאר שעהמט דעם אנדרין האט ער ניט קיין חלק לעולם הבא · אזו וויא מיר גיפינען דאש תמר האט ניט גיוואלט מבייש זיין יהודה · אונ זיא האט זיך גילאזט ווארפן אין פייאר ארייין איידער זיא זאל זאגן פון וועמין זיא טראגט · אויך זאגט דיא גמרא נאך עטליכי לייט האבן לאנג גילעבט האבן זיי אויך גיזאגט עטליכי אירלייא זאבין אזו וויא איך וועל דא בשיידן:

איינר האט גזאגט איך האב דרום לאנג גלעבט ווייל איך האב זיך ניט מתכבד גוועזן מיט מיין חבר'ש שאנד · אונ האב קיין מאל ניט גיקוקט קיין רשע אין זיין פנים · איינער האט גיזאגט איך האב דרום לאנג גלעבט ווייל איך בין תמיד גיוועזן דער ערשטר אין שול · אונ האב קיין מאל ניט גשלאפן אין שול · איינר האט גזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט דאש איך האב קיין מאל ניט פר פעלט קידוש צו מאכן איבער ווין · אמאל האב איך קיין געלט ניט גיהאט · האט מיין מוטר פאר קויפט איר שלייאר פון קאפ אונ האט מיר גיבראכט ווין אויף קידוש ברייינגט ווייטר דיא גמרא אז דיא זעלביגע אידני איז גישטארבן האט זיא גלאזט דרייא הונדרט פעמיר ווין · אונ דר חכם האט גלאזט דרייא טויזנט פעסער ווין · איינר האט גזאגט איך האב דרום לאנג גילעבט ווייל איך האב ניט גיהאט קיין אנדר מחשבה אין שול נאר אויף גאטש פארכט אונ האב ניט גטרעט איבר קיין מענטשן · דאש האט זיך צוויא טייטשן · איינש דיא פראסטע טייטש · דאש אנדרי מיינט מען איך האב קיין שררה ניט גוואלט האבן איבר קיין מענטשן · חאטשי איך בין דאך גוועזן איין אב בית דין אדר ראש הקהל · האב איך מיך דר מיט ניט איבר גינומן · דאש איז אלש אין כלל פון דרך ארץ איז גטיילט אויף פיר חלקים · איין חלק רעט וויא דיא תלמידי חכמים זאלן זיך האלטן בדרך ארץ · דער אנדרר חלק רעט וויא דיא אלטע לייט זאלן זיך האלטן בדרך ארץ · דער דריטר חלק רעט וויא דיא בעלי בתים אונ בחורים זאלן זיך האלטן בדרך ארץ דער פערטר חלק רעט וויא דיא ווייבר אונ מיידן זאלן זיך האלטן בדרך ארץ:

דער דרך ארץ פון תלמידי חכמים איז אזו ער דארף אין זיך האבין איטל גוטע מדות · אונ דארף לערנען תורה טאג אונ נאכט לשם שמים · ער זאל ניט האבין קיין פיל אנדערע עסקים · אונ ווי באלד ער ווערט לידיג פון זיינע עסקים זאל ער זיך זעצין לערנען · אונ ער זאל זעהן ניט פאר זאמען קיין מצוה · אונ זאל גיין פריא אין שול ארייין אונ ער זאל זיין איין ירא שמים אין אלע זאכן אונ זאל זיך ניט אפ שיידין פון קהל מיט אלע זאכין · סיי מיט תשובה אונ תעניתים אונ זאל תפלה טאן פארן קהל · אונ ער זאל זייא שטראפין · אויף דעם זאגט דיא גמרא ווער עש האט בכח צו שטראפין די לייט אונ שטראפט זייא ניט ווערט ער גישטראפט דרויף אונ וויא ער זאל שטראפין אונ וועמען ער זאל שטראפין אונ ווען ער זאל שטראפין ווערט אלש שטיין אין חלק פון חניפות · דער תלמיד חכם דארף זיך שיין פירען מיט זיין האנדיל · אונ מיט זיינע קליידער · אונ עסין אונ טרינקען · אונ זאל זיינע תפלות אונ תחנות זאגין בכוונה · אונ זאל ערלאך האנדלען ער זאל קיינעם קיין אום רעכט ניט טאן · אפילו אויף איין שילינגער · אונ זאל ניט זאגין קום אנאנדרש

מאל

מאל וועל איך דיר באצאלין אונ ער זאל ניט מדקדק זיין מיט דיא לייט ער זאל קיין פרעמדעס ניט בגערין אפילו קיין מתנות אויך זאל ער מאכין די לייט זאלין אויף אים קיין שלעכטין ניט ריידין אונ אויב ניט איז ער מחלל השם ח״ו · אונ ער זאל ריידין פאמעלאך מיט דיא לייט אזו ווי עש שטייט די רייד פון די חכמים זיינן פאמעלך אונ ווערין גיהערט אבער דער נאר שרייט אויף די לייט· אזו ווערין זיינע רייד ניט גיהערט · אונ די לייט קערין זיך ניט דער צוא :

דיא גמרא זאגט איין תלמיד חכם וואש לערינט לשם שמים · האנדילט באמונה · אונ רעט מיט די לייט פאמעליך · וואש זאגין דיא לייט וואול דעם תלמיד חכם זעהט ווי ער לערינט תורה· אונ ווי ער האנדילט באמונה· וואול זיין פאטער אונ מוטער · אונ וואול זיין רבי וואש האט אים גילערינט תורה וויא האלט ער זיך בדרך ארץ דאש איז אקידוש השם · דעם האבן ליב גאט אונ לייט אויף אים זאגט דער פסוק גאט זאגט אויף אים דו ביכט מיין קנעכט ישראל וואש מיט דיר טו איך מיך בארימן · אבר דער וואש טוט ניט אזו אונ איז איין משוגענר · אונ איז מדקדק מיט די לייט אויף איין פחות משוה פרוטה · אונ באצאלט אויך ניט ערלאך · וואש זאגין די לייט ווי צוא אים אונ ווי צוא זיין פאטער אונ מוטער · אונ וויא זיין רבי וואש האט אים גילערינט תורה אונ ניט קיין דרך ארץ · די לייט וואש לערנען ניט קיין תורה האבין מער דרך ארץ פון אים · ער האנדילט ניט ערלאך אונ באצאלט ניט ערלאך · ער האט אין זיך שלעכטע מעשים · דאש איז ארעכטער חילול השם · אויף אים זאגט דער פסוק זייא זיינען גאטש פאלק אונ מוזין ארויש גיין פון זייער לאנד איבער זייערע בייזע מעשים · אונ פון וועגין דיא תלמידי חכמים וואש זיינן זיך רעכט נוהג מיט די לייטן גיט הקב״ה שלום אין דער וועלט · אזו וויא דיא גמרא זאגט רבי אליעזר זאגט פון וועגין רבי חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך דיא תלמידי חכמים מערין שלום אויף דער וועלט · אזו ווי עש שטייט אין פסוק אלע דיינע קינדער זיינען די לערנער פון גאט · דרום וועט קומען פיל שלום צווישען דיר · אונ דרום שרייבט עש רבי אליעזר צוא ווייזין אז

איין תלמיד חכם זאל האבין מער דרך ארץ פון אנאנדרין אונ זיין משא ומתן זאל זיין באמונה :

דער תלמיד חכם דארף גיין מיטל מעסיגי קליידר גיט צו גוט אונ ניט צו שלעכטע נאר זיי זאלין ניט זיין צוא ריסן אונ בשמירט אונ ניט פאר ברענט · ניט צוא לאנג אונ ניט צו קורין אונ זאל זיי שוין אויש בערשטלן דאש מיזאל אויף זייא ניט גיפינען קיין פעדער אונ קיין אום ריינקייט · דאש די לייט זאלין ניט ריידין פון אים · אונ אז מען גיפינט אויף זיי איין פלעק איז ער חייב מיתה דען גאט וויל האבין זיינע קנעכט זאלין זיך ריין האלטין אונ עש זאל זיך אויף זיי ניט גיפינען קיין שום שפרענקיל אזוא וויא איין קנעכט גייט פאר אמלך בשר ודם · דען איין תלמיד חכם איז זייער נאהינט צו גאט · דרום זאל ער זיך ריין האלטין מיט אלע זיינע זאכין · אויך זאל ער ניט גיין אין שמעקינדיגע קליידער וויא דיא מנאפים גייען · אונ זאל ניט גיין אין קיין צו ריסענע שיך · אונ זאל ניט האבין קיין פלעק אויף זיין פוס · דען דאש אלש איז איין שאנד צו אתלמיד חכם · אויך זאל ער זיך רעכט נוהג זיין מיט זיין עסין · ער זאל ניט עסין מיט קיין עמי הארצים · אונ זאל ניט גיין אויף קיין סעודות נאר אויף איין סעודת מצוה : אויך זאל ער ניט פיל עסין אדער טרינקען נאר וועדליג צו דער האלטין זיין לעבין · אויך זאל ער ניט עסין אזוא איין שפייז וואש ער קען עש ניט באלד פאר דייען דען עש איז אים מפסיק פון זיין תורה אונ מצות · אונ זאל ניט גיין מיט גאוה · נאר ער זאל האלטין זיין קאפ אראפ · דאש ער זאל קיינם ניט זעהן אין זיינע פיר איילין : אויך ביי זיין טיש זאל ער זיך ריין האלטין מיט ווייסע טישטיכר : אונ זאל ניט אפ בייסין מיט זיינע ציין : נאר ער זאל אפ שניידין מיט אמעסר : אונ זאל קיין גרוישן ביסען ניט איין שלינגן אויך ניט קיין גרויסין טרונק געבין נאר אלש מיט דר מאס אויך טאר ער ניט גיין פיר איילין אן ציצית אונ זיין מחשבה זאל תמיד מהרהר זיין אין דברי תורה · סיי אז ער זיצט סיי ער שטייט סיי אז ער לייגט זיך : סיי אז ער שטייט אויף נאר אין באד אונ אין בית הכסא אדער אויף אנדערע אום ריינע ערטער דארטין טאר מען ניט מהרהר זיין אין דברי תורה :

איין

79

איין תלמיד חכם טאר זיך ניט גיין שפאצירן אויך טאר ער ניט גיין פאמעלאך · אונ וויא באלד ער ווערט לעדיג פון זיין האנדיל · זאל ער אן הייבין צוא לערנען · אדער צוא טאן מעשים טובים אונ צדקה אונ גמילות חסד : אונ טאר קיין שום שלעכט ווארט ניט ארויש לאזן פון זיין מויל אפילו קעגין איין עובד כוכבים אונ זאל ניט פיל ריידין מיט קיין אשה אפילו מיט זיין אייגין וייב : אונ אפילו ניט מיט זיין טאכטר אדער שוועסטער · נאר וואש ער דארף צו ריידן · אונ זאל מיט קיין עמי הארצים קיין שום עסק ניט האבין · קורץ פון דער זאך איין תלמיד חכם זאל זיך האלטין בדרך ארץ ווי עש שטייט אים אן · איך וואלט אפילו ניט גידארפט שרייבין דעם דרך ארץ פון תלמידי חכמים : ווייל זיי קענען דאך לערנן אין ספר מוסרי' נאר איך האב עש דרום גישריבן טאמר ווערט זיך איין פראסטער אויך אזו וועלין נוהג זיין אזוא איז אים וואול · דען דאש איז דיא בעכטע מדה פון אלע מדות :

דער אנדרר חלק רעט פון די אלטע לייט ווי זיי זאלין זיך נוהג זיין בדרך ארץ · ווי באלד דער מענטש ווערט אלט זאל ער זיך ריכטין צו יענר וועלט דען ער איז קיין שעה ניט זיכר · דרום זאל ער ניט פאר זאמן זיין תשובה · אונ זאל זיך גידיינקן איך גייא נון אלע מאל איין שטאפיל אראפ · דרום זאל ער זיך בטראכטן אלע שעה וואש פר שלעכטע מעשים ער האט גיטאן אונ זאל דרויף תשובה טאן · אונ דר אלטר זאל זיך אפ טאן פון יונגע לייט · ער זאל ניט זיצן מיט זיי אונ זאל ניט זיצן מיט עמי הארצים אויף אסעודה אויך זאל ער גיוואוינט זיין ניט ארויש צו לאזין קיין שום אום ריין ווארט פון זיין מויל · אונ זאל ניט ריידין קיין דברים בטלים · אונ זאל זיך מתקרב זיין צו תלמידי חכמים · אונ זאל צו הערין זייערע רייד : אונ זאל זיך ניט קריגן מיט לייט אונ זאל זייא שטראפין זאגט אים איינער עפים איין שאנד זאל ער עש אים מוחל זיין · אונ אלע נאכט איידער ער ווערט איינשלאפין זאל ער זאגין איך בין מוחל איטלכן וואש האט מיך מצער גיוועזן אויך זאל ער ניט אופט עסין · אונ זאל זיך ניט פר שיכרן · דען דאש יונגע לייט איז אשאנד מכ"ש אלטע' אויך זאל ער תמיד בקוקין זיין העמד אונ דיא אנדרע קליידער זיי זאלן ריין זיין · אונ זאל ניט פיל ריידן מיט וייבר · אונ זאל גיווארינט זיין דיא שול ניט צוא פאר זאמן · אונ זאל אין זיך האבין מעשים טובים אונ ער זאל ניט נוארטין מיט זיין תשובה אונ תפלה אונ צדקה · אונ זאל אלע טאג צוואה טאן · אונ ווידוי זאגין : קורץ פון דער זאך ער זאל תמיד גידיינקען אז אין אשעה ארום וועט ער שטארבין · דרום זאל ער לויבן אונ דאנקן השם ית' דאש ער האט אים כזכה גיוועזן אזו אלט צו ווערין · אונ זאל אלע לייט בכבוד האלטין · אזו וועט ער אויך בכבוד גיהאלטין ווערין · עש איז איין מצוה אין דער תורה מכבד צוא זיין דיא אלטע לייט · אז וויא דער פסוק זאגט והדרת פני זקן זאלסט בשיינען דש פנים פון איין אלטין מאן · מפני שיבה תקום פארן אלטין מאן זאלסטו אויף שטיין · אונ מיר גפינן אפט אין דער תורה דאש הקב"ה זעלברט האט מכבד גיוועזן די אלטע לייט אונ צו עולם הבא וועט זיי הקב"ה ווידער מכבד זיין · אז וויא דער פסוק זאגט והפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות בהר ציון ובירושלים ונגד זקניו כבוד זיי וועלין פאר שטערט ווערין די וואש גלייבן אין דר לבנה · אונ זייא וועלין פאר שעמט ווערין דיא וואש גלייבין אין דער זון · דען גאט האט גיקענגט אין בארג ציון אונ אין ירושלים · אונ קעגין די אלטע לייט וועט ער זיין מיט כבוד · זייא וועלין זיים מכבד זיין אונ ער וועט זיי מכבד זיין · אזו וויא עש שטייט כי מכבדי אכבד דיא וואש האלטין מיר ערלאך וועל איך זייא אויך ערלאך האלטין :

נון זעהן מיר וואול אז אפילו הקב"ה וועט מכבד זיין דיא אלטע לייט · מכ"ש איין מענטש דער וואש באדארף איין עצה זאל ער פון זיי איין עצה נעמען דען זייערע רייד זייגען מיט שכל אונ זייער עצה איז זייער גוט אונ בעסר פון יונגע לייט · אפילו ווען דיא אלטע הייסן דיר ברעכין אונ דיא יונגע הייסן דיר בויען · זאלסטו פאלגין דיא אלטע · דען די עצה פון אלטע לייט הייסט גיבויט אונ פון יונגע הייסט גיברכן · אזו ווי מיר גפינן ביי רחבעם דער זון פון שלמה המלך אז ער האט גינומען דיא עצה פון דיא יונגע אונ ניט פון

דיא

די אלטע·אזו איז ער גיבראכן גיווארן פון זיין מלוכה:

דער דריטער חלק איז דער דרך ארץ פון דיא בעלי בתים · בן עזאי זאגט איטליכער בעל הבית זאל גידיינקן אונ פר זיך נעמן תמיד די פיר זאכן · אזו וועט ער גיט זינדיגן · איינש פון וואנען דו קומסט · דאש אנדרע וואו אהין דוא וועסט גיין · דאש דריטע ווער איז דיין דיין · דאש פערטע פאר וועמען וועסטו דארפין אפ געבין דין אונ חשבון · פון וואנען קומסטו ארויש פון אשטינקדיגן טראפין · נוא ווארום זאלסטו זיך בגאוה האלטין · אונ וואו אהין וועסטו גיין אין דער פינצטערר גרוב צוא דיא ווערים · אונ וער איז דיין דיין הקב״ה דר דיין אמת · פאר אים וועסטו מוזן אפ געבין דין אונ חשבון אויף אלע דיינע מעשים אונ רייד · די חכמים זאגין איבער פיר ערלייא זאכין ווערין ארום דיא בעלי בתים · דאש ערשטע ווער עש בצאלט ניט דיא פועלים זייער פאר דינסט · דאש אנדרע ווער עש בצאלט ניט אין דעם זעלביגן טאג וואש זייא האבין פאר דינט·דאש דריטע ווער עש וויל קיין מס ניט געבין נאך זיין געלט נאך · דש פערטע ווער עש האלט זיך בגאוה מיט זיין געלט · עש זיינען נאך פאר האנדין פיר זאכין וואש ברייננגען ארומקייט אויף דיא בעלי בתים · דאש ערשטע ווער עש מאכט נאך פאלשע בריב אונ שטרות·דאש אנדרע ווער עש נעמט רווחים · דאש דריטע ווער עש קאן שטראפין די לייט אונ שטראפט זיי ניט · דש פערטע ווער עש איז מנדר צדקה אונ גיט ניט אפ · דרום דער וואש וויל זיין געלט זאל אקיום האבין זאל ער נזהר זיין אין דיא פיר זאכין · איטליכער בעל הבית איז מחוייב מכבד צו זיין איטליכן וואש קומט אריין צוא אים אין שטוב אריין אונ זאל אים שוין אנטפאנגען · אונ זאל אים ברוך הבא אפ געבין מיט פריילכקייט · אונ זאל איטליכן שלום אפ געבין אפילו איין עובד כוכבים אין מארק מכ״ש איין יהודי · אונ זאל אים ערליך האלטין מיט רייד אונ מיט מעשים:

דער דרך ארץ איז אזוא · ער זאל איטליכן מכבד זיין גליך וויא ער וואלט גיוועז רבן גמליאל · אבר אין זיין דעה זאל ער אים האלטן פאר אגנבי אונ זאל פאר אים גאר ניט פר טרויען · איטליכער בעל הבית איז מחוייב איטליכן מכבד זיין · איז ער עלטר זאל ער גידיינקן הט ער מער מצות גיטאן פון אים · איז ער יונגער זאל ער גידיינקן ער האט ווינציגער עבירות גיטאן פון אים · טאמער קען ער בעסיר לערנן אודער ער האט אין זיך מער מעשים טובים פון אים · אונ אויך איז דר דרך ארץ יענעם אפ צו ענפרן שלום אדר אגוט מארגין אדער אגוט אבינט · אונ אויב ניט הייסט ער אגזלן · אז וויא דער פסוק זאגט גזלת העני בבתיכם איר גזלת דעם ארומאן אין אייערי הייזער · דרשת די גמרא דאש מיינט מען אז ווען איינער זאגט דעם אנדרן איין גוט מארגין אדער גוט אבונט אונ ער ענפרט אים ניט אפ מיט גוטען הייסט ער אגזלן · אז צווייא מענטשין גייען זאל דער חשובר גיין אין דער רעכטר זייט · אונ ווען דרייא גייען זאל דער חשובר גיין אין מיטען אונ דער אנדרער אין דער רעכטער זייט · אונ דער שפל אין דער לינקער זייט · איטליכער מענטש זאל ניט קוקין אויף זיין כבוד · אונ זאל אנדערע לייט מכבד זיין אונ זאל ניט מקפיד זיין אפילו ער זיצט גאנין הינטן·דען דר מענטש איז מכבד דיא שטאט ניט דיא שטאט דעם מענטשין · אויך אז איינער טוט אים עפיס דר ווידר זאל ער ניט מקפיד זיין · אונ זאל זיך ניט קריגען מיט די לייטן · אונ זאל ערליך האנדלן דאש עש זאל זיך אויף אים קיינער ניט קלאגין אזו וועט ער גירופן איין ערליכר בעל הבית · אבער דער וואש האט ניט אין זיך דיא זאכין · אונ וועמען ער איז שולדיג גיט ער ניט אפ · אונ אז יענער איז אים שולדיג לאזט ער אים ניט רוען · דער איז ניט קיין ערליכר בעל הבית:

אויך זאל קיין בעל הבית ניט גלוסטן צוא יעניגמש געלט · נאר ער זאל זיך לאזין בנוגן מיט וואש גאט האט אים גיגעבן · סייא פיל אונ סייא ווייניג · דען הקב״ה פרובט דעם רייכן אויב ער וועט ביין טאן מיט זיין געלט · אויב ער האלט זיך בגאוה דער מיט אונ אויב ער איז אמענטשנמסיג גבול·אדר איין אום רעכט

אויב ער בצאלט דעם וואש ער איז שולדיג · אויב ער קריגט זיך ניט איבר זיין געלט אויב ער לאזט זיך בנוגגן אונ איז זיך משמח מיט דעם וואש גאט האט אים בשערט · אויב ער האנדילט ערליך · אונ אויב ער גיט רעכט מעשר אונ צדקה פון זיין געלט · אויב ער טוט דאש אלש · וואול אים אונ וואול זיינע קינדר וואול צו אים אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט · דער איז איין ערלכער בעל הבית · אונ איז זוכה לחיי עולם הבא · אונ דער וואש טוט ניט אזוא איז ער איין אום ערליכער בעל הבית · אונ גאט אונ לייט האבין אים פיינט · ער פאר דארבט זיין עושר · אונ האט ניט די וועלט אונ יענע וועלט :

אויך פרובט גאט דעם ארומאן אויב ער נעמט אן דעם דלות באהבה · אונ אלש וואש פירט זיך מיט אים אויף דער וועלט אונ אויב ער קוקט ניט אויף פיל געלט · נאר צו דעם וואש ער קען קומן · די זעלביגי לייט האט גאט זייער ליב · אונ זייער תפלה ווערט דער הערט · אונ דר וואש פרייעט זיך מיט זיינע יסורים איז ער אערעכטער צדיק · דען די צדיקים ווייסין אז דאש איז אכפרה אויף זייערע מעשים · אונ עש איז ביא זייא גירעכינט גלייך וויא איין מציאה · עש איז אמשל צוא איין מענטשין וואש האט דעם מלך דער ווידר גיטאן · איז זיין משפט ארויש גיגאנגן ער זאל אום קומן פון זיין געלט אונ גוטש · אזו זוכט ער דאך בוודאי כל המצאות ער זאל קענין אפ קומען מיט אגרינגע זאך · נוא אז מיזאל אים נאר איין האנט אפ האקין אודר ער זאל מיט געלט אפ קומן · וואלט ער דאך בוודאי זייער פריילך גיוועזן · אזו איז דאש אויך דער מענטש פר זינדיגט זיין לייב אונ גוטש דורך זיינע עבירות · אונ אז ער קומט אפ מיט יסורים דארף ער דאך בוודאי זייער פריילך זיין דש גאט האט אים צו גישיקט אזוא איין חסד · דאש ער נעמט ביא אים דיא יסורים פון זיין גוף אונ געלט פאר זיין נשמה וואש זיא האט גימוזט ליידן גיהנם · אונ ווער עש איז בועט אין די יסורים · אונ נעמט אן ניט פר ליב דעם חסד פון הקב"ה · אזו ווערין אים די יסורים צו אייטל עבירות · גלייך אזו וויא יענער וואש מיהאט אים גיפסקת ער זאל אום קומן פון זיין געלט אונ גוטש · אונ דער מלך האט אים איין חסד גיטאן ער זאל גישטראפט ווערין מיט וואש גרינג איז · אז ער זאל טרייבין עזות קיים קעגין דעם מלך אונ זאל זאגין איך בגער ניט דיין חסר · וויא וואלט עש מיט אים גיגאנגען · אזו איז דא אויך · דרום זאל זיך איטלכר משמח זיין מיט יסורים סיי מיט קראנקהייט אדער מיט תפיסות · אודער מיט ארומקייט · אודער דאש דיא קינדר שטארבין אים ר"ל · אודער אנדרע יסורים זאל ער אלש ניט מתרעם זיין קעגין גאט · אונ זאל זיין גוט אונ פרום · דען דורך דעם וועט ער האבין יענע וועלט · אבר אז עש גייט אים תמיד גוט זאל ער זיך דרויף שטארק מצער זיין טאמער איז ער איין רשע אונ גאט גיט אים אפ זיין שכר אויף דער וועלט · די חכמים האבין אים איין עצה גיגעבין · דאש ער זאל געבין צדקה אונ מעשר אונ זאל לאזין תורה לערנען פאר זיין געלט · אונ זאל געבין ליכט אויך צו לערנען · אונ זאל גיוויינן אין דעם דרך ארץ וואש גיהער צוא איין בעל הבית · אזו וועט ער זוכה זיין צוא דר וועלט אונ צו יענער וועלט אויך :

אויך איז דער דרך ארץ פון איין ערליכן בעל הבית דאש ער זאל ניט ווארפין קיין איברגע פארכט אין זיין הויז · זונסט גיבין אים בוודאי זיין הויז גיזינד עסין טריפות · דען זייא פארכטין זיך פאר אים · דרום האבן זיך אטייל חכמים בארימט דאש זיי זיינען קיין מאל ניט צארינג גיוועזן אין זייער הויז · דרום זאל קיין בעל הבית ניט פלוצלונג ארייין גיין אין זיין שטוב ארייין דען טאמער וועט ער זעהן פון זיין הויז גיזינד איין אום רעכט דא וועט ער ברוגז ווערין · די חכמים האבין גיזאגט רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו דר רגזן בקומט ניט מער נאר זיין צארין · בלוכר ער גווינט ניט מיין דרינן · נאר ער פארלירט זיין שכל אונ נשמה · דען דער רוגז קומט פון גאוה · אונ די בייזע מדות האט פיינט הקב"ה · דען דרך ארץ איז פון די בעלי בתים אז ווען זייא זעהן אין זייערע הייזער עפיס אום רעכט זאלין זיי עש זאגין מיט גוטן · קערין זיך ניט דער צוא זיין הויז גיזינד זאלין זייא זיך מאכין גלייך וויא זייא זיינען אין רוגז · אז וויא עש וועט שטיין אין חלק רגזן · אויך

זאלן

זאלין זייא לאזין ארמע לייט ארבייטן אין זייערע הייזר· כדי זייא זאלן נעביך האבין פון וואנען צוא לעבן· אויך זאלין זייא זיך ערליך האלטין אין זייערע הייזר· אונ זאלין ניט שרייען איבער זייער הויז גיזינד מכ״ש איבער אנדרע· דען דר סדר איז פון איין עם הארץ· ער שרייעט אזו הויך ביז די שכנים דער הערין· אזוא פרעגין זייא ווער שרייעט עש וויא איין אייזיל· אונ זאלין זיך גיוויינען צוא ריידין פאמעליך אונ שטילער רייד מיט זייער הויז גיזינד אונ מכ״ש מיט אפרעמדין· אזו ווערין זייערע רייד גיהערט· אונ איטליכער איז מחוייב צו שטראפין מיט גוטן· קערין זייא זיך ניט דער צו זאל ער זייא שטראפין מיט דער רוט ווייל זייא זיינען נאך קליין· אז וויא עש ווערט בשיידט ווערין אין פרק גידול בנים· אונ ער זאל זייא ניט שלאגין אין זיין רוגז· נאר ער זאל ווארטין ביז דער רוגז גייט אים איבער· אונ וויא ער זאל שטראפין זיינע קינדר ווערט אלש בשיידט ווערין אין פרק גידול בנים:

מעשה אז רבי אליעזר בן עזריה האט גיזאלט שטארבן זיינען צו אים אריין גיגאנגען זיינע תלמידים· אונ זאגין צוא אים אונזר ליבער רבי לערינט אונז דעם רעכטין וועג וויא אזו מיר זאלין בקומן דאש איביגע לעבין· זאגט ער צוא זיי איך וועל אייך לערנען דעם דרך ארץ· דר מיט ווערט איר זוכה זיין צו עולם הבא· איר זאלט אייער דעם אנדרין בכבוד האלטין· אונ וואש אייך ליב איז זאלט איר טאן אייערע חברים· אונ וואש אייך פיינט איז זאלט איר זייא ניט טאן· אונ אז איר טוט תפלה זאלט איר וויסן פר וועמען איר שטייט· עש זאל זיך אייך דוכטן איר שטייט פאר א מלך בשר ודם. אזו ווערט איר זוכה זיין צו חיי עולם הבא· אויך זאל זיך איין בעל הבית מקרב זיין צוא זיינע שכנים אונ צוא פרומע לייט· אונ זאל זיך ניט פרייען אין ייענימש עונש· אויך זאל ער ניט טרויערין ווען אנדרע לייט פרייען זיך· אונ זאל זארגין מיט אנדרע לייט אונ זאל ניט לאכין ווען אנדרע לייט וויינען אונ זאל טאן אלש וואש אנדרע לייט טוען· אזו ווערט ער זוכה זיין צוא חיי עולם הבא· אז וויא דער פסוק זאגט שמע בני וקח אמרי וירבו לך שנות חיים פאר נעם מיין זון מיינע רייד

דא ווערט זיך מערין דיין לעבין אויף דער וועלט· אונ וועסט זוכה זיין צוא עולם הבא אויך דוא זאלסט ניט קוקין אויף דעם געלט פון אנדרע לייט· אונ זאלסט ניט צו הערין קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע· דיינע פיס זאלסטו פאר מיידין פון איין עבירה· אונ זאלסט ניט פאר מיידין צדקה צוא געבין· דיינע אויגין וואש האבין ניט גיקוקט אויף קיין פרעמד געלט ווערין זוכה זיין צו זעהן דיא שכינה אונ די גאולה· דיינע אויערין וואש האבין ניט צוא גיהערט קיין דברים בטלים אונ לשון הרע· ווערין זייא זוכה זיין צוא הערין פיל שלום אונ ווערין זוכה זיין לחיי עולם הבא· דיין מויל וואש האט ניט גירעט קיין לשון הרע אונ דברים בטלים ווערט זוכה זיין צו דער ציילן דיא לויב פון הקב״ה: אונ ווערט אויף שטיין תחיית המתים· דאש מויל וואש האט גילערינט תורה ווערט זוכה זיין צוא אלע טובות אונ ברכות וואש שטייט אין דער תורה:

רבי אלעזר הקפר זאגט אזו· דו זאלסט קיין תרעומת אונ קיין שנאה ניט טראגין אויף קיין מענטשין· דען דאש איז אזו איין עבירה וואש ברענגט צוא נאך עבירות צוא לשון הרע אונ רכילות אונ קללות זאלסט ליבן דיין שטראפר אונ זאלסט פיינט האבין דעם וואש לויבט דיך· דען דיין שטראפר ברענגט דיך צו מער תורה אונ חכמה אונ פרומקייט· אבר דיין לויבער ברענגט דיך צוא פיל זינד· אונ זאלסט ליב האבן דיא שולן אונ בתי מדרשים כדי דוא זאלסט זוכה זיין דיינע קינדר זאלין זיין צדיקים אונ לומדים· אונ זאלסט ליב האבן די ארמי אונ פרומי לייט אונ צדיקים· אונ האב פיינט די רשעים· דען אז דוא וועסט ליב האבין דיא שולן וועלין דיינע קינדר זיין צדיקים· אונ אז דוא וועסט ליב האבן דאש בית המדרש וועלין דיינע קינדר זיין לומדים· וועסטו ליב האבין דיא ארמע לייט וועלין דיינע קינדר ניט זיין קיין ארעמע לייט· וועשטו ליב האבין דיא פרומע לייט וועסטו אויש לעבין דיינע יארין· וועסטו ליב האבין דיא צדיקים דארפסטו דיך ניט פארכטין פארין מלאך המות· וועסטו פיינט האבין דיא רשעים· ווערט דיך הקב״ה ניט פיינט האבין:

זאלסט

זאלסט געווארנט זיין אלע טאג צו זאגין קריאת שמע און שמונה עשרה בכוונה׳ כדי דוא זאלסט בשירמט ווערין פון גיהנם ׳ און זאלסט נאך זאגין אמן יהא שמיה רבא בכוונה און אמן אויף איטליכע ברכה ׳ דער מיט ביסטו מבטל איין בייזע גזירה ר״ל ׳ זאלסט זייער געווארינט זיין אפין האלטין דיין טיר בשעת עסין דאש דיא ארעמע לייט זאלין קענען אריין גיין ׳ אזו וועט דייא פרנסה ניט ווערין גימינערט און עש וועט דיר גאר ניט פעלין ׳ און דיינע קינדר וועלין אויך ניט ארום ווערן זאלשט געווארנט זיין ערלאך צוא האלטין דיינע עלטרין כדי דו זאלסט האבין מזל און ברכה ׳ זאלסט זיך מטריח זיין פון קהל וועגן ׳ און זאלסט ניט זאגן איך בין דאך ניט ראש קהל וואש גייט עש מיך אן ׳ און זאלסט גומל חסד זיין מיט איטליכין ׳ און זאלסט זיך ניט פר מיידן דר פון ׳ אויף דעם זאגט דר פסוק ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך געבענטשט וועסטו זיין אין דיין אריין גיין און גיבענטשט וועסטו זיין אין דיין ארויש גיין ׳ דאש דרשת דיא גמרא אזו וויא דוא ביסט גיקומען אויף דער וועלט אן עבירות אזו וועסטו אויש גיין פון דער וועלט אן עבירות ׳ דער וואש איז איין עזות פנים און שייעמט זיך ניט פאר דעם וואש איז עלטער אדער ער לערינט בעסר פון אים דער מענטש ווערט מצורע ׳ אדער יסורים קומען אויף אים איבר זיינע בייזע מעשים :

דער וואש לאזט אוועק איין מצוה און גייט נאך נאך איין עבירה ׳ איז זיין עונש דאש זיין ווייב שטארבט דורך איין מגפה ר״ל און אויב דו וועסט גיין פון א תלמיד חכם וועגין און וועסט אים פארכטין זיינע זאכין ׳ וועסטו האבין פרומע קינדער ׳ און אז דוא וועסט גיין פון איין ארומאן וועגין און וועסט אים פארכטין זיינע זאכין וועסטו האבן קינדר לומדי תורה און בעלי מצות׳ זאלסט מלוה זיין איין מת ׳ און זאלסט שלום מאכין צווישן מאן און ווייב אדר צווישן אנדערע לייט׳ אז איינער האט דיר א טובה גיטאן זאלסטו אים אפ טאן א טובה ׳ און זאלסט ניט מיינען ער האט מיר דיא טובה גיטאן פון זיין טובה וועגין דען וייל עש איז דיר אויך א טובה דארפסטו אים אפ טאן א טובה ׳ אז איינער האט דיר א קליינע טובה גיטאן ׳ זאל עש בייא דיר זיין וויא גרויש ׳ און אז ער האט דיר א גרוישע רעה גיטאן זאל עש בייא דיר ווי גישט זיין׳ זאלסט דיך לאזין פאר שעמן און זאלסט קיינעם ניט פאר שעמען ׳ זאלסט זיין איין עניו ׳ און עש זאל דיך קיין שום ווארט ניט פאר דריסען ׳ און זאלסט ניט מקבל זיין קיין לשון הרע ׳ און זאלסט זאגין איך גלייב עש ניט :

און אז עש קומט דיר אן איין הרהור פון איין עבירה זאלסטו אים באלד אוועק לאזן און זאלסט גדיינקן א מצוה צו טאן ׳ און זאלסט קיין ליצנות ניט טרייבן ׳ דייני רייד וואש דוא רעטסט מיט דיא לייטן זאלן זיין פאמעליך ׳ און זאלסט קיינם ניט מבייש זיין ׳ זאלסט זיך בהעפטן צו איין גוטר חברותה אבר ניט צוא קיין שלעכטע ׳ און זאלסט לויפן נאך איין קליינע מצוה גלייך וויא נאך א גרויסע און זאלסט זיך פר מיידן פון א קליינע עבירה גלייך וויא פון א גרויסע ׳ אז דו האסט פיל תורה גילערנט און פיל מצות גיטאן זאל זיך דיר דוכטן עש איז נאך קארג ׳ דען דוא ביסט דרויף בשאפן גיווארן ׳ אז דו האסט ווינציג עבירות גיטאן ׳ זאל זיך דיר דוכטן עש איז פיל ׳ און זאלסט דרויף בצייטן תשובה טאן׳ אבר ער זאל ניט זאגן איך האב פיל עבירות גיטאן דען׳ עש טאר קיינער אויף זיך ניט דר וועקן דעם מדת הדין ׳ דער סוף פון דר זאך אלי דייני מעשים זאלן זיין לשם שמים׳ און זאלסט גדיינקן דוא וועסט מוזן אפ געבין דין און חשבון אויף אלע דיינע רייד דרום זאלסטו זיין גאנטש פארכטיג אין אלע דיינע זאכין:

דא וועל איך שרייבן איין הג״ה וואש די גמרא דרשת אויף דעם פסוק על כל נעלם אם טוב ואם רע ׳ דר פירוש פון דעם פסוק איז אזו ׳ גאט יתברך ברייננט איטליכן צום משפט אויף אלע זיינע מעשים סייא אויף גוטש סייא אויף בייז ׳ פרעגט די גמרא אויף וואש פאר איין משפט ברייננט אים אויף גוטש זאגט איינר א תירוץ ׳ איטליכר ווייש וואול ווארום די חתן כלה גייאן אונטר דער חופה נאר ווער עש רעט ניבול פה׳ האט׳שי ער מוט א גרוישע מצוה דאש ער העלפט דיא כלה פירין אונטער דער חופה ׳ מוז ער דאך עונש לייזן פון זיינע בייזע ווערטר וועגן׳ דר אנדרר זאגט איין תירוץ ווען איינר

איינר שפייאט אויש פר זיין חבר'ש אויגן · אדער ער טוט אנגדר מיאוסי זאך פאר זייני אויגן מוז ער דרויף עונש ליידן · אונ ווערט גיבראכט דרויף צום משפט

עד כאן הגה"ה פרק דרך ארץ פון בעלי בתים :

דער דרך ארץ פון בחורים אונ יונגן איז אזו· איין בחור זאל זיך בתרבות האלטן מיט זיין לערנען אונ מיט אלע זיינע מעשים · ער זאל ניט זיין קיין עזות פנים אפילו אין לערנן מכ"ש אין וועלטליכי זאכין · אונ זאל זיך ניט גיין שפאצירן · נאר ער זאל זיצן יום ולילה אונ זאל לערנן · דער מיט קען ער קומן צו איין גדולה · אבר איין תלמיד טאר ניט לערנן פון גדולה אדר פון הנאה וועגין אבר איין בחור האט נאך קיין פיל פאר שטאנד ניט האבן אים דיא חכמים מתיר גיוועזן צוא לערנן פון זיין הנאה וועגן · דאש מיזאל אים געבין פיל גדן אדר ער זאל קומן צוא איין גדולה· אונ אז ער וועט אלט ווערן וועט ער אליין דר לערנן דעם סוד אונ זאל תפלה טאן מיט כוונה · אונ זאל ניט מהרהר זיין אויף איין אשה · ליבר זאל ער מהרהר זיין אין דברי תורה אונ מצות · אונ זאל ניט גיין אין חשובי קליידר · אונ זאל ניט טראגין קיין גאלד אונ זילבר · דען דאש איז אים מבטל פון לערנן :

דער דרך ארץ איז פון יונגי אונ אלטע מיידן· אונ ווייבר ניט צוא טאן קיין מיאוסע זאך פאר יענם אין דיא אויגן · אז וויא אויבן איז גשטאנן אין דר הג"ה· אויך ווען ער זעהט ליגן שפייאכין אפילו ניט זיינע זאל ער עש פאר טרעטין מיט דער פוס · מכ"ש דאש קיינר זאל ניט שפייאן וואו לייט גייאן · אז וויא דער פסוק זאגט ויתד תהיה לך על אזנך ויצאת חוץ וחפרת וכסית את צאתך איין פלאקין זאל צו דיר זיין אויף דיין שווערד אזו אז דוא ווערסט ארויש גיין ווערסטו אן גראבן ערד· אונ ווערסט צוא דעקן דיין צואה · נוא זעהן מיר דאש הקב"ה וויל האבן מיזאל ניט לאזן ליגן קיין מיאוסקייט בפרט ביי דעם טיש טאר מען בוודאי קיין מיאוסקייט ניט טאן· אונ מען מוז דרויף גמשפט ווערן אונ גיהנם ליידן · דאש איז דער דרך ארץ פון בחורים · וויא אזו מיזאל דער ציהן אין דרך ארץ די קינדר וואש האבין נאך קיין פר שטאנד ניט וועט שטיין אין פרק (גידול בנים) אונ דער דרך פון דיא קינדר וואש האבן שוין יוא פאר שטאנד איז אזו· זייא זאלן בתרבות זיין · אונ זאלן אפ שייא האבין פאר זייערי עלטרין אונ פר אנדרי אלטי לייט . אונ זאלן צו הערין שטראף · אונ זאלן זייערע אויגן אראפ האלטן בשעת מען שטראפט זייא · אונ זאלן זיך קערן צו דר שטראף · דאש מזאל זייא ניט דארפין נאך אמאל שטראפין · אונ זאלן זיך שעמן נאך אמאל אזעלכי זאכן צו טאן · אונ זאלן ניט ריידן פאר אלטע לייט · אונ זאלן צוא הערן דיא רייד פון זייערע עלטרן · אונ זאלן פון זיי עפים חכמה מקבל זיין מכ"ש זייא זאלן ניט ארין פאלן אין זייערע רייד : דאש איז דער בעסטר דרך ארץ פון דיא יונגע מיזאל זייא גוויינן אבינט אונ מארגין אין שול ארין גיין אונ זייערי תפלות טאן בכוונה נאך זייער שכל נאך אונ זאלין ניט ריידין קיין דברים בטלים אין שול · אונ זאלן נאך זאגן אמן אויף איטליכע ברכה · אונ זאלין אנאנצין טאג זיין אין חדר : אונ זייא זאלין ניט ארום לויפן : דען דאש ברייננגט עזות קייט: אונ דער ווייל פאר געסין זייא וואש זייא האבין גילערנט: זייא זאלן איבר חזרן זייער לערנען בשעת זייא זיינען ליידיג אונ דיא יונגען זאלין זיך ניט שילטן : מכל שכן דאש זייא זאלין זיך ניט שלאגין אונ זאלין ניט שרייען :

אונ איינר זאל לערנען דעם אנדרין דעם וועג פון דרך ארץ דאש זיי זאלין זיך שעמען פאר אלטע לייט מכ"ש פר תלמידי חכמים : אז וויא דער פסוק גייט דר נביא זאגט ראוני נערים ונחבאו דיא יונגן האבין מיך דער זעהן האבין זיי זיך בהאלטין : פון דאנן איז גידרונגן דיא יונגע זאלין דרך ארץ האבין פאר דיא עלטרע אונ זאלין ניט טאן פאר זיי זייערע אינגלשע זאכין : דאש איז דער דרך ארץ פון יונגע לייט : מכ"ש פון אלטע : מכ"ש פון ווייבער : אונ קיינר זאל ניט עסין אויף דער גאס מכ"ש אויפן מארק : אז וויא דיא גמרא זאגט ווער עש עסט אויף דער גאס מכ"ש אויפן מארק איז ער גלייך צוא אהונט · אונ איז פסול לעדות · ווייל ער האט קיין בושה אונ דרך ארץ ניט פאר לייטן : אז וויא דער הונט · אזו שייאט ער זיך ניט פאלש עדות זאגן :

דר פערטר חלק איז דר דרך ארץ פון מיידן אונ ווייבר ·

איטליכע אשה זאל זיין אצנועה אונ פרום : אונ
זאל זיך ניט קריגן מיט איר מאן אונ קינדר · אדר מיט
דיא דינסט מיידן זיא זאל בווילגט זיין מיט איר הויז
גיזינד · אז וויא איך ווער דא בשיידן · דר ספר המוסר
ברייננט דרויף פיל פסוקים אבר איך וועל נאר ברייגגן
וואש נוציג איז · איטליכע אשה זאל זיין איין צנועה אין
איר הויז דאש מיינט מען זיא זאל תמיד זיצן אין דער
היים · אונ ניט גיין אויף דער גאס · מכל שכן זיא זאל
זיך ניט גיין שפאצירן בפרט צווישן מאנזבלין · דען
אזו איז זיא מהרהר אויף איין עבירה · אדר זיא ברייננט
אנאנדרין אויף איר מהרהר צו זיין · אונ דיא הרהור
עבירה איז הארבר פון דער עבירה זעלבסט · דען
ווען איינר טוט איין עבירה בשוגג אן הירהור זינדיגט
נאר זיין גוף · אזו איז זיין כפרה דאש ער ברייננט איין
קרבן חטאת אונ דאש פלייש ווערט גגעסין · אונ דאש
בלוט אונ חלב ווערט גישפריינגט אויפן מזבח · דער
מיט האט ער אכפרה · אבר דר וואש טוט איין עבירה
מיט הרהור · אדער אפילו ער איז נאר מהרהר אליין ·
אונ די עבירה זעלבסט טוט ער ניט אזו איז ער מטמא
זיין שכל אונ נשמה · ווייל דער הירהור איז אויך
פון דער נשמה · דרום איז זיין עונש פיל הארבר : אונ
דרום מוז ער ברייגגען אקרבן עולה · דאש איז נאר
גיקומן אויפן מזבח · דיא גידערים אונ פאנצין האט
מען אויש גיוואשן גאנץ ריין אונ מען האט עש פאר
ברענט מיט דעם פלייש אונ קאפ אונ פים · אונ עש
האט קיינר דר פון. ניט גיטארט עסין נוא זעהן מיר וואול
אז דער הרהור עבירה איז הארבער פון דער עבירה
זעלבסט · איך וועל נאך שרייבן דרויף פיל טעמים אין
חלק פון קיום המצות · דרום האבן דיא חכמים פאר
באטין די ווייבר זאלן זיצן אין דער היים · אונ בריינגן
דרויף פיל פסוקים · נאר איך וועל עש קורץ בשרייבן:
דר דרך פון דיא ווייבר איז זייא זאלין זיצן אינווייניג

פון יענר זייט כזוזה · ניט פון דרויסן · דאש זיא
זאל קיינם ניט זעהן אונ קיינר זאל זיא ניט זעהן אונ
אויב זיי זעצין זיך יוא פון דרויסן איז עש קיין צניעות
ניט · אונ דיא ווייבר וואש זעצין זיך פר דר טיר אונ
זינגן זייערע קינדר אונ ווייזן זייערע בריסט פאר
לייטין · דאש איז אגרויש פריצות זיא מאכט דיא לייט
זינדיגן · אונ ווערט מוזן דרויף עונש ליידן · אויך זיינן
פאר האנדן אטייל ווייבר וואש זעצן זיך אויף דר גאס
ארביטן אונ נייאן אונ שפינן · דאש איז אויך אגרויש
פריצות · דש זיא ווייזט איר בלויזי האנד · אדר אנדרי
ערטר וואש זיי דארפין ניט ווייזן אונ אויך אפט זינגט
זיא אונ לאזט מאנזבילן העריז איר קול · אונ זיא מוז
דרויף עונש ליידן . דרום זאל איין אשה זייער נזהר זיין
דרינן · חאטשי דיא רבנים פון אונזרע דורות שרייבן
אז אצונד קענן דיא ווייבר ניט נזהר זיין דרינן · ווייל
זיי זיינן אויך בעלי פרנסות · אונ האנדלן מיט מאנזבילן
אבר דאש וואש איז איין פריצות קען קיינר ניט מתיר
זיין · אז וויא אטייל ווייבר טואן דאש זיי ווייזן זייערע
בריסט אונ זייערע האר · אונ שרייאן אזו כיז דיא
שכנים הערין זייער קול · אונ אויך אויף דער גאס
הערט מען זיי שרייאן · אדר ווען זייא גייאן אין שול
אריין · אדר ווען זיי זיצן אויף דער גאס לאזן זיי הערן
זייער קול · דאש איז אייטל פריצות · דרויף האבן דיא
רבנים קיין היתר ניט גיפונן :

מיר גפינן אין דער תורה דאש דר כהן האט גשטעלט
דיא סוטה אין דעם היילינן אונ גרויסן טויער פון
דעם עזרה פון בית המקדש · דר זעלביגר טויאר האט
גיהייסין שער נקנור · אונ כמעט כל ישראל זיינן דארטן
גשטאנן בשעת ער האט זיא אן גיטרונקן · אונ דער
כהן האט איר ארום גיבונדין איין שטריק ארום איר
האלז · אונ האט איר אפ גריסן איר שלייאר · אונ זיא
איז אזו גישטאנען מיט דיא האר פאר כל ישראל ·
אונ אויך האט ער אויף גריסין אירי קליידער פון
פארינט · דאש זיא זאל אזו שטיין מיט אירע בריסט
פאר כל ישראל · דען הקב"ה האט גהייסן מיזאל איר
אזו טאן מדה כנגד מדה · ווייל זיא האט אויך פיל
פריצות גטאן · דאש זיא פלעגט זיך שטעלין פאר דר
טיר איטליכר זאל זיא זעהן · אזו האט מען זיא היינט
אויך גשטעלט אין טויער פון דר עזרה אז כל ישראל
זאלין זיא זעהן · אונ ווייל זיא פלעגט ווייזן אירע האר
פאר מאנזבלין · דרום האט איר היינט אויך דער כהן

אפ

אפ גירישן איר שלייאר · דאש איטליכר זאל זעהן אירע האר · אונ ווייל זיא האט גיוויזן איר האלז פאר דיא מאנזבלין · דרום טוט מען אשטריק ארום איר האלז · אונ ווייל זיא האט גוויזן אירע ברישט פאר מאנזבלין · דרום האט איר דער כהן אויך אנפלעקט אירע ברישט · אונ ווייל זיא האט גיטרונקן ויין מיט איר נואף אויש זילבערנע כלים · דרום טרינקט זיא היינט ביטרע וואשר אין איין ערדין קריגל · דיא גמרא רעכינט נאך פיל זאכין וואש מיהאט איר גיטאן מדה כנגד מדה · חאטשע אמאל איז דאך די סוטה גירעכט גיבליבן · פון דעסט וועגין האט פארט דיא תורה גיהייסין מיט איר זיך
אזו נוהג צו זיין ווייל זיא איז איין פרוצה גיוועזן:

נון זעהט איר ליבע ווייבער דאש גאט יתברך גיפעלט
ניט זייער דאש פריצות · איך וויל ניט מאריך זיין דרינען · נאר מיר האפין צו הקב"ה דאש ער וועט אונז באלד שיקין משיח אונ ער וועט אונז ווידער פירין אין אונזער לאנד ארין · אונ מיר וועלין ווידער האבין דיא מתנה פון דער סוטה אן טרינקען אונ פיל אנדרע ווייבער וועלין דאש זעהן אונ וועלין אוועק ווארפין זייער פריצות · אזו ויא דער פסוק זאגט ונוסרו כל הנשים זייא וועלין זיך שטראפין אלע דיא ווייבער · אונ וועלין זיך פארכטין פריצות צו טאן · אויך זאלין די ווייבער האלטין זייערע טעכטער דיא מיידין אין דער היים ביא טאג אונ ביא נאכט · אונ זיי זאלין זיך בצניעות האלטין אזו ווי זייער מוטער · דען דאש ברייננט זייא צו איין גיוואונטקייט · דאש דער נאך אז זיי וועלין האבין איין מאן וועלין זייא אויך אזו טאן · אונ דער זעלביגר דרך ארץ וואש גיהער צו די ווייבער גיהער אויך צו די מיידין · ניט מער דער מנהג איז פון פאר צייטין דאש דיא מיידין גייען מיט זייערע האר · אזו קען מען עש ניט ברעכין אבער באמת דיא תורה האט קיין חילוק ניט גימאכט צווישין ווייבר אונ מיידין · אבר דיא בתולה וואש איז גאטש פארכטיג אונ איז דרינען אויך נזהר וועט אויף איר קומען פיל ברכות · אזו זאלין זיך דיא ווייבער בדרך ארץ האלטין מיט זייער עסין דאש זיי זאלן ניט עסין קיין גרויסי ביסן אונ זאלן ניט עסין אויף דער גאס · מכ"ש אויפן מארק · ניט ווי אמייל ווייבר טוען דאש זייא עסין גייענדיג אויף דער גאס · דאש איז איין מאנזביל פאר באטין דש אז ער טוט אזו איז ער גיגליכן צו איין הונט · מכ"ש איין אשה אונ אז זיא איז מעוברת אדר איין זייגערין זאל זיא ניט עסין אזעלכע שפייז וואש שאטין צום קינד · אדער צו דר מילך · אויך זאל זי ניט טרינקען אזעלכע גטראנק וואש שאטין צום קינד · אונ זאל זיך ניט אן שיכרין אפילו איר מאן איז ניט ביא איר · חאטשי אזוא הייסט עש דאך ניט קיין פריצות אבר עש איז ניט קיין דרך ארץ · עש איז פאר אמאנזביל ניט שיין מכ"ש פאר איין אשה:

אויך איז דער דרך ארץ פון איין אשה זיא זאל זיך
מתקרב זיין מיט אירע שכנים · אונ זאל זיי לייען אזעלכע כלים וואש ווערין ניט אפ גיניצט · אבר אזעלכי וואש ווערין יוא אפ גיניצט טאר זיא ניט לייען אן איר מאנש רשות · אונ זאל זיך ניט קריגין מיט זייא · אונ אויב זייא זאגין איר עפעס איין שאנד זאל זיא ניט אפ ענטפערין · אונ זאל באלד מוחל זיין · דען גאט האט קיין שום זאך ניט אזו ליב ויא שלום דען וואו שלום איז איז אייטל מזל אונ ברכה אונ הצלחה · אויך איז גיוויס דאש הקב"ה האט קיינעם ניט אזו פיינד ווי איין ליגנער · ער קען ניט קומען אין דער מחיצה פון הקב"ה · אז וויא דער פסוק זאגט לא יכון דובר שקרים לנגד עיני עש וועט ניט אן גיריכט זיין קיין ליגנר פאר מיינע אויגין מכ"ש דאש איין אשה טאר קיין ליגן ניט זאגין · אבער אז מען וויל שלום מאכין צווישין מאן אונ ווייב אונ צווישין אנדערע מאג מען יוא איין ליגן זאגין · אזוא פיל האט גאט ליב דעם שלום · דרום זאלין די ווייבר שלום האבין צווישין זיך אונ זאלין זיך ניט קריגין · מכ"ש דאש זיי זאלין קיין קריג ניט שטארקין אונ זאלין ניט טראגין קיין רכילות פון איינעם צום אנדרין · אזו ווי די צדיקת און בן פלת ווייב האט גיטאן דאש זיא האט אפ גירעט איר מאן פון צוא קריגין מיט משה רבינו ע"ה · אונ זיא האט זיך אונ איר מאן אונ קינדר בשירמט פון טויט · אונ פון דם אייביגן גיהנם אבר קרחס ווייב האט אים גישטארקט זיין קריג · אזו האט זיא פאר זינדיגט זיך אונ איר מאן אונ קינדר · דאש זיי זיינען איין גיזונקען גיווארין אין דעם אפ גרונד פון גיהנם · דען איין פרומע ווייב ברייננט איר מאן צו פרומקייט אונ צו גן עדן אונ אזו אויך פאר קערט · דרום

לויבט

לויבט דער נביא און בן פלת וייב אונ שענד קרחס וייב · מידארף דרינן ניט פיל מאריך זיין :

אויך זאל זיא דער ציהען אירע קינדער צוא תורה אונ מעשים טובים אבער דיא אשה וואש זיצט ניט אין דער היים זי קאן דאש אלש ניט טאן · אונ דער מיט פר דארבט זיא איר בעל הבית קייט · דאש עש גייט צוא איר הויז ווי איין שיף אן רודר' אונ זיא ברייננט זיך אום פון דער וועלט אונ יענער וועלט · דרום לויבט דר נביא די פרומע אשה וואש בלייבט אין דער היים · אונ שענד די פרויא וואש איז איין לויפרין · אויך זאל זי ניט הויך ריידין · דען דאש איז פון אמאנזביל קיין דרך ארץ ניט מכ"ש פון איין אשה · אזו ווי דער פסוק זאגט וחנה היא מדברת על לבה רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע אונ די צדיקת חנה האט גירעט צו איר הארץ' נאר אירע לעפצין האבן זיך גירירט · אבר איר קול איז ניט גיהערט גיווארן · דען עש איז איין פריצות אז איין אשה הייבט אויף אהויך קול · אזו ווי דער פסוק זאגט ביי דער פרוצה ויהי כהרימי קולי עש איז גיוועזן אז איך האב אויף גיהויבין מיין קול · אבר ביי דר צנועה שטייט זיא האט גירעט שטילר הייד אונ פאמעלאך דרום זאל איין פרומע אשה זיך גיוויינען אונ אויך אירע קינדער שטילער הייד צוא ריידין · דאש זייערע שכנים זאלן ניט הערין זייער קול :

אויך זאגט די גמרא רבי מאיר אומר אף הקולנית די משנה רעכינט אויש אלע פרוצות וואש קומט זייא קיין כתובה ניט · זאגט רבי מאיר די וואש הייבט אויף אהויך קול קומט אויך קיין כתובה ניט אונ איין אשה וואש הט יוא איין הויך קול דארף איר מאן פון איר גיט לידן' אונ די ריידין וואש דיא ווייבער ריידין פאמעלאך מיט זייער הויז גיזינד ווערט עש גיהערט · אזו ווי דער פסוק זאגט דברי חכמים בנחת נשמעים דיא רייד פון דיא חכמים זיינען פאמעלאך אזו ווערין זיי גיהערט · אויך זאל זיא נזהר זיין רעכט צוא דאוונען אונ בענטשין · אונ זאל אירע קינדר גיוויינען אין גאטש פארכט · אונ זאל זייא פירין צום רבי · אונ זאל גיוויינען בתרבות אונ דרך ארץ · אונ זי זאל אכטונג געבין זיי זאלין זיך ניט שלאגין אדר שילטן אדער שווערין · אונ זאל זיי גיוויינען שטילער הייד צו ריידין · אונ זאלין מורא אונ אפ שייא האבין פאר זייערע עלטערין · אויף אזעלכע ווייבער וואש טוען דאש אלש זאגט דר נביא אשה יראת ה' היא תתהלל די גאטש פארכטיגע אשה זיא איז גילויבט אונ איר מאן איז גיבענטשט אונ מאג זיך וואול מיט איר באריממען · דאש ער האט בקומן אזו איין פרום ווייב · אונ איין צדיקת :

אויך איז דער דרך ארץ פון איין אשה זיא זאל אכטונג געבין אויף אלע די מעשים פון אירע קינדר · אויף זייער עסין אונ טרינקען אונ שלאפין · אונ בפרט ווען פרעמדע לייט זיצין ביי איר טיש זאל זיא אכטונג געבין דיא קינדער זאלין זיצין מיט דרך ארץ · אונ זאלין ניט טאן וואש אום בתרבות איז · אונ אז זיא דער ציהעט אזו אירע קינדער זאגט איטליכער וואול דער מוטר וואש האט אזעלכע קינדר גיטראגין אונ דער צויגין · אונ אויב ניט זאגט איטליכער וויא דער מוטער וואש האט אירע קינדער אזוא דער צויגין אן תרבות אונ דרך ארץ · דרום זאל איטליכער מאן אזו לערנען זיין ווייב זיא זאל בלייבן אין דער היים ביי אירע קינדער אונ זאל זיי גיוויינן אין יראת שמים בפרט דאש זיי זאלין ניט עסין אונ טרינקן אן אברכה פריער אונ דער נאך וואש דער צו גיהער דען דאש איז איין זאך וואש דרינן הייננט יראת שמים · אז ווי דיא חכמים ז"ל האבין גיזאגט ווער עש וויל זיין איין חסיד אונ ירא שמים · זאל ער זייער גיווארינט זיין צוא מאכין אברכה אויף איטליכע זאך מיט גרויש כוונה · ווען איין אשה טוט דאש אלש וואש דא שטייט גישריבן ווערט אויף איר גיזאגט דער גאנצער אלף בי"ת וואש שטייט אין ספר משלי אשת חיל . תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה :

סליק הלכות דרך ארץ

דיא גמרא זאגט דער נביא שלמה האט גימאכט דעם ספר משלי ברוח הקודש · אונ אפט מאל לויבט ער זייער איין אשה חכמה · אונ שענט איין אשה רעה · אונ זאגט באשיידליך איין אשה וואש בלייבט אין דער היים דאש איז איין פרומע אשה · אונ די וואש איז איין לויפערין איז איין שלעכטע אשה זאגין אטייל חכמים די אשה חכמה מיינט ער די תורה אונ מצות אונ איין אשה רעה מיינט ער ווער עש גלייבט ניט רעכט אין

תורת משה עש זיינען פיל דיעות אין דער זאך · נאר דער סוף פון דער זאך איז אזוא ממה נפשך וויא עש איז נאך דעם פשט לויבט ער אלש איין גוט ווייב אונ שעמט איין בייז ווייב · דרום זאלין זיך דיא ווייבער דער צוא קערין · אונ אויב ער מיינט דיא תורה אונ מצות זעהן מיר דאך אויך אז איין גוט ווייב איז גיגליכין צוא דער תורה אונ מצות · אונ איין שלעכט ווייב איז גיגליכען צו דיא וואש פאר לייקענען אין גאט אונ אין זיין תורה דרום לאזט ער אויש דעם ספר החכמה מיט איין אל"ף בי"ת · אונ לויבט דש פרום ווייב מיט צווייא אונ צוואנציג פסוקים · דער ערשטער פסוק הייבט זיך אן אשת חיל אונ אזו דער גאנצער אל"ף בי"ת ביז צום הינטערשטין ק ר ש ת · קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כלנה שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה · נון זעט איר ליבע ווייבער ווי גוט איז אז דיא אשה בלייבט אין דער היים אונ דער ציהט אירע קינדר צו תורה אונ מעשים טובים · וואול איר וואול צו איר מאן אונ קינדער אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט זיא ברייגנט זיך אונ איר מאן אונ קינדער לחיי עולם הבא · אונ זי וועט אויף שטיין תחית המתים מיט דיא אנדערע צדיקים אונ צדקניות שרה רבקה רחל לאה אמן :

סליק הגה"ה וחלק ראשון

## הקדמה לחלק שני

נון וועל איך שרייבין דעם אנדערין חלק הלכות שבת אונ הלכות יום טוב אונ הלכות חול המועד אונ הלכות ראש חודש דער רבינו יעקב בעל הטורים שרייבט אזו אם באתי וכו' ווען איך זאל גאנץ הלכות שבת אויש שרייבין איז פיל צוא שרייבין · דען עש זיינען פיל הלכות אויף דיא ניין אונ דרייסיג מלאכות אונ זייערע תולדות זיינן גאר פיל אן שיעור דרום וויל איך דריגען ניט מאריך זיין · אונ וועל נאר שרייבין וואש נייטיג איז עב"ל · אזוא שרייבט ער אין זיין אורח חיים סימן ס"א אונ איך וועל נאך מער מקצר זיין אונ וועל נאר שרייבין וואש ניצט אין אונזערע לענדער · דאש איטליכער זאל וויסן וואש איז אסור אדער מותר · אונ וואש מען מעג מטלטל זיין · אונ וועל שרייבין מיט סימנים אויף איטליכען דין · כדי עש זאל גרינג זיין צו גיפינן · אונ די וואש דארפין דער צו וועט פרשפארין זוכין :

## הלכות שבת סימן א

אין צעהן ערטער שטייט אין דער תורה איין צווי צוא דיא ישראל אז זייא זאלין רעכט האלטין דעם שבת דאש ווייזט אז דיא מצוה פון שבת איז אזו גרויש אז ווי די אלע עשרת הדברות אונ כל התורה כולה · אבר דער וואש האלט ניט קיין שבת דער לייקינט אין הקב"ה דש ער חו"ו חט ניט בשאפן די וועלט אונ האט ניט גירוט אום שבת · אונ עש איז גלייך וויא ער וואלט גילייקינט אין כל התורה כולה · דרום וועל איך שרייבין ווי מיזאל זיך נוהג זיין מיט דעם שבת די גמרא זאגט ווען ישראל וואלטין נאר שבת רעכט גיהאלטין אין דער מדבר וואלט קיין פיינט אויף זיי קיין שום שליטה ניט גיהאט · אבר עש האבן אטייל מחלל שבת גיוועז מיט דעם מן קלייבן · אונ אויך דער מקושש וואש האט גיקליבין אונ גיהאקט האלץ אום שבת. נאך זאגט דיא גמרא וואלטין דיא ישראל נאר איין שבת רעכט גיהאלטין וואלט משיח גיקומען · דער נאך זאגט דיא גמרא ווען איינער האט אפילו עובר גיוועזן אויף כל התורה כולה אונ האט אויך גידינט עבודת כוכבים · אויב ער האלט נאר רעכט שבת איז אים הקב"ה מוחל דרום איר ליבע לייט זאלט איר זייער גיווארינט זיין דעם שבת צו האלטן דען מיט דעם שבת קען מען זיך פיל מער פאר זינדיגן ווי אין אנאנדר טאג · דען עש איז דאש גרעסר דער עונש פון איין שר וואש איז נאהינט צום מלך אונ זינדיגט קעגין אים · איידר וויא איין פראסטער מענטש וואש זינדיגט קעגין אים · אזו איז דאש אויך אום דער וואכין זיינען מיר ווי פראסטע לייט דאש מיר זיינען ניט נאהינט צוא דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא · אבר אום שבת זיינען מיר נאהינט צוא אים · אזו וויא דער פסוק זאגט אות היא ביני וביניכם לדעת כי אני ה' מקדשכם הקב"ה זאגט דער שבת איז איין צייכין צווישען מיר אונ צוא ווישען ישראל אז איך בין דער גאט וואש הייליגט אייך :

אונ דער וואש האלט רעכט שבת גיט אים הקב"ה איין

גשמה יתירה אום שבת · דאש איז דיא גרעכטע מעלה פון דער וועלט אז וויא איך וועל דא בשיידין וויא גאט האט גיבענטשט דעם שבת מיט פיל זאכן מיט עסן מיט טרינקען מיט ליכט מיט שיינע קליידער מיט שטיין מיט זיצען מיט ליגן מיט תפלה מיזאל קיין מלאכה ניט טאן מיזאל תורה לערנען · אונ מיטאר ניט טראגין אויש דעם ערוב · אונ אויך וואש מוקצה איז · דאש וועל איך אלש קורץ באשיידין דיא טעמים דער פון · נאר איין זאך וועל איך דא שרייבין · אונ וועל איך געבין פאר שטיין · דער שבת איז גיגליכן צוא עולם הבא · אונ די וועלט וועט נאר שטיין זעקס טויזנט יאר · אונ דר זיבטר טויזנט וועט זיין איטל שבת · אונ דיא ישראל וואש האבין רעכט שבת גיהאלטן וועלין דענמאלט אויך שבת האלטין אונ וועלין קיין מלאכה ניט טאן · נאר זיי וועלן תורה לערנען אונ תפלה טאן · אונ אזוא ווי לעולם הבא איז קיין צער אונ קיין זארג ניט פר האנדין · נאר איטל תענוגים · דיא צדיקים זיצן מיט זייערע קרונען אויפין קאפ אונ זיינען זיך מפנק מיט דער שכינה · אונ אויך איז דארטין ניט פאר האנדן קיין גיאות אונ קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע · אזו זאל אלש זיין אום שבת נאך מיין וויא אום דער וואכין · אונ אזוא וויא לעולם הבא טואן דיא צדיקים נאר איטל גוטליכע זאכין · אונ דער יצר הרע וועט דענמאלט ניט זיין אזו זאל אויך זיין אום שבת · מיזאל גוט עסין אונ טרינקען אונ זאל אלש טאן לשם שמים ניט פון זיין הנאה וועגין · נאר וייל גאט יתברך האט אזו גיבאטן כדי זיין נשמה זאל בלייבין אין גוף · אונ אז וויא דער עולם הבא איז גאנץ הייליג · אזו זאל אויך זיין דער שבת :

אונ אזו וויא לעולם הבא איז קיין קנאה שנאה ניט פאר האנדין · דאש איטליכר איז זיך משמח מיט זיין חלק · חאטשי ער איז קלענר פון זיין חבר · אזו זאל זיך אויך איטליכר משמח זיין אום שבת מיט וואש גאט האט אים גיגעבין · אונ זאל קיין גרעסרע גדולה ניט באגערין דער וואש איז זיך אזו נוהג וואול צו אים · אונ די וועלט איז גיגליכן צו ערב שבת · אזו וויא דער וואש גרייט אן אום ערב שבת דער האט צוא עסין אום שבת · אזו אויך ווער עש טוט פיל מצות אונ מעשים טובים אונ טוט פיל צדקה · דער קריגט איין גרוישן חלק אויף עולם הבא · אונ אי״ה אין משיח צייטין וועלין מיר זוכה זיין נאך פיל טויזנט כאל מער טעמים גיוואר צוא ווערין ווארום דר שבת איז גיגליכן צו עולם הבא · אונ איצונד ווייסין אויך דיא חסידים אונ חכמים פיל טעמים דרויף איינער מער פון דעם אנדערין · אבער אין משיח צייטן וועלין אלע גליך וויסען אז וויא דער פסוק זאגט ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים דיא וועלט וועט פול זיין מיט וויסען שאפט אזו ווי דער וואשער וואש באדעקן דעם ים : (א) עש איז אגרוישע מצוה דאש איטליכן זאל דער שבת גיוואונטליך זיין אין זיין מויל · אונ אז עש קומט אים צו גוטע פירות אדער גוטע שפייז זאל ער זאגין דש וועל איך האלטין אויף שבת · דען דער מיט וואש ער גידיינקט אין שבת גידיינקט ער אויך אין עולם הבא : (ב) עזרא האט מתקן גיוועזן מיזאל וואשין גרעט אום דאנערשטיג ניט אום פרייטאג : (ג) אויך די זאכין וואש ווערין ניט קיילע · זאל מען דאנערשטיג אן גרייטן אויף שבת דר כלל איז אלש וואש מיקען טאן אום דאנערשטיג זאל מען ניט לאזן אויף פרייטאג · דען מאמער וועט ער זיך פאר שפעטיגן : (ד) אמייל לייט זיינן זיך אויך נוהג צו שערין אונ די נעגיל שניידין אום דאנערשטיג · עש איז ניט קיין מנהג · אבר על כל פנים אז יום טוב גפאלט אום פרייטאג זאל ער זיך שערין אונ דיא נעגיל שניידין אום ערב יום טוב :

(ה) איטליכע פרויא איז מחוייב חלה צו נעמין לכבוד שבת אונ דער שיעור איז וויפעל חלה בטרעפט דאש איז איין טייג וואש איז דריי אונ פערציג אייער גרויש איז מען מחוייב אפ צו שיידן חלה דער פון מיט דער ברכה להפריש חלה · אונ אויב עש איז ניטא דער שיעור זאל מען חלה נעמען אן אברכה : (ו) מיזאל מאכין דריי קוכען צו דער ברכת המוציא צו דיא דרייא סעודות · אמייל זיינען זיך נוהג צוא מאכין איין פערטין קוכין אויף דער מלוה מלכה · עש איז אויך רעכט מיזאל צו שלש סעודות האבין צווייא קוכין אויף המוציא: (ז) עש איז אגרוישע מצוה דר בעל הבית זאל זיך אליין מתעסק זיין לכבוד שבת אפילו ער האט פיל קנעכט אונ דינסטן · אזו ווי מיר גיפינען אמייל חכמים האבין גיהאקט האלץ לכבוד

לכבוד שבת אטייל האבין גימאכט פיש אטייל האבין גישמיילעט איין קאפ אטייל האבין שוין אויף גירוימט לכבוד שבת · אויך זאגט די גמרא אטייל חכמים האבן מפסיק גיוועזן פון זייער לערנען אונ האבין זיך אליין מתעסק גיוועזן לכבוד שבת · אונ האבין זיך בארימט דאש זייא האבין זיך מתעסק גיוועזן לכבוד שבת · דרום זאל זיך קיינער ניט חשוב האלטין אונ זאל אוועק לאזין זיינע עסקים אונ זאל זיך מתעסק זיין לכבוד שבת :

(ח) עש איז אויך איין מנהג צוא שערין אונ דיא נעגיל שניידין לכבוד שבת · אונ אויב זיי זיינען קליין זאל ער זייא אפ שאבין מיט איין מעסער : (ט) מיזאל שארפין דאש מעסער אונ אויש צו בערשטלען דיא קליידער אונ אויש שמירען דיא שיך לכבוד שבת גלייך ווי ער וואלט איין מלכה אדער איין כלה אנקעגין גינאנגען :

(י) עש איז אויך איין כבוד שבת איטליכער זאל אויש קערין אלע חדרים אונ ווינקלען · גלייך ווי איין חתן כלה וואלטן אין זיין הויז אריין גקומן : (יא) פרייטאג נאך ווארמים זאל מען גיין אין באר אריין · אונ וואו עש איז ניטא קיין באר זאל ער זיך אפ וואשין זיין קאפ אונ פנים אונ דיא הענט אונ פיס מיט ווארים וואשער לכבוד שבת : (יב) דער נאך זאל ער אן טאן זיינע ווייסע שבת קליידער · אין אטייל מדינות זיינען זייא זיך נוהג אן צו טאן אקיטיל לכבוד שבת · דאש איז אסימן ווי ער וועט גיין לעולם הבא אין איין ווייסין קיטל אונ איטליכער איז מחויב צו האבין אנדרע קליידער לכבוד שבת נאך זיין פאר מעגין נאך דער נאך זאל ער דעם שבת אנקעגין גיין · אונ זאל זאגין קום ליבה מלכה קום ליבה כלה · דיין קומן זאל זיין מיט שלום · אויך איין אשה זאל דאש אויך זאגין נאך ליכט בענטשין · נון וועל איך שרייבין וויא איטליכער זאל זיך נוהג זיין אום שבת מיט זיין עסין אונ טרינקן מיט ליכט אונ קליידער מיט גיין מיט שטיין מיט זיצן מיט ליגן מיט תפלה טאן מיט איין מלאכה ניט צו טאן מיט תורה לערנען מיט עירוב אונ מוקצה · אונ אנדרע דינים פון שבת : (יד) איטליכער זאל דעם שבת מכבד זיין נאך זיין פאר מעגין נאך · אום דער וואכין עסט ער צוויא גיריכט · אבער אום שבת זאל ער עסין דרייא :

(טו) איטליכער זאל דעם שבת מכבד זיין מיט גוט אונ פעט פלייש אונ אלע גוטע זאכין אונ אנאנצע וואך זאל ער שפארין לכבוד שבת :

(טז) אלע זיינע זאכן זאל ער פארטיג מאכן פרייטאג פר נאכט · דרום האבן די חכמים פר באטן מזאל קיין מלאכה ניט טאן פרייטאג נאך האלבן טאג · אונ אלע בעלי מלאכות דארפין אוועק ווארפין ארבטן פרייטאג נאך האלבן טאג · אונ קיינר טאר זיך ניט לאזן גיין מער פון דרייא מייל אום ערב שבת · אפילו ער ווייס ער וועט קומן צוא איין הארבריג וואש איז דארטין פאר האנדין גרייטי שפייז · אונ אלע זיינע זאכין זאל ער פאריכטן פאר שבת · דאש איז אליש כדי ער זאל ניט טרויאריג זיין אום שבת אז עש וועט אים עפיס אפ גיין · נאר ער זאל זיין אין שמחה אונ גרויש תענוג : (יז) מיזאל אן צינדין שיינע ליכט אין שייני לייכטר אין אלי חדרים וואש מען גייט אין זיי · דאש ער זאל צו קיין מכשול ניט קומן אין דר פינצטר :

(יח) עש איז איין מצוה דיא ווייבר זאלן ליכט צינדין אונ מאכין די ברכה להדליק נר לכבוד שבת · אונ אום יום טוב לכבוד יום טוב · דען חוה האט פר לאשן די גרוישע ליכט · דאש בשעת זיא האט גיזינדיגט מיט אדם הראשון · וואלטן זיי ח"ו תיכף גיוועזן גשטארבן · נאר אדם הראשון האט תפלה גטאן · אזו האט אים הקב"ה אן גיצונדין זיין ליכט דער לענגירט זיין לעבין אז ער איז ניט תיכף גישטארבן · דרום דארפן דיא ווייבר ווידר דיא ליכט אן צינדן : (יט) זיין טיש זאל זיין שיין צוא גריכט נאך זיין פאר מעגין נאך · ער זאל לייגין אויף אים איין שיינם טישטאך אונ דרויף צווייא חלות אונ זאל זייא ווידר צוא דעקין מיט איין שיין טישטאך · דאש איז איין זכר וויא דער מן איז גילעגן צווישין דער טויא וויא צווישן צווייא שיינע טישטעכער · אונ אום שבת איז קיין מן ניט גיפאלן · אזוא האבן זייא אים גיהאלטן צווישן צווייא שיינע טישטכר · דרום דארפן מיר אויך אזו טאן :

(כ) בשעת דר בעל הבית גייט פון דער שול בגלייטן אים צווייא מלאכים בין צוא זיין הויז · איינר אגוטער מלאך · אונ איינר איין בייזר מלאך · דער גוטר מלאך שרייבט אן דיא מצות וואש ער טוט

בשעת

91

בשעת ער גייט אהיים פון דער שול · אונ דער בייזר מלאך שרייבט אויף זיינע עבירות דהיינו זייני דברים בטלים אונ לשון הרע אונ רכילות וואש ער רעט אהיים גייאנדיג דרום האבין דיא חכמים גיזאגט איטליכר זאל איילין אהיים צו דר סעודה פון שבת · אונ זאל ניט ריידין ביז ער קומט אהיים · אונ אז ער קומט אהיים אונ גיפינט זיין טיש צוא גריכט מיט אלים וואש גיהער צו דר סעודה אונ די ליכט ברענן · אונ זיין בעט איז שיין גיבעט · דא זאגט דער גוטר מלאך עש זאל זיין · דער ווילען פון הקב"ה דאש דעם אנדרין שבת זאל אויך זיין אזו שיין אונ איינשלאך: אונ דר בייזר מלאך מוז דרויף אמן זאגן איבר דאנק · אונ אויב ח"ו פר קערט דא זאגט דר בייזר מלאך עש זאל זיין דר ווילן פון הקב"ה אז דם אנדרן שבת זאל אויך אזוא צוא גיין · אונ דער גוטר מלאך מוז דרויף אמן זאגין איבר דאנק: (כג) אז ער קומט אהיים זאל ער קומן מיט גוטי ווערטער דאש ער זאל זאגין גאט ית' זאל אייך אלע געבין אגוט שבת אונ אגוט יאר · אויך זאלן דיא פאטר אונ מוטר בענטשין זייערע קינדער · אונ זאלן זאגין ישימך אלהים וכו' דער טעם איז ווייל דיא ברכות פון שבת ווערן מער מרוצה וויא אום דר וואכין · נאך איין טעם איז ווייל אגאנצי וואך האבן זייא זייא גישאלטין דרום זאלן זייא זיא היינט בענטשין אום פרייטאג צו נאכט אז די וואך לאזט זיך אויש אונ שבת צו נאכט אז דיא וואך הייבט זיך אן · אונ דאש איז זיין תשובה אויף דיא עבירות וואש ער האט גיטאן מיט זיין שילטין:

(כג) ער זאל אוועק לאזין אלי זארג פון הארצן אונ זאל ניט גדיינקען אין קיין שום ארבעט אונ האנדל · עש זאל זיך אים דוכטן אז אלע זיינע זאכין זייען שוין פארטיג נאך זיין בגער נאך · אויך זאל ער ניט גידיינקען אין זיינע חובות · אזו וויא לעולם הבא זארגט מען ניט אויף קיין שום זאך אזו זאל אויך זיין אום שבת: (כג) ער זאל ניט זוימן אונ זאל זיך באלד זעצין צום טיש מיט פרייד גלייך וויא איין מלכה אדר איין כלה וואלט גזעסין ביי זיין טיש: אונ זאל ניט ריידן קיין דברים בטלים · אבר אז ער האט איין קביעות תורה צוא לערנען אין דער צייט איז עש פריער פאר דער סעודה פון שבת: (כד) ער זאל וואשין זיינע הענט פאר קידוש · אונ זאל קיין שום ווארט ניט ריידן · אטייל זייגען זיך נוהג צו וואשן נאך קידוש · דאש זייא ווילן ניט מפסיק זיין צווישן וואשין אונ צווישין דער ברכת המוציא · דאש איז איין עבירה אפילו אום דער וואכין · אבר מיר זיינען זיך נוהג צו וואשין פאר קידוש · אבער ער טאר ניט ריידן ביז נאך דער המוציא · אונ אפילו נאך דער המוציא טאר ער ניט ריידן נאר וואש גיהער צוא דער סעודה ברייננט עסין אדר טרינקן · אויך זאל ער הייסין שווייגן איידער ער מאכט המוציא אלע די קינדער וואש זיצן ארום טיש: (כה) ער זאל נעמן דעם כוס וויין אין זיין רעכטע האנד אונ זאל אן הייבין מיט שמחה יום הששי · אונ זאל קוקן אויף דיא ליכט ביז נאך ויכולו צוא דער ברכה זאל ער אריין קוקן אין כוס · דער נאך זאל ער טרינקן איין רוב קווארטיל זונסט איז ער ניט יוצא · אונ זאל איטליכן געבן צוא טרינקן פון דעם כוס:

(כו) דער נאך זאל ער המוציא מאכן איבר צווייא חלות · אונ זאל זייא ביידע האלטן אין זיין האנט · אדר ער זאל זייא אויף הייבין נאך דער ברכת המוציא זאל ער ארויף לייגן ביידע הענט אויף דיא חלות · אונ זאל נעמען דיא אונטערשטי אונ זאל פון אים אפ שניידן אגרוישע שטיק מער וויא ער פלעגט אפ צוא שניידן אום דער וואכין · אונ זאל אויך ארום טיילען גרוישע שטיקר · דער מיט ווייזט ער אז דאש עסין פון שבת דארף זיין מער לכבוד דער מלכה אונ ווער עש שניידט אפ אזו איין גרויש המוציא וואש ער האט גנוג דער פון צוא עסין איבער דר גאנצר סעודה איז זיין מצוה נאך גרעסר אונ דרום לייגט מען ארויף דיא הענט אויף די חלה אפילו אום דר וואכין · דרויף איז פאר האנדן פיל טעמים · נאר איך וועל שרייבין אטייל פון זייא · איינש מיט דיא צעהן פינגער וואש ער לייגט ארויף אויף דיא חלה ווייזט ער אז עש זאלן אין אונז מקויים ווערן דיא צעהן ברכות וואש יעקב אבינו איז גיבענשט גיווארן פון זיין פאטר יצחק · דאש אנדרי צעהן מלאכות זיינען פר האנדן איידער מיקאן

דאש

דאש ברויט עסין · אקרין · זייאן שניידן · בינדן · אריין פירן דרעשין · ווינט שויפלן · מאלן קנעטן באקן · אזו נייזט ער מיט זיינע צעהן פינגר אז ער לויבט צו גאט וואש האט אים דאש ברויט בשערט אן מיא אונ ארבט דרום זיינן אויך צעהן ווערטר אין דר ברכה פון המוציא לחם · אונ זאל עסן מיט שמחה: (כז) ער זאל די מלכה מכבד זיין מיט אלרלייא כיבודים וואש מיגליך איז · אונ איטליכר דארף עסן אום שבת ברויט אונ פיש אונ פלייש · אונ טרינקן וויין · אונ אז ער פר מאגט איז ער מחויב צו קויפן גרוישע פיש אונ גוט פלייש אונ גוטן וויין אונ אלין דאש בעסטי וואש ער בקומט אום דר וואכין זאל ער בהאלטין אויף שבת:

(כח) אום ראש השנה ווערט נגזר וויפל די הוצאות אונ גשיכטניש זאל זיין פון מענטשין דורך דעם גאנצין יאר · אבר די הוצאה פון שבת אונ שכר למוד · דאש האט קיין קצבה ניט · גיט ער פיל גיט אים הקב"ה אפ אויך פיל · אונ אזו אויך פר קערט אונ אזו זאגט הקב"ה איר ליבע קינדער גיטרויט מיר אונ גיבאויש פיל געלט אויף שבת אונ יום טוב אונ איך וועל אייך אלש ווידר געבן אונ דער וואש האט ניט אויש צוא לייגין זאל ער אנטלייאן אויף מיר אונ איך וועל אלש בצאלין · אונ עש זאל אייך גאר ניט פעלן: דיא גמרא ברייננגט דרויף אמעשה פון יוסף מוקיר שבת ער הייסט דרום מוקיר שבת ווייל ער האט טייאר גיהאלטין דעם שבת · ער איז תמיד גיוואונטליך גיוועזן צוא קויפן דיא בעסטע פיש אויף שבת · אונ לעבין אים האט גיוואונט איין עובד כוכבים רשע אונ ער האט גיהאט פיל געלט האבן אים גיזאגט דיא שטערין זעהער וויא זיין שכן דער יוסף וועט אלדאש גוטש בקומן: איז דער רשע גנאנגן אונ האט פאר קויפט זיין הויז אונ אלע זיינע גטער · אונ האט אלש גמאכט צו געלט אונ גיקויפט פר דעם אגרויסן אונ איין טייארן פעריל אונ לייגט אים אריין אין זיין היטל אונ גייט אוועק · איז ער גיקומען אויף איין בריק האט אים דער ווינט אראפ גיווארפין זיין היטל אין וואשר אריין · אזו איז גיקומען אגרויסר פיש אונ האט עש איין גישלונגן מיט דעם פעריל · אונ איין פישר האט אים גיהאפט אונ האט אים גבראכט וואו דער יוסף מוקיר וואונט · האט אים קיינר ניט גוואלט קויפן ווייל ער איז צוא טייער גיוועזן · נאר מען האט דעם פישר גיזאגט דא איז פאר האנדן איין יהודי ער הייסט יוסף מוקיר טראג צוא אים דעם פיש ער וועט אים בוודאי קויפן לכבוד שבת · דען זיין סדר איז אפילו ער האט שוין פיל פיש אז עם טרעפט זיך אים נאך אנדערין קויפט ער אים · דער פישר האט צוא אים גיבראכט · אונ ער האט אים גיקויפט · אונ אז ער האט אים אויף גיעפינט האט ער בקומן דעם פעריל: נאך איין מעשה ברייננט די גמרא עש איז גיוועזן איין קצב וואש האט גיהאט פיל גילדערנע כלים · אונ אגילדערנעם טיש וואש זעכצן מענטשין האבן אים גמוזט טראגין האט אים איין חכם גפרעגט מיט וואש האסטו זוכה גיוועזן צו דעם עשירות · זאגט ער איך בין איין קצב · אונ ווען איך האב בקומען אגוטע בהמה אדער אנאנדער גוטע זאך האב איך גיזאגט דאש גיהער אויף שבת · אונ דער שבת איז מיר תמיד גיוויינטליך גיוועזן אין מיין מויל · נוא זעהן מיר דאש הקב"ה גיט אלש אפ כפל כפליים · דרום זאל קיינער ניט זארגין · דען דער בעל חוב איז בגלייבט-צו בצאלין · אינ דעם שכר דער פון לעולם הבא · האט קיין שיעור ניט: (כט) נאך דעם עסין זאל מען אפ ריינינגען דעם טיש · אונ זאל ברייננגען גוטע פירות אונ זאל מאכין אויף איטליכער די ברכה וואש גיהער דער צוא · דען אום דער וואכין איז אגרוישע עבירה צו עסין אן אברכה מכ"ש אום שבת · אבר די ברכה אחרונה דארף ער ניט מאכין · ווייל ער האט ניט גבענטשט: (ל) דר נאך זאל ער דעם כוס ריין אויש שוויינקען וויא פאר איין מלך · אונ דער בעל הבית זעלברט זאל דעם כוס אליין אן גיסן צום בענטשן מיט אזו איין וויין וואש איז ניט פגום אונ זאל הויך בענטשן דאש זיין הויז גיזינד זאלין דרויף אמן זאגין · אונ אז ער האט איין מזומן ביי זיין טיש זאל ער געבן אנאנדרן צו בענטשין · דאש ער זאל דעם בעל הבית איין ברכה געבין · אונ דער וואש מען גיט אים צו בענטשין זאל דעם כוס ליבליך אנטפאנגען מיט ביידע הענטי דער

נאך

גאך זאל ער אים נעמען אין דער רעכטר האנט · אונ איבער דעם גאנצן בענטשן זאל ער קוקן אין דעם כוס ארין ניט ערגעץ אנדרש · אונ זאל מכוין זיין וואש ער רעט אונ פאר וועמען ער רעט · אונ ער זאל דעם כוס האלטן איין טפח העכער פון טיש · אונ ער טאר אים ניט אנידער שטעלין · אויך ניט אונטער העלפין מיט דער לינקר האנט · סיידין דער כוס איז צוא שווער מאג ער אונטער האלטן מיט זיין לינקר האנט די רעכטע האנט · אבר אז ער בענטשט אליין אן מזומן איז בעסער ער זאל דעם כוס שטעלין אויפן טיש · אבער ער מוז אויך קוקן אין כוס ארין ניט ערגעץ אנדערש · אונ אויך דיא אלע וואש זיצן ארום טיש זאלין זייערע אויגן געבין אויפן כוס אונ זאלין צו הערין איטלכש ווארט · אונ זאלין נאך זאגן אמן אויף איטליכער ברכה · אונ עש טאר אים קיינער ניט נאך זאגן נאר שטילער הייד :

אונ אויך דיא אלע וואש זיינען אין דעם חדר טארין קיינער קיין שום ווארט ניט ריידין · דען זיי זיינען מבטל פון בענטשין · אונ דער וואש פאר הערט איין ווארט איז ער ניט יוצא מיט דעם צו הערין בענטשין · נאר ער מוז נאך אמאל בענטשין · דרום איז איטלכר בעל הבית מחוייב שטיל צוא האלטן זיין הויז גזינד בשעת בענטשין גלייך אז וויא אין שול דען ער רעט דאך מיט גאט · ווען ער זאל ריידין אין זיין שטוב מיט איין שר אדער פריץ אזו וואלטן דאך זיין הויז גזינד גישטאנען אין גרויש מורא אונ מיט שטילקייט · בפרט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה · דרינן זאל איטליכער בעל הבית נזהר זיין ניט צוא לאזין ריידין פרעמדע לייט בשעת ער בענטשט מכ"ש זיין הויז גזינד · זייא קאן ער דאך מער שטראפין וויא אנדרע לייט: (לא) עש איז רעכט צו זינגן זמירות אום שבת איטליכער נאך זיין מנהג: נאך · דען איר ווייסט דאך וואול אז דער שבת איז גיגליכין צו עולם הבא · אזוא וויא לעולם הבא איז איטל לויב פון גאט אונ זמירות אונ תשבחות · אזו דארף אויך זיין אום שבת · ניט מער אום ווינטר איז דיא נאכט גרויש זאל מען זמירות זאגן ביא נאכט · אונ אום זומער ביא טאג ווייל דר טאג איז גרויש: (לב) עונה של תלמידי חכמים פרייטג צו נאכט איז די צייט וואש די תלמידי חכמים זאלין זיך בהעפטין צו זייערע ווייבער · אבר אגאנצע וואך לערנען זיי תורה · אונ אז איין פראסטער בעל הבית איז זיך אויך אזו נוהג איז וואול צוא אים · ער וועט בוודאי האבין גוטע קינדער אונ תלמידי חכמים · אונ ער דארף גיט צו זארגין זיין קינד זאל ניט ארויש גיין לתרבות רעה ח"ו · אונ זיין הויז איז גיבענטשט מיט אלדינג · דען דער מיט ווייזט ער אז דער שבת ווערט גירופן מלכה כלה עש איז פיל דער פון צוא שרייבין : (לג) שבת פרי זאל מען אביסל שפעטר אויף שטיין וויא אגאנצע וואך · אז וויא דר פסוק זאגט

וביום השבת ביא טאג פון שבת · אונ ביא איין אנדר טאג שטייט מוקר אין דר פריא זאל מען ברייגגען דעם קרבן תמיד אונ דיא ברכות וואש ער זאגט אום שבת דארף ער דרויף מער כוונה האבין · אפילו די ברכות וואש ער זאגט זיי אום דר וואכין אויך · אונ איטלכר דארף גידיינקען אזוא וויא לעולם הבא וועט ער ניט אנדערש טאן נאר גאט לויבן מיט גרויש כוונה · אזוא זאל ער זיך אויך נוהג זיין אום שבת : (לד) אום דער וואכין איבער צווייא זאכין וואש זייער ברכה איז גלייך דארף מען נאר איבער איינעם אברכה מאכין אזו פטרת מען דאש אנדרע · אבר אום שבת דארף ער אויף איטלכן בזונדער אברכה מאכין · ווייל אום שבת דארף מען מערין ברכות · דרום אום דר וואכין מאכט מען אברכה אויפן טלית איז מען שוין יוצא אויפן ארבע כנפות אויך · אבר אום שבת דארף מען אויף דעם ארבע כנפות אבזונדער ברכה מאכין · אפילו ער טוט אן דעם טלית אין דער היים : (לה) איטליכער איז מחוייב די סדרה מעביר זיין צוויי מאל דעם פסוק אונ איין מאל תרגום · אונ איין מאל אין פירוש רש"י · דרום איז דער מנהג מיזאל פרייטאג מעביר זיין איין מאל דעם פסוק אונ תרגום אונ רש"י · אונ אום שבת איז ער נאך אמאל משלים דעם פסוק מיטען חזן · אז וויא איך וועל עש בעסער בשיירין · אבער אז ער האט ניט מעביר גיוועזן אום ערב שבת האט ער צייט אגאנצן שבת · אטייל זאגן אז אין איין

אונס

אונס האט ער נאך צייט ביז מיטוואך נאך שבת:

## לו הנהגת בית הכנסת בשבת

שבת פריא איז דער מנהג מאריך צו זיין די ברכות מיט נגונים · אונ בפרט ברוך שאמר · דאש איז אגרושע מצוה גאט צוא לויבן מיט שיינע ניגונים בפרט אום שבת · נאר זיין כוונה זאל זיין לכבוד הקב"ה · אונ ניט כדי דיא לייט זאלין אים לויבן · אונ אויב ניט איז בעסער ער זאל גאר ניט זינגען · דען הקב"ה ווייס דאך דיא כוונה פון אלע הערצער · אזו איז אך אונ ווייא צוא דעם זעלביגן מענטשן · די לייט וואש זינגן ברוך שאמר מיט ניגונים זאלין גיווארינט זיין ניט מפסיק צו זיין פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח · דען דש איז אגרושע עבירה מכ"ש ניט צו ריידין קיין דברים בטלים · דען זייא מאכין זייער מצוה צוא איין עבירה · די לייט וואש פלעגין זינגן תמיד ברוך שאמר מיט שיינע ניגונים לכבוד הש"י · אונ אצונד קומן זיי אן אז דאש קהל האלט ברוך שאמר · נאר זייא ווילן נאך אהיים גיין אונ ווילן נאך ניט דאוונען טוען זייא אזו זייא זינגן ברוך שאמר ביז ברוך אתה ה׳ · דער נאך אז זייא שטעלין זיך דאוונן הייבן זיי אן איבער נייעם ברוך שאמר אונ דאוונען כסדר · זייער כוונה איז דר מיט כדי זייא זאלין ניט מפסיק זיין צווישן ברוך שאמר אונ ישתבח · אבער די לייט וואש בלייבין אין שול זאלין דאוונען כסדר אן הפסק ביז נשמת אונ ישתבח אונ קריאת שמע אונ שמונה עשרה · אונ כל זמן דער חזן האט נאך ניט גיזאגט דעם קדיש נאך שמונה עשרה טאר קיינער ניט ריידן קיין דברים בטלים · דען דאש איז איין עבירה אום דער וואכין בפרט אום שבת אין שול בשעת דאוונען דאש איז איין עבירה אין דער אנדרער:

(לז) דער מנהג איז אז שבת אין דער פריא זאגט מען וביום השבת אונ אום ראש חודש ובראשי חדשיכם · שבת אונ יום טוב זאגט מען ניט קיין מזמור לתודה · אויך ניט פון ערב פסח ביז נאך אסרו חג · אויך ניט אום ערב יום כיפור: (לח) עש איז אגוטער מנהג דאש איין למדן זאל דאוונען פארין עמוד פון ברוך שאמר ביז שוכן עד ווייל דיא ברכות דארפין האבין גרויש כוונה · אונ איין עם הארץ ווייכט ניט מכוין צוא זיין · אויך איז דער מנהג צו זינגן די שבת ברכות אונ הללויות: (לט) עש איז איין גוטע תקנה אז דער חזן וואש דאווינט דיא שמונה עשרה זאל ער זינגען אלע דיא שבחות אונ הללויות · כדי ער זאל מכוין זיין פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה · אונ אויב ניט אז ער ועט ח"ו ריידין נאך ברוך שאמר איידר אז ער שטעלט זיך פארין עמוד ש"ע דאש איז אגרושע עבירה ח"ו · אונ עש איז ניט גוט אז הקב"ה זאל אונזער מליץ זעלבכט פיינט האבין · דרום זאל דער חזן דרינגן זייער גיווארינט זיין אז ער דאווינט פון ברוך שאמר פארין עמוד · דאש ער זאל קיין שום ווארט ניט ריידן פון ברוך שאמר ביז נאך זיין תפלה: (מ) אום שבת מוז איטליכער מער כוונה האבין אין ק"ש שמונה עשרה וויא אגאנצי וואך · דען עש איז אגרויסר חלוק פון דעם וואש איז נאהינט צום מלך צוא דעם וואש איז ווייט · אונ אום שבת זיינן מיר נאהינט צוא דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אז וויא אויבן שטייט:

(מא) אויך זאל איטליכער גיווארינט זיין ניט נאך צוא זינגען מיט דעם חזן · דאש איז אום דער וואכן איין איסור בפרט אום שבת · בפרט דיא ברכות טאר ער בוודאי ניט נאך זאגין מיטען חזן · דען עש הייסט איין ברכה לבטלה ח"ו · אונ עש איז גלייך אז שבועת חנם · וואש דאש שטייט פאר באטין אין די עשרת הדברות: (מב) אום שבת זאל מען זיך נאך מער היטן פון עבירות וויא אום דער וואכין דען עש איז ניט גלייך ווער עש זינדיגט קעגין מלך אין איין שטאט אדר אין איין דארף ווי דער וואש זינדיגט קעגין מלך אין זיין חדר · דען דר וואש זינדיגט אין זיין חדר איז דאך זיין עונש גרעסער אזו אויך אום שבת זיינען דיא ישראל גאר נאהינט צוא הקב"ה בפרט דער שבת איז גיגליכען צוא הקב"ה · אונ מיט דעם שבת האט ער גימאכט איין צייכין אז מיר זיינען זיין פאלק אונ ער איז אונזער גאט · אזו וויא דער פסוק זאגט אות היא ביני וביניכם דער שבת איז איין צייכן צווישין מיר אונ אייך · דרום זאל מען זיך זייער היטען פר עבירות אונ צו טאן מצות מער וויא אום דער וואכין ·

בפרט אין שול בשעת דאוונען דען די תפילות פון שבת זיינען איין זכר צו עולם הבא · אונ ווען איינער טוט יוא איין עבירה שבת אין שול בשעת דאוונן קענט איר דאך וואול פאר שטיין ווי הארב דאש איז דרום זאל איטליכר נזהר זיין דרינן אונ זאל גידיינקן דעם גרוסן שכר אונ פר קערט דעם גרוסן עונש וואש ער ווערט האבין לעולם הבא אויף דעם וואש ער האט ניט גיאכט דיא ליבליכי מתנה וואש גאט האט אונז גיגעבין דרום זאל זיך איטלכער וואול פלייסין אין זיין תפלה אונ זאל קיין אנדרי מחשבה ניט האבין · אונ זאל וויסן מיט ווען ער רעט אונ פאר וועמן ער שטייט · אונ זאל וויסן וואש ער רעט · ניט דאש כויל זאל ריידין אונ דש הארץ זאל ניט וויסן דר פון:

(מג) אין דעם שבת אונ יום טוב וואש מיזאגט מחזור איז פאר האנדין דעות אויב מען מעג מפסיק זיין צווישן דיא ברכות פון קריאת שמע מחזור צו זאגן אין אטייל לענדר זאגט מען ניט · אונ אין אונזרי לענדר איז דר מנהג יוא צו זאגן · דרום דארף איטליכר וויסן וואש מיזאל זאגן אונ ווער עש זאל זאגן איך האב שוין גשריבן אין הלכות בית הכנסת אז דר וואש פר שטייט ניט דיא טייטש פון דיא ווערטר טאר קיין מחזור ניט זאגן · דען עש איז איין וואונדרליכי זאך דאש אזעלכי ליבי תפלות וואש מיר האבן · זאלן מיר זייא אוועק האפין אן כוונה אונ פאר שטאנד · דאש מיר זאלן שרייאן אונ ניט הערין קיין ווארט פון חזן · עש איז בעסר מען זאל צו הערן איטלכש ווארט פון חזן אזו איז מען יוצא דען דער חזן ווייסט בוודאי די כוונה אונ פירוש המלות דער פון · אבר דר וואש פאר שטייט ניט אונ זאגט יוא הייסט עש בוודאי איין הפסק צווישן דיא ברכות קריאת שמע · אונ עש איז בוודאי אגרוישי עבירה · דרום איין ירא שמים וואש פאר שטייט ניט זאל אזו טאן בשעת מיזאגט יוצרות צווישן דיא ברכות פון שמונה עשרה זאל ער אריין קוקין אונ זאל צו הערין וויא דער חזן זאגט · דען דר חזן פאר שטייט דאך יוא דיא טייטש פון די ווערטר · אונ דר וואש זיצט ווייט פון חזן אדר עש איז אגרויש גישרייא דאש ער קען ניט צו הערין פון חזן · זאל ער נאר אריין קוקין אין מחזור אזו איז ער שוין יוצא · דען דער חזן איז דרויף גישטעלט גיווארין אז די לייט זאלין אים צו הערין · אונ זאלין נאך זאגין אמן אויף איטליכר ברכה · דער וואש טוט אזו איז גלייך וויא ער וואלט זעלברט גיזאגט · אבר דער וואש זאגט אונ ווייסט ניט וואש ער זאגט דער טוט פיל בייז איינש ער לויבט גאט אונ ווייסט ניט מיט וואש · דאש אנדרי טאמר וועט ער נאך זאגן איין חילול השם· דאש דריטי ער איז ניט יוצא · דאש פערטע ער איז מפסיק צווישן די ברכות קריאת שמע מיט אום נוצליכי זאכין · דרום זאל זיך קיינער ניט פאר דארבין דער מיט · אונ נון קענט איר וואול פאר שטיין וואש בעסר איז :

(מד) דעם מחזור וואש מיזאגט אז דאש קהל האלטין נאך שמונה עשרה דאש הייסט קיין הפסק ניט אבער עש איז אויך פיל בעסר מיזאל צוא הערין דעם חזן דען טאמר וועט ער ח"ו מחרף ומגדף זיין דאש ער וועט זאגן איין ה פר איין ח אדר איין ב פר איין כ׳ אדר פר קערט אונ אפט קומט דורך דעם אות איין חירוף אונ גידוף · דרום איז בעסער מיזאל צו הערין דעם חזן · אבר מיזאל זיך לערנען די טייטש אונ כוונה דער פון : (מה) בשעת מילייענט אין דעם ספר תורה זאל איטליכר שטיין · אזו ווי די ישראל זיינען גישטאנען בשעת מתן תורה · אויך טאר מען ניט לייענען מיט איין ברכה נאר במנין · דען צוא איין דבר קדושה דארף מען האבין אמנין אזו וויא אויבין שטייט: (מו) איטליכר זאל אום קערין זיין פנים צו דער ספר תורה פון כבוד דער ספר תורה ווענין אונ זאל צוא הערין איטליכש ווארט וואש מען לייענט · אונ עש טאר קיינער ניט הויך נאך לייענן מיטען חזן · דען מיוועט דעם חזן ניט הערין אבר שטילער הייד מעג ער יוא· אויך טאר מען קיין שום ווארט ניט ריידין אפילו דברי תורה פון זינט מען עפינט אויף די ספר תורה ביז מען מאכט זי צוא · דרום מאכט מען צו דיא ספר תורה אז מיהאט שוין איינעם אפ גילייענט : (מז) בשעת דער חזן רופט אויף מאג מען יוא לערנען דברי התורה · אבר מיטאר ניט ריידין אין שול קיין דברים בטלים ח"ו · אונ ווער עש דארף עפיס ריידין מיט זיין חבר זאל ער ארויש גיין פון דער שול · אונ ווער עש רעט יוא אין שול איז ער מחלל השם אונ זיין הייליגע שכינה אונ די הייליגע

דארטין

דארטין בפרט אום שבת איז זיין עונש גרעסער · דרום זאל איטליכר גזהר זיין דרינען · אונ זאל דרויף שטראפין זיין חבר :

(מח) די דינים פון שמונה עשרה פון מוסף איז גלייך צו שחרית : (מט) שבת אין דער פריא · אז ער גייט פון שול זאל זיין טיש צו גריכט זיין אזו וויא אויף דער נאכט · אבער די ליכט דארפין ניט צו זיין אונ איטליכער זאל באלד אהיים גיין דאש ער זאל ניט מחלל שבת זיין מיט דברים בטלים דרום זאל ער איילין פון איין מצוה צוא דער אנדרער דאש איז דיא סעודה פון שבת אויך דארף ער משנה זיין פון אום דער וואכין · פלעגט ער תמיד פריא עסין דארף ער שבת שפעטער עסין · פלעגט ער תמיד שפעט עסין דארף ער שבת פרי עסין · אונ זאל אלש טאן לכבוד שבת : (נ) איטליכער בעל הבית זאל זיך זעצין צום טיש מיט איין פריילאך הארץ מיט אלעם ווי ער האט גיטאן פרייטאג צו נאכט קדוש היום דער קידוש פון אין דער פריא ווערט גירופין אין דער גמרא קדושא רבה אונ מיט דעם כוס זאל ער זיך אויך נוהג זיין ווי פרייטאג צו נאכט נאר פרייטאג צו נאכט מאכט מען המוציא איבער דעם הינטערשטין קוכען · אונ אין דער פריא איבער דעם אייבערשטין · נאר ער זאל אלש טאן לכבוד שבת : (נא) עש איז איין מצוה מיזאל אום שבת ברכה מאכין איבר פיל פירות · כדי משלים צו זיין די הונדערט ברכות וואש מען איז מחוייב צו מאכין אלע טאג · אבער דער וואש עסט פירות אום שבת אן אברכה פריער אונ דער נאך טוט ער צווייא עבירות דרום טאר מען ניט געבן קיין פרי צו אזעלכן וואש מאכט קיין ברכה ניט דען מען בריינגט אים צוא עבירות :

(נב) עש איז איין עונג שבת מיזאל שלאפין שבת איז דיא ר"ת שינה בשבת תענוג שלאף אום שבת איז איין תענוג אונ מען דארף פריער עפעס לערנען פארין שלאף · אבר מיזאל גיווארינט זיין ניט צו פאר שלאפין דיא דרשה אדער מנחה : (נג) איטליכער איז מחוייב תורה צו לערנען בפרט אום שבת · דען דער שבת איז נאר גיגעבין גיווארין צוא תורה · אז הקב"ה האט גיגעבין דיא תורה צו ישראל אויפין בארג סיני · האט זיא גיזאגט צו הקב"ה עש איז גוט דאש דו גיסט מיך צוא ישראל ווייל זיי זיינען אין דער מדבר · דא האבין זיי ניט צו טאן · דא לערנען זיי תורה טאג אונ נאכט · דען זיי באדארפין קיין שום מלאכה ניט טאן · ניט אקערין אונ זייען ניט צו פלאנצין · דען זיי האבין דעם מן אבער אז זייא ווערין קומען אין זייער לאנד אריין אזו ווערט איטליכער לויפען צו זיינע עסקים אונ מלאכו"ת אונ ווערין מיך פאר שליסען אין איין אלמיר ווער וועט מיך לערנען · ליבר גאט גיב מיך ניט צוא ישראל · דען זיי ווערין מיך מבטל זיין · דא ווער איך בלייבין אום גילערינט · זאגט גאט צו דער תורה איך האב גיבאטין אין דער תורה איר זאלט לערנן תורה טאג אונ נאכט · טייטשן דיא חכמים אטייל פון דעם טאג אונ אטייל פון דער נאכט · דאש ער זאל זיינע עסקים אויך טאן כדי זיין תורה זאל אקיום האבין איך האב זייא גיגעבין דעם שבת אונ יום טוב · דענמאלט טארין זיי ניט האנדלען אונ קיין מלאכה ניט טאן · אזו ווערין זיי תורה לערנן · נון זעהן מיר וואול אז דער שבת איז נאר גיגעבין גיווארין אויף תורה צו לערנען · בפרט דער וואש לערנט ניט אגאנצע וואך אונ גייט נאך זיינע עסקים · דער זעלביגר זאל פיל לערנען אום שבת אונ יום טוב אבער דער וואש לערינט יוא אגאנצע וואך מעג ער אום שבת אונ יום טוב אביסעל ווייניגר לערנען פון עונג וועגין · אונ דר וואש קען ניט לערנן · זאל ער לערנען די טייטש פון דער סדרה · אונ זאל גיין צו דער דרשה · דאש הייסט אויך גילערינט :

(נד) אין אלע קהילות דארף זיין איין חכם וואש זאל דרשענען פון דיא עמי הארצים וועגין · אונ איטליכער זאל גיווארינט זיין ניט צו שלאפין ביי דר דרשה · אונ אויב ניט איז בעסער ער זאל בלייבין אין דער היים · דיא תלמידי חכמים וואש האבין גיקיינט בעסער לערנען פון דעם בעל דרשר פלעגין אויך גיין צוא דער דרשה פון וועגין צווייא טעמים · איינש אז זיי וועלין ניט גיין וועלין דיא עמי הארצים אויך ניט גיין · סתמת זיי וועלין זיך שעמען אדער ז"

אין זיין רעכטע האנט · אונ די הבדלה זאל מען האלטן בייא דעם כוס · אונ דיא לייט וואש ווילען יוצא זיין מיט יענעמש הבדלה דארפין זיי צו הערין איטליכעש ווארט אונ זאלין אריין קוקין אין כוס איידער ער מאכט בורא פרי הגפן · זאל ער אביסעל אפ גיסען פון כוס אויף דער ערד דאש איז אגוטער סימן אויף דער פולער וואך צוא בזל אונ ברכה אבר נאך דער ברכה טאר ער ניט אויש גיסען ביז נאך הבדלה דער נאך זאל ער מאכין דיא ברכה בורא פרי הגפן דער נאך בורא מיני בשמים · דאש איז פון דעסט וועגין דאש מיר זאלין גלייבן אז איטליכר פון ישראל בקומט אום שבת נאך איין נשמה פון לויטר פרייד · דרום פרייען מיר זיך די גאנצע וואך אויף דעם ליבן שבת · אבר ווען דער ליבר שבת גייט אוועק דא גייט אויך אוועק דיא נשמה יתירה פון איטליכן באזונדר ביז דעם אנדערין שבת · אזו זיינען מיר טרויעריג אונ דאש איז גלייך אזו ווי איינר פאלט חלשות דרום מאכן מיר הבדלה אונ שמעקין בשמים :

דער נאך זאל ער זיינע הענט האלטין קעגין דער ליכט צו גימאכט · דער נאך זאל ער זיי עפנען אונ זאל אין זיי אריין קוקין אונ מאכין בורא מאורי האש דען מיטאר ניט קיין ברכה מאכין ביז מען מוז הנאה האבין פון דער זאך · אונ מיט דעם וואש ער עפינט זיינע הענט אונ זעהט אויף זיינע הענט הייסט איין הנאה · אויך איז איין סימן דאש ער נעמט אויף זיך אויף דר פולער וואך זיין האנט אפען האלטן צדקה צו געבין · אזו טוט ער פיל מצות דורך אנאנד הבדלה בשמים מאורי האש צדקה בורא פרי הגפן · נאך איין טעם איז דרום קוקט מען אויף דיא נעגיל אונ פינגער בשעת הבדלה · דען אז אדם אונ חוה האבין גיזינדיגט זיינן זיי חייב מיתה גיוועזן דען די מעשה איז גיוועזן פרייטג דא האט דער שבת גיבעטין פאר זיי · אונ האט גיזאגט ליבער גאט דוא האסט נאך קיינעם ניט גיטייט · אונ אין מיר ווילסטו אן הייבין צו טייטין · אונ נאך מער אז דער מענטש וועט ניט זיין ווער וועט דעם שבת האלטין · האט הקב"ה ווידער גיענפערט צום שבת דו נאגסט רעכט פון דיינט וועגין וועל איך אים מוחל זיין · וא באלך האט אדם הראשון אן גיהויבין צוא זאגין

מזמור שיר ליום השבת דער מיט האט ער זוכה גיוועזן אונ אויך חוה דאש איבער שבת איז זיי אויף גיוואקסין איין קלייד איבער דעם גאנצין לייב פון איטל נעגיל אונ אום שבת צוא נאכט איז אים דאש קלייד אראפ אונ הקב"ה האט אים גימאכט איין בעסערע קלייד פון וייכע וואל · דרום זעהן מיר אויף דיא נעגיל צוא גידיינקען אין דיא זינד פון אדם אונ חוה · דאש מיר זאלין שוין ניט פאלגין דעם יצר הרע :

נאך הבדלה זאל ער זיך אנידער זעצין אונ זאל טרינקן פון דעם כוס אזו ווי דער שיעור פון קידוש · דער נאך זאל ער אביסל אויש גיסען פון דעם כוס אויפין טיש · אונ זאל דרינען אויש לעשין די הבדלה · דאש איז אויך אגוטער סימן אז ער וועט האבין אזוא פיל וויין ביז ער וועט מיט אים גיצין אזעלכע זאכין וואש קענען גיטאן ווערין דורך וואשר : (סז) דער נאך ווייל דער טיש איז נאך צוא גידעקט זאל ער נעמען דעם פערטין קוכין · אונ זאל זיך וואשין אונ זאל המוציא מאכין אונ זאל עסין אפילו נאר אכזית איז ער אויך יוצא דער נאך זאל ער בענטשין · דיא סעודה האבין דיא חכמים גירופין מלוה מלכה · ער באלייט דיא מלכה דאש איז שבת · די חכמים ז"ל האבין גיזאגט עש איז פאר האנדין איין גליד אין דעם מענטשין · דאש האט קיין הנאה ניט פון קיין שום שפייז · נאר פון דר סעודה מלוה מלכה: (סח) מיטאר קיין מלאכה ניט טאן ביז נאך הבדלה · אדער ביז ער זאגט אתה חוננתנו אין שמונה עשרה · דרום אויך די ווייבער אדר יונגען אדר מיידין טארין קיין ליכט ניט אן צינדין ביז זיי זאגין פריער די ברכה ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם המבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים בין יום השביעי לששת ימי המעשה ברוך אתה ה' המבדיל בין קודש לחול :

נון וועל איך אן הייבין צוא שרייבין דיא דינים וואש עש איז אסור אדער מותר צוא טאן אום שבת · אונ וואש עש איז אסיר אום ערב שבת דאש וועל איך אלש בקיצור שרייבין נאר וואש עש נוצט אין אונזרע קהלות אונ אין אונזרע דורות : (סט) מיטאר קיין עובד כוכבים קיין כלי ניט לייען נאהינט צוא שבת מכ"ש אום שבת · דען ער וועט ניצין מיט איר אום שבת :

אויך

(ע) אויך איז אסור צו פאר דינגען צו אים איין בהמה דען ער וועט ארבעטין מיט איר אום שבת · אונ ווער עש פאר דינגט אים יוא זאל זיך אים ניט דוכטין אז עש איז גינוג ער זאל מיט אים אויש נעמען ער זאל מיט איר ניט ארבעטין אום שבת · דען דער עובד כוכבים איז ניט באגלייבט דרויף: נאר ער זאל מיט אים אויש נעמען דאש פאר שבת זאל ער דיא בהמה אים אפ געבין · אונ אויב ער ברייננט אים יוא ניט אפ פאר שבת דא וויא זאל ער טאן · דא זאל ער זאגין פרייטאג פאר נאכט פאר דרייא לייט איך בין מפקיר מיין בהמה וואש זיא איז ביי דעם עובד כוכבים · דא איז זי שוין ניט מיין · אבר דאש האט ניט דעם דין אין זיך וויא אנדער הפקר · דאש קיינר טאר ניט זוכה זיין אין דער בהמה ווייל זיין כוונה איז נאר גיוועזן ער זאל ניט קומען צו קיין חילול שבת חלילה: (עא) עש איז מותר צו שיקן איין שליחות מיט איין עובד כוכבים אום ערב שבת נאר ער זאל אוועק גיין נאך פאר נאכט · אבר מען טאר אים ניט דינגען ער זאל גיין אויפן טאג · אויך טאר מען אים ניט אן זאגין ער זאל גיין אום שבת: (עב) אזו אויך צו שיקען איין עובד כוכבים מיט משא איז אויך דער איינגענער דין דאש ער מוז דיא סחורה ארויש נעמען פון זיין הויז נאך פר נאכט אבר אום שבת טאר מען גאר ניט אונ אז ער האט די סחורה איבר גיענפערט צום עובד כוכבים אום ערב שבת · אונ ער זאגט לאז עש ליגן איך וועל עש נעמן ווען איך וועל וועלין · זאגין אטייל לייט אז דיא סחורה ליגט אין איין ווינקל אונ ער האט דעם עובד כוכבים דאש ווינקל אויך גיגעבין דער צו איז אים מותר צו לאזין געמען אפילו אום שבת · אבער ווער עש טוט דאש ניט זאל אויף אים קומען פיל ברכות · בפרט אין דער יודשער גאס איז עש פשיטא אסור (מפני מראית עין עש זאל דער פון ניט ארויש קומן קיין חילול השם ח"ו:

(עג) אום ערב שבת זאל ער פאר פריא אן הויבין צו גרייטין אויף שבת · איין צו קויפן אלש וואש ער באדארף · אונ זאל ניט ווארטין שפעטער וועט וועלוויליר זיין · טאמער וועט ער עש אן ווערין · דען הקב"ה באצאלט אלש · דרום וואש ניצט אים ווארטין אויף וועלוויליר · אונ דער וואש ווארט יוא איז ער מקטני אמונה: (עד) עש איז אסור צו עסין פרייטאג ביא טאג · כדי ער זאל הונגעריג זיין צוא דער סעודה פון שבת · אזו איז אויך דער דין ביא איין סעודת מצוה איין ברית אדר איין פדיון הבן · דיא לייט וואש זיינען מדקדק אין מצות עסין ניט קיין ווארים גיקעכין אונ זיינען ניט קובע סעודה אום פרייטאג · אונ דיא לייט וואש זיינן זיך נוהג צוא פאסטין אום פרייטאג · זאלין זייא זעהן אז מיט דעם זאלין זייא ניט מבטל זיין דעם עונג שבת דהיינו אזו וויא אטייל לייט וואש דער תענית איז זייא צוא שווער · אזו איז בעסער ניט צוא פאסטין: עש זיינן גוועזן צוויי משפחות אין ירושלים · איינע פלעגן זיך קובע סעודה זיין פרייטג בטאג · אונ די אנדרע משפחה פלעגן זיך קובע סעודה זיין שבת ביי טאג בשעת מען איז גינאנגין צוא דר דרשה זיינן דיא צוויי משפחות אויש גריסן גיווארין פון דער וועלט · אונ עש איז קיינר ניט איבר גיבליבין פון זיי: (עו) ערב שבת אפילו פאר נאכט מאג מען געבין גרעט וואשין צוא איין עובדת כוכבים · נאר זיא זאל עש צוא זיך נעמען פאר שבת · אבער ער טאר ניט זאגין צו איין עובד כוכבים ער זאל אים אמלאכה טאן אום שבת:

(עז) עש איז אגרוישע מצוה מיזאל זיך אפ וואשין מיט ווארימע וואשער אום ערב שבת אונ זיינע נעגל שניידן אלש ווי אויבן שטייט: (עח) איטליכר בעל הבית איז מחויב צו זאגן צו זיין הויז גיזינט צינט אן ליכט באצייטין איידר די זון גייט הינטער · אפילו ער ווייס זיי זיינען זייער גיווארנט דרינען · דארף ער זיי דאך דער מאנען דער צוא: (עט) אז מיהאט פאר געסין דיא ליכט אן צינדין מאג מען הייסין איין עובד כוכבים זיי אן צינדין איידר עש איז נאך רעכט נאכט · אבר אז עש שטייען שוין שטערין טאר מען אים ניט הייסין אן צינדין · ווען איין עובד כוכבים האט אן גיצונדין איין ליכט אום שבת פון איין יהודי וועגין · טאר מען דר פון ניט נהנה זיין · אבר אז עש ברענט נאך אנאנדער ליכט דער ביי מאג מען וואול נהנה זיין פון ביידע ווייל דיא ערשטע ליכט ברענט נאך · אונ

אז

אז דיא ליכט גייט אויש טאר מען ווייטער ניט נהנה זיין פון דער אנדערער ליכט · אבער דער וואש איז ביי אים אסעודת מצוה · אדער ער האט געסט ביא זיך מאג מען וואול ניצין ביי דער ליכט · דרום זיינן די וועלט זייער מיקל דרינגען אונ הייסין אפילו איין עובד כוכבים איין ליכט אן צינדין אום שבת דען זיי רעכנן עש פר איין מצוה אבר וועך עש איז נזהר דרינן תבא עליו ברכה : (פא) דאש טשאלינט ברעטיל דארף מען הייסין איין עובד כוכבים אויף רייסין · אונ אז עש איז ניטא קיין עובד כוכבים זאל מען הייסין אזו איין קינד וואש איז נאך ניט בר מצוה · אונ אויב ניט מעג מען

עש וועלבערט טאן :

אין אטייל ערטר איז מען זיך נוהג אריין צו רוקן דעם צאלינט אין שטוב אויבין · אונ אז דער עובד כוכבים קומט שבת פריא איין צוא הייצין נעמט ער אים ארויש · אונ שטעלט אים אויפין אויבין · דער נאך הייצט ער איין · אויך מעג מען הייסין איין עובד כוכבים קאלט גקעכין ארויף שטעלן אויפן אובן איידר מען הייצט איין · אבר איין יהודי טאר דאש ניט טאן · אונ אז דאש גקעכין וועט אויף דעם אובן זודיג ווערן טאר מען צו קיין עובד כוכבים ניט הייסן אראפ נעמן : (פב) עש איז אגרוישע מצוה אונ עונג שבת מיזאל עסן ווארים גיקעכין · דרום איז דער מנהג אין אונזערע מדינות דאש מען רוקט צאלינט · כדי דאש גיקעכין זאל זיין ווארים אונ ווער עש האלט דאש פאר איין איסור · אונ וויל ניט גלייבין אז די חכמים האבין דאש מתיר גוועזן איז ער איין מין אדר אפיקורס : (פג) איטליכער זאל זיך בזוכין אום שבת אויב ער טראגט ניט עפעס ביא זיך · אפילו איין נאדיל אין זיינע קליידער דען טאמער וועט ער פאר געסין אונ וועט עש ארויש טראגין חוץ לתחום : (פד) איטליכער זאל גיווארינט זיין ניט אן צינדין קיין שלעבטין אייל אין זיין הויז אום שבת · דען טאמער וועט ער קומען צוא איין חילול שבת ח"ו · דאש מחמת עש וועט פינצטער ברענגען וועט ער קומען צוא פארריכטין בשוגג : (פה) אין אלע חדרים וואש מען ניצט אין זייא אום שבת דארף מען דרינגען איין ליכט אן צינדין · אונ דער וואש האט זיין

איינין חדר דארף ער דרינגען איין ליכט אן צינדין · אונ אויב ניט זאל ער געבין איין שילינגער דעם בעל הבית וואש דער חדר איז אין זיין הויז כדי ער זאל אים מוציא זיין מיט זיינע ליכט · אונ ער זאל צוא הערין דיא ברכה אונ זאל דרויף אמן זאגין · דיא ווייבער זיינען זיך נוהג אן צו צינדין ליכט אונ ווארפין זיי באלד ארויש פון דער האנט אונ זיינן באלד מקבל שבת · אבער זיי מעגין אתנאי אויש נעמען אז זייא וויליז אויף זיך ניט מקבל שבת זיין ביז נאך ברכו : (פו) דער וואש קומט צוא פארין פון זיין האנדיל אונ דאש קהל זיינען שוין מקבל שבת זאל ער פון זיך אראפ ווארפין וואש ער טראגט ביא זיך אונ זאל מיט זיי מקבל שבת זיין : (פז) ווען איינער קומט אין שול אריין · אונ דאש קהל האלטן שוין נאך ברכו טאר ער ניט דאווענען קיין וואכינדיגע ש"ע · נאר נאך מעריב אונ ויכולו זאל ער זאגין אשרי אונ נאך איין שבתדיגא ש"ע · אבר אז ער קומט פאר ברכו מאג ער זיך שטעלין דאווענען איין וואכינדיגע שמונה עשרה אפילו ער וועט זיא ניט גומר זיין פאר ברכו · וייל ער הייבט אן בהיתר · אונ ווען אפילו ער קומט נאך ברכו מעג ער בלייבין שטיין אין פאלעש אונ דאווענן א וואכינדיגע שמונה עשרה · אבער וויא באלד ער איז שוין אריין גיקומען אין שול מוז ער שוין דאווענען איין שבתדיגע שמונה עשרה : (פח) ווען איינער פארט אין וועג אונ עש ווערט שבת · אונ ער טראגט געלט ביי זיך · זאל ער אזוא טאן האט ער מיט זיך איין עובד כוכבים זאל ער עש אפ געבין דעם עובד כוכבים צוא טראגין · אונ זאל עש ניט ארויף לייגין אויף זיין פערד דען עש זיין פערד איז אויך פאר באטין שבת צוא האלטין · אונ אז ער האט ניט קיין עובד כוכבים מעג ער עש לייגין אויפין פערד · אונ אז ער שטעלט זיך אנידר זאל ער עש אראפ נעמן · אונ אז ער האט קיין פערד אויך ניט מאג ער עש געבין צוא אזו איין קינד וואש איז נאך ניט בר מצוה · אונ אז ער האט קיין קינד אויך ניט זאל ער עש טראגין צוא ווייניגער פון פיר איילין אונ זאל עש ווידער אנידר לייגין · ביז ער קומט צו איין ארט וואש ער קען עש באווארענן · דאש איז

גירעט גיווארין בייא זיין איגין געלט אדער זיין חברש געלט אונ ער איז אויף איין מסוכן ארט · אבר אז עש איז איין מציאה · אדער ער איז ניט אויף איין מקום מסוכן דארף ער בלייבין שטיין אויף זיין ארט · אונ טאר עש ניט מטלטל זיין :

ווען איינער האט ביי זיך פאר געסין איין בייטל געלט איז ער אין זיין הויז מאג ער אריין גיין אין איין חדר אריין אונ עש ארויש ווארפין · איז ער אבר אויף דער גאס זאל ער עש דארטין ארויש ווארפין אונ זאל בעטין איין באקאנטין עובד כוכבים ער זאל עש אים היטין · אבר ער טאר אים עש ניט הייסן אריין טראגן אונ אז דער עובד כוכבים בראנגט עס אליין אריין איז אויך ניט קשה · ווען איינער גיפינט געלט אין רשות הרבים אום שבת טאר ער עש ניט אן רירין אפילו ער האט מורא אנאנדערר וועט עש צו נעמען : (פט) מען מעג וואול מנחם אבלים זיין אום שבת · אונ אויך מבקר חולה זיין · נאר אום דער וואכין זאגט מען צום חולה השם ישלח לך רפואה שלמה אבער אום שבת זאגט מען אזו שבת היום מלזעוק ורפואה קרובה לבוא עש איז היינט שבת טאר מען ניט שרייען · אונ דיא רפואה איז נאהינט צו קומן : (צ) עש איז אסור צוא פאסטין אום שבת ביז זעקש שעה אויפין טאג · אפילו ער איז מאריך אין זיין תפלה אדר ער לערינט תורה · מכ״ש אז ער רעט דער ווייל פאטשטין אונ דברים בטלים · איז בודאי דער איסור זייער גרויש · אבער ווער עש קאן ניט פריא עסין מאג ער וואול וואַרטין אבער זיין הויז גיזינט זאלין ניט פאסטין דער ווייל :

(צא) ווען איינעם קומט אן איין גיוויין אום שבת אונ אז ער וועט זיך איין האלטין ניט צו וויינען וועט עש אים זיין איין צער · מאג ער ויינן שטילער הייד · דאש די שכנים זאלן ניט הערן זיין קול. (צב) ווער עש איז גיוויינטליך צו פאסטין אלע טאג · אונ אז ער וועט עסין בייא טאג שאט עש אים · מאג ער וואול פאסטין אום שבת · אזו האבן אויך גיטאן פיל חסידים אונ צדיקים אונ אויך רבי יהודה חסיד: (צג) אין תענית חלום אום שבת זיינן פאר האנדין פיל דיעות · אטייל זאגן ער מעג פאסטין · אבער ער באדארף זונטאג ווידער פאסטין אויף דעם וואש ער האט מבטל גיוועזן דעם עונג שבת · אונ אז עש איז אים צו שווער צו פאסטן צוויי טאג דורך אנאנדר · זאל ער אנאנדער טאג אפ פאסטין · אונ אטייל זאגין אז מיטאר ניט פאסטין סיידין דער חלום איז שוין צוא אים גיקומען דרייא מאל · אונ אטייל זאגין אז אין אונזערע דורות טאר מען גאר ניט פאסטין קיין תענית חלום אום שבת · דען מיר ווייסין ניט וואש עש הייסט אשלעכטער חלום אטייל זאגין אויף די דרייא חלומות דארף מען פאסטין אפילו אום שבת דאש ערשטע דעם וואש דוכט זיך אין חלום אז עש איז יום כיפור · דאש אנדערע אז עש דוכט זיך אים אז איין ס״ת איז ח״ו פאר ברענט גיווארין · דאש דריטע אז עש דוכט זיך אים זיינע ציין זיינען ארויש גיפאלין · אבר אז עש דוכט זיך אים זיינע קין באקין ציינען ארויש גיפאלין דאש איז אגוטער חלום דאש באטייט דאש זיינע פיינט וואש טראכטין אויף אים ביז וועלין פארלארן ווערין · אטייל לייט זאגין ווער עש זעהט אין חלום אז ער לייענט אויש איין ספר תורה מעג ער אויך פאסטין אום שבת · אטייל זאגין אויך ווער עש זעהט אין חלום אז ער האט איין ווייב גינומן · אונ דער וואש פאסט אום שבת זאל ער זאגין עננו אין אלהי נצור פאר יהיו לרצון · אונ מאג אויך זאגין דעם רבון העולמים גלוי וידוע כו׳ :

(צד) מען מעג תפלה טאן אויף איין קראנקן וואש איז מסוכן אין אלהי נצור פאר יהיו לרצון אונ מען מעג אים וואול לאזין בענטשין אום שבת גלייך ווי מיפלעגט צו בענטשין אום דער וואכין : (צה) די בעלי בתים אונ סוחרים אונ בעלי מלאכות וואש לערנן ניט אגאנצע וואך דארפין אים שבת מער לערנען פון דיא תלמידי חכמים · אזו ווי אויבין שטייט · דען דאש איז דער עונג שבת פון די תלמידי חכמים זיי זאלין לייננער זיצין ביי דעם טיש וויא אלע טאג אונ זאלן זיך מפנק זיין מיט עסין אונ טרינקען: (צו) אום שבת זאל מען זיך מער היטין פאר עבירות ווי אגאנצע וואך · מכ״ש דאש ער זאל ניט פאר דארבין זיין גוטע כלי מיט דברים אום שבת וואש איז גיגליכין צו עולם הבא · דרום זאל זיך איטליכער זעצין איבר איין ספר אום שבת · אונ ווער

עש קען ניט זאל לייענען טייטש ספרים · כדי ער זאל ניט קומען צוא דברים בטלים : (צו) עש איז אסור גישווינד צוא לויפן אדער אגרויסן שפאן צו טאן אום שבת · אפילו צוא איין דבר מצוה אין שול אדער אין בית המדרש אריין · אבר די יונגען אונ בחורים מאגין וואול לויפן נאר זייער לערנען אדער זיך שפאצירען פון עונג שבת וועגין : (צח) דאש וועל איך שרייבן די דינים וואש מען מעג ארויש טראגין אויש דעם עירוב· אונ וואש מיטאר ניט · אזו איין מלבוש וואש ער איז בטוח אז עש וועט ניט אראפ פאלין פון אים · אדער ער וועט עש ניט אויש טאן מאג ער עש טראגין חוץ לעירוב : (צט) קיין מאנזביל אדער קיין אשה טארין ניט ארויש גיין מיט איין שווערד אדער מיט איין ביקס אדער מיט איין שפיז · אויך ניט מיט איין פאנציר · אדער מיט תפילין אפילו ער גייט דרינען אן ניקליידט · דען דאש איז קיין מלבוש ניט :

(ק) אויך זאל קיינר ניט ארויש אויש דעם עירוב מיט אזו איין שוך וואש איז אויף אים צו גרויש · אדער קליין · טאמער וועט ער אים אויש טאן אונ וועט אים טראגין · אויך מיט איין שוך אונ דער אנדרער פוס בארוועס · דען די לייט וועלין שפעטין פון אים · וועט ער אים אויש טאן אונ וועט אים טראגן · סיידין ער האט איין מכה אויפן בארוויסן פוס דא וועט איטליכער זעהן : (קא) עש טאר קיינער ניט ארויש גיין פין דעם עירוב אונ איין נאדיל אדער איין שפילקע שטעקט אין זיינע קליידער · אבר דיא ווייבער מעגין יוא ארויש גיין מיט שפילקעס אויפין שלייער אבער די שפילקעש וואש זיינן איבריג · דאש דער שלייער וועט זיך האלטין אן זייא טאר זיא ניט ארויש טראגין אויש דעם עירוב : (קב) איין מאנזביל טאר ניט ארויש גיין אויש דעם עירוב מיט איין תכשיט פון איין אשה · אזו אויך איין אשה מיט דעם תכשיט פון אמאנזביל · דרום ווי דער מנהג איז אז די מאנזבילין גייען מיט איין פינגעריל מיט אחותם · אונ די ווייבר אין איין פינגערל מיט אן אחותם · אז זייא פאר בייטן דיא פינגערלאך טארין זייא ניט ארויש גיין אויש דעם עירוב · דען דאש הייסט איין תכשיט פון אמאנזביל אונ דאש איז איין תכשיט פון איין אשה · אזו איז אויך דער דין מיט איין אבן טוב · אבר ווי דר מנהג איז אז מאנזבלן אונ ווייבער גייען אין אלש איינע פינגערלאך · מעגין זיי ארויש גיין מיט זיי אויש דעם עירוב : (קג) מען מאג ארויש גיין מיט איין זילבערנעם אדער קופערנם אדר איינערנעם שליסעל · אויב ער איז ניט בהעפט אין גארטיל : (קד) איין זב אדר איין נדה טארין ניט אויש גיין מיט זייער בייטיל וואש זיי טוען אן אז די העמד זאל ניט פאר שמירט ווערין · סיידין עש איז גימאכט וויא איין מלבוש :

(קה) איטליכער מעג אויש גיין מיט איין היטל אויפן קאפ פארין רעגין · אבר מיטאר ניט ארויף לייגין קיין טוך אויפין קאפ · אזו אויך אנאנדר זאך וואש איז קיין מלבוש ניט : (קו) מען מאג אויש גיין מיט איין פאנטאפיל · אונ איך האב קיין זארג ניט צו האבין ווייל ער איז גרינג אויש צו טאן וועט ער אים אויש טאן אונ וועט אים טראגין · דען מיטאר ניט גיין בארוויס אום שבת · ווער עש קען ניט גיין פיר איילין אן אשטעקין מאג ער וואול אויש גיין מיט זיין שטעקן אבר דער וואש קען יוא דער טאר ניט אויש גיין מיט זיין שטעקין אפילו ער איז איין הינקעדיגר אדער איין בלינדער · אבר דער וואש גייט אין אייזרנע קייטין ר"ל מאג ער דר מיט אויש גיין אויש דעם עירוב: (קח) אויף דיא ערטער וואש מען גייט אויף שטאלצען טארין זיי ניט אויש גיין דער מיט · אויך ניט מיט איין צו גיטשפעטע בארד : (קט) מען מאג וואול זיך ארום דעקין מיט איין זאק פארין רעגין · נאר מיזאל אים פארינט צוא בינדין מיט איין שניריל · דאש ער זאל ניט קענען אראפ פאלין · מען מאג ארויש גיין מיט איין פלאסטער אויף איין מכה צוא גיבונדין מיט איין טוך · אבר ניט מיט אשנירל:(קי) מיטאר ניט אויש גיין מיט איין פאטשיילע אפילו זיא איז אן גיקניפט אין גארטיל · סיידין זיא איז צוא גינייט צוא זיין קלייד : (קיא) אז ער האט ניט קיין אנדר זאקן בענדל אויפן פוס מאג ער צו בינדן מיט דר פאטשיילע אונ אויש גיין מיט איר · אבר אז ער גייט שוין צו גיבונדן מיט אנאנדער זאקן בענדיל טאר ער ניט צו בינדין דיא פאטשיילע

דען

דען מיטאר ניט אויש גיין מיט צווייא זאקין בענדליך:

(קיב) ווער עש גייט אין קרייטיכער פאר איין קמיע מאג ער דר מיט אויש גיין פון דעם עירוב

איין קמיע וואש איז דריי מאל גיפרובט גיווארין דאש הייסט איין רעכטע קמיעה · אונ מען מעג מיט איר אויש גיין אונ אויב זיא איז ניט גיפרובט גיווארן דריי מאל · אונ עש האט זי אויך ניט גיגעבין קיין גיווישער דאקטער טאר מען מיט איר ניט אויש גיין · אבער דיא קמיעה פון איין גיוויסן דאקטאר דארף ניט האבין קיין דריי מאל פרובין · סייא איין גישריבענע קמיעה סיי פון קרייטעכין אדער פון אנאנדער זאך · אונ סיי דער וואש טראגט זי איז איין קראנקער ר"ל אדער ער טראגט זיא ער זאל ניט קראנק ווערין איז אלש איין דין · איטליכער דאקטאר איז באגלייבט אז ער זאגט איך בין איין רעכטער דאקטאר אונ דארף קיין עדות ניט האבין · אויך איטליכר יהודי איז בגלייבט אז ער זאגט · עש איז איין גיווישע קמיעה זיא איז שוין דרייא מאל גיפרובט: (קיג) ווער עש גייט צוא גיבונדין אויף איין מכה מיט איין גראשין · אדר מיט איין נום שאלאכין מאג ער דער מיט ארויש גיין: (קיד) מען טאר ניט ארוף לייגין אויף זיינע אקסיל קיין ראק אדר קיין מאנטיל · אונ דר מיט אזו אויש גיין אויש דעם עירוב נאר ער מוז עש רעכט אן טאן · אויך דעסט גלייכין ווער עש וויל גיין אויש דעם עירוב מיט זיין טלית דארף ער אים אן טאן ווי דער סדר איז · אונ די עקן ארויף לייגין אויף זיינע אקסיל אבער אזוא ארוף טאן אויף די אקסיל ניט אן גיטאן איז אסור אויש צו גיין· ווען איינער גייט אויף איין אום רעכט ארט מאג ער אויף הייבין זיינע קליידער זייא זאלין ניט איין גישמירט ווערן: (קטו) ווען איינר טראגט ביי זיך געלט איין גיבונדין אין זיין קלייד · אפילו עש איז גילעגרט געלט דאש ער מעג עש אין זיין הויז יוא טראגין · אבר חוץ לעירוב טאר ער עש ניט טראגין · ווען איינר וואונט אויף אזוא איין ארט וואש זיין געלט איז ניט באווארנט פאר גניבה · אונ ער האט עש איין גנייט אין זיין קלייד מאג ער ארום טראגין אין זיין הויז אבער ניט חוץ לעירוב סיידין ער דארף ניטיג גיין אבער אז ער בדארף ניט · אדער ער קען עש באווארנען · אדר איינעם געבין באהאלטין טאר ער עש ניט ארויש טראגין · מען מעג אויש גיין אן גיטאן אין צווייא קליידער אין צוויי מאנטלען אדר צוויי המדר אדער צוויי פאר הויזין צוויי פאר זאקין · אבער אין צווייא גארטלען טאר מען ניט · סיידין ער בינט צו איינעם אויף דעם קלייד · אונ דעם אנדערין אויף דעם אנדערין קלייד: (קטז) מיטאר ניט ארויש גיין אין הענטשקעם · דען טאמר וועט ער זיי אראפ נעמען אונ וועט זייא טראגין סיידין זייא זיינען צוא גינייט צוא דיא ארבל: (קיז) מיטאר ניט אן טאן אין שבת איין טלית אדר איין ארבע כנפות מיט פסולדיגע ציצית · דען טאמער וועט ער דער מיט אויש גיין אויש דעם עירוב · אונ דאש איז אסור: (קיח) ער טאר ניט גיין אין קיין קאפילוש אום שבת אפילו אין זיין הויז אונ אזו איין היטיל וואש קען ניט ארוף אויף זיין קאפ טאר ער ניט דער מיט אויש גיין אויש דעם עירוב דען טאמער וועט עש אים דער ווינט אראפ ווייען אזו וועט ער עש טראגין סיידין דאש היטל איז צו גיקניפט צו זיין האלז:

(קכ) ווען נייעה קליידער זיינען נאם גיווארין מאג ער אין זיי אזו גיין אין זיין הויז אונ איך האב קיין מורא ניט ער וועט זייא אויש קוועטשין · אבער ער טאר זיי ניט אויף הייגן טריקנען אדר אזו טראגן אויף זיין אקסיל אפילו זיי זיינען נאר נאם פון שוויים דען איך האב יוא מורא ער וועט זייא אויש קוועטשין אויך טאר ער מיט זיי ניט ארויש גיין אויש דעם עירוב דרום טאר קיינר ניט גיין אין אזלכע ערטר וואש זיינע קליידר קענן נאם ווערן: (קכא) מען מעג וואשין די הענט אום שבת פון איין טייך אבר ער טאר מיט זיי אזו ניט גיין נאסער הייד פיר איילין חוץ לעירוב: (קכב) דער וואש האט איין גרינדיגע קאפ מאג ער אויש גיין מיט זיין פלאסטער אויב ער האט אים פריער גיהאט איין שעה אויפין קאפ אונ זונסט ניט· דער וואש האט איין שלעכטע האנט אדר איין שלעכטע פוס · אדר אפילו איין פינגער· אונ ער האט דיזוואונד ארום גיבונדין מיט איין טוך מאג ער דר מיט ארויש גיין אויש דעם עירוב:

קכג דיני ניקוי וקיפול בגדים

מען טאר ניט אויס טרייסלען אום שבת קיין שום מלבוש פון דעם טויא אדער רעגין אדר שטויב וואש איז דרויף גיפאלין · אבער מען מעג אפ קלייבן דער פון דיא פעדערין · אויך ווער עש נעמט אראפ פון איין טוך דיא פעדים אונ שפענדלאך וואש ליגין דרויף פון וואכין אן איז ער מחלל שבת ח"ו · עש איז אסור צום אויף צו לייגין אום שבת איין טלית אדער אנאנדר מלבוש אדער איין נייע העמד וואש איז נאך ניט גיוואשין גיווארין · אונ דר זעלביגר מענטש האט ניט קיין אנדערע אן צו טאן · אז ער וויל עש אן טאן דעם זעלביגען שבת איז אים מותר צום אויף צו לייגין אבר עש טאר אים קיינער ניט העלפין · אונ וויא באלד עש פעלט איינש פון דעם אלעם וואש איז דא אויש גירעכינט איז אסור אבער ניט אין דיא ערשטע פאלין איז מותר · איין מלבוש אדר ווייס גרעט וואש ליגט אין פרעס טאר מען עש ניט ארויש נעמען אום שבת דען דאש הייסט איין מלאכה · ווייס גרעט וואש איז הארט מאג מען עש צו רייבין מיט די הענט ביז עש ווערט ווייך · אבר מיט איין האלץ איז אסור · דש איז דווקא ביי איין העמד סיי פון איין מאנזביל · סייא פון איין אשה · אבער אנאנדער גרעט איז אסור :

(קכה) ווען איינער האט זיך אן גיקלעפט ליים אדער ערד אין זיין שוך · טאר ער אים ניט אפ רייבין אויף אום גיפלאסטערטע ערד · אבר ער מעג אים אפ רייבין מיט אזוא איין שערביל וואש מען מעג מטלטל זיין · אזו ווי עש ווערט ווייטער שטיין אונ ווען זיין שוך איז איין גישמירט גיווארין סיי איין נייער סיי איין אלטר · טאר ער אים ניט אפ רייבין מיט די נעגל מכ"ש ניט מיט איין מעסער · אונ ווען זיינע קליידער זיינען איין גישמירט גיווארין מיט ערד · אז עש איז דאר טאר ער עש ניט אפ רייבין · אונ אז עש איז נאך נאס מעג ער עש אפ ווישין מיט דיא פינגער · ווען זיינע שיך זיינען נאס גיווארין דאש ער קאן זייא ניט אן טאן אדר זייא טואן אים ווייא מאג ער אויף זיי גיסין וואשער · אבער ער טאר זיי ניט רייבין מיט די הענט אדר איין שוך אין אנדרן אבר מיטאר ניט גיסן קיין וואשער אויף איין קלייד אפילו ווייך צוא מאכין · וויא דען זאל ער טאן · ער זאל עש אפ וואשין פאמעלאך מיט איין טיכל · דאש ער זאל עש ניט אויש קוועטשין :

(קכו) ווען איינער האט זיך גיוואשין זיינע הענט זאל ער זייא ניט אפ ווישן אין איין האנטוך דען ער ווערט אים נאס מאכין נאר ער זאל צום אויף נעמען די הענט אונ זאל לאזין דיא וואשער אראפ לויפן פון זייא · דער נאך מעג ער זיך אפ ווישען · אויך איין מלבוש וואש איז נאס גיווארין מיט השתנה טאר ער ניט גיסן דרויף קיין וואשער מבטל צו זיין די השתנה · ווען איינער איז בשמירט גיווארין זיינע הענט מיט אום ריינקייט · טאר ער זייא ניט אפ ווישען אין איין ווייך טיכל · נאר אין איין הארט · אדער אין איין ווידיל פון איין בהמה · איין כלי אדער איין פרי וואש זיא איז נאס טאר מען זיא ניט אויש ווישען מיט איין טיכל :

(קכז) איין אשה טאר ניט גיין אום שבת מיט איבריגע שפילקעס אין שלייער · דען טאמיר ווערט זיא דער מיט ארויש גיין אויש דעם עירוב · איין צוא בראכנע נאדיל טאר מען ניט מטלטל זיין · אזעלכע קינדר וואש מיהאט זייא גימאכט איין לאך אין אויער אונ מיהאט דריינן אריין גיצויגן איין פאדים · מאגין זייא וואול ארויש גיין דער מיט אויש דעם עירוב :

(קכח) איין אשה אדר איין מויד טארין ניט פארבין זייער פנים · אויך ניט צו צו קלעפן איין טייג צו דיא באקין דער נאך נעמן זיי אראפ · אזו ווערן רויט דיא באקין דאש איז אסור אום שבת · אויך טארן זיי ניט פלעכטן זייערע האר אום שבת · נאר זיא מעג זייא אפ גלעטין מיט דער האנט · אבער ניט מיט איין מעסער · אויך טאר זיא ניט קעמען אדער בערשטלען איירע האר · דען טאמער ווערט זיא איינע פון זייא אויש רייסין :

(קכט) איין בהמה פון איין יהודי טאר אויך קיין מלאכה ניט טאן אונ ניט טראגין אויש דעם עירוב אום שבת אונ איך וועל אי"ה בשיידין דיא דינים דער פון · קיין פערד טאר ניט אויש גיין מיט דעם צאם אונ האמיט · אבער מיט איינש פון דיא צווייא מאג ער יוא אויש גיין · אויך טאר ער ניט אויש גיין מיט איין זאטיל · אדער מיט איין קאץ ווייל עש ווערט ניט גיהיט דער

מיט · אויך טאר קיין בהמה ניט אויש גיין מיט דעם
צירונג וואש היינגט אויף איר האלז · אדער צווישן
דיא אויגן · דער כלל איז אזו איין זאך וואש זיא ווערט
ניט ניהיט דער מיט טאר זיא דער מיט ניט ארויש גיין :

איין בהמה טאר ניט גיין אום שבת מיט איין גלעקיל
אויף איר האלז · אפילו אין דער היים דען זיא
ווערט דער מיט קלינגען · סיידין עש איז פאר שטאפט
דאש עש קען ניט קלינגען · אבער אויש דעם עירוב
טאר זיא אזעלכעם אויך ניט טראגין · אויך טאר זיא
ניט אויש גיין מיט איין מויל באנד אדר מיט פאטקום
דען זיא וועט צו שטויסן די שטיינר מיט אירע פיס אבר
אז זי האט איין שלעכטע פוס · אונ מיהאט זי ארום
גיבונדין מיט לעשטישקים אדער מיט איין טוך · דער
מיט מאג זיא ארויש גיין · אויך טאר קיין פערד ניט
ארויש גיין מיט אשטריק אויפין האלז ווייל עש ווערט
ניט גיהיט דער מיט · אזו אויך קיין אנדער בהמה דען
זיא דארף קיין שטריק ניט אבער איין קאלב מאג זיא
אויש גיין מיט איין שטריק · ווייל עש ווערט גיהיט דר
מיט · קיין הינער טארין ניט אויש גיין מיט איין שנירל
אויפין פוס · קורץ פון דער זאך דער כלל פון דר זאך
איז אלערליי בהמות אונ' חיות אונ עופות פון איין
יהודי האבין איין דין אין זיך קעגין דעם :

(קל) ענין רכיבה לא על הבהמה ולא על העגלה:

עש איז אסור צוא רייטין אויף איין בהמה אדער צוא
פארין אין איין וואגין אום שבת אפילו די בהמה
איז פון איין עובד כוכבים · מכ"ש אז דיא בהמה איז
פון איין יהודי · אזוא טוט ער צווייא עבירות · זיין
עבירה אונ דיא עבירה פון זיין בהמה · אבער אז ער
האט איין קנעכט איין עובד כוכבים מאג ער אים
לאזין רייטין אויף איין בהמה צום וואשער זיא אן צו
טרינקען · אבר ער זאל גיווארינט זיין ניט צוא לייגין
אויף איר קיין שום כלי:(קלא) מען מעג הייסן איין עובד
כוכבים צוא מעלקין איין בהמה אום שבת · פון איר
טובה וועגין דאש די מילך טוט איר וויי · אבער מען
דארף אים צאלין דער פאר גלייך ווי ער קויפט בייא
אים די מילך אונ ער טאר ניט די מילך ניצין אין דעם

זעלביגן שבת:(קלב) עש איז מותר צו געבין איין בהמה
צו איין פאסטוך עובד כוכבים · אונ ער האט ניט זארג
צו האבין אז ער וועט ארבעטין מיט איר אום שבת·
אדער ער וועט זיא ארויש פירין חוץ לתחום · נאר
ער טאר אים ניט הייסן · אונ אז ער זעהט אים ארבטן
מיט איר אום שבת דארף ער אים ווערין :

(קלג) איין הונט מעג אויש גיין מיט איין רינג אונ מיט
איין האלז באנד · אויך זאל איטליכר גיווארנט
זיין ווען ער פירט איין בהמה אויש דעם עירוב מיט
איין צאם זאל ער זעהן אז דר שטריק זאל ניט אראפ
היינגען פון זיין האנט איין טפח · אויך צווישן אים
אונ דער בהמה זאל דער שטריק ניט אראפ היינגען
נאהינט צוא דער ערד · עש איז פר האנדין עטליכע
זאכין וואש זיינען אסור תאטשע עש איז קיין מלאכה
ניט · נאר ווייל ער פלעגט אום דער וואכין אויך אזו
צוא טאן אז וויא איך וועל עש דא בשיידין :

(קלד) עש איז אסור צו זעהען אום שבת וואש זיינע
פעלדר וועלין דארפן נאך שבת · אויך וואש
זיין גיבייא וועט דארפין נאך שבת · אויך טאר קיינר
ניט גיין קיין תחום שבת אין איין מרחץ אריין אדער
צו דינגן פועלים וואש זאלן ארבייטן אום שבת · אבר
אהיים צוא בריינגען זיין בהמה מאג ער גיין ביז אין
תחום שבת · אונ אז די בהמה קען ניט גיין זעלבסט
נאר ער מוז איר טראגן · טאר ער ניט גיין קיין תחום
שבת זיא אהיים צו בריינגען · ווייל דער דין איז דאך
אז מען טאר ניט טראגין אום שבת קיין בעלי חיים נאר
איין קינד אז וויא איך וועל דא נאך בעסר בשיידין ·
ווען זיין בהמה שטייט ווייטער פון דעם תחום שבת
מאג ער זיא רופן דש זיא זאל צו אים קומן אויך מאג
מען גיין ביז איין תחום שבת פון צרכי חתן כלה אדר
צרכי מת וועגין : (קלה) עש איז אסור צו דינגן איין חזן
איבער שבת · דען ער נעמט שכר שבת · אבער אויף
איין יאר אדער אויף איין חודש איז מותר : (קלו) עש
איז מותר צוא רעכגען חשבונות פון איין דבר מצוה
אום שבת · דהיינו וויפל מען בדארף צוא דער כלה ·
אדר שכר לימוד צוא צאלין פאר יונגן אונ נאך זעלכע
גלייכין · אבר וואש עש איז ניט קיין מצוה איז אסור

צו

צו רעכנען · דען איך האב מורא טאמער וועט ער דעם חשבון אן שרייבן · דרום מאג מען וואול רעכנען אזעלכעס וואש ער דארף ניט אן שרייבן : מען מעג צדקה מנדר זיין אום שבת דרום מעג מען זיך מאכין איין מי שברך אום שבת אונ מנדר זיין צדקה אויף דעם בית הכנסת אויך מעג מען זעהן אלש וואש מען דארף פאריכטין דיא בריקן אודער די גאסען דאש פיל לייט זאלין ח"ו צו קיין היזק ניט קומן · דער כלל איז אלש וואש עש איז צורכי רבים איז מותר דריגן עוסק צוא זיין אום שבת · אויך מאג מען שידוכים טאן אום שבת · אבר מיטאר ניט דער מאגען קיין התחייבות פון געלט · אויך מאג מען בשטעלין איין מלמד · פון איין קינדש וועגין · אבר פון קיין געלט טאר מען ניט דר מאנין אויך מעג מען שפרעכין אום שבת :(קלו) עש איז אסור צו שיקן איין עובד כוכבים אום שבת נאך איין מת קרובים דאש זייא זאלין באלד קומען זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה אבר נאך איין קראנקינש קרובים מאג מען יוא שיקן אויב דר קראנקער בגערט נאר דער צו · ווען דר מלבוש פון איין עובד כוכבים ליגט במשכון בייא איין יהודי · אונ דר עובד כוכבים וויל אים אויש וועקסלין אום שבת מאג ער אים וואול געבין · אויב ער טוט זיך אן דרינן אונ וועט עש ניט טראגין חוץ לעירוב · אונ אויב ניט איז אסור :

ווען עש איז בייא איינעם עפיס גיגנבת גיווארין מאג ער וואול אויש רופן אום שבת · אבער מיטאר ניט אויש רופן ווער עש האט זכיות אויף דער אונ דר נחלה · אויך ניט בייא וועמען איז פאר האנדין וויין אדר ביר צו פר קויפן · אויך אז מיהאט איינעם מודיע גיווען אז זיין טאכטר איז גינומן גיווארין צווישן עובדי כוכבים מאג ער טאן כל השתדלות אונ אפילו פארין נאך איר אום שבת · אונ אז ער וויל ניט נייט מען אים דער צו · ווען איינר איז אין איין סכנה · סייא סכנת הגוף מכ"ש סכנת נשמה מאג מען אים מציל זיין אום שבת מיט אלים וואש מיגליך איז : (קמא) עש טאר קיינר ניט ריידין קיין דברים בטלים אום שבת · נאר דער וואש האט תענוג דר פון דער מאג יוא ריידן חידושים אונ פאטשטין · אבער צו ריידין פון ייעניטש וועגין ווייל ייענר האט תענוג דער פון טאר מען ניט : עש איז אסור צו זאגין אום שבת מארגין וועל איך די מלאכה טואן אודער דיא סחורה קויפן · אויך איז אסור צו זאגין צוא איין עובד כוכבים אום שבת ער זאל אים דינגן פועלים אונ אפילו פאר שבת טאר ער צוא אים ניט זאגין ער זאל אים אמלאכה טאן אום שבת · אבער עש איז מותר צוא אים צוא זאגין ווארום האסטו מיר דש ניט גיטאן אום שבת · האטשע דער כותי מארקט זיך וואול דריגען איז דאך מותר · ווייל ער זאגט אים ניט ארויש בפירוש ער זאל אים אמלאכה טוען · עש טאר קיינער גיט געבין קיין געלט צו איין עובד כוכבים פאר שבת ער זאל אים עפיס קויפן אום שבת · אבער ער מאג אים זאגין קויף דיר דאש אונ דאש · אונ אז איך וועל דארפין וועל איך בייא דיר אפ קויפין · אויך מאג מען אים געבין קליידער ער זאל זייא פאר קויפין ווען ער וויל · אבער מיטאר אים ניט ארויש ריידין ער זאל זייא פאר קויפן אום שבת · ווען איינר דינגט איין עובד כוכבים איין פורמאן זאל ער זעהן זיין סחורה זאל ארויש גיין פון זיין הויז אן גילאדין פאר שבת · אונ ווער עש לאזט נעמען זיין סחורה פון זיין הויז אום שבת · איז ער ראוי צוא גרויש קנס אונ עונשים · אפילו לייט זאגין אז ער האט דעם עובד כוכבים מייחד גיווען איין חדר אדער איין ווינקל מאג ער זיא נעמען אפילו אום שבת · אבער דארט וואו עש קומט ארויש דער פון אחילול השם איז אסור · עש טאר קיינער ניט רעכנען אום שבת וויפיל ער האט אויש גיגעבין · אודער ער האט אויש צו געבין דען ער וועט קומען אן צו שרייבין אבער זיינע חובות וואש ער האט שוין בצאלט מאג ער וואול רעכנען אום שבת :

אויך זאל איינר ניט זאגן צו זיין חבר איך וועל מארגין גיין אין יענער שטאט אריין גייא אויך מיט מיר · ווען איינער וויל עפיס בארגין בייא זיין חבר אום שבת · אונ ער וויל אים ניט בארגן מאג ער איין משכון אנידר לייגין אום שבת · אודער עש איז אסור צו זאגין נעם דיר דעם משכון אונ בארג מיר דרויף אונ אזוא וויא מיטאר ניט לייען אום שבת · אזוא אויך טאר מען

נימ

ניט בצאלין · ווען איינער האט גימאכט איין סעודה
פאר אורחים · אונ עש איז בייא אים פאר שריבען
וויפל גריכט אונ גיקעכצין ער האט גימאכט טאר ער
ניט לייען אום שבת · אויך איז אסור צוא לייענען
שטרי חובות אדר חשבונות אדער אנדרי בריב · אונ
אפילו אריין צו קוקין דרינן איז אויך אסור · ווען איין
עובד כוכבים ברייגגט איינעם איין בריב אום שבת
טאר ער זיא ניט אן רירן · נאר דער עובד כוכבים זאל
זיא פריער אנידר לייגין · דר נאך מאג ער איר עפנן ·
אונ טאר דרינען ניט לייענן · נאר אזו דרינן אריין צו
קוקין דען טאמער איז עש איין דבר סכנה וואש מען
דארף עש טאן אפילו אום שבת אבער אז ער ווייסט
וואול אז עש שטייט ניט דרינען קיין דבר סכנה טאר
ער אפילו ניט אריין קוקין דרינען · די טייץ ביכר פון
משלים אודער מלחמות אודער אנדרע שפרך ווערטר
אז עש איז גישריבן אודר גידרוקט אויף לשון הקודש
מאג מען עש וואול לייענע· אפילו אום שבת :

אום שבת אונ יום טוב טאר מען ניט לערנן נאר אין
דברי תורה · אבר ניט אין אנדערע חכמות · ווען
איינם גישעהט איין שאדין אום שבת דאש עש האט
אן גיהויבן רינען אויף זיין סחורה · אודער דער וויין
האט אים אן גיהובן צו רינן · מאג ער וואול רופן איין
עובד כוכבים · האטשע ער וועט זיך עש בוודאי
פאריכטן דען בייא איין שאדין האבן די חכמים מתיר
גיוועזן · אבר ער טאר אים ניט הייסין פאריכטן · אויך
איז אסור צו זאגין צו איין עובד כוכבים געם דיר דש
פלייש אונ קאך דיר עש אום שבת · אפילו ער איז אים
ניט מחוייב עסין צוא געבין · מכ"ש אז ער איז אים יוא
מחוייב · עש איז מותר צוא הייסין איין עובד כוכבים
אליכט אן צינדן פרייטאג צו נאכט איידר עש איז נאך
רעכט נאכט · איין יהודי וואש איין עובד כוכבים איז
אים שולדיג געלט · אונ ער ברייגגט אים תבואה אום
שבת פאר זיין חוב · מאג ער אים געבן איין שליסל דש
ער זאל עש אפ לייגין אין איין חדר · דען ווייל עש איז
נאך ניט גימאסטין אזוא טוט דער עובד כוכבים איין
מלאכה אין זיינעם · דעסט גלייכין אז איין עובד
כוכבים מאכט קעז פון איין יהודי ווענין · אונ דער
יהודי זועהט עש צוא אום שבת איז אויך מותר · דען
דאש קעז איז נאך דעם עובד כוכבים ביז ער גיט עש
אפ דעם יהודי · אבער עש איז אסור דעם קעז מטלטל
צו זיין אום שבת מחמת מוקצה דאש איז טייטש אפ
גשייד דער פון :

(קמב) אלע דיא כלים אפילו · אגרושע פאס מעג מען
מטלטל זיין אום שבת · אבער טייערע
חשובע כלים וואש דער מענטש פארכט זיך מיט דעם
צוא ניצן מחמת היזק · דהיינו איין שעכט מעסער אונ
נאך זעלכע זאכין איז אסור מטלטל צוא זיין מחמת
מוקצה · אפילו עש ליגין אין שיידיל מיט נאך אנדרע
מעסער · אויך איין מעשנער שטייסיל איז אויך מוקצה ·
אלע דיא זאכין וואש מוקצה איז אז ער דארף זייא
נייטיג · אודער ער דארף צו זייער אורט מאג ער זייא
מטלטל זיין · אבר בייא די חשובע כלים איז אזו אויך
אסור · אזו איז אויך דער דין בייא די כלים וואש מען
דארף צו סחורה דהיינו איין וואג שאל אדר גוויכט ·
אדר איין אייל · איין כלי וואש אום שבת איז אסור
דער מיט צוא טאן דיא מלאכה וואש עש איז דרויף
גימאכט גיווארין מאג מען עש מטלטל זיין ניט צוא
זיין מלאכה · נאר צוא אנאנדער זאך · דהיינו איין
האמער אויף ניס צו קלאפין · אודער איין האק אויף
פלייש צו האקין · אויב ער דארף נאר דער צו · אודר
צוא דעם אורט וואו די כלי ליגט מאג ער זיא מטלטל
זיין וואו אהין ער וויל אפילו אויפן בוידעם אבער ער
טאר די כלי ניט מטלטל זיין פון איר טובה ווענין ·
אויך ווען די כלי ליגט אויף, אזוא איין ארט וואש ער
פארכט זיך זיא וועט ניגנבת אודער כליה ווערין מאג
מען זיא מטלטל זיין · אונ די זאכין וואש מוקצה איז
אפילו עש ליגט דרויף אנאנדער זאך ניט קיין מוקצה
מעג ער דאש אראפ נעמן · אבער דאש מוקצה טאר
ער אפילו ניט אוועק רוקען פון דעם אורט אבר ער מאג
עש אוועק בלאזין מיטען אטום דען דש הייסט ניט קיין
מוקצה· ספרים אודר אלע עסין שפייז איז מותר מטלטל
צו זיין אפילו מען דארף ניט דר צו · אבר תפילין אונ
אויך איין שופר איז אסור מטלטל צו זיין סיידין מען
דארף צו זייער אורט אודער צוא זייער בדערפניש :

דאש

דאש זייא זאלין ניט גינגבת אודר כליה ווערין :

אטייל לייט זאגין אז אזו איין כלי וואש איז גימאכט גיווארין צו זעלכע זאכין וואש איז אסור אום שבת · טאר מען עש ניט מטלטל זיין אפילו ער האט מורא עש וועט כליה ווערין · אונ אפילו ער דארף צו איר אורט · אבער אז מען לייגט דרויף איין זאך וואש ניט מוקצה איז מעג מען דאש מוקצה אויך מטלטל זיין דער מיט · אבר דער זעלבגער דין איז נאר ביא איין מת · איין כלי וואש איז צוא בראכין גיווארין אפילו אום שבת · אז די שטיקר נוצן נאך צו עפים איין זאך אודער עש איז צוא בזארגין מיזאל ניט גיזוק ווערין דרינן מאג מען זייא מטלטל זיין · אונ אוועק רוימן · אבר אזעלכעם וואש איז פריער ניט קיין כלי גיוועזין אצונד אז עש איז צו בראכין גווארין טאר מען עש ניט מטלטל זיין אפילו עש נוצט נאך צו עפים אזאך · איין זאך וואש איז ניט קיין כלי דהיינו איין האלץ אודער איין שטיין סייא גרויש סייא קליין טאר מען עש ניט מטלטל זיין אפילו ער דארף דער צו · אודער צו דעם זעלבינן אורט · איין צו בראכנע נאדיל טאר מען אויך ניט מטלטל זיין · די שטיקער פון איין דעק מאג מען יוא מטלטל זיין אויב עש טויג נאך צוא עפים · אום ריינע זאכין אודער אלין וואש ער האט אוועק גיווארפן פר שבת טאר ער עש ניט מטלטל זיין אום שבת · ווען עש היינגט ווייס גרעט אויף איין שטאנג טאר מען די שטאנג ניט רירין נאר מידארף דאש גרעט אראפ נעמן אין אזו איין אופן מען זאל די שטאנג ניט מטלטל זיין · אונ ווען גרעט ליגט אין אזו איין כלי וואש איז אסור מטלטל צו זיין אום שבת · מאג מען עש ארויש נעמן · ווייל עש איז דאך איין כלי · איין באנק וואש איז פון איר ארויש גיפאלין איין פוס · טאר מען זיא ניט מטלטל זיין · אויך ניט צו לייגין אויף אנאנדר באנק סיידין ער פלעגט נאך פאר שבת אויך אזו צוא ניצן מיט דער באנק · אויך טאר מען דיא פוס ניט אריין שטעלין · דען דאש הייסט גיבויעט :

ווען איינר האט אין זיין הויז אזעלכי ציגל וואש ער פלעגט דרויף צוא זיצן מאג ער זייא מטלטל זיין אבר אז ער האט דיא ציגל צום אויף גילייגט איינש אויף דעם אנדרין פאר שבת · דא איז דאך זיין דעה ניט צו זיצן דרויף · טאר ער זייא ניט מטלטל זיין · ווען איינר זעהט ליגן אין זיין הויז אדער אויף דער גאס שטיקער גלאז אדער איין שפיציג האלץ וואש מען קען גיזוק ווערן דרינען · מאג ער אוועק רוקין : איין לייטר וואש מען דארף אין הויז מאג מען מטלטל זיין : צווייגין פון ביימער וואש ער האט זייא אפ גריסן צוא פר ברענין איז אסור מטלטל צו זיין · אבר אז ער האט זיי צו אנאנדר צום אויף גיבונדן פר שבת איז מותר דרויף צו זיצן אום שבת · אזו איז אויך דער דין מיט איין שטיק האלץ אדר מיט איין הויכן שטיין : עש איז אסור מטלטל צו זיין איין שפאן אדער איין ברעטיל אדר איין שטיין אפילו ער וויל דער מיט צו דעקין איין פאס · אדר אריין צו שלאגן דר מיט איין צאפין · סיידן ער האט עש אן גגרייט דרויף פר שבת · איין רוט וואש מיהאט אפ גריסן פאר שבת דר מיט אראפ צו טרייבין די פליגן מאג מען עש מטלטל זיין אום שבת · דען עש הייסט איין כלי · ריינע וואל וואש מיהאט גילייגט אויף איין מכה פאר שבת איז מותר מטלטל צו זיין · ריינע אקסן פעל אבר ניט פרעמדע מאג מען מטלטל זיין · אבר פעל פון קליינע בהמות אפילו ריינע איז אסור מטלטל צו זיין · ברעטיר וואש איין בעל הבית האט אין זיין הויז מאג מען זייא מטלטל זיין · ווייל דער בעל הבית האט זייא דאך מכין גיוועזן פאר שבת צוא וואש מיוועט זייא דארפין אבר די ברעטר פון איין סטאלער איז אסור מטלטל צוא זיין סיידן ער האט זיין דעה גיהאט פאר שבת צו ניצן מיט זייא וואש ער וועט דארפן אום שבת :

אזעלכע ביינר וואש זיינען ראוי צוא איין הונט אדר שאליכין וואש איז ראוי צו איין בהמה · אונ דיא ברעקלך וואש בלייבן אויפן טיש מאג מען זייא אראפ שארין : אבער אז זייא זיינען ניט ראוי צו איין הונט אדר צוא איין בהמה טאר מען ניט מטלטל זיין נאר ער זאל דעם טיש אויף הייבן אונ זאל זייא אראפ שאקלן : ליגט אבר ברויט אויפן טישטך מאג ער צום אויף נעמן אלש מיט אנאנדר אונ אויש טרייסלין פון דעם טישטוך · דער נאך זאל ער דרויף ווידר לייגן

דאש

דאש ברויט · נמצא אז ער איז עש מטלטל פון ברויט וועגין · בינד שטרויא וואש מען האט אן גגרייט צוא עסין צו איין בהמה · מאג מען זיי מטלטל זיין אפילו זייא זיינען זייער גרויש · אזו אויך אלע זאכין וואש גהער צו עסין : סיי צו מענטשין סיי צו בהמות מאג מען עש מטלטל זיין · פיש וואש זיינען איין גיזאלצין אונ מיקען זיי נאך עסין מיט דער זאלץ מאג מען זיי מטלטל זיין אבער אז מיקען זייא ניט עסין מיט דער זאלץ איז אסור מטלטל צו זיין :

איטליכר מעג זיך אן טראגין זאמד אדער אש אונ זאל עש ליגן אין אווינקל צו זיין בדרפנש

אום דער וואכין · אונ מעג דער מיט צו דעקין אלדש אומריינקייט אום שבת · אבר אז ער האט עש ניט גילייגט אין אווינקיל טאר ער דאש ניט מטלטל זיין · אויך אז ער האט פאר גראבין פירות אדר ירקות אין זאמד מאג ער זייא ארויש נעמן אום שבת · עש איז מותר צו שטעלין איין קארב פר קליינע הינדלאך דאש זייא זאלין דרויף לויפין ארויף אונ אראפ · אבר וייל דיא הינדלאך זיינען אויפן קארב טאר מען אים ניט מטלטל זיין · איין אשה מאג פירן איר קינד אין דער האנט אויש דעם עירוב אבר זיא טאר אים ניט טראגן אטייל לייט זיינן מתיר צו שפילן מיט איין באלין אום שבת אונ אטייל אסרין · איין מלבוש וואש איז שעטנז זיינן אטייל מתיר מטלטל זיין אום שבת אונ אטייל אסרין · די ווערים וואש מען שפינט פון זייא זייד טאר מען זיי ניט טראגין בייא זיך אום שבת · איין פלעדר וויש מאג מען מטלטל זיין אונ אויך דער מיט אויש קערין · דיא זאכין וואש זיינן מוקצה פאר איין עושר איז אויך מוקצה פאר איין ארומאן · עש איז קיין חילוק ניט אין דיא זאכין · דא וועל איך שרייבין

וואש מען מעג מטלטל זיין דורך אנאנדר זאך :

(קמג) דאש איז ידוע אז איין שטיין איז מוקצה אונ איין קינד איז ניט מוקצה מטלטל צו זיין

אז דאש קינד האלט איין שטיין אין דער האנט · טאר מען עש ניט מטלטל זיין דער מיט · סיידין דאש קינד וועט ח״ו קראנק ווערין אז ער וועט ניט האלטין דעם שטיין אין זיין האנט · אבר אז ער האלט איין גראשן אין זיין האנט טאר מען אים גאר ניט מטלטל זיין · אבר מען מעג אים פירן בייא דער האנט : איין קארב מיט איין לאך · וואש דיא לאך איז פאר שטאפט גיווארן מיט איין שטיין · מאג מען דעם קארב מטלטל זיין · איין עמער פון איין ברונן וואש איז צוא גרינג אונ מיהאט צוא אים צוא גיבונדין איין שטיין ער זאל שווערער זיין מאג מען מיט אים וואשער שעפין אום שבת · אויב נאר דער שטיין איז צו גיבונדן גיווארין פאר שבת : איין קארב מיט אויפס וואש ליגט דרינן איין שטיין · איז עש אזו איין אויפס וואש ווערט ניט מיאוס אז מען שיט עש אויש · זאל ער דעם קארב איבר קערין עש זאל אלין ארויש פאלין · דער נאך מאג ער אריין לייגן דאש אויפס · אבר אז עש איז אזו איין אויפס וואש ווערט מיאוס אז מען שיט עש אויש · מאג מען עש מטלטל זיין מיטין שטיין · ווען איינער האט פאר געסין געלט אדער אשטיין אויף איין טיש אדער אויף איין בעט אדער אויף איין קישין · אדער אויף איין כלי אדער אויף איין מלבוש . מאג ער עש אראפ שאקלין · אבער אז ער האט בכיון גילייגט דרויף טאר ער עש ניט אראפ שאקלין : דען די זאך וואש מוקצה ליגט דרויף איז אז ווי דש מוקצה זעלברט: ווען איינר לייגט ארויף איין דבר מוקצה אפילו במזיד אויף אזו איין זאך וואש איז ניט זיין · מאג עש וואול יענר אראפ שאקלן · דען קייגער קען ניט אסרן וואש ניט זיינש איז · אונ אויך אפילו דר וואש האט ארויף גילייגט די מוקצה אז ער דארף צוא דעם ארט מאג ער וואול צוא נעמען דיא זאך וואש דאש מוקצה ליגט דרויף · קיין שום עסין שפייז איז ניט מוקצה · אפילו איינער האנדילט מיט עסין שפייז מאג ער דער פון געמן צו עסין אום שבת · אויך אפילו ווען איינר האט גיזייט ווייץ אדער קארין אונ עש איז נאך ניט איין גיווארצילט אין דער ערד מעג ער נעמן דער פון צוא עסין · אויך מעג מען ארויש נעמן דיא אייער פון אונטער דיא הינר אום שבת צוא עסין אויך אזו איין אויפס וואש ווערט צייטיג ביז עש ווערט צוא גילעגין מעג מען עסין דר פון אום שבת אבר אז מיהאט עש גילייגט טריקענען · טאר מען עש אפילו ניט מטלטל זיין

זיין

זיין · אבר אז דאש אויפס איז פון איין עובד כוכבים ·
דאש ער האט זיך עש גלייגט צו טריקענן מאג מען
עש יוא עסין · אלע זאכן וואש זיינן מוקצה גוועזן תחלת
שבת · איז עש אסור אגאנצן שבת · אפילו עש איז
דער נאך פאריכט גיווארין · מען טאר ניט שטעלין
קיין כלי אונטר איין דבר מוקצה · דען מיוגעט דאך
די כלי אויך ניט טארין מטלטל זיין · אונ מיטאר ניט
אסרין קיין כלי אום שבת · ווען איינער האט ארויף
גילייגט געלט אויף אזו איין זאך וואש ניט מוקצה איז
דהיינו אויף איין טיש אדר אין איין זאק נמצא האט
ער דאך דיא זאך אן גיגרייט צו געלט נוא איז דאש
מוקצה גלייך מיט דיא געלט :

איין מת איז מוקצה אונ מיטאר אים ניט מטלטל זיין ·
סיידין מען לייגט אויף אים איין קינד אדר אשטיק
ברויט · אויך מאג מען זאגן צו איין עובד כוכבים ער
זאל אים מטלטל זיין · אונ דאש איז אלין גירעט
גיווארין אז דער מת גייט נאקעט · אבר אז ער ליגט
אין עפעס איין מלבוש · דהיינו איין ליילאך · אדער
אנאנדר מלבוש מאג מען אים וואול זעלבסט מטלטל
זיין אן איין שום זאך · דאש איז אלין בייא איין מת ·
אבר אנאנדר מוקצה טאר מען ניט מטלטל זיין דורך
אזו איין זאך וואש ניט מוקצה איז · מען טאר ניט אן
רירין אין קיין שום אבר פון איין מת אום שבת · דרום
טאר מען אים ניט צו מאכין דיא אויגן אונ דאש מויל
אבער מען מעג וואול אונטר בינדען זייני קין באקין ·
אז דאש מויל זאל זיך ניט ווייטער עפנין : ווען איינער
האט אריין גילייגט ירק אין זאמד · אונ עש איז נאך
ניט איין גיווארצילט גיווארין מאג ער עש ארויש ציהן
אום שבת בייא דיא בלעטיר האטשי דיא זאמד ווערט
אראפ גישאטין · נאר ער זאל ניט אן רירין אין דר זאמד ·
שטרוי וואש מיהאט זיא אריין גילייגט אין איין בעט
פאר שבת · מאג מען זיא אויש גלייבין אום שבת ·
אזעלכי שטרוי וואש זיינען מוקצה דהיינו זיא איז ניט
גילעגן אין איין בעט · אז ער האט אין דר שטרוי אריין
גילייגט אופס מאג ער עש וואול ארויש נעמען מיט
דר האנט אונ אויב מיט זיין ארויש גנעמען ווערט ער
די שטרויא מטלטל זיין · וויא זאל ער טאן · זאל ער

אריין טאן איין מעסיר אין דעם אופס אונ זאל עש דר
מיט ארויש נעמין · אבר אז דאש אופס ליגט אין דער
ערד אדער אין זאמד. אזו קען ער עש דאך מיט קיין
מעסיר ניט ארויש נעמן · מאג ער עש וואול ארויש נעמן
מיט דר האנט · אויב ער וויל דר מיט לייטין מכבד זיין:
ווען איינר וויל זיין צורך טאן מאג ער מיט נעמען
שטיינר אין זיין האנד זיך אונטר צוא ווישן דער
מיט · איין שטיק ערד וואש וואקסט דרויף גראז מאג
מען זיך אונטער ווישן דער מיט · אונ איך האב קיין
מורא ניט ער ווערט אויש רייסין דאש גראז · דען
איטליכר ווייסט אז דאש איז איין איסור · אבר מיטאר
זיך ניט אונטר ווישן אויף ווייכי ערד · דען זיא ווערט
צוא ברעקילט · מיט איין שערביל איז איין סכנה זיך
אונטר צו ווישן דר מיט אפילו אום דער וואכין מחמת
כישוף · אדר ער ווערט זיך דרינגן אשניט געבין · מען
מאג זיך וואול אונטר ווישן אויף גראז וואש וואקסט
נאך אויף דער ערד אבר מיזאל נזהר זיין ח"ו עש ניט
אויש צוא רייסין · ווען איינר קען ניט זיין צורך טאן
ביז ער מוז דאש מקום הנקיות עפנן מיט עפים איין זאך ·
זאל ער עש אום שבת עפנן דורך איין שינוי ניט וויא
ער פלעגט צו טאן אום דר וואכין : עש איז אסור זיין
צורך צו טאן אויף איין גיאקירט פעלד אום שבת · דען
ער מאכט איין גרוב · אונ אויף איין יהודיש פעלד טאר
מען אום דר וואכין אויך ניט : (קמר) איין טיר אדר איין
לאדין וואש איז ניט צו גיבונדן נאר עש איז גימאכט
גיווארין צוא פאר שטעלין דער מיט אז ער האט דרויף
אין זינען גיהאט אום דער וואכין · מאג ער וואול דער
מיט פאר שטעלין אום שבת · אבער אויף איין ריגל
אונטר צוא שפארין העלפט ניט זיין מחשבה פון אום
דר וואכין · ביז עש מוז פאר שניצט זיין איין שפיץ
דאש איטליכר זאל ווישן אז דאש איז איין ריגל · אונ
זונסט טאר ער עש ניט מטלטל זיין אום שבת · אונ אז
דער ריגל ווערט אריין גירוקט אין דער שוועל אריין
העלפט קיין שפיץ אויך ניט · נאר ער מוז מאכין
אנאנדר זאך עש זאל דער קענט ווערין אז עש איז
איין ריגל : אונ אז די שוועל איז נידעריג ביז דער ריגל
קומט אריין אין דער ערד · טאר מען מיט אים ניט צו

רינגלען אום שבת :

איין טיר וואש מען עפינט זיא ניט אופט דהיינו איין הינטר טיר אדר איין טיר פון אגארטין אדר פון איין הויף אונ זיא איז נידריג צו דער ערד ביז אז מען עפינט זיא גראבט זיא אין דער ערד · איז דער דין אזוא אז זיא האט אנגלין פון אויבין אונ פון אונטין מעג מען זיא עפנן אום שבת· אונ אויב ניט טאר מען זיא ניט עפנן אונ ניט צוא מאכן · סיידן זיא איז הויך פון דער ערד ביז זיא רירט ניט אן אין דר ערד · ווען איין אנגיל פאלט ארויש טאר מען אים ניט ארין זעצן אום שבת · איין טיר וואש איז גימאכט גיווארן פון איין שטיק ברעט · אונ אונטן האט זיא קיין שוועל ניט אונ אז מען עפינט זיא שלעפט זיא זיך נאך אויף דער ערד · טאר מען זיא ניט עפנן אונ צו מאכין אום שבת · אבער אז זיא איז פון צווייא שטיק ברעטער אפילו זיא האט ניט קיין שוועל מאג מען זיא יוא עפנן אונ צו מאכן · איין אלמער אדער איין קאסטן אדער איין שיינק וואש איז גימאכט גיווארן מיט איין טיר מיט אנגלן אז דר אונטרשטר אנגל איז אביסל ארויש מאג מען אים ארין טאן אום שבת · אבער אז ער איז אין גאנצן ארויש אדר אז דער אייברשטער אנגל איז אפילו נאר אביסל ארויש טאר מען אים ניט ארין טאן אום שבת · איין באנק בעטיל וואש איז גימאכט גיווארן דרויף צו זיצן טאר מען עש ניט איין שלאגין אדר אויש שלאגן מיזאל קענן זיצן דרויף · דען עש הייכט איין רעכטע מלאכה :

איין בעכר וואש איז גימאכט גיווארן מיט שרייפליך טאר מען ניט פאר שרויפן אונ אויף שרויפן אום שבת· ווען איין באלקן הייבט זיך אן איין צו ברעכן אום שבת מאג מען אים אונטר שפארן מיט איין באנק ער זאל זיך ניט ווייטר איין ברעכן אבר אויף צו הייבן אים טאר מען ניט · אונ דיא זאך וואש עש שטעלט דער מיט אונטר זאל ער עש שלאפלאך אונטר שטעלן דאש ער זאל עש קענען ארויש נעמען אום שבת · אז עש איז ארויש גיפאלן איין פוס פון איין באנק טאר מען אים ניט אריין שטעלן אום שבת · אונ אויך טאר מען דיא באנק ניט ליגן אויף אנאנדר באנק · סיידין אז דער פוס איז נאך ארויש גיפאלן אום דער וואכין · אונ ער פלעגט זיא פאר שבת אויך ארויף ליגן אויף אנאנדר באנק דא מאג ער אום שבת אויך אזו טאן · איין מעסר וואש שטעקט אין דר וואנט טאר מען עש ניט ארויש נעמן אום שבת ווייל די ליים ווערט אראפ פאלן אבער פון איין באנק מאג מען אים יוא ארויש נעמן · דר וואש שטעקט אריין איין האלץ אין אנדרן איז עש איין רעכטי מלאכה · אונ עש איז אסור אום שבת· איין הויף וואש איז נאס מעג מען אויף שפרייטן שטרויא אום שבת צו גיין דרויף · אבער ער זאל ניט טאן וויא אום דער וואכין · דאש ער זאל טראגן דיא שטרויא אין הויף אריין מיט איין אום רייניע כלי :

(קמה) עש איז אסור צוא מאכין איין לאך אין איין פאס אום שבת · אפילו ער דארף דער צו · אבר אז עש איז שוין פאר האנדין איין לאך מאג ער דרינן איין צאפין אדר איין שפונט אריין שטעקן· איין פאס וואש האט שוין פון לאנג איין לאך · נאר זיא איז פאר שטאפט גיווארן פון דיא הייבין · איז דער דין אזו אז די הייבין זיינן נידריגר פון דער לאך מאג מען זיא וואול אויש מאכין · אונ אז דיא הייבן זיינען העכר פון דער לאך טאר מען זיא ניט אויש מאכין אום שבת · אויך איין צאפן וואש קען ניט ארויש פון דר פאס מאג מען אים אריין שלאגן מיט אנאנדער צאפין אז ער ווערט אן גיזעהען העכער פון דיא הייבי· אבר אז דיא הייבין זיינן העכר טאר מען ניט · ווען איינר האט פרלארין אדר צוא בראכין איין שליסל פון איין חדר אדר פון איין אלמער · אונ ער דארף דער צו נייטיג אום שבת · זיינען אטייל מתיר ארויש צוא נעמן דיא טיר פון דיא אנגלין אונ אטייל אסרין עש · דרום זאל מען עש הייסן טאן איין עובד כוכבים· איין קארב מיט אויפס וואש איז פאר קניפט מאג מען אפילו אויף שניידין דעם שטריק אום שבת מיט איין מעסר · עש איז גלייך ווי איינר צו ברעכט די שאליכין פון איין נוס ער זאל קומן צום אינווייניגסטן:

(קמו) עש איז אסור צוא מאכן איין גיצעלט אום שבת דאש ער וויל פאר שפרייטן איין טוך אדר איין מאנטל אויף שטיקער האלץ · דען עש הייסט גבוי׳אט · אויך

קיין וואנט טאר מען ניט מאכן פון קיין שום זאך · אבר איין פיר האנג פאר דעם ווינד אדר פאר איין טיר אדר פאר איין פענצטר מאג מען יוא מאכן :

## (קמז) דיני צידה בשבת

דער וואש יאגט נאך איין בהמה אדר איין חיה אדר איין עוף אום שבת · אדר ער טרייבט זיי אריין אין איין הדר אריין עש זאל גיפאנגן ווערן · דאש איז ארעכטי מלאכה · אונ אז ער טוט עש במזיד איז ער חייב מיתה אונ אפילו ער רייצט נאר אן אהונט אויף זייא ער זאל זייא האפין דאש טאר מען אפילו אום דער וואכין אויך ניט טאן בפרט אום שבת איז גלייך וויא ער זעלברט וואלט עש גיטאן · איין פליג טאר מען אויך ניט האפין אום שבת · דרום טאר מען ניט צוא מאכין קיין אלמער אונ קיין קאסטין ביז מען טרייבט ארויש די פליגן דאש קיין שום פליג זאל דרינן ניט פאר שלאסין ווערן אונ אפילו איין חיה אדר איין עוף לויפט זעלבערט אריין אין זיין הויז אריין אונ ער מאכט צוא דיא טיר עש זאל גיפאנגען ווערן איז ער אויך חייב מיתה במזיד · אונ אפילו ער זעצט זיך פר דר טיר אדר פארין פענצטר עש זאל ניט קענן ארויש איז ער אויך חייב · אונ אז איינר האט זיך גיזעצט פר דר טיר זיי צו פר שטעלין · מאג זיך שוין אנאנדרער זעצן לעבן אים אונ נאר דער ערשטער איז חייב אונ אפילו דער ערשטער גייט אוועק מאג דער אנדערר בלייבין זיצן · ווען איינר האפט איין שלאנג פון איין רפואה וועגן איז אסור · אבר כדי אז ער זאל ניט מזיק זיין דיא לייט איז מותר · מיטאר ניט האפין קיין פלויא אום שבת אבר אז זיא איז אים מצער מאג ער זיא אראפ ווארפן פון זיין לייב :

בייזע חיות אדר שרצים וואש מען ווייש גוויש אז זייא זיינן ממית דיא לייט · איז איין מצוה זיי צו הרגנן אפילו אום שבת אבר אז מען ווייסט ניט גוויש אויב זייא זיינן ממית דיא לייט טאר מען זייא ניט הרגנן · סיידן זייא לויפן נאך אימעצן · אויך מאג מען אויף זייא טרעטין אן כוונה · אבער שפינן אדער בייזע ווערים אונ פליגן דער וואש הרגת זייא אום שבת איז חייב מיתה · אויך דאש גלייכן מאג מען טרעטין מיטען שוך אן כוונה אויף שפייאכץ וואש ליגט אויף דער ערד · אבער פאר שטרייכין איז עש אסור סיידן עש ליגט אויף גיפלאסטירטער ערד · מיטאר ניט פאנגן אום שבת קיין הויז הינער אדער גענז · אדר איין קאץ אדר איין הונט אונ מיטאר ניט מטלטל זיין קיין שום בעל חי בפרט אזעלכם וואש האט פעדערן איז דיא עבירה נאך גרעסר · דען טאמר וועט ער אויש רייסן איין פעדר :

## (קמח) דיני קשר בשבת

ווען איינער מאכט אום שבת איין קנופ זאל אזוא בלייבין אויף אייביג אדר ער קניפט אויף אזו איין קנופ איז ער חייב · צוויי קניפן איבר אנאנדר הייסט איין רעכטר קנופ אפילו עש איז ניט גימאכט גיווארן אזו צו בלייבן · אונ דר וואש מאכט איין קנופ ער זאל אזו בלייבן איבר שבת · אדער ער מאכט אפילו נאר איין קנופ אין איין שטריק אדר אין איין שנירל איז ער אויך חייב · אזוא אויך איז ער חייב אויפן אויף קניפן אזו וויא איין קנופ מיט איין שלייף אין צווייא שנגליך איז מותר · אבער אין איין שנירל איז אסור · ווען איינם האט זיך פר קניפט די העמד מאג ער זיא אויף קניפן · דען דש הייסט איין צער אז ער וועט עש ניט אויף קניפן · אזו אויך ווען איינעם האט זיך ארויש גיצוגן איין שנירל פון איין שוך מאג ער עש אריין ציהן · אויב ער דארף קיין פיל טירחא ניט האבין דער צו אבער אז ער דארף יוא האבין פיל טירחא דער צו איז אסור · דען טאמר וועט ער עש פאר קניפן · אז די וועשרין האט צום אויף גיקניפט וויים גרעט מעג מען עש אויף קניפן · אבער אז עש איז נאך פון דער נייא אזוא צום אויף גיקניפט פון דער נייטארין אדער איין שוסטער וואש האט צום אויף גיקניפט איין פאר שיך טאר מען זייא ניט אויף קניפן · עש איז מותר אן צו קניפן איין העמד מיט איין שנירל דער מיט וואשר צו שעפין · אבער ניט מיט איין גארטיל אדר מיט איין שטריק · דען איך האב מורא טאמער וועט עש אזוא בלייבין · אבר מיט איין שלייף איז דר מיט אויך מותר :

## (קמט) דיני המבשל בשבת

דער וואש קאכט אום שבת טאר ער דר פון קיין הנאה

ניט

ניט האבין · אז וויא איך וועל דא בשיידן דר וואש קאכט אודער ער טוט אנאנדר מלאכה אום שבת במזיד מיט גוערין · טאר ער דער פון קיין מאל קיין הנאה ניט האבין · אבער אנדרע לייט מעגין דער פון הנאה האבין נאך שבת · אבר זייא דארפין ווארטין אזו לאנג ביז די זאך וואלט שוין גיקענט גיטאן ווערין נאך שבת · טוט ער עש בשוגג דאש ער האט פאר געסין אז עש איז שבת · אדער ער האט גימיינט דאש איז קיין מלאכה ניט · טאר קיינער דער פון קיין הנאה ניט האבין אום שבת · אבר נאך שבת מאג ער זעלבסט אויך הנאה האבין דר פון · נאר מען דארף ווארטן וויא אויבן שטייט אונ אפילו איינער הייסט איין עובד כוכבים איין מלאכה טאן טאר מען אויך דער פון קיין הנאה ניט האבין ביז נאך שבת · ווען איינער האט גיקוילט איין הון פון אקראנקין וועגין מאג איין גיזונטר אויך עסין דער פון · אבער אז אפילו איין עובד כוכבים האט גיקאכט אודער ער האט אפ גריסן פירות פון אקראנקין וועגין טאר קיין גיזונטר דער פון קיין הנאה ניט האבין · דען איך האב מורא טאמער וועט ער מער קאכין אדר אפ רייסין פון זיינט וועגין · אונ אזו וויא מיטאר ניט קאכין בייא דעם פייאר · אזו אויך טאר מען ניט קאכין ביי דעם וואש איז דער היצט גיווארין פון פייאר · מיטאר ניט אריין לייגין בראטין איין איי אין אהייסין טאפ אדר אין איין הייסער טוך · אפילו עש איז דער היצט גיווארין פון דער זון · אבר אויף דער זון זעלבסט מאג מען עש יוא בראטין אדער וואשער צו ווארמין :

איין גיקעכין וואש איז קאלט גיווארין · איז עש אסור צוא שטעלין לעבין פייאר · ווייל עש וועט זיך בעסר איין פרעגלין · סיידין אז עש איז שוין פריער רעכט גיקאכט גיוועזן אונ עש איז נאך אביסל ווארים אונ עש איז קיין יוך אויך ניטא דרינען · אזוא וועט זיך דאש פרעגלין ארגער מאכין · דא איז עש מותר צוא שטעלין פון ווייטין בייא דעם פייאר אויף אזו איין ארט וואש זאל ניט קענען זידין אבער עש מעג אזוא הייס ווערין ביז מיזאל קיין פינגר ניט קענין איין האלטין דרינן · אבר וויא באלד עש פעלט איין זאך פון דעם אלים איז אסור · אויך טאר מען קיין הייסע וואשר ניט גיסן אויף איין הארטע עסין ווארג אדער אויף גיזאלצנע הערינג · אויך ווען מען האט צוא שניטן ברויט דרויף ארויף צוא גיסן יוך טאר דיא יוך ניט זיין אזו הייס אז מיזאל קיין פינגר דרינען ניט קענען איין האלטן · איין טאפ וואש שטייט אויפן פייאר טאר מען אויף אים ניט ארויף שטעלן אנאנדר טאפ מיט גיקעכין צו ווארמין · אבר אז ער שטייט נאך לעבין פייער מאג מען אויף אים יוא ארויף שטעלין אזו איין טאפ מיט גיקעכין וואש איז נאך ניט גאר קאלט גיווארין · אזו איין גיקעכין וואש איז נאך הייס אז מיקען קיין פינגער ניט האלטין דרינען טאר מען דרינען קיין בשמים אונ קיין זאלץ ניט אריין שיטן אויך טאר מען ניט אריין לייגין קיין בשמים אדער זאלץ אין איין שיסל אריין · אונ דרויף ארויף צוא גיסן דאש הייסע גיקעכין :

אויך טאר מען ניט אריין גיסן קיין קאלטע וואשער אין ווארימע עש זאל ווארים ווערין · אבער ווארימע אין קאלטע איז מותר · איין קעסיל וויש הייגנט ניט איבר דעם פייאר אונ ער איז נאך הייס מאג מען אין אים אריין גיסן פיל קאלטע וואשר מיט אמאל · אבר אז ער הייגנט איבער דעם פייער איז אסור · ווען עש שטייט ווארים וואשער אין איין כלי אונ עש איז ניט דרינן גיווארימט גיווארין · מאג מען דרינען אריין שטעלין ויין אדר ביר אדער וואשער עש זאל ווארים ווערין · אויך מעג מען שטעלן איין קאלט גיטראנק אדער עסין שפייז ביי דעם פייער · אבער ער טאר עש ניט שטעלין אויף אזו איין ארט וואש קען דארט הייס ווערין ביז מיוועט קיין פינגר דרינן ניט קענן איין האלטין · אפילו ער וויל עש באלד אוועק נעמען אדער ער וויל אכטונג געבין עש זאל ניט הייס ווערין איז דאך אסור · דען איך האב מורא טאמער וועט ער פאר געסין · אדר ער וועט מחלל שבת זיין ח״ו · דרום מאג מען אריין שטעלין דעם טשאלינט אין אויבין אריין צוא דער האלטין זיין הייץ · אבער ניט אויף אזוא איין ארט וואש וועט הייסער ווערין :

איין פלאדין אפילו ער איז שוין קאלט מאג מען אים שטעלין בייא דעם פייאר ער זאל אביסל דער ווארימט ווערין · אבר ניט אזו נאהינט ער זאל זיך קענין באקין · איין גיקעכין וואש איז דרינען פאר האנדין יוך שטייט דאך אויבן אז עש איז אסור עש צוא שטעלין

לעבן

לעבין פיאר · אבער אז ער האט אורחים ביי זיך אודר אנאנדר דבר צורך מאג ער שטעלין לעבין פיאר ביז עש זאל אזו היים ווערין אז מיזאל קיין פינגער ניט קענין איין האלטין דרינען · איין טאפ וואש שטייט ביי דעם פייער טאר מען אויף אים ניט ארויף שטעלין קיין אנדר טאפ מיט גיקעכץ · אויב עש קען אויף דעם אורט אזוא היים ווערן אז מיזאל קיין פינגר ניט קענין איין האלטין דרינן · אונ אויב ניט איז מותר · דר וואש מישט אונטר דאש גיקעכץ אין טאפ מיט איין לעפיל · אונ דער טאפ איז נאך היים · איז גליך וויא ער קאכט · אונ דר וואש טוט דאש איז חייב · דרום טאר מען ניט ארויש נעמען פון איין טאפ אדר פון איין פאן מיט אלפיל נאר ער מוז עש אין גאנצין אויש גיסן אין שיסל אריין · סיידין עש איז קאלט אדער רעכט גיקאכט · דאש מען דארף עש ניט אונטער מישן · איין גיבראטינש אדער איין פלאדין וואש שטייט בייא דעם פייער טאר מען אים ניט שמירן מיט שמאלץ אפילו עש איז שוין גוט איין גיבראטין :

## (קמט) דין הבורר בשבת

דער וואש קלייבט אויש די גוטע עסין שפייז פון דיא שלעכטע אום שבת איז ער חייב מיתה · דרום דר וואש האט פאר זיך צווייא אירלייא עסין שפייז טאר ער ניט אויש קלייבין איינש פון דעם אנדרין · סיידין ער וויל נאר עסין איינש דער פון אויף דר זעלביגר סעודה · אבער עש איז אסור אויש צוא קלייבין אויף אנאנדער סעודה · ווען איינער האט פאר זיך צווייא ערלייא מינים ניס אונ מאנדלין אדר קארשין אדער בארין אדר אנדרע צווייא מינים · אונ ער וואלט גערין נאר איין מין פון זיי גיגעסין · מאג ער וואול איינש ארויש נעמען מיט זיין האנט אונ זאל עש באלד עסין · צוויי אירלייא פיש האט אויך דעם דין אין זיך פון צווייא מינים אפילו זייא זיינען איטל גרושע שטיקר טאר מען אלש ניט אויש קלייבין סיידין מיט דער האנט די שטיקער פיש איז אלש איין מין דרום מעג מער וואול אויש קלייבין די גרושע אודר דיא קליינע שטיקער · דען וואש קלייבט אויש איין מין פון דעם אנדרן · אונ ער וויל עש האלטין אויף דר אנדרער סעודה · דהיינו פון פרייטאג צוא נאכט אויף שבת פרי אדער פון שבת פריא אויף שלש סעודות איז ער חייב · דער וואש קלייבט אויש די שלעכטע פון די גוטע אפילו מיט דער האנט אונ אפילו דאש גוטע איז פיל אונ דאש שלעכטע איז ווינציג · נוא איז דאך אגרושע טירחא דש גוטע ארויש צו קלייבין איז ער דאך חייב :

עש איז פאר האנדין איין מין ארבעס וואש הייסט תורמוסין · צווישן דעם מין ארבעס גפינט זיך שלעכטע וואש מאכין גוט אונ זיס דיא גוטע · פון דעם מין טאר מען ניט אויש קלייבין די גוטע · דען ווייל דיא שלעכטע מאכין זייא גוט הייסט דאש דיא שלעכטע די זאנגין פון קארין טאר מען ניט צוא רייבין מיט דער גאנצער האנט וויא ער פלעגט טאן אום דער וואכין נאר מיט צוויי פינגער · אויך איז אסור אראפ צוא נעמן דש גרינע פון די ניס · ווייל מיקאן זיי אזו עסין אום גישיילט · זאנגען וואש זיינען צו ריבן גיווארין פר שבת· טאר מען ניט ארויש ווייאן די מעקנע אום שבת מיט איין כלי · נאר מיט דער האנט · עש איז אסור איין צוא ווייקין ארבים אום שבת אז דיא שאליכץ זאל אראפ · איין טוך מיט הייבין וואש זייעט זיך נאך פון פאר שבת טאר מען דרויף ניט ארויף גיסן נאך הייבין אום שבת · אבר מען מעג ארויף גיסן וואשער דאש זיי זאלין לויטער ווערין · ווען עש גיפינט זיך פליגליך אדער אנאנדר זאך אין עפיס איין משקה מאג מען עש איבער זייען דורך איין זיפ אדר דורך איין טוך אום שבת · אבער וואשער טאר מען ניט זייען דורך איין טוך · דען ער וואשט זיא אויש · אויך אזו איין משקה וואש מיקאן זיא ניט טרינקן איבר דר הייבין טאר מען זיא ניט איבר זייען · אונ ווען ער זייעט עפיש איין משקה דורך איין טוך זאל ער גיווארינט זיין קיין גרוב ניט צוא מאכין אין דער טוך · נאר ער זאל זייען וועט זיך די גרוב מטילא מאכין · אונ אז ער זייעט דורך איין זיפ זאל ער גיווארינט זיין זיא צו האלטין איין טפח הויך פון דער כלי וואש ער זייעט דרינען :

וויין אדער ביר וואש עש איז דרינען פאר האנדין הייבין טאר מען עש ניט אפ גיסן פון דער הייבין אום שבת · דען עש הייסט גיקליבן נאר ער זאל עש אפ גיסן פאמעליך אונ זאל אביסל איבר לאזין אין דיא הייבין · וואשער וואש עש איז דרינען פאר האנדין ווערים מאג

מען

מען זיא טרינקען דורך איין טוך · דען דאש הייסט ניט גיזייעט ניט מער דיא טוך האלט אויף די וועריס פון צו קומען אין זיין מויל אריין · דר וואש שלאגט אויש פוטר אום שבת איז ער חייב דען ער קלייבט אויש דש שלעכץ פון גוטש · אויך טאר ער ניט אן הייבין די שמעטנע דש ער וויל עסין די זויער מילך · נאר ער זאל אזוא אראפ עסין די סמעטנע פון אויבן · אויך טאר מען ניט אראפ נעמען דאש פעטש פון דיא יוך מיט איין לעפיל אדר אפ צו גיסן אין אנאנדר כלי סיידן עש בלייבט איבר אבסל אין דיא יוך · עש איז אסור צו שפייען אויף איין ווינט · דען דער ווינט פאר טראגט דאש שפייעכץ · אזוא איז גלייך וויא מען ווינט שויפלט :

## (קנ) דיני סחיטה בשבת

עש איז אסור אויש צוא קוועטשין איילבער אדער ווין טרויבין אום שבת · אונ אפילו דער ווין גייט פון זיך זעלברט : טאר מען דער פון ניט טרינקן דעם זעלביגן שבת: אפילו ער האט דיא פירות אן גיגרייט צו עסין טאר ער אויך ניט טרינקען דעם ווין וואש איז אויש גילאפין דער פון : וויל עש איז דער סדר ווין טרויבן אויש צו קוועטשין : אבר אזעלכע פירות וואש איז ניט דער סדר זייא אויש צו קוועטשין דהיינו מילגרומן אדר אנדרי פירות איז מותר צו טרינקען די זאפט וואש גייט ארויש דער פון אום שבת : אבער מיטאר זיי ניט אויש קוועטשין נאר אונטר ווייליכש · אונ אזעלכי ווין טרויבין וואש רינן נאך פון פאר שבת אפילו זייא רינן אויך אצונד אום שבת : מאג מען דער פון טרינקן : וויל איטליכער טראפין וואש רינט ווערט בטל אין דעם פריערגן : דיא אויש גיקוועטשטע ווין טרויבן וואש מען ווייקט זייא איין צו מאכין עפים איין משקה דר פון : אונ עש גיפינט זיך דרינן גאנצע קערנערליך אונ זיי רינן אויש אום שבת מאג מען טרינקען דער פון : אויך איז מותר אויש צוא קוועטשין ווין טרויבן אין איין גיקעכץ אריין אום שבת עש גוט צוא מאכין: עש איז מותר אויש צוא קוועטשין עפים איין שפייז: אויב ער דארף ניט דיא וואשר וואש גייט ארויש דער פון : אבער אז ער דארף דיא וואשער דער פון טאר ער עש ניט אויש קוועטשין סיידן אין איין גיקעכץ אריין · שנייא אדר אייז טאר מען ניט מאכין צו גיין מיט דר האנט : אויך ניט צו ברעכין אויף קלייני שטיקליך עש זאל צו גיין אבער מיט איין כלי איז מותר צו ברעכין : אויך טאר מען עש ניט לייגין אויף דער זון אדער לעבין פייאר עש זאל צוא גיין אונ ברייעבר אז מיהאט עש יוא גילייגט איז מותר צו טרינקן די וואשיר דער פון : דער וואש וואשט זיך אום שבת אום ווינטער זאל ער גיווארינט זיין ניט צו מאכין צו גיין אייז אודער שנייא מיט זיינע הענט : אויך טאר ניט זיין קיין זאלץ אויף זיינע הענט בשעת וואשין זיך : דען די וואשיר ווערט עש מאכין צוא גיין : אויך טאר מען קיין כלי ניט אויש וואשין אום שבת מיט קיין שום זאך : אונ דער וואש וואשט זיא אויש מיט זאלץ האט ער צוויי עבירות : אויך איז אסור משתין צו זיין אין שנייא אים שבת : דען ער מאכט אים צוא גיין : עש איז אסור צוא פאר שטעקין איין פלעשיל מיט איין נאסע טיכל · דען מען מאכט עש אויש קוועטשין · עש איז מותר אריין צו טאן זאפרין אין איין עסין עש זאל אשייני פארב בקומן · דר וואש עסט רוטי אדער שווארצי קארשין אום שבת אונ זייני הענט ווערין גיפארבט דער פון : טאר ער מיט זיי קיין טוך ניט אן רירן · דען ער מאכט עש פארבין · אבער ברויט מאג ער אן רירן · אונ מאג עש אפילו איין טונקן אין די קארשין חאטשי עש ווערט גיפארבט :

## (קנא) כמה מיני דינים משבת תולש טוחן תיקוני מאכל מעבר איפה ולש

ווען איינר האט גיבונדין שטרויא אויף צוא פאר ברענין איז עש מוקצה · אונ מיטאר עש ניט מטלטל זיין אום שבת · אבער אז ער האט עש אן גיגרייט פון פאר שבת צו געבין עסין זיין בהמה · איז ניט מוקצה · מיטאר ניט מאכין קיין זאלץ וואשיר אום שבת · אויך איז אסור צוא בזאלצין עטליכי שטיקליך רעטיך בנאנדער סיידין איינש רירט ניט אן דאש אנדרי · אונ ער וויל עש עסין צו דער זעלביגער סעודה · אויך איז אסור צוא בזאלצין גיקאכט פלייש אדר אייער סיידין ער וויל עש עסין צו דער זעלביגר סעודה · גיזאטנים ארבים מאג מען יוא בזאלצין אום שבת · עש איז אסור צו קלאפין זאלץ אדר

פעפיר אין איין שיסיל אום שבת אבער אין איין שיסל מיט איין שטיל פון אמעסיר אדר פון אלעפיל איז מותר · עש איז מותר צו שניידין גיקאכט אדר גיבראטן פלייש אפילו אויף קליינע שטיקליך מיט איין מעסיר · אבער ניט מיט איין האק מעסיר · אויך איז אסור צוא רייבין קעז אדר ברויט אויף איין ריב אייזן · אבר מיט דער האנט איז מותר צוא ברעקלין · ווען איינר האלט שמעקינדיגי קרייטיכער אין וואשר מאג ער וואול אונטר גיסן פרישי וואשער אבער ניט גאר אנדרי וואשער אויך טאר מען ניט שניידין אום שבת קיין קרייטעכער אדער פירות אדער רעטיך אויף קליינע שטיקליך · סיידין ער וויל עש עסין צו דער זעלביגער סעודה · אויך איז אסור צו נעמין דעם האניק פון דעם בין שטאק · אויך איז אסור צו קנעטין אום שבת : אויך איז אסור אריין צו גיסן ויין אדר עסיק אדער ביר אין צו ריבענע קערינדליך דען עש הייסט גיקנעטין · אבר אז מיהאט פר שבת דרינן אריין גינאסין · מאג מען אום שבת נאך אריין גיסן · אויך מאג מען אריין גיסן ויין אדר עסיק אין איין שיסל אונ דר נאך אריין צוא ווארפין דרינן דאש קערינדל אונ מאג עש אונטר מישן מיטן פינגער · אבער ניט מיט איין מעסיר אדער מיט אלעפיל · אויך איז מותר איין עסין שפייז צו מאכין אין איין שיסל · אבער ניט קיין פרי · אויך איז אסור צו שיילין קנאביל אדער ציבלים · סיידין ער וויל עש עסין צוא דער זעלביגר סעודה :

## (קנב) דיני נולד בשבת

איין איי וואש ווערט גיבארין אום שבת אדר יום טוב איז עש מוקצה : אונ מיטאר עש ניט מטלטל זיין · אונ אז דאש איי איז פאר מישט גיווארין אפילו צווישן טויזנט אייער זיינען אלי מוקצה · אבער מען מעג עש צו דעקין מיט איין כלי עש זאל ניט צוא בראכין ווערין · נאר ער זאל גיווארינט זיין עש ניט צוא רירין פון ארט : אונ אז יום טוב גיפאלט ערב שבת אדער זונטאג איז עש ביידע טעג אסור · אונ אז מען טוט עש אריין אין איין גיקעכין איז עש אסור צוא עסין ביידע טעג : דאש אופס וואש פאלט אראפ פון בוים אום שבת איז אויך אזו דער דין · קיין האלץ טאר מען ניט מטלטל זיין אפילו אקליין שפענדיל די ציין אויש צו מאכין · אבר איין שטרויא איז מותרי אויך שמעקינדיג האלץ מכ״ש שמעקינדיגע קרייטיכער מאג מען וואול מטלטל זיין : אונ מען מעג אויך דער פון אפ ברעכין אדר אפ שניידין צו שמעקין דער פון אדר דער מיט אוועק צו טרייבין די פליגען : עש איז אסור גורל צו ווארפין אום שבת : אונ מיטאר אפילו קיין עובד כוכבים אויך ניט לאזין גורל ווארפן פון איין יהודי וועגין :

## (קנג) דין השאלה וקנין צרכי שבת והדחת כלי ותיקונן וטבילתן בשבת

עש איז אסור צוא קופין אונ צוא פאר קויפן אום שבת · דרום אז איינר קויפט וויין אדר ביר ביא איין שיינקער טאר אים דער שיינקער ניט דער מאנין קיין געלט : אונ ער טאר אים ניט דער מאנין קיין מאס · וויא דען זאל ער טאן · ער זאל זאגין צום שיינקער גיב מיר די קאן פול אדר האלב · אזו וועט ער פאר שטיין · אויך טאר ער ניט זאגין צו אים איך בין שולדיג איין גילדן גיב מיר נאך פאר איין גילדן · אזו וועל איך דיר שולדיג זיין צוויא גילדן : אמייל לייט זיינען מתיר צו דער מאנען איין מאס צום שיינקער : אבער ווער עש איז דרינען נזהר תבוא עליו ברכה עש איז מותר צוא זאגין צוא איין קרעמר גיב מיר אזו פיל אייער אדער עפיל אדער נים : אבר מיטאר ניט זאגין גיב מיר פאר אזו פיל גראשין : די טרעגער וואש טראגין פעסער מיט ביר אדער וויין זאלין זייא גיווארינט זיין זייא צו טראגין אום שבת דורך איין שינוי ניט וויא אום דער וואכין · עש איז מותר אפ צו וואשין דאש גיפעס מיט ווארים וואשיר וואש זיינין ניט גיוואריםט גיווארין אום שבת : אויך מעג מען עש צוא וואשין אפילו פון איין סעודה אויף דער אנדערער : שיינק כלים מאג מען אגאנצין טאג אפ וואשין אונ אויש שווענקען · עש איז אסור צוא טובלין כלים אום שבת · אבער מען מעג זיי טובלען דורך איין ערמה · דאש ער זאל גיין מיט דער כלי אין מקוה אריין : אונ זאל דיא כלי אראפ שטופן אין דער וואשער אונ זאל זיא אן פילן מיט וואשער אונ זאל מיט דער וואשע עפיס ניצן חאטשי די הענט וואשין אדער ער זאל די כלי אוועק שיינקען צו

איין

אײן עובד כוכבים איבער שבת · אזו דארף עש קײן טבילה ניט האבין ביז נאך שבת · עש איז אויך אסור אײן כלי אויש צו שװײנקין מיט זאלץ אדער מיט זאמד אויך ניט מיט אײן טוך · דען ער מאכט זיא אויש קװעטשין · אבר מיט שטרויא אונ מיט הײא איז מותר אויש צוא שװײנקען :

## (קנד) דיני הכנת מאכל בהמה

עש איז מותר צו טראגין פאלװי צוא זײן בהמה אין אײן זיפ אום שבת : חאטשי עש זיפט זיך אויש דאש מיסט דער פון װײל ער איז זיך ניט מכוין דער צו · אבר בכונה איז אסור · אויך איז אסור צו לײגין די פאלװי פאר זײן בהמה אין דער הויך · כדי דער װינד זאל זיא אויש װײאן · עש איז אסור צוא מעסטין דעם האביר װאש ער שיט פר זײן בהמה · עש איז אסור צו שנײדין גראז פאר זײן בהמה : סײדין זיא קען עש אנדרש ניט עסין : אויך איז אסור צוא שטאפין עופות אדר בהמות אום שבת · עש איז מותר אײן בהמה צו שטעלן אויף גראז · אונ איך האב קײן מורא ניט ער װעט עש ארויש רײסין מיט זײן האנט פון אונטר איר אונ װעט עש איר געבין צו עסין · אויך איז אסור צו נעמין עסין פון אײן בהמה אונ צו שיטן פר דער אנדערר בהמה אום שבת · דען עש איז מיאוס פאר איר · אויך איז אסור אײן זאליב רײן צוא מאכין אום שבת :

## (קנה) כותי שעשה מלאכה בעד ישראל

עש איז אסור צוא געבין עפים אײן זאך צוא אײן עובד כוכבים צוא טראגין אויש דעם עירוב · אפילו עש איז זײנע · דען די לײט װעלין מײנן עש איז דעם יהודיש · אבער אז עש קען קומען אײן שנאה דער פון · אדר דר עובד כוכבים איז אײן תקיף מאג מען אים װאול געבין · אויך איז מותר צוא געבין עסין שפײז צוא אײן עובד כוכבים אויף דעם תנאי ער זאל עש עסין אין זײן הויז אפילו ער טראגט עש אויש דעם עירוב · אײן קלײד פון אײן עובד כוכבים װאש ליגט במשכון בײ אײן ישראל טאג מען עש אים אויש בײטין אויף אנאנדער משכון אום שבת אויב ער טוט עש אן · דאש ברויט װאש אײן עובד כוכבים האט געבאקין אום שבת אסרין עש אטײל לײט אונ אטײל זײנען עש מתיר דרום אז מיקען קײן אנדער ברויט ניט קריגן אויף אײן סעודת מצוה איז עש מותר צו עסין · דאש אופס װאש אײן עובד כוכבים האט אפ גירישן אום שבת פון זײנט װעגין איז עש אסור אפילו מטלטל צו זײן ביז נאך שבת · אבער מיבדארף ניט װארטין נאך שבת ביז מיװאלט עש גיקענט אפ רײסין אבר אויב עש איז נאר אפילו אײן ספק אויב ער האט אפ גירישן פון אײן יהודי װעגין אונ אפילו עש איז נאר אײן ספק אויב ער האט עש ניט אפ גירישן נאך פר שבת דארף מען יוא װארטין נאך שבת :

אײן עובד כוכבים װאש האט גיבראכט צו אײן יהודי אום שבת אזו אײן זאך װאש איך האב קײן מורא ניט דאש ער האט עש הײנט אפ גירישן אדער גיפאנגין נאר איך האב מורא טאמער האט ער גיבראכט אויש דעם תחום · איז דר דין אזו האט ער עש גיבראכט פון זײנט װעגין · אדער פון אנאנדער עובד כוכבים װעגין איז עש מותר צו עסין אונ אויב ער האט עש גיבראכט פון אײן יהודי װעגין · טאר עש דער זעלביגר יהודי ניט עסין ביז נאך שבת אזו לאנג אז מען װאלט עש גיקענט ברײנגן אויש דעם תחום אונ אנאנדר יהודי מעג עש עסין אפילו אום שבת אונ אויב עש איז אײן ספק אויב ער האט עש גיבראכט אויש דעם תחום איז אויך אסור · דש איז אלש גירעט גיװארין פון אזו אײן עובד כוכבים װאש װאונט ניט מיט אים אין אײן שטאט אונ די זאך איז אויך ניט צוא קריגין אין דער שטאט · אבער אז ער װאונט יוא מיט אים אין אײן שטאט · אונ די זאך איז אויך צו קריגן אין דער שטאט אונ ער װײסט אויך אז ער האט די זאך ניט אפ גירישן אדר גיפאנגן אום שבת · איז עש מותר צוא עסין יועןן אײן עובד כוכבים ברײנגט אויש דעם עירוב ברויט אדער ביר אין אטײל מדינות האלט מען עש פאר אײן איסור אבער אין אונזרע מדינות האלט מען פאר אײן היתר אפילו אים עש צו הײסין ברײנגן פון אורחים װעגין · אדער אויף אסעודה · אײן עובד כוכבים װאש טוט אמלאכה אדר ער צינד אן אליכט אום שבת פון אײן יהודי װעגין · טאר ער דער פון קײן הנאה

ניט

ניט האבין אבער פון איין סעודת מצוה וועגין איז מותר · אונ מיר האלטין דיא סעודה פון שבת אויך פאר איין סעודת מצוה :

## (קנו) דיני רחיצה בשבת

עש איז אסור אום שבת זיך צו באדין אדער צו גיסין אויף זיך ווארים וואשער וואש זיינען אפילו גיווארימט גיווארין פר שבת · אבר זיין פנים אונ הענט אונ פים מאג מען יוא אפ וואשין אין דער וואשער · אונ אין קאלט וואשער מאג ער זיך יוא באדין · אונ ווער עש באר זיך אין טייך זאל ער גיווארינט זיין ניט צוא גיין פיר איילן פון טייך ביז דיא וואשער ווערט אפ גיטריקינט פון אים · אין איין ווארים באר וואש לויפט אויף דער ערד איז זיך מותר צוא באדין אבער אין אבעטיל איז אסור מכ"ש אז עש שטייט אין איין חדר אדער אין הויז · אויך איז אסור אפילו אריין צו גיין אין איין שוויץ באר אום שבת·דר וואש הט זיך בגאסן מיט קאלטע וואשר אדער ער האט זיך גיוואשין · טאר ער זיך ניט ווארמען לעבין פייאר אז דיא וואשער זאל ווארים ווערין אויף אים · אויך דער וואש האט זיינע הענט דער ווארימט בייא דעם פייער טאר ער אויף זיי ניט גיסן קיין קאלטע וואשער·עש איז אסור צוא וואשין די הענט אום שבת מיט זייף אדר זאלץ אדער חלב אדר מיט פעטע זאכין אבר מיט קלייען איז מותר · איין באר וואש מיהאט זיא גיהייצט אום שבת פון עובדי כוכבים וועגין מאג איין יהודי אריין גיין דרינן תיכף נאך שבת · אבר אז מיהאט זיא אויך גיהייצט פון איין יהודי וועגין מוז מען ווארטין נאך שבת ביז מיוואלט זיא גיקענט אויש הייצין :

## (קנז) דיני סיכה בשבת

עש איז אסור זיך צוא שמירן מיט אייל אדר מיט אלש וואש גיהער צו איין רפואה · דען עש איז אסור איין רפואה צו טאן אום שבת סיידין צו איין מסוכן אז וויא איך וועל דא בשיידין · ווען איינעם טוט עפיש וויי אונ ווייטער איז ער פריש אונ גיזונד אין גאנצין גוף טאר מען אפילו קיין עובד כוכבים ניט הייסין אים ארפואה צוא טאן · אבער צו איין קראנקין וואש איז מסוכן דאש אז מיוועט אים דיא רפואה ניט טאן וועט ער שטארבין אדר ער וועט ערגער קראנק ווערין · איז אגרושע מצוה אפילו מחלל שבת זיין אים רפואות צוא טאן · אונ ווער עש איז דרינן גיווארינט אונ טוט אים איין רפואה אום גיפרעגט איז ער גילויבט · אונ ווער עש טוט עש ניט אום גיפרעגט איז ער איין מין · דאש ער גלויבט ניט אין דעם וואש די חכמים האבן גישריבן · אונ ער טוט איין עבירה היגטער ווייליכש · אונ דיא גמרא זאגט אז דער זעלביגער מענטש איז גלייך וויא ער וואלט איין רציחה גיטאן · אונ דער רב וואש לאזט זיך פרעגין אזו איין זאך איז ער ממונה · דען ער דארף עש אופט דרשנען אין אלע שולן דאש איטליכער זאל וויסן אז ווען עש איז איין נוט אונ מען קען קיין עובד כוכבים ניט קריגן · אדער מען קען אים ניט באלד קריגען דארף מען ניט ווארטין נאר איין יהודי זאל עש תיכף טאן · אויך זאל מען עש ניט לאזין טאן קיין עמי הארצים אדר ווייבר אדר קינדר · דען זייא וועלין עש פאר לאזין · אונ וועלין ניט גלייבן אין אמונת חכמים · נאר עש זאלין עש טאן קעסטליבע לייט לומדים אונ תלמידי חכמים אונ איטליכער מאג זיך האלטין פאר איין תלמיד חכם אין דער זאך · אבער אז אין דער ווייל וואש מען וועט רופין דעם עובד כוכבים וועט ער ניט קראנקער ווערין · דארף מען וואול ווארטין אונ אז דער יהודי האט אן גיהויבן אונ עש איז גיקומען איין עובד כוכבים זאל ער אים לאזין גומר זיין · אונ די מצוה איז גירעכינט אויפין יהודי :

אלע דיא חולאת וואש איין מענטש האט אינווייניג אין זיין לייב אפילו צאן ווייטאג אויב ער ליגט נאר צו בעט דארף מען ניט ווארטין אויף איין עובד כוכבים · אונ מען דארף ניט פרעגין קיין דאקטער אדער בקי נאר מען מעג אים אלש טאן וויא אום דער וואכין אבר אז מען ווייסט דאש ער וועט חיו ניט קראנקער ווערין ביז מיוועט רופן איין עובד כוכבים · אדר ביז נאך שבת · טאר מען ניט מחלל שבת זיין · אונ ווען ער האט איין אויש ווייניגשטע קריינק · דארף מען פרעגין איין דאקטר אדער אויב ער זעלבסט זאגט איך בדארף תיכף צוא רפואות מעג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · ווען

צווייא דאקטורים זאגין ער דארף תיכף אונ אנדרע הונדערט דאקטורים זאגין ער דארף ניט איז מען דאך מחלל שבת פון זיינט וועגין דען די דעה פון צוויי איז גלייך וויא פון הונדערט · אונ אז ער זעלבסט זאגט ער דארף תיכף · אפילו איין דאקטער זאגט ער דארף ניט · אדער אז ער מיט איין דאקטער זאגין ער דארף תיכף · אונ אפילו אנדרע הונדרט דאקטורים זאגין ער דארף ניט · איז מען דאך מחלל שבת פון זיינט וועגין · אבער אז ער זעלברט זאגט ער דארף תיכף · אונ צווייא דאקטורים זאגין ער דארף ניט · גייט מען נאך דעם רוב נאך :

ווען איינער האט איין מכה אויש ווייניג אויף זיין לייב אדר ווען איינם האט איין בים גיטאן איין משוגנער הונט אדער איין שלאנג : איז מען אויך מחלל שבת פון זיינט וועגין : ווען איינער איז גיפאלין אום שבת אונ מען קען קיין עובר כוכבים ניט קריגן מאג אים איין יהודי אדר לאזין · אויך ווען איינר האט בקומן איין וואונד פון אשווערד אדער פון אנגדר אייזין מאג מען אויך מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין : ווען איינם טואן וויא די אויגן אדר אפילו איין אויג : אונ פאר וויטאג רינט עש איטער אדער בלוט : מאג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · קורץ פון דר זאך אלע די קראנקהייט וואש איין דאקטר אפילו ניט קיין גווישר אדר אפילו אנאנדרר יהודי זאגט איך פאר שטייא וואול אז ער דארף תיכף צו איין רפואה איז ער בגלייבט · ווען מען צווינגט איין יהודי ער זאל איין עבירה טאן אפילו איין הרבי עבירה טאר מען ניט מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין אבער אז מען צווינגט אים צו דר שמד ח"ו מאג מען יוא מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · איין קראנקין וואש מיהאט אים גישאצט אום שבת אז די רפואה מוז מען אים טאן אכטאג דורך אנגר טאר מען ניטווארטין ביז נאך שבת : כדי מיזאל נאר איין שבת מחלל זיין : נאר עש איז אפילו א מצוה אן צו הייבין אום שבת האטשי מען וועט צווייא שבתים מחלל זיין : איין קראנקער וואש קען ניט שלאפין איבער דער ליכט אונ עש איז א סכנה אז ער וועט ניט שלאפין · מאג מען זיא וואול פר לעשין : אונ איטליכער וואש איז גיוואורינט אונ גישווינד אין דער זאך אונטער איין נויט איז ער גילובט אונ גילובט בייא די חכמים : אונ ער האט אגרויסן שכר גלייך וויא ער וואלט שבת גיהאלטין מיט אלע זאכין :

אונ אז מיט דער רפואה טוט מען נאך אנאנדער מלאכה דהיינו ווען איינר איז ח"ו ארײן גיפאלין אין טייך ארײן אום שבת : אונ מען ווארפט איין נעץ אונ מען כאפט מיט אים ארויש פיש אויך : שאט עש ניט וויל ווען ער איז זיך ניט מכוין דרויף : אויך אז מען זאגט דער קראנקער דארף איין עפיל : אונ עש לויפן צעהן מיט אנאנדר אונ איטליכר ברייגגט : האבן זייא דאך אלע איין שכר : ווען איין קראנקער דארף האבין פלייש : אונ עש איז ניט צוא קריגן נאר טריפות אדער חזיר : מאג מען וואול שעכטין כשר פלייש : איידער מיזאל אים געבין טריפות : אבער אז ער קען ניט ווארטין ביז מיוועט שעכטין מאג מען אים וואול געבין אפילו חזיר · איין קראנקער וואש איז ניט מסוכן מאג מען וואול הייסין איין עובר כוכבים מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין : דרום מעג מען וואול הייסין צו איין עובר כוכבים פון אקינדש וועגין דען עש איז ווי איין קראנקער וואש איז ניט מסוכן · אבר קיין יהודי טאר ניט אפילו איך האב מורא דאש איין אבר וועט אים קילי ווערין סיידין ער טוט דורך איין שינוי ניט וויא אום דר וואכין אונ אזו איין רפואה וואש איז ניט קיין מלאכה אבר וואש איין מלאכה איז טאר זי אפילו דר קראנקר זעלבסט ניט טאן· ווען איינר האט זיך צו דר אדר גילאזט אונ הט זיך פר קילט אום שבת מאג מען פר אים איין הייצין אפילו אין חודש תמוז · איין קראנקר וואש איז ניט מסוכן מאג עסין פון דעם וואש איין עובר כוכבים האט גיקאכט אונ קיין יהודי האט ניט אכטונג גיגעבין : אלע רפואות איז אסור צו טאן צו אזו איין קראנקין וואש איז ניט מסוכן : דרום טאר מען דאש אויג ניט שמירן אום שבת אפילו מיט ניכטר שפייאכין פון ארפואה וועגין · אבר עש איז מותר איין צו ווייקין איין פלאסטר אום שבת · אונ צו לייגין אויפן אויג · אבר אז עש וועט ניט איין גיווייקט ווערין אום שבת איז עש אסור צו טאן · ווען איינער האט איין וואונד טאר ער דרויף קיין נייא פלאסטר ניט לייגין אום שבת · אפילו עש איז גאר אראפ גיפאלין פון זיין וואונד אויף דער ערד טאר ער עש ניט ווידר ארויף לייגין · אבער אז עש איז ניט אראפ גיפאלין אויף דער ערד מאג ער וואול צו רעכט מאכין אויף זיין

וואגד אבר איין עובד כוכבים מאג מען לאזין אפילו איין נייאי פלאסטיר דרויף ארויף לייגין אונ אז עס רינט אייטר פון זיין וואונד · מאג ער אויף הייבין דעם פלאסטיר פון איין זייט אונ אפ ווישין · אונ דר נאך זאל ער אים ארויף לייגין אונ ווידר אויף הייבין די אנדרי זייט אונ אפ ווישן · אבער דעם פלאסטיר טאר מען ניט אפ ווישן · ווען איינר האט איין מכה אונ האט ניט דרויף קיין פלאסטיר מאג ער דרויף צו לייגין נייאי אדר הארטי טיכער · אבר ניט אלטי אדר וייכי טיכר דען עש הייסט איין רפואה :

ווען איינער האט איין פר היילטי מכה · נאר ער פארכט זיך זיא זאל אים ניט ח"ו ווידער אויף רייסין · מאג ער דרויף צוא לייגין איין פלאסטיר אום שבת · דען עש הייסט ניט קיין רפואה · ווען איינער עפינט איין בלטיר אום שבת כדי ער זאל פר היילט ווערין · במזיד איז ער חייב מיתה · אבר אז ער עפינט עש פון אייטיר וועגין דאש עס טוט אים וויא איז מותר · דאש ווילד פלייש פון די פינגער טאר מען ניט רייסין אדר אפ שניידין אום שבת · דעם וואש טואן וויא די ציין מאג ער זיא שווינקן מיט עסיג · אבר ער דארף אים אראפ שלינגין · דעם וואש זיין האלז טוט וויא מאג ער וואול אראפ שלינגין בוים אייל · אבר ניט ווידר אויש שפייען · דער וואש קרעבצט מאג ער וואול זייגין מילך פון איין בהמה אום שבת · אבער ער טאר זיא ניט מעלקין אונ די מילך טרינקן · איין אשה טאר ניט אפ מלקין מילך אין איין כלי ארין פון איר קינד גיזונד וועגין · אבר זיא מאג וואול אפ מעלקין אויף דער ערד כדי דאש קינד זאל קענין דיא בריסט אן נעמין · אויך טאר זיא ניט מעלקין אויף אנאנדרין פון רפואה וועגין · מען מאג וואול איין נעמין לאקריץ זאפט אדר אנדרי זיסי זאכין כדי ער זאל אגוט קול האבין · עש איז אסור זיך צו מאכין שפייאן דורך קרייטיכר אפילו אום דער וואכין סיידין דאש עס'ן טוט אים וויא · אבר אום שבת איז אזו אויך אסור אבר ער מעג זיך צוא האלטין בייא דעם האלז ביז ער שפייאט אויש · ווען איינעם טוט וויא דער בויך מאג מען אים וואול שטעלין אויף זיין בויך איין כלי מיט לעבליכע וואשיר · ווען איינער האט זיך איבער גיטרונקן מאג מען אים שמירן זייני הענט אונ פים מיט אייל אדר מיט זאלץ אום שבת · אזו איין כלי וואש מען מעג מטלטל זיין אום שבת מאג מען זיא שטעלין אויף איין אויג צוא קילין · ווען איינם איז איין ביין ארויש גירוקט גיווארין מאג מען אים פאריכטן אום שבת · ווען איינער האט זיך איין גשניטין ביז דאש בלוט גייט טאר ער דרויף ניט לייגין קיין טיכיל · דען עש ווערט גיפארבט · וויא דען זאל ער טאן ער זאל פריער דאש בלוט גוט אפ וואשין אדער שפין וועב לייגין דרויף · אונ אויף דעם דאש טיכל :

## (קנה) על מי מחללין השבת

אלי זאכין וואש הייסט דרינן סכנות נפשות מאג מען דרויף מחלל שבת זיין · ווען עש איז איין שריפה ח"ו אפילו ניט אין זיין הויז מאג ער וואול לעשין אום שבת אז דאש פייאר זאל ניט ווייטיר גיין אונ דער וואש העלפט דער צוא איז ער גילויבט אין דיא אויגן פון דיא חכמים · איין הויז וואש איז איין גיפאלין אונ עש איז אספק טאמר איז אמענץ גיוועזן אינוויינג · דארף מען מחלל שבת זיין עש אויש צו ראמן · אונ אז מען גיפינט גיהארגיטע לייט דארף מען ווייטיר ראמן טאמיר זיינין די הינטערשטי נאך ניט טויט · אונ אפילו מען גיפינט דיא הינטערשטע אויך טויט · דארף מען ראמן ביז זייערי נאז לעבר · טאמר איז נאך פר האנדין עפים איין אטום אין זייא אונ אז זייא האבין שוין קיין אטום ניט טאר מען שוין ווייטיר ניט ארביטן : אויך אז עובדי כוכבים זיינען אן גיפאלין אונ עש איז איין ספק טאמיר זיינין זיי אויש אויף נפשות מאג מען וואול מחלל שבת זיין · אבער אז מען ווייס גוויש אז זייא זיינין אויש אויף געלט טאר מען ניט מחלל שבת זיין · ווען עובדי כוכבים לויפן נאך איין יהודי אים צו הארגין מאגין אנדרי יהודים מחלל שבת זיין אונ אים מציל זיין מיט כלי מלחמה אונ זייא מאגין די כלי מלחמה דער נאך ווידער אהיים טראגין אויש דעם תחום שבת כב"ש אויש דעם עירוב דען אז מיוועט זיי אסרין אהיים צו טראגין וועלין זייא דאש אנדרי מאל ניט וועלין מיט זיך נעמין אזועלכע כלים · דעסט גלייכין ווען איינער איז אין אנאנדר סכנה איז מען אים מחויב מציל צוא זיין · אונ אפילו עש קענין אים מציל זיין עטליכע לייט · אונ עש זיינען מתעסק דער צו הונדרט לייט איז

דאך

דאך דיא מצוה פון אלע זייער גרויש :

## (קנט) דיני יולדת בשבת

איין קינדפעטארין איז גלייך וויא איין קראנקער וואש איז מסוכן · אונ מען איז מחוייב מחלל שבת זיין פון אירינט וועגין צו אלע זאכין וואש זיא בדארף · מען מעג איר רופן איין כאבע אפילו אויש דעם תחום · מען מעג איר אן צינדן איין ליכט · אפילו זיא איז אבלינדע · דען עש איז איר איין נחת רוח אז אנדרע וועלין זעהן זיך מתעסק צו זיין מיט איר · אבער אלע זאכין דארף מען טאן דורך איין שינוי עש זיינען דריי אירלייא קינד בעטרינש · דש ערשטע אז זיא גייט צו קינד · דאש אנדרע אז דש דם נדה הייבט אן פון איר צו רינן · דאש דריטע אז זיא קען ניט ארום גיין ביז מען מוז זיא טראגין אונטער דעם ארום · אויף איינש פון דיא אלע איז מען מחלל שבת · דיא ערשטע דריי טעג פון איר גילעגין ווערין איז מען מחלל שבת פון אירנט וועגין אפילו זיא זאגט איך דארף עש ניט · פון דריטין ביז דעם זיבטין טאג אז זיא זאגט איך דארף ניט איז מען ניט מחלל שבת · אבער אז זיא שווייגט איז מען יוא מחלל שבת אבער פון זיבנטין ביז דעם דרייסיגטין טאג איז זיא וויא איין חולה וואש איז ניט מסוכן · אונ מען מעג הייסין איין עובד כוכבים צו טאן אלע אירי בדערפֿנעשי · איין קינד וואש איז גיבארין גיווארין צו ניין אדער צו זיבן חדשים מאג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין אבער אפילו עש איז נאר אספק אויב עש איז גיבארין אין אכטין חודש טאר מען ניט מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · אונ אז עש האט ניט קיין האר אונ קיין נעגיל טאר מען עש ניט מטלטל זיין · אבר די מוטער מעג זיך יוא איין בייגין אים צו געבין זייגין · דאש די מילך זאל איר ניט וויא טאן · אויך מאג זיא אפ מעלקין דיא מילך אויב עש טוט איר וויא :

## (קס) דיני מילה בשבת

מען מעג מחלל שבת זיין פון וועגין דעם ברית מילה מיט אלע זאכין · אבר אז עש איז איין ספק אויב זיא איז ניט גיבארין גיווארין אום פרייטאג דהיינו זיא איז גיבארין גיווארין פרייטאג פאר נאכט · אדער עש איז איין ספק אויב עש איז איין צייטיג קינד איז מען עש ערשטע מל אום זונטאג · אונ מיטאר ניט מחלל שבת זיין פון אספק וועגין · פאר דר מילה מעג מען באדין דש קינד מיט ווארימע וואשר וואש זיינען גיווארימט גיווארין אום שבת אבער דאש באדין וואש נאך דער מילה דארף מען ווארמין ביז נאך שבת · אויב עש דארף ניט דער צו · ווען איין בהמה איז חולה מאג מען הייסין איין עובד כוכבים איר בלוט צו שלאגין : (קסא) ווען מען ברייננט איינם איין פאס מיט וויין אדער ביר טאר ער עש ניט אראפ נעמין פון וואגין אום שבת · סיידין ער דארף עש צוא איין סעודת מצוה · אדער פון אורחים וועגין :

## (קסב) דיני דליקה בשבת

ווען עש איז ח"ו איין שריפה אום שבת אונ עש הייננט דרינען אפילו נאר איין ספק סכנה איז איין מצוה מחלל שבת צו זיין צו לעשין אפילו די שריפה איז ביי עובדי כוכבים · כדי דאש פייער זאל ניט ווייטר גיין · אדר אנדרע סכנות · אבר אז מען הייסט גוויש אז עש הייננט דרינן ניט קיין סכנה טאר מען ניט לעשן אום שבת אונ דווקא צו לעשין מאג מען מחלל שבת זיין · אבר עש איז אסור אויף דאש זייניגע מחלל שבת זיין דהיינו מציל צו זיין זיינע קליידער אונ צירונג אדר דעסט גלייכין · אונ ווער עש האט מחלל שבת גיוועזן צו אום רעכט מוז ער פאסטין פערציג טעג שני וחמישי ושני · אונ זאל קיין פלייש ניט עסין אונ קיין וויין ניט טרינקן נאך זיין תענית · אונ זאל געבין אין צדקה אריין אכצעהן שילנגער · אונ אז ער וויל זיך אויש לייזין זאל ער געבין פאר איטלכן תענית צוועלף שילינגער :

(קסג) ווען איינער האט אויש גישיט איין קארב מיט אופס אין זיין הויז איז דאש אופס גיפאלין אויף איין אורט מאג ער עש ווידער אריין לייגין אין קארב אריין · אבר אז עש איז פאר שפרייט גיווארין · אדער עש איז גיפאלין אויף איין דבר מוקצה · טאר מען עש ניט צום אויף קלייבן אין קארב אריין · נאר ער זאל

עש

עש אויף קלייבן איינציג וויים · אונ תיכף אויף עסן :

(קסד) עש איז אסור ארויף צו קריכן אויף איין בוים אום שבת · אונ מיטאר ניט ניצן מיט קיין שום זאך וואש איז בהעפט אין דער ערד · ווען איינער האט עפים גיליגט אויף איין בוים ערב שבת · טאר מען עש ניט אראפ נעמען אום שבת · אפילו ער דארף דרויף ניט קריכן · עש איז מותר צוא גיין אום שבת אויף גראז אדער אויף קרייטיכער · ווייל ער איז זיך דאך ניט מכוין עש אויש צוא רייסן · דיא לייט וואש עסן אין גערטנר אום שבת · זאלין זייא גיווארינט זיין ניט צוא גיסן קיין וואשער אויף דעם גראז אדער קרייטיכר אבר מען מאג וואול משתין זיין אויף דיא קרייטיכער · דען עש מאכט עש כליה · מיזאל גיווארינט זיין ניט צו ווארפין תבואה פר די עופות אויף איין פייכט ארט אום שבת · דען עש ווערט ח"ו וואקסין · אונ זאל זיי מיין ניט ווארפין נאר וואש זייא קענין אויף עסין דעם זעלבינגן טאג · קרייטיכער וואש וואקסין אין איין כלי טאר מען זייא אויך ניט אפ רייסין אום שבת · איין צווייג מיט אופס וואש מיהאט זיא אפ גירסין פר שבת · מאג מען וואול אפ רייסין דאש אופס דער פון אום שבת · איין רינע וואש איז פאר שטאפט גיווארין · אונ עש גייט איין רעגין · אונ דיא וואשער גייט איבר אונ טוט אים שאדין אין זיין הויז · מאג ער זיא אויש מאכין מיטען פוס אום שבת אבר ניט מיט איין האלץ · עש איז אסור צו שמעקין דאש אופס וואש הייגגט נאך אויפן בוים טאמער ווערט ער עש ח"ו אפ רייסין · עש איז אסור צוא גיסן וואשער אויף איין זאמען · וואול שמעקנדיגע קרייטיך וואש ליגן אין וואשר · מאג מען זיי ארויש נעמען צו שמעקין אונ ווידער אריין ליגין · אויך מעג מען אונטער גיסן נאך וואשר אבר ניט גאר אנדרע וואשער · דער וואש רייסט אפ אופס פון איין בוים וואש שטייט נאך אין דער ערד אפילו עש איז שוין דאר דאש עש וואלט שוין ניט גיקענט בלייבין אפילו איין שעה אופן בוים איז ער דאך חייב מיתה · עש איז מותר איין בוים אן צוא רירין · אבער ער זאל זייער אונ זייער גיווארינט זיין אים ניט צוא שאקלין · איין ברונן וואש איז זייער טיף מאג מען אריין קלעטרן וואשער אן צוא שעפין · אונ איך האב קיין מורא ניט טאמער וועט זיך דיא ערד אפ שיטן :

## (קסה) דין כיבוד הבית ודבר שאינו מתכוין

אלע זאכין וואש דער מענטש איז זיך ניט מכוין דער צוא איז מותר צוא טאן אום שבת · דרום מאג מען וואול שלעפין אויפדר ערד איין טיש אדר אנאנדר זאך אפילו מען מאכט דער מיט איין גרוב אין דער ערד דען מען איז זיך ניט מכוין דער צו · עש איז מותר צוא גיסן וואשער אויף דער ערד כדי דר שטויב זאל בלייבין ליגן · עש איז אסור אויש צו קערין איין הויז אדער איין שטוב מיט איין בעזם אום שבת · אפילו עש איז גיפלאסטירט · אבער איין עובד כוכבים מאג מען וואול הייסין אויש קערין · מיט איין פלעדער וויש מאג איין יהודי אויך אויש קערין · עש איז אסור צו וואשין אדער אויש צוא גלייכין דיא ערד · אויך איז אסור צוא קייקלען אויף דר ערד אשווערע פאס דען זיא פאר גלייכט דיא ערד · חאטשע ער איז זיך דאך ניט מכוין דרויף דען עש ווערט בוודאי פאר גלייכין דרום איז אסור :

## (קסו) השמעת קול בשבת

עש איז אסור צו לאזין הערין איין קול אום שבת מיט איין כלי זמר · אדער מיט אלש וואש איז גימאכט גיווארן אויף איין קול וועגין · דרום טאר מען ניט קלאפין אין איין טיר מיט אזו איין אייזין וואש איז דר צו גימאכט גיווארין · אויך איז אסור קלינגן מיט איין גלאק · אויך דער שמש טאר ניט קלאפין אין שול אריין אום שבת מיט זיין האמר אבער עש איז מותר צוא בשטעלן איין עובד כוכבים פאר שבת ער זאל שפילען אויף איין חתונה גאנץ שבת · ווען עש ליגט בייא איינעם אין הויז אופס אדר אפילו וואש מוקצה איז דהיינו ציגל · אונ עש ווערט קיילע מאג ער עש וואול צו דעקין מיט אזו איין זאך וואש מען מעג מטלטל זיין · ווען איינעם רינט אריין אין הויז רעגין אדער שנייא מאג ער אונטר שטעלין כלים · אונ אז זייא ווערין פול מאג ער זייא אויש גיסן אונ ווידר אונטר שטעלין : (קסז) עש איז אסור צוא רייטין אויף איין פערד · אדער צו פארין אין איין וואגין אום שבת · אויך איז אסור צוא שווימן אונ אריין צוא גיין אין איין שיף · אבער אז ער איז שוין אין דער שיף פון פר שבת

מאג ער אין איר בלייבן אפילו זיא פארט אום שבת · עש איז אסור צו משפטן כב"ש מלקות צו שלאגין אום שבת · אז עש איז איין חופה אום פרייטאג צו נאכט זאל מען גיווארינט זיין נית מחלל שבת צוא זיין פאר גרויש שמחה · דער וואש נעמט איין אלמנה אדר איין גרושה · טאר ער נית ליגן בייא איר דאש ערשטע מאל אום שבת · אבר איין בתולה איז מותר · די שפענדליך וואש שוויכן אויפן וואשר טאר מען זייא נית ווארפין אהין אונ אהער דיא וואשר לויטר צוא מאכין · איין שיף וואש שטייט אויף דער ערד · אדער אפילו זיא שוויכט אויפן וואשער · נאר זיא איז אן גיקניפט ביי דעם בארג · מאג מען ארייןגיין אין איר אום שבת :

(קסח) דער וואש שערט אפ אדר ער רייסט אויש איין האר אום שבת איז ער חייב מיתה אונ דש טאר מען נית אפילו אום דער וואכין אויך נית טאן · דרום טאר מען זיך נית גרייזלין אום שבת אויך קיין בתולה טאר זיך נית גרייזלען מיט איין נאדיל אדער מיט איין מעסר · נאר מיט די פינגער · אויך איז אסור אפ צו שניידין אדער אפ צו רייסין די נעגיל פון זיינע הענט אדער פיס אום שבת · דער וואש מעקט אויש צווייא גישריבנע אותיות אום שבת איז ער חייב דרום איז אסור אויש צו רייסין איין חתימה אדר אלש וואש איז דרויף גישריבן · דען מיט דעם מאכט ער אויש מעקין · עש איז אסור צו שרייבן אפילו מיט וואשער אדער מיט ווין אויף איין שום זאך אפילו אויף דער ערד אבר אין דר לופטן מאג מען וואול שרייבין · מען מעג וואול פאר צייכנען איין גרייז מיטען נאגיל צוא פאריכטן נאך שבת ווען איינעם איזגימאכט גיווארין זיין קאסטין צוא פאר בינדין מיט איין שנירל טאר ער נית פר בינדן אום שבת · דען עש הייסט וויא גינייעט · עש איז אסור ארייןצו שיטן פעדרין אין איין קישן צום ערשטין מאל אום שבת אבר אז זיי זיינען ארויש גיפאלין מאג ער זיי ווידער ארייןשיטן · עש איז אסור צו נעמען זאלץ פון דעם ארט וואו עש ווערט גימאכט · אויך אלזדינג פון דעם ארט וואו עש וואקסט אויך איז אסור צוא רייבין עפיל אדער רייבן איינש אין אנדרין · עש איז אסור צו ווייקן איין זאמין פון פלאקש אדער רייאן אום שבת אויך איז אסור צו רייקן פאפיר · אדר עש צום אויף צו קלעפין · אויך טאר מען קיין שערביל נית צו ברעכין עפיס צו צו דעקין דער מיט :

עש איז אסור מתיר צוא זיין איין נדר סיידין לכבוד שבת · למשל ווען איינער האט איין נדר גיטאן צוא פאסטין אדער קיין פלייש נית צו עסין · אונ קיין וויין נית צו טרינקען · אדער קיין קליידר נית אן צוא טאן · אונ אלש וואש גיהער לכבוד שבת · מאג מען אים מתיר זיין · אבער איין מאן זיין ווייב אדער איין פאטער זיין טאכטער מאג מען וואול מפר זיין אום שבת אפילו אזוא איין נדר וואש גיהער נית לצורך שבת · דען אז ער וועט איר נית מפר זיין אין דעם זעלביגן טאג וועט איר שוין קיין הפרה נית העלפין · ווען איינער האט איין נדר גיטאן צו טאן עפיס איין זאך · ביז אין דר צייט · אונ איצונד איז דר הינטרשטר טאג אום שבת · אונ ביז אהער האט ער די זאך נית גיקענט טאן מאג מען אים וואול מתיר זיין · דאש ער זאל נית עובר זיין אויף זיין נדר · איין חרם מאג מען וואול מתיר זיין אום שבת · אלע זאכין וואש זיינען אסור מדרבנן מאג מען זייא טאן פרייטאג בין השמשות · איידר עש ווערט רעכט נאכט · איטליכר פאטער אונ מוטער זיינען מחוייב צו לערנען זייערע קינדר אז זיי זאלין נית מחלל שבת זיין ח"ו · אויך זיי צו ווערין זיי זאלין נית מטלטל זיין וואש מוקצה איז · בפרט האלין אדער שטיינער · דאש זייא זיינען דרינן גיוואונט אין דר יוגנט · אויף די עבירות פון דר יוגנט האטשע ער האט די עבירות גיטאן בשוגג דאך בארף איטליכר דרויף אויף זיך איין תשובה מקבל זיין :

## (קסט) דיני עירוב בשבת

ווען צווייא יהודים וואוינען אין איין הויף · אדר אין איין נאם אסרה איינער אויפן אנדרין צו טראגין אן איין עירוב · ווען איין יהודי וואונט אין אזוא איין שטאט וואש זיא האט איין עירוב איין מאויר אדר איין צאם אדר איין גראבין צעהן טפחים טיף ארום אונ ארום · אזו איז גלייך אז וויא די גאנצע שטאט איז אין זיין רשות · אבער אז צווייא יהודים וואונן

העלפט

העלפט דער עירוב ניט ביז זייא מוזן אפ קויפן דאש וואונונג פון די עובדי כוכבים אין זייער רשות אפילו פר איין שילנגער דאש זיי זאלין רשות געבין צו טראגין · אפילו עש איז מלחמה העלפט עש אויך אז מען קויפט דעם רשות פון דעם שר אדער שופט גלייך וויא דיא הייזער זיינען אין דיא יהודיש רשות · אויך ווען דיא יהודים דינגען דעם רשות פון עובד כוכבים אדער אפילו פון זיין קנעכט אדער דינסט אונ דער עירוב העלפט ניט אנדירש סיידין זייא וואונען אין איין גאס אדער אין איין הויף אונ מיקען דעם טויאר צו מאכין בייא נאכט · אפילו מען מאכט אים ניט צוא העלפט אויך · אבר אז זיי וואונן אין איין אפנע גאס העלפט דער עירוב אויך ניט ביז מען מוז לייגין איין באלקין איבער דער גאס פון איין וואנט צו דער אנדרר אויף ביי דע זייטין · אונ אצונד שטעלט מען צוויי העלצר בייא דיא ווענט פון די הייזער · אונ מען קניפט צוא דרויף איין שניר פון איין וואנט צו דער אנדרר · אזו ווייזט זיך עש וויא איין טיר אפילו עש איז זייער הויך : און דער עירוב מוז אזו גימאכט ווערין מען נעמט

אויש אביסל מעל פון איטליכן· בעל הבית אונ מען באקט דר פון איין ברויט · אונ מען מאכט איין ברכה ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב : אונ אז מיהאט פר געסין צו מאכין די ברכה שאט עש אויך ניט · דער מנהג איז מען לייגט דעם עירוב אין שול אריין · דר עירוב מוז זיין איין גאנץ ברויט · אונ אז עש ווערט צו בראכין אדער פאר שימלט איז עש שוין פסול · דרום איז דער מנהג דאש מען מאכט איין מצה אום ערב פסח · אונ מען הייגנט איהף אין שול · ווען איינר האט ניט גיגעבין צו דעם עירוב · דא אסרת ער אויף די אנדרע · ביז ער מוז מבטל זיין זיין רשות · דש ער זאל אזוא זאגין דא בין איך מבטל מיין רשות · אונ שינק איך מיין הויז אויף איבער שבת · דרום איז דער מנהג אז די גרושע שטעט ווייל עש קומען צוא אלע וואך נאייע חדרים · מאכט מען אלע פרייטאג איין עירוב אונ דר וואש וויל אגרושע מצוה טאן זאל ער אלע פרייטאג נעמין איין גאנץ ברויט · אונ זאל זאגין צוא זיין חבר דוא ראובן אדער שמעון דא גיב איך דיר דאש ברויט זייא עש זוכה פאר כל הקהל · דען מיט דעם ברויט בין איך מזכה כל הקהל · זייא זאלין אלע דרינען איין חלק האבין · אונ דאש זאל זיין דער עירוב פאר זייא אלע · אונ וויא באלד ער גיט עש אים אין דער האנט אריין זאל ער מאכין די ברכה · אורחים וואש קומן צוא פארין אונ דינגען זיך איין ארבערגע אסרין זייא ניט אויף דיא בעלי בתים · סיידין זייא האבן בדיעה דארטין צו בלייבין דרייסיג טעג · אבר די יהודים וואש פארין אויף איין יאריד · אונ דינגן זיך ארבריגן אויה אזעלכע ערטער וואש וואונן ניט קיין יהודים אסרין זיי איינר אויפין אנדרין :

און אז מען מאכט אלע שבת איין נייעם עירוב איז
אין מצוה מיזאל שבת פריא דריבער אברכה מאכין דער וואש איז מחלל שבת בפרהסיא אפילו מיט אזו איין זאך וואש איז נאר אסור מדרבנן העלפט אויך ניט זיין עירוב אבר אז ער טוט אפילו די ארבסטי עבירה אין דר וועלט נאר ניט בפרהסיא העלפט יזא זיין עירוב · אויך ניט דווקא דער בעל הבית זעלבסט דארף געבין צום עירוב נאר אפילו אז עש גיט איינר פון בני בית איז אויך גינוג · מיזאל זייער גיווארנט זיין אין די מצות וואש מדרבנן בפרט אין דער מצוה פון עירוב · די גמרא זאגט אז שלמה המלך מיט דיא סנהדרין האבן מתקן גיוועזן דיא מצוה פון דיא הענט וואשין אונ פון עירוב איז ארויש גיגאנגן איין בת קול פון הימל אם חכם בני ישמח לבי גם אני דאש מיינט מען הקב"ה האט מסכים גיוועזן אויף זייערע קעסטליכע תקנות · אונ די רבנן ז"ל האבן גיזאגט ווער עש איז עובר אויף די תקנות איז ער חייב מיתה · דרום זאל מען זייער גיווארינט זיין דרינן אונ ניט גרינג האלטין :

## (קע) הלכות יום טוב

אלש וואש איז אסור אום שבת איז אויך אסור אום
יום טוב · נאר אום יום טוב איז מותר צוא קאכין וואש מען דארף אויף דעם זעלביגן טאג · אונ אויך איז מותר ארויש צוא טראגין פון עירוב וואש מיבדארף · עש איז אסור גיפעם צו וואשין אונ אפ צו קאכין פון איין טאג

יום טוב אויפן אנדרן · אבר מען מעג פיל אן קאכין וואש עש בלייבט איבר מאג מען וואול עסין דעם אנדערין טאג · איין ליכט מאג מען וואול אנציגדן ביי טאג אויף ביי נאכט אויב מען האט דער פון ביא טאג אויך הנאה · די לייט וואש זאגין מיר וועלין פיל אן קאכין · אדר אן באקן כדי עש זאל איבער בלייבין אויפן אנדרין טאג יום טוב · איז עש ניט רעכט · אויך איז אסור צוא קאכין איין שום זאך פון יום טוב אויף שבת · סיידין מען מאכט איין עירוב תבשילין : ווען איינר וויל עפים קוילן אום יום טוב איז ער מחויב אן צו גרייטין פון פאר יום טוב אש צוא קוילין דרינן · אונ צוא צוא דעקין דאש בלוט · אונ אויך איין חליף בודק זיין · אבער אז ער האט פאר געסין מאג ער אים בודק זיין אום יום טוב · אבר אז ער גפינט אין אים איין שצערב טאר ער אים ניט אויש שלייפין אום יום טוב · אויך אז ער האט פאר געסין אש אן צוא גרייטין זאל ער נעמן נוארעמע אש · אונ אז ער האט ניט מאג ער נעמען קאלטע אש ווען איינער קוילט איין עוף אום יום טוב טאר ער ניט אויש רייסין דיא פעדרן ארום האלז דען עש איז איין מלאכה נאר ער זאל צוא נעמן דיא פעדערין איינש פון אנדרן כדי ער זאל קענן קוילן · דיא מילך וואש איז גימאלקן גיווארין אום יום טוב טאר מען זיא ניט ניצן דעם זעלביגן טאג · אבר מען מאג זיא וואול ניצן דעם אנדערין טאג · אבר אז יום טוב גיפאלט אום פרייטאג אדער אום זונטאג טאר מען אפילו ניט ניצן די מילך פון יום טוב אויף שבת · אדר פון שבת אויף יום טוב · איין איי וואש איז גילייגט גיווארין אום שבת אדר אום יום טוב האט עש אויך דעם דין אין זיך · ניט מער דאש איי טאר מען ניט מטלטל זיין · אונ דיא מילך מאג מען יוא מטלטל זיין אונ אז דאש איי איז פאר מישט גיווארין צווישן אנדרע אייער אפילו צווישן טויזנט זיינען אלע אסור מטלטל צו זיין · אונ אז מען טוט אריין איינש פון דיא אייער אין איין גיקעכין אריין איז עש אסור דעם זעלבין טאג · ווען מען קוילט איין הון אום יום טוב אונ מען גיפינט אין איר אפילו איין פארטיג איי מאג מען עש וואול ניצן אפילו אום יום טוב נאך שבת : עש איז אסור צו בעטין איין עובר כוכבים צו זיך עסין אום יום טוב דען ער ווערט בוודאי מער קאכין פון זיינט וועגין · אבר אז ער קומט אז דאש עסין איז שוין פארטיג מאג מען אים וואול לאזין עסין · עש איז אויך מותר אים צוא שיקין דורך אנאנדר עובר כוכבים :

## דיני האש ביום טוב

עש איז אסור איין פייאר אויף צו שלאגין אודר צו פר לעשין אום יום טוב · אבר מען מאג וואול נעמען איין ברענדיגי שטיק האלץ פון איין אורט אויפן אנדרין · אויך אזו איין האלץ וואש האט נאך ניט אן גיהויבן צו פלאמין מאג מען עש אוועק נעמין פון פייער · אויך איז אסור ארויש צוא גיסן אייל פון איין ברענדיגן טיגל אין אנדרין · דען ער מאכט דעם ערשטן אויש לעשין · איין באק אויבן וואש מען דארף אים אביסל צוא צו לעשין מאג מען וואול איין נעצן איין בעזים אונ אים צו לעשן אפילו עש ווערין אויך צו גילאשין קוילן · אבער ניט מיט איין טוך דען עש איז אסור איין טוך איין צו נעצין אום יום טוב טאמיר וועט ער זיא אויש קוועטשין · אויך איז מותר דעם אויבן אויש צוא קלעפין מיט ליים וואש איז נאך איין גיווייקט גיווארין פאר יום טוב · אבער אום יום טוב איז אסור איין צוא ווייקין · איין נייער אויבן אדר נייאי טעפ וואש זיינען נאך ניט אויש גיזאטין גיווארין פאר יום טוב טאר מען דרינן ניט קאכין אדער באקין אום יום טוב · מעל איז אסור צוא זיפן אום יום טוב · אבער אז זיא איז שוין גיזיפט פון פאר יום טוב מאג מען זיא נאך אמאל זיפן אונ יום טוב שעניר צוא מאכן · אבר דורך איין שינוי · ניט וויא אום דר וואכן עש איז אסור מעל צוא מעסטין אום יום טוב :

ווען איין אשה קנעט איין טייג אום יום טוב זאל זיא חלה נעמן · אונ זאל זיא האלטן ביז נאך יום טוב דען אום יום טוב טאר מען קיין חלה ניט פאר ברענן · איין אן גיפילט הון וואש איז צו גנייט גיווארן מיט איין פאדים : טאר מען אים ניט אפ שניידן אדר אפ רייסין אום יום טוב · אבר אפ צו ברענין איז מותר · אויך איז אסור צו כשרן אדר אויש צו גליהן איין טריפה כלי אום יום טוב · אבר אז מיהאט גיבראטין טרייף פלייש אויף איין שפיז · מאג מען דיא שפיז אויש גליהן דרויף תיכף ווידר צו בראטין ווייל ער איז נאך היים · אז עש איז

קאלט מאג מען איין הייצן אום יום טוב · עש איז אסור צו וואשין דאש גיפעס מיט איין טוך אום יום טוב · דען איך האב מורא טאמר וועט ער זיא אויש קוועטשין · נאר מיט שמרויא אדר מיט הייא איז מותר · ווען דאש פייאר מאכט אים קיילע זיין עסין דש דריבר שטינקט עש מיט רויך אונ עש איז דר צוא קיין אנדר תקנה ניט פאר האנדין סייבן צו פאר לעשין · מאג ער עש אויש לעשין אין אויבן · איין לאמפ פון אייל טאר מען ניט אוועק בייגן דעם אייל פון קנייטל · אויך טאר מען דש קנייטל ניט ארויש נעמן פון דער לאמפ · אפילו צוא לייגן אין אנאנדר לאמפ ; אבר עש איז מותר נאר קנייטליך אריין צו לייגן אין דעם אייל כדי עש זאל גיך אויש ברענין · ווען איינר האט אן גיצונדין איין וועקסין ליכט אונ ער האט חס זיא זאל ניט אין גאנצן אויש ברענען · מאג ער וואול זיא ארום בינדין מיט אזו איין זאך אז עש וועט קומן דר צוא וועט זיא פאר לאשין ווערין · אויך מאג ער זיא שטעלין אויף אזו איין ארט וואש דער ווינט איז גיוואוינט צוא וויען · אבער אז דער ווינט וויעט איצונד אויך טאר מען עש דארטין ניט שטעלין :

אום יום טוב צו מנחה מאג מען וואול אן צינדין ליכט אפילו אין דער היים · חאטשי דאש ליכט גיהער אויך ביא נאכט · ווייל מען האט דאך איצונד אויף הנאה דער פון · דיא דינים פון יום טוב זיינען זייער פיל ; נאר איך האב גישריבן צום קירצטין וואש נוציג איז אין אונזערי הייזר · אזו וועל איך אויך שרייבן אטייל דינים פון הלכות חול המועד וואש נוציג איז אין אונזרי קהילות אונ הייזער : (קעב) אום יום טוב גייט מען שפעט אין שול אריין · אונ מען זיצט דארטין ביז האלבן טאג · דען עש איז אמצוה צו טיילין דעם טאג פון יום טוב · איין האלבין טאג תורה צו לערנן אונ תפלה צו טאן · אונ דעם אנדרין האלבן טאג צו עסין אונ טרינקן אונ משמח צו זיין מיט שמחת יום טוב · עש זאל קיינר ניט קארגין אויף יום טוב · אונ זאל אים מכבד זיין וועדליג זיין יר מעג דען עש ווערט אים אלש בצאלט · עש איז אסור צוא עסין פאר (אשר בהר בנו) : כדי מיזאל פרייליך זיין אום יום טוב · אבר אז שבת גיפאלט אום ערב יום טוב · מאג מען מקיים זיין שלש סעודות מיט אשטיקל ברויט אבר ניט פיל · איטליכר איז מחוייב צו האבן וויין אויף קידוש אונ צוויא חלה אויף (המוציא) אזו וויא אום שבת · דיא קליידר פון יום טוב זאלין אביסל בעסיר זיין פון די קליידר פון שבת · עש איז קיין חיוב ניט שלש סעודות צו מאכן אום יום טוב · איטליכער מענטש איז מחוייב משמח צו זיין אום יום טוב זיך אונ זיין ווייב אונ קינדר אונ אלי דיא וואש גיהערין צוא זיין טיש · אונ ער זאל עסין גוטע פלייש אונ גוטי וויין זיין ווייב זאל ער משמח זיין מיט שייני קליידר אונ צירונג · אונ זייני קינדר מיט זיסי פירות · אונ זאל אויך משמח זיין דעם גר · אונ דעם יתום אונ אלמנה :

אויך איז אגרויסי מצוה משמח צו זיין די ארמע לייט : דרויף זאגט דר פסוק ווען דו בישט משמח דייני פיר · דאש איז דיין ווייב אונ קינדר אונ קנעכט אונ דינסט מויד · דערנאך בישטו אויך מחוייב משמח צו זיין אנדרע פיר · דאש איז דער (גר) אונ (יתום) אונ (אלמנה) אונ (עניים) אויך זאל ער ח"ו ניט פרייליך זיין מיט נארישקייט נאר מיט גאטש פארכט · דאש מיר זיינן מחוייב פרייליך צו זיין ווייל גאט האט אונז אויש דער וויילט פון אלע פעלקער צוא זיין פאלק אונ (חלק) אונ (גדולה) · אונ ער זאל זיין אונזער גאט · אונ דאש מיר זאלן האלטין זיינע מצות מיט פרייד אונ ניט פון אונזר הנאה וועגן · די (ראשים) אונ (בית דין) פון דר קהילה · זיינען מחוייב צו שטעלין שומרים אום יום טוב זייא זאלן אכטונג געבין אז מאנזבלין מיט ווייבער זאלין זיך ניט בנאנד שפאצירן · אונ זאלין מזהיר זיין די לייט זייא זאלן זיך ערליך האלטין · אונ זאלן זיין גאטש פארכטיג · אונ אויך איטליכער בעל הבית דארף אכטונג געבין אויף זיין הויז גיזינד זייא זאלן ח"ו קיין עבירה ניט טאן · כדי אז כל ישראל זאלין זיין גאטש פארכטיג אמן :

## (קעג) הלכות חול המועד

אום חול המועד זיינען אטייל מלאכות אסור צוא טאן אונ אטייל זיינען מותר · דאש שטייט ניט בפירוש אין דער תורה · נאר דיא חכמים האבן עש בקבלה איינר פון אנדרין · ביז משה רבינו ע"ה האט עש מקבל גיוועזן פון הקב"ה אויפין בארג סיני · דער כלל דער פון איז

אלי

אלי דיא מלאכות וואש קערין צוא שמחת יום טוב איז מותר צוא טאן אום חול המועד · מען מאג וואול חאפן פיש אדר חיות אדר עופות אויף יום טוב · אבר איין נעין מאכן דר צו איז אסורי אויך איז מותר ווייין צו קעלטרין · אבר איין קעלטר מאכין דרויף איז אסורי אויך איז מותר צוא קאבין · אבער ניט קיין טעפ צו מאכן · מיטאר ניט בויאן אום חול המועד · אבר אזו איין וואנט וואש וועט איין פאלין איבר יום טוב מאג מען זיא פאריכטן · אויך זיך ניט צו שערין · אויך ניט דיא נעגיל שניידן ניט פון דיא הענט אדר פון דיא פים · סייא מיט איין מעסיר סיי מיט איין שער · אבר איין יונג קינד וואש האט זיך גאר קיין מאל ניט גישארין מאג מען וואול שערן · איין אשה וואש דארף טבילה האבין מאג זיך שניידין אירי נעגיל אום חול המועד · עש איז זיך מותר צו באדין אונ צוא קעמין האטשי מען רייסט אויש האר : אלע רפואות זיינן מותר צו טאן אום חול המועד אפילו צוא איין בהמה · אזו איין עסין שפייז וואש וועט טייערער ווערן נאך יום טוב · מאג מען וואול קויפן אום חול המועדי אונ עש איז מותר איין צו זאלצין אפילו אויף נאך יום טוב אזו איין זאך וואש וועט פיילע ווערין אז עש וועט אזוא שטיין איבר יום טוב · מאג מען עש פאריכטן אום חול המועדי האנדלין איז אסור אום חול המועדי אבר אזו איין סחורה וואש ער וועט מוזן אן ווערן פון (קרן) נאך יום טוב מאג ער וואול פאר קויפן אום חול המועד · אבער פון רווח וועגין איז אסור · סיידין ער וויל דעם רווח אויש געבן אויף שמחת יום טוב · אונ ער האט קיין אנדר געלט ניט :

אויך איין סחורה וואש וועט נאך יום טוב טייערער ווערין מאג מען זיא קויפן אום חול המועד · אז איין יעריד גפאלט אום חול המועד מאג מען וואול קויפן אונ פאר קויפן · אבער אין איין מארק טאג איז אסור דיא קרעמר וואש פאר קויפן בשמים אדער אויפס אונ אלירלייא עסין שפייז מאגין זייא וואול פאר קויפין אום חול המועד · דען איטליכר ווייסט אז דש איז פון יום טוב וועגין · עש איז אויך מותר חובות איין צו מאנין אום חול המועד עש איז מותר געלט צו לייאן אויף איין וועקסיל אום חול המועד · אויך איז אסור צו שרייבין אום חול המועד אפילו איין ווארט סיידין אז ער וועט פאר געסין שרייבן איבר יום טוב · אויך אזו איין בריב וואש מיקאן זיא שרייבן נאך יום טוב · טאר מען זיא ניט שרייבן אום חול המועדי איין בעל מלאכה טאר ניט ארבעטין אום חול המועד סיידין אז ער האט ניט אויף יום טוב · מאג ער ארבעטין שטילער הייד · ווען איינר טוט יוא איין מלאכה זאלין דאש בית דין הפקר מאכן זיין ארבעט ער זאל דר פון קיין הנאה ניט האבין · אונ אז ער ארבט ביי אנדרין מענטשן · דא קאן מען דאך דיא ארבעט ניט הפקר מאכן זאל מען אים מחרים זיין אונ מלקות שלאגין · איין צרכי רבים איז מותר צו טאן אום חול המועד · דאש זאל איטליכר וויסין אז דר וואש איז מחלל שבת איז זיין עונש (סקילה) אדר (כרת ר"ל) : אונ דר וואש איז מחלל יום טוב איז זיין · עונש (מלקות) · אבר דר וואש איז מבזה חול המועד בפרהסיא איז זיין עונש (חרם) אונ (שמתא) אונ (מלקות) אונ דר וואש טוט איין מלאכה בשתיקה אום חול המועד · דר האט קיין חלק ניט לעולם הבא · ווייל ער גלייבט ניט אין די רייד פון די חכמים · דאש איז דיא הרבסטי עבירה אין דער וועלט :

סליק הלכות שבת

## הלכות ענוה פרק שביעי

דער פרק רעט פון ענוה אונ אהבה :

עקב ענוה יראת ה׳ עושר וכבוד וחיים · רבי יהושע בן לוי זאגט די בעסטע מדה אין דער וועלט איז דאש דר מענטש זאל זיך ניט האלטין בגאוה · נאר ער זאל זיין איין עניו · אז ווי דר פסוק זאגט רוח אלהים עלי וכו׳ · דיא נבואה פון גאט ית׳ איז אויף מיר דרום האט מיך גאט גיזאלבט איך זאל אבשורה זאגין אויף דר גאולה צו דיא לייט וואש האלטין זיך בעניוות · נוא זעהן מיר אז הקב"ה האט קיין שום זאך ניט אזו ליב וויא די מדה פון ענוה · אונ האט קיין שום זאך ניט אזו פיינט וויא דיא מדה פון גאוה · אויך זאגט דער פסוק עקב ענוה יראת ה׳ דער פון לערנען אונזערע חכמים אז דאש עניוות איז דיא גרעסטע אונ העכסטע מעלה פון אלע מעלות · דען דער פון קומען אלע דיא גוטע מדות · אונ פון גאוה קומען אלע שלעכטע מדות · ששה דברים זעקס זאכין זיינען גיזאגט גיווארין אויף דעם מענטשין וואש איז איין עניו · דריי אויף דער וועלט ·

אונ דרייא לעולם הבא · דאש ערשטע ער האט תמיד מנוחה · ווארום ער איז זיך משמח מיט דעם וואש גאט באשערט אים · אונ איז קיינעם ניט מקנא אויף קיין שום זאך · דען דער וואש איז מקנא אויף געלט אדער גדולה · אזו בקומט ער זיין בגער · אזו בגערט ער אלע מאל נאך מער · אזו האט ער קיין רוא ניט ער שלאפט ניט אונ זיין הארץ איז טרויאריג ווייל דאש ער טראכט תמיד אויף רייכקייט · אונ אפילו ער זאל עסין מעדני מלכים בגערט ער נאך מער · אז וויא דער פסוק זאגט ובטן רשעים תחסר דער בויך פון דיא רשעים איז גימינערט אונ קיין מאל ניט זאט · אבער דער עניו גלוסט ניט צו קיין וואול עסין אונ גוטע ויינין · דען ער האלט זיך אויף דער וועלט פאר איין גר · אונ ער עסט דרום זיין לעבין אינ גיזונד זאל דער האלטען ווערין · אז וויא דער פסוק זאגט צדיק אוכל לשובע נפשו דער צדיק עסט זיך אן זאט ווייל זיין כוונה איז דער מיט זיין לעבין צו דער האלטין :

דאש אנדרי דר עניו איז אויף זיך אלש מקבל באהבה פון גאט · אונ איז אויף זיך מצדיק הדין · אונ איז זיך משמח מיט גאטש שטראף · דען ער גידיינקט איך וועל ליידין שטראף אויף דער וועלט איידר אויף יענער וועלט · דרום איז זיין לעבין אגוט לעבין · דאש דריטע ער איז גילויבט אין גאטש אויגן אונ אין לייטינש אויגן · אונ די לייט האבין הנאה פון זיין עניוות . ער פרייאט זיך אז עש גייט וואול דיא לייטין · אונ ווידער פאר קערט איז ער זיך מצער · עש איז אמאל גיוועזן איין חכם האט ער גיפרעגט איין עניו וויא קומט עש דאש דו ביכט אזו גילויבט בייא די לייטין · האט ער גיענפערט ווייל איך האב קיין מאל קיין שום מענטשין קיין שלעכטין ניט גיטאן · אונ האב איטליכן מענטשן חשובר גיהאלטין פון זיך זעלבסט דער מענטש וואש איז גיוועזן אחכם האב איך גידאכט ער האט מער חלק עולם הבא פון מיר · אונ ער לערינט בעסער פון מיר · אונ דער וואש איז גיוועזן איין נאר האב איך גידאכט ער טוט אלע עבירות בשוגג · דען ער ווייסט ניט וואש ער טוט · אבר איך טוא במזיד · דער מענטש וואש איז עלטער גיוועזן פון מיר האב איך גיטראכט ער האט פיל מער מצות גיטאן פון מיר · אויך מוז ער אגרויש זכות האבין דאש ער איז אזו אלט גיווארין · דער וואש איז יונגר גיוועזן פון מיר האב איך גידאכט ער האט ווינציגר עבירות גיטאן פון מיר · דער מענטש וואש איז גלייך גיוועזן מיט מיר האב איך גידאכט מיינע עבירות וויים איך אבר ניט זיינע · אזו האב איך אלע לייט מכבד גיוועזן :

אויך דאש זאגין דיא חכמים הוי דן את כל אדם לכף זכות דו זאלסט איטליכן מענטשן אויש לייגין צו גוטן · איבר דער מדה איז דער עניו גלויבט אין די לייטענש אויגן · ער אנפאנגט איטליכן ליבליך אונ גאר שיין · ער גיט איטליכן שלום אונ איין גוט מארגין · אונ גוט אבינט · אויף דעם האט זיך בארימט אחכם עש האט מיר קיין שום מענטש ניט גיפעדערט קיין שלום · דען אפילו איין עובד כוכבים אין מארק האב איך אים פריער שלום גיגעבין · דאש זיינען דיא דרייא זאכין וואש דער עניו האט אויף דר וועלט · אונ ווידר האט ער דרייא זאכין אויף יענער וועלט דאש ערשטי ער איז נאהינט צו הקב"ה · דען ער טוט זיין רצון · אונ ער בהעפט זיך צו תלמידי חכמים · אזו לערינט ער פון זייא תורה אונ גוטע מעשים . אז וויא דער פסוק זאגט ההולך את חכמים יחכם דער וואש גייט מיט תלמידי חכמים ווערט קלוג אויך זאגט דער פסוק ידרך ענוים במשפט ער פירט די ענוים מיט משפט אונ לערינט זיי זיינע וועגין · נוא דריבער איז דער עניו זוכה לחיי עולם הבא · אבר דער גאוותן איז זיך פאר קערט נוהג · אז וויא דער פסוק זאגט רשע כגובה אפו בל ידרוש דער רשע איבער זיין גרויסקייט פארשט ער ניט אין געטליכע זאכין · דאש אנדרע ער איז זוכה לחיי עולם הבא · דען ער איז תמיד משתדל ניט צוא פאר זוימן קיין מצוה · אונ זיין מחשבה איז אלש אויף מצות · אבער דער גאוותן לאזט אוועק אטייל מצות וואש זיינען אים דער ווידער זיין כבוד :

דאש דריטע הקב"ה האט אים ליב אונ דער הערט זיין תפלה · אז וויא דער פסוק זאגט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין צוא בראכין אונ צוא שטויסן הארץ טוט גאט ניט פר שעהמן · אונ ער איז זוכה צו

עולם הזה׳ אונ עולם הבא׳ אז וויא דער פסוק זאגט
וענוים יירשו ארץ דיא ענוים וועלין ירשנען דיא וועלט׳
והתענגו על רוב שלום אונ וועלין זיך זעניפטגן אויף פיל
שלום אויף יענער וועלט׳ אבר דעם גוותן האט גאט
פיינט׳ אז וויא דר פסוק זאגט זעקס האט הקב״ה פיינט׳
אונ דאש זיבנטי איז אים אום ווערדיג׳ איין בעל
גאוה אונ איין ליגנר וכו׳ מיט פינף זאכין ווערט דער
עניו דער קענט דאש ערשטע ער איז מוחל איטליכען
וואש אים דער ווידר גיטאן׳ אפילו ער האט בכח
אים שלעכטין אפ צוא טאן׳ דאך קוקט ער ניט אויף
זיין כבוד׳ דאש אנדרע אפילו עש קומען אויף אים
אלירליא צרות פון דער וועלט ר״ל איז ער אלש מקבל
באהבה׳ אונ איז מצדיק הדין אויף זיך׳ אז וויא דער
פסוק זאגט ביי אהרן הכהן אז זיינע צווייא קעסטליכע
זין זיינען גישטארבין׳ האט ער גישוויגן אונ האט ניט
גיוויינט׳ אונ האט עש מקבל גיוועזן באהבה׳ אויך
זאגט דער פסוק דום לה׳ והתחולל לו שווייג צו גאט אונ
האף צוא אים׳ דאש דריטע אז מען איז אים מכבד
האלט ער זיך ניט גרויש דער מיט׳ אדרבה ער האלט
זיך נאך מער שפל׳ דאש פערטי ער ווערט דער קענט
מיט זיין ריידין דאש ער רעט פאמעליך׳ אונ שרייאט
ניט אויף די לייט׳ אז וויא דער פסוק זאגט דברי חכמים
בנחת נשמעים מזעקת מושל בכסילים די רייד פון די חכמים
זיינען פאמעליך׳ אזו ווערין גיבער דער הערט פון
דעם גישרייא פון גוותן וואש שרייאט אויף די נארין:

אויך דער עניו אפילו ער איז נושא חן ביא דעם מלך
אדער שר׳ דאש ער בקומט איין שררה אדער
איין גדולה׳ נעמט ער זיך ניט איבר דער מיט׳ אונ
שטראפט דיא לייט מיט שכל אונ מיט נידריג גמיט׳
אבר דער גוותן איז אלש פאר קערט׳ דאש פינפטע
אז ער זעהט יסורים קומן אויף אים איז ער זיך משפיל
אונ טוט תשובה׳ אז וויא מיר גיפינען די חויבע אונ
קעסטליכע שרים וואש זיינען גיוועזן ביא עזרא האבן
תשובה גיטאן׳ אונ האבן זיך משפיל גיוועזן׳ דאש
זיינען דיא פינף זאכין פון איין עניו׳ אונ דער היפך
דער פון איז איין גאוותן׳ צעהן זאכין בריינגען דעם
מענטשין צוא ענוות מיט גיוואלד׳ דאש ערשטי אז
איינער איז קראנק׳ אונ קען ניט עסין אונ טרינקן׳
אונ גאר זיין לייב טוט אים וויא׳ אזו זעהט ער דאש
זיין גאוה גילט ניט׳ אונ מוז ווערין איין עניו׳ דאש
אנדרי ווען איינר ווערט ארום אונ קומט צו לייטניש
בדערפניש׳ אזו ווערט אויך צוא בראכין זיין גאוה׳
דאש דריטע אז דער מענטש פרענקט זיך אז ער איז
ניט זיכר אפילו איין שעה פאר צרות ר״ל:

דאש פערטי ווען איינער איז שולדיג געלט אונ האט
ניט צוא בצאלין׳ אזו מוז ער זיך מכניע זיין
פאר זיינע בעלי חובות זייא זאלין אים ניט צווינגן׳
דאש פינפטי ווען איינר ווערט גיחאפט אין איין תפיסה׳
אונ קען ניט ארויש׳ דאש זעקסטע ווען איינר ווערט
גיחאפט פאר איין קנעכט מיט גיוואלד׳ אזו איז ער
זיך מכניע אונ וויינט אונ שרייאט פאר זיין הערין
טאמער וועט ער זיך דער בארימען איבר אים אז וויא
אין פסוק שטייט אזו וויא די אויגן פון די קנעכט צוא
זייער הערין וגו׳ דאש זיבטע ווען איינעם קומט צוא
פיל צרות׳ דאש זיין לעבין איז אין לייד ר״ל אזו ווערט
זיין הארץ אינטר טעניג׳ דאש אכטע אז דער מענטש
בדענקט זיך וואש פאר עבירות ער האט גיטאן׳ אונ
וויא ער האט דער צערינט זיין בשעפר פאר דעם פיל
גוטש וואש ער טוט מיט אים׳ אזו איז ער זיך מכניע
אונ שעהמט זיך דרויף. אז וויא דער פסוק זאגט אלהי
בושתי וגם נכלמתי להרים פני אליך ה׳ מיין גאט איך שעם
מיך אונ בין ווארין פאר שעמט׳ דאש איך קאן מיין
פנים ניט אויף הייבין קעגן דיר גאט׳ דאש ניינטע ווען
דער מענטש זאל גידיינקען דעם גרויסן עונש וואש ער
וועט מוזן ליידין אין גיהנם איבער זיינע זינד׳ אזו
וועט ער זיך בוודאי מכניע זיין קעגן הקב״ה מיט
תשובה אונ צדקה אונ תורה אונ מעשים טובים׳ דאש
צעהנטי ווען איינר בדיינקט זיך אז דער מענטש איז
נאר איין גאסט אויף דער וועלט׳ דען היינט לעבט
ער אונ מארגין איז ער אין קבר׳ אונ ער דארף
וואנדרין אין איין ווייטין וועג׳ אזו דארף ער מיט
נעמין פיל צערינג דאש זיינען די מעשים טובים׳ אבר
דער וואש גרייט זיך ניט אן קיין צערינג אזו פאלט
אויף אים גרויש פארכט אונ אנגסט׳ דאש ער האט

קיין

קיין תשובה ניט גיטאן אויף זיינע עבירות · נון ווען דער מענטש נעמט זיך צום הארצין אזעלכי זאכין · אונ גידענקט זיין סוף אז דאש דער מענטש איז נאר ניט אויף דער וועלט · אזו איז ער זיך בודאי מכניע:

דרום זאל זיך איטליכר מענטש צום הארצין נעמען · אז אפילו איין מלך אונ איין שר איז ניט זיכר פארין טויט · דען מיר זעהן אז אופט שטארבין אפילו קליינע אונ יונגע קינדר · אונ עש איז קיינער ח"ו ניט זיכר פר די אלע צעהן זאכין וואש זיינען דא גישריבן · דען ער האט קיין ערוב ניט פאר זיך · אונ איטליכער זאל גידיינקען וואש עקביא בן מהללאל האט גיזאגט דו זאלסט גידיינקין אין דרייא זאכין וועסטו ניט קומן צוא קיין עבירה · פון וואנען דוא קומסט · פון איין שטינקדיגין טראפין · אונ וואו אהין וועסטו גיין אין דער ערד אריין צו די ווערים · אונ ווידער פר וועמען וועסטו דארפין אפ געבין דין אונ חשבון · פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · נוא ווארום זאלסטו זיך בגאוה האלטין · רבי לויטס פון דער שטאט יבנה זאגט מאוד מאוד הוי שפל רוח בפני כל אדם שתקות אנוש רמה זייער אונ זייער זאלסטו זיין איין עניו דען דש האפונג פון מענטשין איז נאר צו ווערים · אלע די מדות אין דער וועלט זיינען דאך צו פיל ניט גוט · צו פרום איז ניט גוט · אז וויא דר פסוק זאגט אל תהי צדיק הרבה דיא זאלסט ניט צו פיל איין צדיק זיין · דאש עש טאר קיין שום מענטש קיין נאייע מצות ניט מאכין וואש דיא חכמים האבן ניט גימאכט · אבר די מדה פון ענוה וואש מער איז בעסער:

אזוא אויך גיפינן מיר ביא משה רבינו ע"ה ער האט דאך גיהאט אין זיך אלע די גוטע מדות פון דר וועלט · לויבט אים דאך ניט דיא תורה נאר מיט דער מדה פון ענוה · אז וויא דר פסוק זאגט והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה דער מענטש משה איז גיוועז מער עניו פון אלע מענטשין וואש אויף דער ערד · אויך אברהם אבינו האט זיך אויך שפל גיהאלטין אז וויא ער האט גיזאגט איך בין ערד אונ אש · דוד המלך האט אויך גיזאגט איך בין איין ווארים ניט קיין מענטש נוא וויא זאל זיך אנאנדר מענטש ניט בענוות האלטין · אויך איז דער מענטש גיגליכין צוא לוים אונ ערד · אונ צו איין ווינט · אונ צו גראז וואש ווערט פר דארט אויף דעם זיינן פיל פסוקים די גאוה ברייננט צוא פיל ביזע מעלות · אונ אויך צוא גיברעכניש אונ שפלות · אונ די ענוה בריינגט צו פיל גוטע מעלות אונ אויך צוא כבוד · אז וויא דר פסוק זאגט לפני שבר גאון לפני כבוד ענוה פאר גאוה קומט גיברעכניש · אונ פר ענוות קומט כבוד דרום דר וואש איז קלוג זאל זיך צום הארצין נעמען דיא אלי זאכין · אונ אויך טאמער וועט אויף אים קומן איין קראנקהייט · אדער איין בילבול · אדר איין שאדין · אדר טאמער וועט אויף אים פאלין איין גוויער אונ ער וועט גיהרגת ווערין ר"ל · אדר טאמער וועט אויף אים קומן ארומקייט · אדער אנדרע צרות ח"ו · נוא ווארום זאל אמענטש איין בעל גאוה זיין · זיין צייט איז דאך קורץ אויף דר וועלט · אונ ער וועט מוזן גיין אין דער פינצטרר גרוב אריין צו די ווערים:

נוא וויא זאל ער זיך מאכין במזיד פאר איין רשע · דאש גאט אונ לייט זאלין אים פיינט האבין · ווארום זאל דער ווערמיגר מענטש פאר געסין דעם שווערין ביטרין טאג אז ער וועט מוזן אפ שיידין פון דער וועלט פון אלע זיינע גוטע פריינט אונ וייב אונ קינדר · אונ פון זיין געלט אונ גוטש · דענמאלט וועט אים זיין פנים נשתנה אונ פאר פינצטרט ווערין · זיינע גלידר ווערין אים צו פאלין · אונ זיין בויך וועט צוא שפריינגן ווערין זיינע גידערים פון בויך ווארפט מען אים אויף זיין פנים · אונ מיזאגט צוא אים צוא וואש האסטו איין גיזאמילט אזו פיל מיסט · אצונד לאז עש זיין אויף דיין פנים · אונ אויך דאש ער וועט מוזן חיבוט הקבר לידין · אונ זיין נשמה וועט קומען אין גיהנם אריין · נון איר ליבע לייט אז דר זינדגר מענטש נעמט זיך דאש אלש צום הארצין · וויא קאן ער זיך אויף האלטין ניט צוא וויינען אונ שרייאן איבר זיינע גרוייש זינד אונ גאוה · אונ דער מענטש וואש איז איין עניו · אונ טוט דרויף תשובה אונ מעשים טובים דארף ער זיך ניט פארכטין פאר דעם אלעם · אדרבה דיא צדיקים פרייאין זיך מיט זייער טויט · דען זיא וויסן דאש זיי זיינן זוכה לחיי עולם הבא · דרום זאל איטליכר

מענטש

מענטש אין זיך האבין. די גוטע מדה פון ענוה · אונ
זאל תשובה אונ מעשים טובים טאן פאר הקב"ה ·
אזו ווערט ער זוכה זיין צו חיי עולם הבא :

דיא חכמים זאגין · ווען איינר גיט איין ארומאן אפילו אלע די מתנות פון דער וועלט מיט גאוה · אונ מיט אשלעכט פנים טוט ער נאך איין עבירה · דאש ער איז אים מבייש · עש וואלט פיל בעסער גיוועזן ער זאל אים ניט געבין · אזו וויא עש שטייט אין הלכות צדקה · אבר דער וואש אנטפאנגט דעם ארומאן מיט איין לבליך פנים אונ מיט עניוות · איז בעסר וויא ער וואלט אים געגעבין אלע דיא מתנות פון דער וועלט מיט גאוה · דרום זאל זיך איטליכר מענטש שפל האלטן קעגין איטליכן מענטשין · אונ זאל גידיינקן איך בין ערגר פון אלע · אזו ווערט ער מנוחה האבין אויף דר וועלט · דאש ער ווערט זיך מיט קיינעם ניט קריגין · אונ אויך אויף יענער וועלט · אויך דיא ענוה איז בתכלית גוט פאר זיך זעלברט · דאש ער ווערט זיך שעהמען איין עבירה צו טאן · אדר בייזע מחשבות אונ הרהורים צו האבין · אונ ער ווערט בוודאי תשובה טאן · נמצא איז אין דעם כלל פון ענוה אלע די זכיות אונ גוטע מדות פון דער וועלט · אונ ווידר פאר קערט אין דער גאוה זיינען אלע די בייזע מדות :

מעשה רבי עקיבא ע"ה האט גיהאט איין שיינעם אונ טייערין פעריל צוא פאר קויפין · דא איז גיזעסין אין בית המדרש איין גרויסר עושר אונטן לעבן די ארמע לייט · אונ איז גיגאנגין אין צו ריסנע קליידר וויא דער גרעסטר ארומאן פון דער וועלט · אז ער הט דר זעהן דעם פעריל ביי רבי עקיבא הט ער אים אויש גידונגען ביי אים · אונ האט אים גיבעטין ער זאל מיט אים אהיים גיין ווערט ער אים בצאלין · דא איז רבי עקיבא צו אים אהיים גיגאנגין מיט זיינע תלמידים אונטער וועגין איז דער יהודי פריער אוועק גיגאנגין · האבן זיי גמיינט ער גייט זיין צורך האבין · אדער ער שפעט פון זייא · אז ער איז גיקומן פאר זיין הויז זיינן זיינע קנעכט אים אנטקעגין גיגאנגין אונ האבין אים גיפירט אין זיין הויז · אונ האבין אים גיזעצט אויף איין גילדרני שטול · אונ האבין אים אפ גיוואשין זיינע פים האט ער זיי גיהייסין געלט ברייננגן · אונ ער האט בצאלט רבי עקיבא פאר זיין פעריל · אונ זיינע קנעכט האבין גינומען נאך זעקס פערליך · אונ האבן די זיבן פערליך צו ריבן אונ האבן אים איין גיגעבין אויף איין רפואה · אז רבי עקיבא האט דאש דר זעהן האט ער זיך זייער פאר וואונדערט דער נאך האט ער גיהייסין גרייטין צום טיש · אונ האט גיבעטין רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים זייא זאלין בייא אים עסין · נאך דעם עסין זאגט צו אים רבי עקיבא ליבער פריינד זאג מיר ווען יוא גאט האט דיך גיבענטשט מיט גרושע עשירות · ווארום מאכסטו זיך אזו שפל אונ נידריג · זאגט ער ליבר רבי דער פסוק זאגט אדם להבל דמה ימיו כצל עובר דער מענטש איז צוא נארישקייט גיגליכן · אונ זיינע טעג זיינן וויא איין שאטין וואש גייט איבר · אונ ער מיט זיין געלט האבין קיין קיום ניט · דרום האב איך מיר אפ גיקליבין מיין שטאט לעבין ארמי לייט : דאש איך וויל זיך ניט בגאוה האלטין · אונ טאמיר וועל איך ארום ווערין · אזו וועל איך ניט דארפין פאר ענדרין מיין שטאט · אונ נאך איינש איך גידיינק דער עושר אונ דער ארומאן זיינען ביידע נאקטש בשעפניש · אזו וויא דער פסוק זאגט אב אחד לכולנו איין פאטער איז צוא אונז אלע · אונ נאך איינש איך בהעפט זיך צו ארמעלייט דען זיי זיינן נאהינט צו גאט אונ ער דער הערט זייער תפלה אונ נאך איינש אז איך בין לעבין זייא ווייס איך וואש זייא פעלט אזוא גיב איך זייא · אונ נאך איינש דער בעל גאוה זינדיגט צוא גאט אונ קומט אין גיהנם · אז רבי עקיבא האט דער הערט זיינע רייד האט ער אים גילויבט אונ גיבענטשט · דורך דעם זכות פון ענוה וועלין מיר זוכה זיין באלד אויש גילייזט צו ווערין · אז וויא דער פסוק זאגט וענוים יירשו ארץ והתענגו על רוב שלום די ענוים וועלין ירשנן דאש לאנד אונ וועלין זיך מתענג זיין אויף פיל שלום אמן :

נאך איין מעשה שטייט אין ספר חסידים איין חכם האט גיפרעגט איין חסיד דוא ביסט דאך איין עניו · אונ דער סדר איז דער עניו האט אפרייליך גימיט · דען ער זארגט ניט מער נאר אויף זיינע זינד אונ דעם גלות ·

נון זאג מיר ווען ביסטו צום פרייליכסטן גיוועזן זאגט ער איך בין אמאל גיפארין אין איין שיף מיט עובדי כוכבים האבין זייא מיר גרויש רשעת אן גיטאן · דאש איך האב גימוזט זיצן אויף דעם שפיץ פון דער שיף · דא איז גינאנגין איין רשע אונ האט אויף מיר משתין גיוועזן · אונ עש האט מיך גאר ניט גיהארט · דעמאלט בין איך צום פרייליכסטן גיוועזן · דאש איך האב דער קענט אז איך בין איין עניו ת"ל דא האט אים דר חכם גילויבט אונ פיל ברכות גיגעבן :

סליק פרק הענוה

## הלכות כיבוד אב ואם פרק שמיני

עש שטייט אין די עשרת הדברות כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך זאלסט ערליך האלטין דיין פאטר אונ מוטר · פון וועגין דוא זאלסט לאנג לעבין · דרשת דיא גמרא דאש מיינט מען עולם הבא · דאש איז דאש לאנגע לעבין · דען עש האט גאר קיין סוף ניט אבער דאש לעבין פון עוה"ז האט יוא איין סוף אונ ווידר ווי קען עש זיין אז עש גייט אויף עוה"ז מיר זעהן דאך אפט איינער איז מקיים כיבוד אב ואם אונ שטארבט יונגער הייד · אונ ווידער דער וואש איז ניט מקיים לעבט לאנג דרום האבין דיא חכמים ז"ל בקבלה פון משה רבינו אז דאש גייט אויף עולם הבא · רבי שמעון בן יוחאי זאגט גאט האט גיבאטין צוא היטען כיבוד אב ואם מער פון גאטש כבוד אזו ווי דער פסוק זאגט כבד את ה' מהונך זאלסט ערליכען דיין גאט פון דיין געלט מיט צדקה אונ מעשר אבער דער וואש האט ניט דער קען גאט ניט ערליכען פון זיין גוטץ · אבער כיבוד אב ואם אפילו דוא האסט ניט ביסטו מחוייב צו גיין אויף דיא טירין אונ זיי מכבד צו זיין אויך הט הקב"ה גיגליכין די מורא פון פאטער אונ מוטער צוא זיין מורא דען עש שטייט אין דער תורה את ה' אלהיך תירא פאר גאט דיין גאט זאלסטו דיך פארכטין אונ עש שטייט איש אמו ואביו תיראו איטליכער מענטש זאל זיך פארכטין פאר זיין פאטער אונ מוטער אויך אז איינער שילט דעם שם ח"ו אדער ער שילט פאטער אונ מוטער קומט אים אלש סקילה איך וועל דא בשיידין ווארום דאש איז אזו דען דרייא

שותפים זיינן אין מענטשין הקב"ה אונ דער פאטר אונ מוטער : דער פאטער גיט פינף זאכין דאש פון זיין זרע וואש זיא איז וויים ווערט בשאפין דיא ביינער אונ דיא אדערין אונ די געהירין אונ דיא נעגיל פון די הענט אונ פיס · אונ דאש ווייסיל פון אויג · דיא מוטער גיט אויך פינף זאכין · דאש פון איר זרע וואש זיא איז רויט ווערט באשאפין דש פלייש אונ הויט אונ דאש שווארצי פון אויג אונ דיא האר אונ דאש בלוט · אונ הקב"ה גיט צעהן זאכין דעם קראפט אונ דעם אטום אונ דיא נשמה אונ דאש לויטערע גישטאלט אין פנים אונ דאש אן גזיכט אונ דאש גיהרין אונ דיא רייד אונ לוסט אונ מחשבות אונ דיא חכמה · אונ אז דיא צייט קומט דער מענטש זאל שטארבין דא נעמט הקב"ה אוועק זיין חלק אונ פאטער אונ מוטערש חלק בלייבט ליגן :

דרום אז דער מענטש איז מכבד זיין פאטר אונ מוטר אונ האט מורא פאר זייא · זאגט הקב"ה עש איז גלייך וויא ער איז מכבד מיין שכינה אונ האט מורא פאר איר · אונ אויב ער האט ניט מורא פאר זייא זאגט הקב"ה איך האב רעכט גיטאן דאש מיין שכינה וואוינט ניט מיט זייא אונטן · דען זייא וואלטין פאר איר אויך קיין מורא ניט גיהאט · עש איז קשה פאר וואש בייא כיבוד שטייט כבד את אביך ואת אמך פריער דר פאטר אונ בייא מורא שטייט איש אמו ואביו תיראו פריער די מוטר גאר הקב"ה האט גיוואוסט דאש איטליכש קינד איז זיין מוטער מער מכבד אז דעם פאטער · דען זיא איז אים מפיים מיט גוטי רייד · דרום האט דיא תורה אן גשריבן דעם פאטר פריער · אויך האט ער גוואוסט דאש איטליכש קינד האט מיין מורא פארן פאטר ווי פר דער מוטער · דרום האט ער אן גישריבן די מוטר פריער · דאש מיט אלים זאלן זיי גלייך זיין · חמשה דברים פינף זאכן זיינן דער עיקר כיבוד אב ואם · ער איז זייא מחוייב אן צו טאן זייערע קליידר · אונ אריין צו פירן אונ ארויש צו פירן אונ עסין אונ טרינקן צוא געבין :

מיט עסין איז דר דין אזו · האבן זיין פאטר אונ מוטער זייער אייגין געלט זאל ער זיי שפייזין דר פון · אונ אויב ניט איז ער מחוייב צו שפייזין פון זיין געלט · אונ אויב ער האט אויך ניט · איז ער מחוייב צו גיין אויף די טירין

מירן אונ זיי צו שפייזין נאך זייער כבוד נאך · אויך איז ער זייא מחוייב צו געבין קליידר · אונ בעט געוואנט נאך זייער כבוד נאך · אונ דר וואש וויל ניט מקיים זיין כיבוד אב ואם גייט אים דרויף דאש בית דין · אויך גייט מען איין מאכטר וואש זיא האט איין כאן · אבר אז איר מאן וויל ניט ליידין איז זיא פטור · אונ איר מאן וועט דר פר מוזן גרויש עונש ליידין · די קינדר זיינן מחוייב תמיד צו טראכטן ווי אזו צו טאן דאש ווילן פון זייער פאטער אונ מוטר · אונ זאלין זיי ניט דר צערנן · אויך זאלן זיי מאכין דאש זייער פאטר אונ מוטר אליין מיט זייא שאפין · אז ווי דר פסוק זאגט שמע בני מוסר אביך הער צו מיין זון דיא שטראף רייד פון דיין פאטר · אונ דאש זאל איטליכער געדיינקן דאש קיין שום פאטר אונ מוטר הייסן בוודאי ניט זייערע קינדר אום רעכט מאן· נייערט מחמת זייער גרויש ליבשאפט פירן זיי אין רעכט פארטיגן וועג · דרום זאל איטליכר פאלגן זיין פאטר אונ מוטר אונ זייא חשוב האלטן אונ ניט פר שעמן זייערע רייד אונ זייערי עצות . אונ זאל ניט דאכטן די עצות פון די אלטע גילטן שוין ניט · דען אז ער וועט זיך בטראכטן וועט ער זעהן בשיינפרליך דאש זייער עצה איז זייער גוט :

אויך דרום זיינן דיא קינדר מחוייב ערליך צוא האלטין זייערי פאטר אונ מוטר ווייל זיי לערנן מיט זיי תורה אונ מצות · אונ ווייזין זייא דעם וועג פון דרך ארץ אונ גאטש פארכט נאך מער דרום איז איטליכר מחוייב ערליך צו האלטין זיין פאטר אונ מוטר ווייל זייא האבין אים גיבראכט אויף דער וועלט צו טאן תורה אונ מצות אונ מעשים טובים · אונ מיט זייער שטראפין זייגען זייא אים מזכה צו עולם הבא · דרום זאגט די גמרא דאש איטליכר איז מחוייב מכבד צו זיין זיין שטראפער אונ זיין רבי וואש לערינט מיט אים תורה מער איידר זיין פאטער אונ מוטר דען זייא האבן אים גיבראכט אויף דר וועלט · אונ זיין רבי ברענגט אים צוא עולם הבא · נמצא אז דיא פאטר אונ מוטר וואש לערנען זעלבסט מיט זייערי קינדר אונ שטראפין זייא · זיינין דיא קינדר מחוייב זיי צווייא מאל אזו פיל כבוד אן טאן פון דיא פאטער אונ מוטער וואש טואן דאש ניט · אונ דיא כוונה פון דיא קינדר זאל ניט זיין מיט דער כיבוד אונ מורא אב ואם כדי זייא זאלן לאנג לעבין · נאר זייער כוונה זאל זיין ווייל גאט דאט אזוא גיבאטין טאר מען אים ניט דער צערינן · דא וועל איך בשיידן וועלכם עש הייסט כיבוד אב ואם · מיטאר זיך ניט זעצין אויף זייער אורט · אויך ניט אריין צווא פאלן אין זייערי רייד · אויך ניט פיל צו ריידין פר זייא דען דאש איז אסור פר אנדרי קעסטליכי לייט · כמ״ש אז עש איז קיין כבוד ניט פאר זיין פאטער אונ מוטר · אפילו זייא זייגן זיך טועה אין זייערע רייד טאר מען ניט זאגין ניט אזו מיין פאטער אונ מוטער איך ווייס דיא זאך · דען איך בין דער בייא גיווען · אבער אין דער תורה מאג זיך איין זון יוא מפלפל זיין מיט זיין פאטער :

אויך ווען מען זעהט זייא איין עבירה טואן טאר מען צו זייא ניט זאגין איר טוט אום רעכט דאש איז איין עבירה נאר מיזאל זייא זאגין אזו שטייט אין דער תורה . אזו וועלין זייא זיך וואול מארקין אונ וועלין זיך אפ שיידן דער פון · אונ ווען דער מענטש האט צו טאן אנאנדר מצוה אונ אויך מקיים צו זיין כיבוד אב ואם · איז דער דין אזו אז דיא מצוה קאן גיטאן ווערין דורך אנדרי איז ער מחוייב מקיים צוא זיין כיבוד אב ואם · אונ אויב ניט זאל ער פריער דיא מצוה טאן · דער נאך זאל ער מקיים זיין כיבוד אב ואם אונ בשעת מען לערינט תורה · אדר זייא זייגען מוחל אויף זייער כבוד איז מען פטור דער פון · עש טאר קייגער ניט מצער זיין זיין פאטער אונ מוטער מיט קיין שום זאך אזוא וויא מיר גיפינען בייא שאול המלך ער זאגט צוא זיין יונג גייא אהיים אונ זאג מיין פאטער ער זאל זיך ניט מצער זיין פון אונזערט וועגין מיר האבין גילערינט אין מסכת סנהדרין רבי יהודה זאגט פון שמואל וועגין די בני ישיבה האבין גיפרעגט צו רבי אלעזר וויא גרויש אונ ווייט גייט דר כיבוד אב ואם · כלומר וויפל דארף דר שאדין זיין דאש מען מוז דרויף שווייגין אונ מיטאר זיי גאר ניט זאגין האט ער גיזאגט איך וועל אייך דער ציילין וואש דער עובד כוכבים (דמה בן נתינה) האט גיטאן אין דער שטאט אשקלון אמאל האבין די ישראל בדארפט אבנים טובות צום חושן · אונ ביי אים זיינן זיי גיוועזן · אונ ער האט דרינן גיקענט מרויח זיין זיבציג מאל צעהן טויזנט גילדן · רב

כהנא זאגט אבציג מאל צהען טויזינט גילדין · אז דיא חכמים זיינן צוא אים גיקומן האט זיין פאטר גישלאפין · אונ דער שליסל פון דעם גיוועלב איז גילעגין הינטר זיין קאפ · אזו האט ער ניט גיוואלט אויף וועקין זיין פאטר האבין דיא חכמים גיקויפט בייא אנאנדר כוהר · דאש אנדרע יאר איז ביי דעם דמה בן נתינה גיבארן גווארין איין פרה אדומה · זיינן די חכמים צו אים גיקומן דאש אנדרע מאל צו קויפן די פרה אדומה · זאגט ער איך ווייס וואול דאש איר וועט מיר פר איר געבין וויפיל איך וועל וועלן · אבר איך בגער ניט מער נאר איר זאלט מיר געבין דעם שאדין וואש איך האב גיהאט פאר יארין · אז די חכמים האבין דער הערט זיינע רייד · האבן זייא גיזאגט מה דאך דער עובד כוכבים וואש איז ניט גיבאטין איז ער אזוא מקיים די מצוה פון כיבוד אב · נוא מכל שכן איין יהודי : אז רב דימי איז גיקומן קיין ארץ ישראל האט ער דער ציילט וואש איין עובד כוכבים האט גיטאן אין רום יער איז גיזעסין אונטר דעם קרדינאל · דא איז זיין מוטער גיקומן אונ האט אים גישלאגן אויף זיין קאפ · אונ גישפוגן אין זיין פנים אונ ער האט איר קיין ווארט ניט גירעט · אויך זאגט די גמרא אמאל גיפינט מען איינר איז מטריח זיין פאטער מיט שווערע ארבעט · אונ דורך דעם בקומט ער עולם הבא · אונ אמאל גיפינט זיך איינר וואש גיט זיין פאטער עסין מעדני מלכים · אונ פאר זינדיגט זיך אין אים אונ קומט דריבר אין גיהנם · אז ווי עש איז אמאל גיוועזן איין ארומאן ער פלעגט זיך פאר דינגען צוא ארבטין אונ זיין פאטער האט גערין עפים צו עסין אונ ער האט אים ניט גיהאט צוא געבין · אמאל האט ער גיזאגט צוא זיין פאטער ער זאל ארבייטן אויף זיין אורט אונ ער האט אים גיזעהן צו געבן עסין אז ער הט דער זעהן זיין פאטער ארבטין האט ער גיוויינט אונ גזאגט מיין ליבר פאטר ווייא איז מיר דאש איך לאז דיך אזו ארבטין · מיין ליבר פאטר זייא מיר עש מוחל · דען הקב"ה ווייסט דעם אמת אז איך וואלט גערין דיך מכבד גיוועזן מיט וואש מיגליך איז · אזו האט ער מיט דיא רייד תענוג אן גיטאן זיין פאטיר · אזו האט ער זוכה גיוועזן צו עולם הבא :

אונ אמאל גיפינן מיר איינר האלט בייא זיך איין אלטין פאטער · אז ער זעהט אים פריא עסין · אז וויא דר סדר איז פון אלטע לייט זאגט ער צו אים וויא קענסטו עסין אזו פריא דוא ביסט דאך ערשט אויף גישטאנען אדער עש איז ערשט טאג גיווארין · אונ אז ער זעהט אים פיל עסין זאגט ער וויא עסט מיין פאטער אזוא איין אכילה · אונ אז ער בגערט עפים זאגט ער וויא גלוסט מיין פאטר צו אלים · אדר ער זאגט מיין פאטר בגערט מיין ניט נאר אויף זיין עסין · אונ אז ער איז זאט מיינט ער איטליכר איז זאט אויך אז דער פאטער פרעגט אים ווען ווען ועלין מיר עסין · זאגט ער צוא אים עש פאר דיר וואש פרעגסטו אויף אונזר עסין איך מוז דיר דאך אלש אהיים ברייננגען · אונ אז ער מאכט אים אמאל איין מלבוש · אונ ער פרעגט אים מיין זון וויפל קאסט עש · זאגט ער וואש פרעגסטו איך מוז דאך פר דיר אלש זארגין · אדער ער זאגט אים מער וויפל עש קאסט · דאש דער פאטער זאל מיינען ער האט פיל אויש גיגעבין פון זיינט וועגין · אדער ער טראכט ווען וועל איך פטור ווערין פון אלטין · דאש ער זאל שטארבין וועל איך רוא האבין אדר ער טראכט זיך וויא גרויש איז דיא לייד וואש ער מאכט מיר קעגין מיין ווייב · אדער ער טראכט זיך הלואי וואלט איך הנאה גיהאט פון מיין פאטער וויא אנדרע האבין הנאה פון זייער פאטער איבר איינש פון די אלע זאכין פר לירט ער עולם הבא · אונ קומט אין גיהנם · אויך דעסט גלייכין ווען איינער שפעט נאך אויף דיא רייד פון זיין אלטין פאטער · דאש ער זאגט ער רעט שוין וויא ער וואלט גיוועזן עובר בטל אדער ער הייסט אים שווייגין · אדער ער זאגט מיין פאטער מוז זיך אין אלע זאכין מישן · אדר ער ווארפט איין רונז אויף איינם פון זיינע בני בית · נאר זיין כוונה איז אויף זיין פאטער אונ מוטער · אדר ער הייבט אויף אהויך קול · אונ שייעט זיך ניט פאר אים · אדר ער טוט אים אנאנדר צער פר לירט ער עולם הבא אפילו ער זאל אים געבין די בעסטי שפייז אונ קליידר :

איין תנא האט גיזאגט פאר ר' נחמן בר יצחק אין דר צייט ווען איינער איז מצער זיין פאטער אונ מוטר · זאגט הקב"ה איך האב רעכט גיטאן דאש איך וואון ניט בייא זייא הינטן דען זייא וואלטין מיך אויך

מצער

מצער געוועזן · רבי טרפון האט געהאט איין אלטע מוטר · אז זיא פלעגט וועלין ארויף גיין אויפין בעט · האט ער זיך איין גיבויגין אונ זיא פלעגט זיך שטעלין אויף אים אונ ארויף גיין אויפין בעט · אמאל האט ער זיך בארימט אין בית המדרש וויא ער איז מקיים כיבוד אם האבין אים דיא חכמים גיזאגט דוא האסט נאך ניט האלב מקיים גיוועזן וויא מען דארף · ווען די מוטר זאל דיר ארין ווארפין איין בייטיל מיט געלט אין ים אריין · אדר זיא וואלט דיר אנאנדר גרויש שאדן גיטאן אונ דו וואלסט גישוויגן דאש איז דר רעכטער כיבוד · אמאל איז זיין מוטר גיגאנגין אין הויז האט זיך איבר גיריסין איר שוך האט ער איר אינטר גלייגט זיין האנט אונ זיא איז אזו גיגאנגין ביז אין איר בעט אמאל איז דער רבי טרפון זייער קראנק גיוועזן זיינען דיא חכמים גיקומען אים מבקר חולה זיין · האט זיין אלטע מוטר גיזאגט צוא זיי טוט תפלה פאר מיין זון דען ער האט מיר זייער מכבד גיוועזן · ער האט מער גיטאן וויא ער איז מחוייב · האבין דיא חכמים זיא גיפרעגט וועלכם איז דאש האט זיא זיי דר ציילט דעם כבוד וואש ער האט איר אן גיטאן האבן זיי איר גזאגט ער האט נאך ניט מקיים גיוועזן האלב ווי מען דארף : אויך זאגט דיא גמרא דיא מוטער פון רבי ישמעאל כהן גדול איז אמאל גיקומען אין בית המדרש אריין · אונ האט אים צוא גיקלאגט פאר דיא חכמים דאש ער איז זיא ניט רעכט מכבד · האבין זיך דיא חכמים זייער פאר וואונדרט · אונ האבין זיא גיפרעגט וואש איז דאש זאגט זיא אז ער איז אהיים גיקומען פון בית המדרש האב איך גינומען אונ האב אים גיוואלט אפ וואשין זיינע פיס הט ער מיך ניט גוואלט לאזין האבין די חכמים גיזאגט צו אים דו דארפסט צו טאן איר ווילין · רבי יוסף אז ער האט גיהערט זיין מוטער קומט האט ער גיזאגט איך וועל אויף שטיין פאר דער שכינה רבי אבהו זאגט מיין זון אבימי איז רעכט מקיים כיבוד אב ואם דען ער האט פינף זין אונ אז איך אדר זיין מוטר קלאפין אין זיין טיר לאזט ער ניט קיין שום זון עפנען · נאר ער זעלבסט עפינט אונז · אונ זאגט אלש מיין ליבער פאטער אדר מוטר אט גיי איך עפינען ביז ער עפינט אויף : תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערנט איטליכער איז מחוייב מכבד צו זיין זיין פאטר אונ מוטער אפילו נאך זייער טויט : דאש ער בנערט פון זיין חבר עפיס איין זאך זאל ער ניט זאגן טוא עש פון מיינט וועגין נאר פון מיין פאטערש וועגין אז ער זאגט איין פשט פון זיין פאטערש וועגין זאל ער זאגן דאש האב איך גיהערט פון מיין פאטיר הריני כפרת משכבו אונ אז עש איז שוין נאך דעם יאר פון זיין אבילות זאל ער נאר זאגן מיין פאטיר זכרונו לברכה איין טאכטיר איז אויך מחויב מקיים צו זיין כיבוד אב ואם · אויך דער כיבוד אב זאל גרעסער זיין וויא דער כיבוד אם : דען זיין מוטר איז אויך מחויב ערליך צוא האלטין איר מאן · סיידין ער האט איר גט גיגעבן דענמאלט איז דער כיבוד פון ביידי גלייך : דער פסוק זאגט כבד את אביך ואת אמך דאש ווייסט דאך איטליכר וואול דש מיטאר ניט זאגין עש איז פאר האנדין איין איבעריגן אות אין דער תורה ח״ו · נוא וואש קומט מיר צוא ווייזין צווייא מאל דאש ווארט את · אונ דיא ואו פון ואת · נאר מיר האבין בקבלה מסיני פון משה רבינו ע״ה · את אביך ווייזט מיר דו ביסט אויך מחוייב מן התורה מכבד צו זיין דיין ישטיף מוטער בייא דיין פאטערש לעבין אונ נאך דיין פאטערש טויט ביסטו מחוייב זיא מכבד צוא זיין מדרבנן · נאך מער ווייזט אונז דער פסוק מען איז אויך מחוייב מכבד צוא זיין זיין פאטערש אדער זיין מוטערש ברודר אדר שוועסטר אויך זיין עלטר מוטר : אבר דער כיבוד אב איז פריער פאר אלי : אונ ווער עש איז מקיים אלש וואש אויבן שטייט · איז ער זוכה צוא לאנג לעבין · אויך צום אייביגן לעבין לעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך : ולמען ייטב לך לעולם שכולו אורך וטוב אמן סלה :

סליק הלכות כיבוד אב ואם

## הלכות גידול בנים פרק תשיעי

דער ניינטר פרק רעט וויא מיזאל דיא קינדער דר ציהען אונ זייא שטראפן :

בן חכם מוסר אב ולץ לא שמע גערה איין קלוגער זון קומן

זיין חכמה פון דעם ווייל ער האט צוא געהערט די
שטראף פון זיין פאטר אונ דר זון וואש איז איין שפעטר
קומט עש ווייל ער האט ניט צוא געהערט קיין גישרייא
אונ שטראף · דיא חכמים זאגן ווען דוא זעהסט איינער
איז אתלמיד חכם זאלסטו וויסן דאש זיין פאטר האט
אים גישטראפט אין זיין יוגנט· אונ האט אים גוויזן דעם
רעכט פארטיגן וועג · אז וויא דער פסוק זאגט בן חכם
מוסר אב אונ ווען דוא זעהסט איין רשע איין שפעטער ·
זאלסטו וויסן דאש זיין פאטר האט אים ניט גישטראפט
אדר ער האט זיך ניט גיקערט צו זיין שטראף · אז וויא
דער פסוק זאגט ולץ לא שמע גערה אונ ווייל דער פאטער
האט אים פיינט גיהאט דרום האט ער אים גילאזט גיין
אזו וויא דר פסוק זאגט חושך שבטו שונא בנו ואוהבו שחרו מוסר
ווער עש פאר מיידט דיא רוט פון זיין זון האט ער אים
פיינד · אונ ווער עש האט ליב זיין קינד שטראפט ער
אים· דער מדרש זאגט דאש ווארט חושך האט אין זיך
צווייא טייטש מיט דעם שמאל חושך איז טייטש ער פר
מיידט · אונ מיט דעם ימין הושך איז טייטש דאש ער
שלאגט זיין זון אין דער פינצטר · אונ זעהט ניט וואו ער
טרעפט אויף דעם האבן די חכמים גיזאגט עש איז אסור
איין קינד צו שלאגין אין רוגז · דען עש איז גלייך וויא
ער שלאגט אים אין דר פינצטר · דאש ער פרעגט ניט
וואו ער טרעפט· גלייך וויא איינר שלאגט זיין פיינט ·
אז וויא איך וועל דא בעסיר בשיידין דיא טעמים דער
פון · אונ דאש ווארט שחרו טייטשין די חכמים שטראף
דיין קינד אין זיין יוגנט· דען דער נאך וועט אים קיין
שטראף ניט העלפין · אז וויא דער פסוק זאגט חנוך לנער
על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה זאלסט גיוויינען דעם
יונג אין זיין יוגנט נאך זיין שכל נאך · אזו אז ער וועט
אלט ווערין וועט ער ניט אפ קערין דער פון :

נון זעהן מיר וואול דאש איטליכר פאטער אונ מוטער
זיינען מחוייב צו שטראפין זייערע קינדר אין דער
יוגנט מיט גוטי רייד ניט מיט רוגז · דער אנדרר טעם
איז דער סדר איז דאך אז איינר שטראפט זיין קינד זאגט
ער צו אים דאש טוא אונ דאש ניט · ווארום האסטו דאש
גיטאן · אבר אז ער וועט אים שטראפן מיט רוגז · וועט
ער אים ניט קענין פיר זאגין דיא רייד · אונ אפילו ער
וועט אים שוין יוא פיר זאגן וועט ער עש ניט ווערן מקבל
זיין · דער דריטר טעם איז דען דאש איז דאך ידוע אז עש
איז אגרוישי עבירה צו זיין אין רוגז דען אין רוגז קאן מען
ניט גאט דינן · אז וויא עש וועט בשיידט ווערן אין פרק
(לעזוב חמה)· אונ צו שטראפין זיין קינד איז דאך אגרושי
מצוה נוא וויא קען די מצוה אן גינומען זיין אז זיא קומט
פון איין עבירה : דר פערטר טעם איז איין עובר כוכבים
שטראפט יוא זיין קינד מיט רוגז ווייל ער האט דאך קיין
תורה ניט איז ביי אים קיין עבירה ניט צו זיין אין רוגז
אויך שטראפט ער אים ניט צו קיין תורה אונ מצות: אבר
איין יהודי טאר דאך ניט זיין אין רוגז אויך אז ער וועט
אים שטראפין מיט רוגז וועט ער אים ניט קענען רעכט
שטראפין צוא תורה אונ מצות אזוא איז עש אגרוישע
עבירה · דער פינפטר טעם איז דר וואש שלאגט זיין קינד
אין רוגז קען ער אים ח״ו איין טויט מאכן דרום זאגט דער
פסוק חושך שבטו וגו׳ אבר דער וואש שטראפט זיין קינד
אין דר יוגנט האט ער זיך ניט צו פארכטין דאש ער וועט
אויש גיין לתרבות רעה ח״ו · אז וויא מיר גיפינן אברהם
אבינו ע״ה האט גישטראפט זיין זון יצחק איז ער גיווארן
איין תלמיד חכם אונ איין נביא · אונ זיין זון ישמעאל האט
ער ניט גישטראפט איז ער אויש גיגאנגן לתרבות רעה :
אזו אויך יצחק אבינו ע״ה האט גישטראפט זיין זון
יעקב איז ער גיווארין איין תלמיד חכם אונ נביא
אבר זיין זון עשו האט אים גינארט מיטן מויל · דאש
ער האט גימיינט ער איז פרום אזו האט ער אים ניט
גישטראפט איז ער אויש גיגאנגין לתרבות רעה · אויך
יעקב האט גישטראפט זיינע צוועלף שבטים זיינן זיי
אויך גווארן תלמידי חכמים· אויך דוד המלך ע״ה האט
ניט גישטראפט זיין זון אבשלום פר גרויש ליבשאפט
איז ער אויך אויש גיגאנגין צוא תרבות רעה · אבער
זיין זון שלמה האט ער יוא גישטראפט · אונ אויך
זיין מוטער בת שבע האט אים גישטראפט נאך זיין
פאטערש טויט · איז ער אויך גיווארן אגרוישר תלמיד
חכם · אבער דיא אלי וואש זיינין ניט גישטראפט
גיווארין זיינען אויש גיגאנגין צוא תרבות רעה · דרום
זאגט דער פסוק ואוהבו שחרו מוסר אויך זאגט דער פסוק
יסר בנך כי יש תקוה ואל המיתו אל תשא נפשך שטראף דיין זון
אפילו

אפילו ער איז איצונד גוט · דען עש איז פאר האנדין איין האפונג אונ זאלסט ניט זארגין ער איז איין שלאפער יונג ער ווערט שטארבין פון דיין שלאגין · אויך זאגט דער פסוק אל תמנע מנער מוסר כי תכנו בשבט לא ימות דוא זאלסט ניט פאר מיידין פון דיין יונג קיין שטראף ער ווערט ניט שטארבין אז דוא ווערסט אים שלאגין מיט דער רוט אונ אז דו ווערסט אים שטראפין אין זיין יוגענט האסטו ניט זארג צו האבין דאש ער ווערט דער הריגה ווערין דורך דעם בית דין איבער זייני עבירות · אונ אז ער ווערט אלט ווערין ווערט ער בלייבין ביי זיין גיוואונטקייט : אבר אויף דער עלטר איז אים שווער צו שטראפין · אויך זאגט דער פסוק אתה בשבט תכנו ונפשו משאול תציל דו זאלסט שלאגין דיין קינד מיט דר רוט אזו ווערסטו אים מציל זיין פון גיהנם: נאך איין פשט איז אויף דעם פסוק חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו אז דוא ווערסט גיוויינען דעם יונג נאך זיין מנהג נאך ניט צו גיין אין שול אריין דאוונען אונ ניט צו לערנען אונ צו פאלגין דעם יצר הרע · אז ער ווערט אלט ווערין ווערט ער אויך בלייבין דער ביי · דען זיין טבע איז אזו · אונ ער מיינט עש איז אלש מותר · אבר אז דוא ווערסט אים שטראפין מיט דיא רוט אין זיין יוגנט אונ ווערסט אים ווייזין דעם וועג פון תורה אונ מצות · אונ דרך ארץ · אזו ווערט ער אויך בלייבין ביי זיין גוטע טבע · פינף זאכין איז איטליכער מחוייב צו טאן זיין זון · דאש ערשטע ער דארף אים מל זיין · דאש אנדרע אז ער איז איין בכור דארף ער אים אויש לייזין פון כהן · דאש דריטע ער דארף אים תורה לערנען · דאש פערטע ער דארף אים אווייב געבין · דאש פינפטי ער דארף אים לערנין אמלאכה · אדער אנאנדער פרנסה · אטייל זאגין ער דארף אים אויך לערנען צו שווימען אין וואשר · די גמרא ברייננט דרויף פיל פסוקים נאר איך וויל דרינן ניט מאריך זיין : נאר דער כלל פון דער זאך איטליכר פאטער וואש גיוויינט זיין קינד צו תורה אונ מצות · איז ער זוכה צו עולם הזה אונ צו עולם הבא אזו וויא רבי יוחנן הט גיזאגט דריי זיינן בטוח צו עולם הבא · דער וואש וואונט אין ארץ ישראל · אונ דער וואש

גיוויינט זיינע קינדער צוא תורה אונ מעשים טובים · אונ דער וואש האט נאר איין כוס ויין אויף קידוש · אונ ער טרינקט נאר אביסל דר פון אונ דאש איברגע לאזט ער אויף דער הבדלה דער האט אויך בוודאי עולם הבא · ווייל ער איז אזוא מדקדק אין מצות : דער ספר תנחומא ברייננט איין מעשה אמאל איז רבי עקיבא ע"ה גינאנגין אויפין בית החיים · האט ער באגעגינט איין מענטש האט גיטראגין איין בונד האלץ וואש קיין צווייא פערד וואלטין זיא ניט גיקענט טראגין · אונ ער איז דר מיט גישווינד גילאפין ווי איין פערד · האט רבי עקיבא גוזר גיוועזן אויף אים ער זאל בלייבין שטיין · אונ זאגט צו אים מיין זון ביסטו איין קנעכט וועל איך דיך אויש לייזין ביסטו איין ארומאן וועל איך דיר העלפין · זאגט ער מיין הער לאז מיך גיין · איך טאר ניט בלייבין שטיין · זאגט ר"ע ביסטו איין מענטש אדער איין שד אדער איין מזיק זאגט ער איך בין איין מת · אונ אלע טאג מוז איך זעלבערט לויפין אין וואלד אריין צו בריינגען האלץ · דער נאך מוז איך זעלבערט אן צינדן · אונ מוז מיך אריין ווארפן אין פייאר פאר ברענט צוא ווערין · דער נאך מאכט מען מיך ווידער גאנץ זאגט ר"ע זאג מיר וואש פאר עבירות האסטו גיטאן בייא דיין לעבין · זאגט ער איך בין גיוועזן איין גבאי גובה מס צוא זיין · אזו האב איך דעם עושר גיחנפת אונ האב בייא אים ווייניג גינומען · אונ פון דיא ארימע לייט האב איך פיל גינומען · אונ אויך האב איך מזנה גיוועזן מיט איין אשת איש אום יום כיפור · זאגט רבי עקיבא מיין זון האסטו ניט גיהערט פון די מזיקים וואש זיינען דיך דן אויב עש איז ניט פאר האנדין עפעס איין תקנה צוא דיר · זאגט ער מיין ליבער רבי האלט מיך ניט אויף · דיא מזיקים וועלין איבער מיר ברוגז ווערין · נאר איך האב גיהערט פון זיי אז איך זאל האבין איין זון אונ ער זאל דאווענען פארין עמוד אונ זאגין קדיש אונ ברכו וואלט איך גיקומען אין גן עדן אריין · אבר איך האב קיין זון ניט · נאר איך האב גילאזט מיין ווייב מעוברת אזו ווייס איך ניט אויב זיא האט גוואונן איין זון אדר איין טאכטר · אונ אויב אפילו זיא האט גהאט

איי

139

איין זון האט קינער מיט אים גיט צו לערנען · פרעגט אים רבי עקיבא ווי הייסטו · זאגט ער עקיבא · אונ מיין ווייב הייסט שושמירא · אונ מיין שטאט הייסט אלדוקא: אזו האט זיך באלד רבי עקיבא מטריח גיוועזן פון איין שטאט צו דער אנדרר ביז ער איז גיקומן אין דר שטאט · האט ער נאך גיפרעגט · וואו איז דאש הויז אונ דאש הויז פון דעם עקיבא וואש איז גישטארבן · האבן גיזאגט אלע לייט וואש פרעגט איר נאך אויף אזו איין רשע ימח שמו וזכרו · האט ער נאך גיפרעגט אויף זיין זון · האט מען אים גיזאגט ער איז אפילו נאך ניט גימלת · אונ אלע לייט ווילן דדיבר מיט זיין ווייב קיין עסקים ניט האבן · איז ער גיגאנגן אהין · אונ האט גינומען דעם יונג אונ האט אים גימאלת · אונ האט אים גיזעצט לעבין זיך · אונ האט מיט אים גילערנט · האט ער ניט גיקענט מקבל זיין האט (ר"ע) תפלה גיטאן פון זיינט וועגין · אונ האט גיפאסט פופציג תעניתים · איז אויש גיגאנגין איין בת קול פון דעכט וועגין טוסטו תפלה אונ תענית · זאגט ער יוא · אזוא האט ער אן גיהובן מיט אים צו לערנען (אלף בית) · אונ בענטשין אונ קריאת שמע אונ שמונה עשרה · אונ האט אים גישטעלט פארין עמוד · אונ ער האט גיזאגט קדיש אונ ברכו · אזוא באלד איז זיין פאטער פטור גיווארין פון גיהנם · אונ איז גיקומען אין גן עדן · אונ איז ער גיקומען צו רבי עקיבא אין חלום אונ זאגט צו אים גאט זאל אייך באצאלין אייער שכר בעולם הזה אונ בעולם הבא · זאגט צו אים רבי עקיבא זאג דעם פסוק ה' שמך לעולם ה' זכרך לדור ודור נוא זעהען מיר וואול דאש איין זון קאן בריינגען זיין פאטר אין גן עדן אריין: דרום זאל איטליכר תמיד גיוויינן זיין זון צוא תורה אונ מצות אונ מעשים טובים אין זיין יוגנט · אונ זאל אים לערנן ווערדליג זיין פאר שטאנד · אונ זיינע יארין וויא ווייט ערזקען דר ליידן · איידר ער הייבט אן צו ריידין זאל ער אים לערנן ספרים קושן: אזו וועט ער גיוואונט ווערין ספרים ערליך צו האלטין · דער נאך אז ער הויבט אן צו ריידין זאל ער אים לערנן צוא זאגן תורה צוה לנו משה אונ דעם ערשטן פסוק פון ק"ש · אונ אז ער וועט עלטר זאל ער אים לערנן א"ב ·· דר נאך זאל ער אים דינגן איין רבי צוא לערנן תורה אונ תמיד זאל ער אים לערנן מיט חניפות · צום ערשטן זאל ער אים געבן זיסע שפייז אדר איין גראשן: דר נאך זאל ער אים מאכן קליידער ווערדליג זיין פאר שטאנד אונ יארן דער נאך זאל ער אים זאגן לערין ערינסט וועט מען דיר געבן פיל נדן דער נאך זאל ער אים זאגן לערין ערינסט ועסטו ווערין איין רב · אונ זאל אים אזוא לאנג לערנען ביז ער וועט גיוואר ווערין צו דינן לשם שמים · אונ זאל אים גוויינען אבינט אונ מארגין צו גיין אין שול אריין דאוונען · אונ ניט צוא ריידן קיין דברים בטלים בפרט אין שול: אונ זאל אים גיוויינן צוא ציצית אונ תפילין . אונ זאל ניט עסין אונ טרינקן אן אברכה פריער אונ דער נאך · אונ זאל בענטשין נאך דעם עסין · אזוא אז ער וועט אלט ווערין וועט ער בלייבן דער ביי אונ זאל אויף אים גרויש השגחה געבין ער זאל גיין אלע טאג צום רבי אין חדר אריין · אונ אז זיין פאטער דארף טראכטין אויף פרנסה איז די מוטר אים מחוייב צו גוויינן צו דעם אלים: דרום זיינן איטליכע קהלה מחוייב צו האלטן מלמדים

וויפל זייא דארפין · דען דיא וועלט שטייט נאר אויף דעם אטום פון דיא קינדר וואש לערנען תורה אונ אויב ניט וואלט זיא חרוב גיווארן אזו וויא מיר גיפינען אויף דאש ירושלים איז דריבער חרוב גיווארן מחמת ביטול תורה · רבי יהושע בן לוי זאגט פון רבי יהודה הנשיא וועגין · אונ ער האט עש גזאגט פון זיינע עלטערן וועגין · אונ זיינע עלטערין פון זייערע עלטערין וועגין דאש מיטאר ניט מבטל זיין דיא קינדער פון לערנען אפילו צו דער גרעסטר מצוה אין דער וועלט · אונ דיא ווייבר זיינן מחוייב מדריך צוא זיין זייערע קינדער אין רעכטן וועג אפילו זייא דארפין דרויף גרויש מיא האבין דען זייער שכר איז אויך זייער גרויש · אז וויא די גמרא זאגט אין ברכות · די רבנן האבן גיזאגט עש איז גרעסר דער בטחון פון גאט צוא דיא ווייבר וויא צו דיא מאנען אז וויא דער פסוק זאגט נשים שאננות שמענה קולי וגו' איר פרומע ווייבר הערט צו מיין שטים דער ציהט אייערע קינדער צוא תורה אונ מעשים טובים · אונ דיא ווייבער וואש פירן זייערע קינדר צום רבי אונ ווארטן מיטן עסין ביז זייערע מאנען קומן אהיים פון בית המדרש · וואול

צוא

140

צוא דיא ווייבר אונ צוא זייערע מאנען אונ קינדר :

דר וואש לערינט אפילו מיט זיין חברש זון האט ער אגרוישן שכר גלייך וויא ער וואלט גילערינט מיט זיין אייגנם זון אז וויא מיר גיפינן ביי אברהם אבינו ע"ה · דאש ער האט מגייר גיוועזן מאנזבילן · אונ שרה האט מגייר גיוועזן ווייבער · אזו האט זיי הקב"ה גירעכנט פאר זייער אייגנע קינדער · אזוא וויא דער פסוק זאגט ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דיא לייבר וואש זייא האבן מגייר גוועזן אין חרן · אויך משה רבינו ע"ה האט גלערינט מיט זיין ברודרש קינדר אלעזר אונ איתמר · האט זייא אים גאט גירעכינט פר זיינע זין · אונ דר וואש לערינט מיט זיין חברש קינד · איז ער זוכה צוא זיצן אין דער ישיבה של מעלה · אזו וויא דער פסוק זאגט אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד אז דוא ווערסט אנדרי אום קערין צוא מיר וועל איך דיך אויך אום קערין צוא שטיין פאר מיר אונ אז איינר לערינט מיט איין עם הארץ איז ער מבטל דיא גזרה וואש הקב"ה האט גוזר גיוועזן אפילו אויף דער גאנצר וועלט · אז וויא דר פסוק זאגט אם תוציא יקר מזולל כפי תהיה דיא גמרא זאגט אין תענית רב איז גיקומן אין איין שטאט אריין איז דארט גיוועזן גרוישי הונגר ווארום עש איז פיל צייט קיין רעגין ניט גיגאנגען האט ער גוזר תענית גיוועזן · אונ האט גרויש תפלה גיטאן איז קיין רעגין ניט גיקומן · דא האט זיך גישטעלט דר חזן פארן עמוד אונ האט אן גיהויבן צוא דאוונן שמונה עשרה · אז ער האט אן גיהויבן משיב הרוח האט אן גיהויבן צו וויאן איין ווינט · אונ ער האט גזאגט מוריד הגשם האט אן גיהויבן צוא רעגנן · נאך דעם דאוונען פרעגט אים רב וואש זיינען דיינע מעשים טובים זאגט ער איך בין איין מלמד אונ לערין מיט דיא ארמע קינדר אן גיצאלט גלייך וויא מיט דעם עושרת קינדר אונ איך האב אקרוג מיט וואסער אונ איך האלט דרינן פיש אונ דאש קינד וואש וויל ניט קומען אין חדר אריין חנפה איך אים אונ גיב אים איין פיש כדי ער זאל יוא קומן :

דער פון איז גידרונגן אז סאיי דער וואש לערינט מיט זיינע קינדר סייא מיט זיין חברש קינדר · אדר ער דינגט זייא איין רבי פון זיין געלט האט זיין שכר קיין שיעור ניט · רבי פרנך זאגט פון רבי יוחנן ווען דער וואש איז זעלבסט אתלמיד חכם · אונ זיין זון אונ אניקל זיינען אויך תלמידי חכמים איז ער בטוח דאש די תורה וועט ניט אויש גלאזט ווערן פון זיין משפחה ביז אייביג · אז וויא דר פסוק זאגט לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם רבי יהודה זאגט פון רב וועגן אמר ה' מיינט מען גאט זאגט איך בין ערוב דרויף דאש דיא תורה וועט ניט אויש גילאזט ווערן פון זיינע דורות ביז אייביג · רבי ירמיהו זאגט פון דרייא דורות אונ ווייטיר בלייבט דיא תורה ביי זיין זרע · דען די תורה האט נון איר ארברינג ביי דר משפחה אונ חאטשי איטלכער איז דאך מחוייב זיינע קינדר תורה צו לערנן אבער זיין תורה לערנען איז פריער פאר זיינע קינדר · רבי יודא זאגט אז זיין זון איז איין חריף אין דר תורה · איז ער מחוייב אים פריער צו לאזין לערנן · אז דאש קינד ווערט אלט פינף יאר דענמאלט איז צייט אים איין רבי צוא דינגען · אונ אים צוא פירן אין בית המדרש אריין · אבר נאך פינף יאר איז שוין ניט גוט דען אז ער וועט הערין אשלעכט ווארט פון רבי וועט ער אנטלויפן · אויך פאר פינף יאר איז ער נאך שוואך :

איטליכער פאטער אונ מוטר זאלין ליב האבין זייערע קינדר וויא זייער הארץ אונ לייב · אבר זיי זאלין פאר זייא ניט ווייזין דאש ליבשאפט · דען זייא וועלין קיין מורא ניט האבן פאר זייא · אונ איטליכר איז מחוייב צו דער ציהן זיינע קינדר זיי זאלין מורא האבין פאר אים · אונ פאר זייער מוטער · אונ זאל זייא ניט לאזין טאן זייער רצון · אז וויא אויבן שטייט אין הלכות דרך ארץ אויך איז אסור צוא מאבין איין צארין איבר זייגע קנדער · עש איז אמאל גיוועזן איינר וואש האט פיינט גיהאט זיין זון · האט ער אים ניט גיוואלט לאזין ירשנן · האבן אים דיא חכמים ז"ל מחרים גוועזן · אויך גיפינען מיר ביי יעקב אבינו וויל ער האט גימאכט זיין זון יוסף איין זיידין העמדיל · האבין דיא ברידער שנאה אונ קנאה גיהאט אויף אים אונ דורך דעם זיינען גיקומן אונזערע עלטערין קיין מצרים :

איטליכר פאטיר אונ מוטר זיינין זיך מחוייב צו היטן ניט צו ריידן קיין שלעכטי רייד · בפרט פר זייערע קינדער · דען זייא וועלן זיך אפ לערנן פון זייא ·

אז

אז וויא דאש שפריך ווארט גייט וויא דיא אלטע טואן ברומן דאש זינגן דיא יונגן · אונ אז זייא וועלין זייערע קינדר דר נאך שטראפין דרויף וועלן זיי זאגן ווארום רעט איר זעלכע רייד · דרום זאגט דער פסוק התקוששו צירט פריער אייך זעלברט דר נאך צירט אנדרי אויך דען ווען איינר שטראפט די לייט · אונ האט אין זיך זעלברט בייזע מעשים · זאגין זיי צו אים ציא דיך ביי דיין נאז · ווארום שטראפסטו אונז : דרום די פאטיר אונ מוטר וואש ווילן דער ציהן זייערי קינדר צו תורה אונ מעשים טובים זאלין זייא פאר זייא ניט ריידין קיין שלעכטי רייד : אונ דיא מוטער איז נאך מער מחוייב צוא זעהן מיזאל זיא ניט דער מאנען צו בייזין איבער אירי קינדער · דש מיזאגט וויא דר מוטער וואש האט אזו איין שלעכטע זרע גיבראכט אויף דער וועלט וויא דיא בריסטן וואש האבן אזעלכעם גיזויגן · אז וויא דער פסוק זאגט בן כסיל תוגת אמו איין זון איין נאר אדער ארשע מאכט טרויעריג זיין מוטער · ובן חכם ישמח אב אונ איין זון אתלמיד חכם דער פרייאט זיין פאטער דען די לייט בענטשין אים · דען ווען דער פאטיר גייט אין שול אדר אין בית המדרש אריין · נעמט ער מיט זיך זיין זון אונ ער לערינט זיך אפ פון אים אלע דיא גוטע מעשים אונ מנהגים · אבער אלע די בייזע מעשים אונ עבירות היינגט אין דער מוטער · אז וויא די גמרא בריינגט איין מעשה יונגן האבן אמאל גישפילט מיט באלין · איז איין באל אריין גיפאלין אין בית המדרש אריין · דא איז איין יונג גילאפין אין בית המדרש אריין מיט גרויש עזות נאך דעם באלין · אונ האט זיך ניט גישייעט פר די חכמים · האט איינר גיזאגט דער מוז זיין איין ממזר ווייל ער איז אזוא איין עזות פנים · זאגט דער אנדרר דער מוז זיין איין בן הנדה · זאגט רבי עקיבא ער מוז אין זיך האבן די ביידע זאכין · איז ער גיגאנגן צו זיין מוטער אונ האט בייא איר עש דער קלערט מיט חכמה · אונ דאש עזות פון איין זון קומט נאר פון דער מוטער · דען אזו איין זון אז איר טפה זרע פריער איידר דעם פאטערש טפה · אז וויא די חכמים זאגן ווען איין אשה איז פריער מזריע גווינט זיא איין זכר · אונ אז דר מאנזביל איז פריער מזריע ווערט גיבארין איין נקיבה · דרום אז איין טאכטער איז שלעכט פאר שולדיגט מען דעם פאטער · אז וויא דר פסוק זאגט את אביה היא מחללת זיא פאר שוועכט איר פאטער :

אזוא גיפינן מיר אויך ביי שלמה המלך דאש זיין מוטר (בת שבע) האט אים צוא גיבונדן צו איין זייל · אונ האט אים גישלאגין · אונ האט גיזאגט מה ברי וגו׳ וואש וועלין דיא לייט זאגין דאש איך האב אזוא איין שלעכטין זון אויף דער וועלט גיבראכט · דען מיוועט עש אן היינגן אין מיר · ניט אין דיין פאטער דוד · דען ער איז אגרוסער צדיק גיוועזן · אזו האט ער מורה גיוועזן צו איר אונ זאגט מיין ליבה מוטער איך וועל שוין קיין בייז ניט טאן · דאש הייסט אקלוגר זון · אין אזעלכין איז דיא שטראף אן גילייגט · אונ אזו וויא דער פאטער אונ מוטער זיינן מחוייב זייער זון צו לערנען תורה אונ מעשים טובים · אונ דרך ארץ · אזו איז אויך דר זון זיי מחוייב צו פאלגין · אבער אז זיי הייסין אים איין עבירה טאן · אפילו עש איז נאר אסור מדרבנן · זאל ער זייא ניט פאלגין · אז וויא דער פסוק זאגט ולא יהיו כאבותם דור סורר ומורה אונ זייא זאלין ניט זיין וויא זייערע עלטרין איין אפ גיקערט אונ ווידער שפעניגר דור · דער סוף פון דע׳ זאך איז איטליכער פאטער אונ מוטער זיינען מחוייב זייערע קינדר אפ גיוויינען פון בייזע מעשים אונ רייד · אונ זייא צו גיוויינן צו תורה אונ מצות · דאש זיי זאלין אבינט אונ מארגין אין שול אריין גיין · אונ זאלין תפלה טאן בכוונה · אונ זאלין קיין דברים בטלים ניט ריידין · אונ ווען דער פאטער איז זיך מתעסק אין עפיס איין מצוה · זאל ער זיין קינד אויך גיוויינן דער צו · דהיינו צו ביקור חולים אדער צו הלוית המת · אדער צו איין חופה אונ סוכה אונ אתרוג · אונ די איבריגע מצות · דען אז ער וועט אים גיוויינן אין דער יוגנט וועט עש בייא אים ווערין איין טבע · אויך איז דער פאטר מחוייב צו לערנן זיינע קינדער אלע חכמות · אונ אז זיי זיינען שוין דער וואקסין טאר ער זייא ניט שענדין · אדער שילטין פאר לייטין · דען איז עש דאך בלויז אויך איין איסור ארויש צו לאזין אקללה פון מויל · אבר ביי דער וואקסנע קינדר איז נאך פיל הרבער די עבירה דען זייא וועלין אים אפ ענטפרין אדער זיי וועלין דרויף אמן זאגין · אזו מאכט ער זיי זינדיגן · נאר ער זאל זייא שטראפין מיט גוטע רייד :

דרום האט שלמה המלך ע"ה גיווארינט דיא לייט מיט זיין
חכמה דאש איטליכר זאל זיין קינד שטראפין אין
זיין יוגנט אזוא וועט איר ניט דארפין שטראפין אין זיין
עלטער · אויך זאלין דיא פאטער אונ מוטער גיווארינט
זיין אז זיי האבין עפיס אקריג מיט אמענצין זאלין זיי ניט
לאזין זייערע קינדר אן צו נעמען זיך אויף זייער קריג ·
כדי זייא זאלין אויך ניט צוא קריג קומן · אמאל האט
איין חסיד זיך גילאדין מיט אנאנדר מענטשן פר דיינים ·
האט יענער אן גיהויבן דעם חסיד מבזה צו זיין מיט
גרושע בזיונות · אונ האט אים גיזאגט ער האט גיטאן
פיינע מעשים וואש מיטאר ניט טאן · אונ דער זון פון
חסיד איז גישטאנגען דער בייא · איז ער זייער ברוגז
גיווארין אונ האט זיך גיוואלט קריגן מיט יענם מענטשן ·
אז דער חסיד האט זיך דאש גימארקט · זאגט ער מיין
ליבר זון ווארום ביסטו ברוגז אונ ווילסט זיך פאר מיר אן
נעמען · איז אנדערש אמת וואש ער זאגט איז דאך ראוי
איטלכר זאל מיר עש אויף ווארפין · אונ אויב ניט וואש
הארט מיך זיינע רייד · גלייך וויא אהונט בילט · דרום
מיין ליבר זון לאז אים גיין הש"י ווייסט וואול אלע פאר
בארגנעש · ער וועט אים זיין שכר בצאלין · אזוא האט
דער זון אפ גילאזט פון דער קריג · די מעשה זאל זיך
איטלכער צום הארצין נעמען · אונ זאל טאן אז וויא דר
חסיד האט גיטאן · אונ זאל זיינע קינדער דער ציהן וויא
דר חסיד · אונ דער מענטש וואש דר ציהט זיינע קינדר
צוא תורה אונ מצות · אונ דער נערט זיך פון זיין יגיע
כפיו אונ זיין ווייב איז איין צנועה אין דער היים · דער
זעלביגער מענטש ווערט גיבענטשט פון גאט · אז וויא
דער פסוק זאגט אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו יגיע כפיך כי
תאכל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא

שלום על ישראל :

סליק פרק גידול בנים

## הלכות נשואי אשה פרק עשירי

דער צעהנטער פרק רעט וויא מיזאל איין ווייב
נעמען אונ ווען מיזאל איין ווייב נעמען
מצא אשה מצא טוב דער פסוק איז אזו דער טייטש ווער
עש גיפינט איין פרום ווייב · דער ציהט אויש
איין רצון אונ חסד פון גאט · דש ער האט אים אזעלכם
בשערט · דען דש איז ידוע אז גאט ב"ה בשערט איטלכן
איין ווייב נאך זיינע מעשים נאך · אז וויא מיר האבן
גילערינט אין דער מסכת סוטה אין מזווגין לאדם אלא לפי
מעשיו גאט גיט זיין זיווג דעם מענטשן נאר ווערליג
זיינע מעשים · אז וויא דער פסוק זאגט לא ינוח שבט הרשע
על גורל הצדיקים דער רשע זאל ניט רוען בייא דעם גורל
פון דיא צדיקים · אויך זאגט דער פסוק מה' אשה משכלת
איין קלוג אונ פרום ווייב איז פון גאט · נוא זעהט מען
וואול אז איין פרומער בקומט אפרום ווייב · אונ איין
רשע בקומט אשלעכט ווייב · דיא גמרא פרעגט דרויף
פיל קשיות אונ פאר ענטפרט זייא · דיא ערשטע קשיא
איז די גמרא זאגט דאך פערציג טאג איידר דאש קינד
ווערט בשאפין גייט אויש איין בת קול דער (פלוני) זאל
נעמן די (פלונית) · נוא וויא קאן דאש זיין אז עס איז נאך
זיינע מעשים נאך · ווען יוא עש איז אויש גיגאנגען פון
גאט ער זאל זיין איין צדיק אדער איין רשע · ווארום דען
קומט אים שכר אדער עונש · נאך מער איז קשה דיא
גמרא זאגט איין מענטש זאל פאר קויפן נאר זיין פאר
מעג אונ זאל נעמען איין בת תלמיד חכם · אז זיא איז
ניט זיין וואש וועט אים העלפין זיין פאר קויפן : אויך
זאגט די גמרא דער וואש נעמט איין ווייב זאל ער נאך
פרעגין אויף אירי ברידער · דען אופט זיינען די קינדר
גיראטין אין אירי ברידער · אויך זאגט דיא גמרא איין
מענטש זאל זיך תמיד בהעפטין צו גוטע לייט אונ צו
איין בת תלמיד חכם · דען אז ער וועט ח"ו שטארבין ·
אדער ער וועט אוועק פארין וועלין זיינע קינדר טאן
מעשים טובים פון זיך זעלבסט · נאך מער איז קשה די
גמרא זאגט מען מעג וואול איין אשה מקדש זיין אפילו
אום חול המועד · דען טאמער וועט זיא אנאנדר פערדין
מיט תפלה · ווען יוא זיא איז אים בשערט נאך אין זיין
מוטערש בויך · וויא קען זיא אנאנדער פעדרין · נאך
מער איז קשה מיר זעהן דאך צדיקים וואש האבן שלעכטע
ווייבער · אונ רשעים וואש האבין גוטע ווייבער · אז
וויא דער רשע (נבל) האט גיהאט דיא צדיקת (אביגיל)
פאר אווייב :

נאר דער תירוץ איז אזו דער בת קול איז בוודאי אמת ·
נאר בתנאי אז דער מענטש בלייבט אזו וויא ער

איז

איז בשאפין גיווארין · אבער אז ער ווערט איין צדיק · אונ זיא איין מרשעת· אזו אויך להיפוך ווערט די ערשטע גזירה בטל אונ גאט נעמט זיא אוועק פון אים · אונ גיט זיא אנאנדרן נאך זיינע מעשים נאך · אויך איז איין סוד פון גאט דאש אופט האט איין צדיק איין שלעכט ווייב אונ איין פרומע צנועה האט אשלעכטין מאן · דש איז דרום כדי דער רשע אדער די רשעת זאל אפ נעמען דער צדיקת אדער דעם צדיקש עבירות כדי זייא זאלין קומן ריין אויף עולם הבא · אז ויא דיא גמרא זאגט דרייא זיינען וואש קומען ניט אין גיהנם · אונ איינש דער פון איז ווער עש האט איין ביזע ווייב · אויך אמאל וויל גאט האבין פון איין רשע זאל ארויש קומען אגוטע זרע · אזו גיט ער אים אפרום ווייב · אונ אזוא אויך פאר קערט · אויך אמאל וויל גאט האבין פון איין צדיק זאל ארויש קומען איין שלעכטע זרע בשערט ער אים איין שלעכט ווייב · אונ אזוא אויך פאר קערט · נאך איין פשט איז דרום גיט גאט דעם רשע אפרום ווייב · כדי אז ער ווערט זיך אפ לערנען פון אירע גוטע מעשים· אונ ווערט תשובה טאן · ווערט ער בקומן גרויש עולם הבא מער פון איין צדיק · אונ אויב ער ווערט זיך ניט אפ לערנען פון אירי מעשים איז זיין עונש נאך פיל טויזנט מאל מער · אונ אזו אויך פר קערט פון דעם טעם וועגן האט איין רשעת איין צדיק פאר איין מאן :

מעשה איינע האט אויש גיגעבין איר טאכטר פאר איין בן שרים · איידר זיא האט זיא אוועק גישיקט אויף דער חתונה זאגט זיא צוא איר · איך ענפר דיך איבער צוא איין פרעמדין אין די הענט אריין · איך ווייס ניט וואש פאר איין מענטש ער איז דרום וועל איך דיר אן זאגן צעהן זאכין וואש דו זאלסט טאן · אונ אז דו ועסט מיך פאלגין דרויף ווערט דיר וואול זיין · אונ דיין מאן ווערט דיך ליב האבין ווי זיך זעלבסט· אונ אויב ניט ווערט אליש פאר קערט זיין · דש ערשטע מיין ליבה טאכטער זאלסט אים ניט דער צערנען · אונ ווען ער ווערט זיין פרייליך זאלסטו ניט זיין טרויאריג אונ ווען ער ווערט זיין טרויאריג זאלסטו ניט זיין פרייליך · אונ זאלסט מיט אים רידין מיט גוטע רייד פריינטליך · אזו ווערסטו שטילן זיין צארין · דאש אנדרע מיין ליבה טאכטער זאלסט אכטונג געבין אויף זיין עסין · וואש ער גלוסט צו עסין · אונ זאלסט תמיד זאגין מיין הער גלוסט ניט צו קיין אנדר עסין נאר צו דעם וואש איך ריכט אים צו אונ דאש עסין זאל פארטיג ווערין צו דער רעכטער צייט · דען אז ער ווערט קומן אהיים אונ ווערט ניט גיפינן קיין פארטיג עסין · ווערט אים דער הונגר ברייגגן רוגז אונ ווען ער ווערט זיין פר טרונקן זאלסטו אים ניט גדיינקן וואש ער האט גיטאן אדר גירעט · אונ אז ער ווערט דיר הייסין טרינקן זאלסטו טרינקען אבר ניט אן שיכרין זיך דען ער ווערט אויף דיר איין שנאה ווארפין : דאש דריטע מיין ליבע טאכטער זאלסט זיך היטן אים ניט אויף צו וועקין פון שלאף דען טאמער האט ער זיך נאך ניט אויש גישלאפין · אזו ווערט ער ברוגז ווערין · דאש פערטע זאלסט קארגין אויף דיין מאנש געלט · אונ זאלסט ניט נעמען אן זיין ידיעה נאר אזוא איין זאך וואש ער איז ניט מקפיד דרויף : דאש פינפטי זאלסט ניט בגערין צוא וויסן זיינע סודות · אויב דוא ווערסט יוא וויסן · אדר ער ווערט זיך בארימען פאר דיר מיט עפיס איין זאך זאלשטו עש ניט אויש זאגין פאר קיין שום מענטשין אין דער וועלט · דאש זעקסטע וועמן ער ווערט פיינט האבן זאלסטו אויך פיינט האבן · אונ וועמין ער ווערט ליב האבין זאלסטו אויך ליב האבן דאש זיבעטע זאלסט ניט ווידער שפעטגן קעגין אים · אונ זאלסט טאן אלש וואש ער ווערט דיר הייסין · אונ זיינע רייד זאלן דיר וואול גיפעלין · דאש דוא זאלשט ניט זאגין צו אים דוא רעדסט ניט רעכט מיין עצה איז בעסר : דאש אכטע זאלסט פון אים ניט בגערין אזוא איין זאך וואש איז אים צו שווער · טאמער ווערט ער אויף דיר איין שנאה ווארפין : דאש נייגטע אלש וואש ער ווערט פון דיר בגערין זאלסטו טאן זיין רצון · אזוא ווערט ער זיין דיין קנעכט אונ ווערט דיך דינגען מיט פריידין · דאש צעהנטע מיין ליבע טאכטר זאלסט זייער אונ זייער גיווארינט זיין אים ניט צו דער צערינגען מיט קיין שום זאך · אונ זאלסט אים קיין שום ווארט ניט אנקעגין רידין · אונ זאלסט זיך פלייסין מיט אלע זאכין צוא טאן וואש אים ליב איז אז דוא ווערסט דאש אלש טאן ווערט דיר בוודאי וואול זיין :

שלמה המלך ע"ה האט זייער גלויבט איין פרום ווייב·
אז וויא דער פסוק זאגט אשת חיל מי ימצא ורחוק
מפנינים מכרה ער גלייכט איין פרומע אשה צוא פעריל·
אונ אבנים טובות· שטייט ווייטער בטח בה לב בעלה אין
דר פרומער אשה איז פאר זיכערט דאש הארץ פון איר
מאן· דאש ער מעג פאר טרויען אלע זאכן· אונ ער אכט
ניט אל דאש גוטש פון דער וועלט קענן איר ליבשאפט·
אונ דארט וואו עש איז ליבשאפט איז אייטל מזל אונ
ברכה אונ הצלחה אונ עושר אונ כבוד· אבער אז זייא
האבן זיך פיינט איז אלש פאר קערט: אז וויא דר פסוק
זאגט חלק לבם עתה יאשמו אז זייער הארץ איז אפ גטיילט
פון ליבשאפט ווערין זייא פר שולדיגט ווערין דאש זייא
וועלין ניט האבין קיין מזל אונ קיין ברכה: אויך זאגט
דער פסוק אשת חיל עטרת בעלה איין פרום ווייב איז איין
קרוין צוא איר מאן· זיינע רייד זיינן גיאכט אין אירע
אויגן: אונ זיא היט אפ דאש זייניגע עש זאל אים קיין
שאדין ניט גשעהן· אונ העלפט אים מיט גאר איר קראפט
אונ מאכט· אונ גיט אים גוטע עצות· אונ צווינגט אים
ניט צו פרנסה אונ קליידר נאר וויפיל זיין רצון איז· אונ
זיא טוט הויז ארבט מיט אירע הענט אפילו זיא האט
קנעכט אונ דינסטן אונ דער ציהט זעלברט אירי קינדר
צוא תורה אונ מצות ניט דורך אנדערי לייט· אונ זיא
באדינט איר מאן וויא איין דינסט מויד· אונ רופט אים
מיין הער· אזו וויא אונזער מוטער שרה האט גירופין
איר מאן:

דרום זאל איטליכע אשה מקיים זיין דאש אלש אונ
זאל אויך פאר איר מאן ניט ריידין וואש ניט
נוציג איז· אונ זאל ריידין מיט אים בנחת אונ ניט
הויך אונ מיט חן אונ שכל אונ זאל אירי אויגין אראפ
האלטין: כדי ער זאל אויף איר קיין קנאה ניט ווארפן
מכ"ש דאש זיא דארף אזו טאן פאר אנדערע לייט·
אונ זאל שטיין פאר איר מאן וויא איין דינסט מויד·
אזו וועט זיא· בוודאי גיערליכט ווערין פון אים אונ
פון גאר איר הויז גיזינד· אונ פון דער גאנצער וועלט
אזו ווי דער פסוק זאגט אשת חן תתמוך כבוד איין אשה
וואש האט חן ביי איר מאן ווערט זיא אונטער גילענט
מיט כבוד· עש איז אמאל גיוועזן אקלוגע אשה:

אמאל האט זיא גיפירט איר טאכטער אונטער דער
חופה זאגט זיא צוא איר מיין ליבע טאכטער זאלסט
שטיין פאר דיין מאן אונ בדינן אים: אזוא וועט ער
דיך אויך באדינגן אבער אז דוא וועסט זיך וועלין
הויך אונ קעסטליך האלטין· אונ וועסט וועלין הערשין
איבער אים: אזו וועט ער בוודאי זיין דיין הער מיט
גוואלד אונ וועסט שפל זיין אין זיינע אויגין אזו וויא
דיא ערגסטי מויד· איטליכע אשה איז מחוייב ריין צו
האלטין איר מאנש קליידער דאש זיי זאלין ניט זיין
איין גיריכט אדער פלעקענדיג אדער מיט פעדערין
דאש ער זאל ניט פאר שעמט ווערין ביי זיינע חברים
אונ אז עש קומט צו איר איר מאנש קרוב זאל זי אים
שיין אנטפאנגן מיט איין פריילאך פנים אונ גוטע רייד
גלייך ווי זיא וואלט אגרויישע מציאה גיפינען· אונ זאל
מער אויש געבין אויף צרכי בית וויא אנאנדרט מאל
אזו איז עש איין כבוד צוא איר מאן דאש מען וועט
זאגין וויא ערלאך איז דער בעל הבית מיט זיין ווייב
אונ קינדער:

דיא אשה וואש איז זיך אזו נוהג איז זיא איין קרוין
אויף דעם קאפ פון איר מאן אויף איר גייט דער
פסוק אשת חיל עטרת בעלה אבער די אשה וואש טוט
אלין פאר קערט אונ עש גייט זי ניט אן אז ער גיווינט
אדער ער פאלירט אונ קרינקט זיך מיט אים אונ מיט
איר הויז גיזינגט אונ רעט אים אן צו קריג אונ דאש
ער זאל קיין חובות ניט באצאלין אונ צו בארגין כדי
זיא זאל פיל געלט האבין אין איר האנט דיא זעלבינע
אשה איז אוישין אויף איר מאנש שאנד אונ מאכט
אים פאר פוילין זיין לייב ביי זיין לעבין ר"ל אונ אזו
וויא דער וואש זיין לייב איז פאר פוילט דער האט
שוין גאר קיין שום תקנה אונ קיין האפונג ניט אזוא
איז אויך צו זיין לייב קיין תקנה ניט דען דש שלעכטע
ווייב איז דאש פלייש פון זיין פלייש אונ זיא ברייגנט
אים אום פון דער וועלט פאר דער צייט אז וויא מיר
גיפינן ביי קרח'ש ווייב דאש זיא האט פאר זינדיגט
זיך אונ איר מאן אונ איר הויז גיזינד אונ געלט אונ
גוט'ש· דרום ווייל זיא האט אן גירעט צו קריגין מיט
משה רבינו ע"ה אבער דיא צדיקת דאש ווייב פון און

כן פלת האט אים אפ גירעט פון קריג · האט זי אים דער האלטין ביי זיין לעבין אונ געלט אונ גוטש זיא לויבט שלמה המלך אבער דאש ווייב פון קרח שענד ער אזו וויא דער פסוק זאגט חכמות נשים בנתה ביתה דיא קלוגע אונ פרומע ווייבער האבין גיבויעט איר הויז דאש זיי האבין אפ גירעט איר מאן פון קריג אבער אולת בידיה תהרסנה די נארעשע ווייבער האבין צו פירט זייער הויז מיט זייערע הענט · דאש זייא האבין אן גירעט זייערע מאנען צוא קריג אונ האבין זייא אום גיבראכט פון דעם לעבין אונ פון אלים דאש זייא זיינען איין גיזונקען גיווארין אין דער ערד :

אויך זאגט דיא גמרא וויא איין גוטע זאך איז אגוטע ווייב · אונ ווי איין שלעכטי זאך איז אשלעכטי ווייב דען עש איז דאך ניט פאר האנדין קיין בעסערע זאך אין דער וועלט פון דער תורה אונ זיא איז גיגליכן צוא איין גוט ווייב אונ עש איז דאך ניט פאר האנדין איין ערגירש פון גיהנם אונ ער איז גיגליכן צו אשלעכט ווייב · אויך זאגט די גמרא וויא גוט איז אגוט ווייב דען ווען איר מאן קומט גיפינט ער זיא איז אין הר היים אונ ווידר פר קערט איז איין שלעכט ווייב דער פסוק זאגט ביא אדם הראשון אעשה לו עזר כנגדו הקב"ה זאגט עש אי. ניט גוט אדם זאל זיין אליין אן אווייב · איך וועל אים באשאפין איין העלפער וואש זאל אים העלפין צוא טאן זיינע ארבייט :

ווען אייניר ברייננט אהיים ווייץ אדער קארין אדער מעל קען מען עש דאך אזו ניט עסין אזוא דארף זיא עש מאלין אונ באקין אויך דארף זיא דאש פלייש זאלצין אונ קאכין אונ דאש פלאקם דארף זיא שפינען אונ וועבן אונ נייען אונ אהעמד מאכין דער נאך קען ער עש ערשט אן טאן נמצא אז ווען ניט זיא וואלט ער ניט גיהאט קיין עסין אונ קיין מלבוש אויך זאגט דיא גמרא ווער עש איז אן אווייב איז ער אן טובה אונ אן הילף אונ אן שמחה אן שלום אן תורה אן ברכה דיא גמרא ברייננט דרויף פסוקים :

אמר זאגט רבי אלעזר דער וואש האט קיין ווייב ניט · דר הייסט אפילו קיין מענטש ניט · דרום איז איטליכר מחויב ערליך צוא האלטין זיין ווייב :

אזוא ווי דיא גמרא זאגט אין בבא מציעא רבי חנינא זאגט תמיד זאל איטליכר ערלאך האלטין זיין ווייב · דען נאר פון איר וועגן קומט די ברכה אין זיין הויז אזו וויא דער פסוק זאגט ולאברם היטיב בעבורה עש איז צוא אברהם גוט גיגאנגין פון וועגין זיין ווייב שרה ער האט גיהאט פיל מזל אונ ברכה דורך איר אויך זאגט דיא גמרא אין יבמות דיא רבנן האבין גלערינט ווער עש האט ליב זיין ווייב אונ האלט זיא ערלאך מער וויא זיך זעלבסט אונ דער וואש איז מדריך זייני זין אונ טעכטר אין רעכט פארטיגן וועג · אונ מאכט חתונה זיינע זין צוא אכצעהן יאר אונ זיינע טעכטער אויך אין זייער יוגענט · זאגט אויף אים דער פסוק וידעת כי שלום אהלך דוא וועסט וויסין אז עש וועט זיין שלום אין דיין גצעלט אונ עש וועט קיין זינד ניט קומן אין דיין הויז אויך זאגט דיא גמרא תמיד איז דער מענטש זיך מחויב צוא קליידין ווייניגר פון זיין פאר מעגין אונ זיין ווייב אונ קינדר וועדליג זיין פאר מעגן דרום איז אויך די אשה מחויב איר מאן ערליך האלטין גליך וויא איר פאטער אונ זאל מקיים זיין אליש וואש אויבין שטייט אונ זאלין זיין הינטער טעניג הינטער אים · דען זיא דארף לוסט האבין צוא איר מאן אזוא ווי דער פסוק זאגט ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך צוא דיין מאן זאל זיין דיין לוסט · אונ ער זאל גיוועלטיגן אין דיר דרום אויך האט זיא גאט באשאפין מיט חכמה איין ריפ פון זיין לייב דאש ער זאל זיא אזו ליב האבין וויא זיין לייב · אונ זאל זיך מרחם זיין איבער איר אפילו ווען זיא איז צארינדיג אונ זיינן מחוייב איינש דאש אנדערע צוא פאלגין · אונ עצות צוא האלטין אזוא וועט זיין ביא זייא אייטעל מזל אונ ברכה · אונ אויב ניט וועט זיין פאר קערט :

איטליכר זאל גיווארינט זיין ניט צו שילטין זיין ווייב מיט קיין שום קללה · דען עש איז גלייך וויא ער שילט זיך זעלברט אונ עש איז דאך איין לאו אין דער תורה זיך זעלבסט ניט צוא שילטין אונ דער וואש שילט זיין ווייב איז ער עובר אויף דעם לאו אונ אויף דעם לאו וואש עש איז אסור צו שילטין זיין חבר דרום זאל מען דרינען זייער נזהר זיין · אויך ווער עש

איז

איז מבזה זיין ווייב פאר לייטין איז זיין עונש פיל גרעסער וויא ער וואלט אנאנדערין מבייש גיוועזן אויך זאל ער איר ניט ריידין קיין בייזע רייד · דען דער סדר איז פון די ווייבער באלד צו וויינען · אזו איז עש ניט גוט מכ״ש דאש קיין שום יהודי טאר ניט שלאגין זיין ווייב ח״ו דען דאש איז איין הרבערע עבירה ווי ער וואלט אנאנדערין יהודי גישלאגין אונ אויף איטליכען שלאק באזונדער איז ער חייב מלקות אפילו ער הייבט נאר אויף זיין האנט צו שלאגין הייסט ער אויך ארשע אונ איז פסול לעדות אונ מיטאר אים ניט אויף רופין צוא דער ספר תורה ביז ער טוט רעכט תשובה אונ בשעת ער וואונט מיט איר זאל ער זיך האלטין בקדושה ובטהרה אונ זאל מיט איר ניט ריידין קיין שום ווארט אין דער זעלביגער צייט ער זאל זיינע זאכין מיט איר פריער אויש ריידין · כדי זיא זאל אויך איר דעה אונ כוונה האבין דרויף · דען כמעט צום מינסטין וועגט זיך אין איר מחשבה אונ זייא זאלין זיך היטין פאר בייזע רייד אונ בייזע מחשבות · מכ״ש פאר בייזע מעשים אין דער זעלביגר צייט · אונ ער איז זיא מחוייב צוא לערנן דרויף · כדי אז פון זייער זרע זאל ארויש קומן איין גוטי פרוכט :

ער זאל זיך אמשל נעמן ווען ער וויל זייאן ווייץ אדר קארן דא זייעט ער אונ אכט אונ טראכט צוא זייאן אויף איין גוט אונ ריין פעלד · עש זאל דרינען ניט זיין קיין שטיינר · אונ קיין דערנר · אונ זעהט אויך דיא זאמן זאלן אויך ריין זיין · כדי זיין תבואה זאל וואול גיראטין · דאש זיין מיא אונ ארבעט זאל אן גילייגט זיין · אונ זאל ניט זיין אום זיסט · נון מכ״ש דאש ער דארף זעהען אז פון דעם זאמען וואש גייט ארויש פון זיין לייב אונ מוח · אז עש זאל דער פון ארויש קומן אגוט קינד · אונ זאל אויך זעהן אז זיין זרע זאל קומן אין איין גוטן טראכט · דאש מיינט מען זיין ווייב זאל אויך גוטע מחשבות האבין דרויף · אונ זייא זאלן עש טאן לשם שמים · ניט פון זייער הנאה וועגין · אזו וועלין זייא זוכה זיין דאש פון זייער זרע ועט ארויש קומען גוטע קינדר דאש זייא וועלין דינן הקב״ה · אונ וועלין זיין גילערינט אין תורה אונ מצות

אונ אין דרך ארץ אמן וכן יהי רצון אמן ואמן :

סליק הלכות נשואי אשה

## הלכות תלמוד תורה פרק אחד עשר

### דער עלפטער פרק רעט דאש מיזאל תורה לערנן

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב · כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה · והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול · וכל אשר יעשה יצליח : דוד המלך האט אן גיהויבן זיין ספר תהלים מיט די פסוקים ברוח הקודש דר מיט האט ער אונז גוויזן ווי גרויש די זאך איז פון תורה לערנן · אונ אזו איז די טייטש פון זיי וואול דעם מענטשן וואש איז ניט גיגאנגן אין דר עצה פון דיא רשעים · אונ אין דעם וועג פון די זינדיגי איז ער ניט גישטאנן · אונ אין דעם זיצונג פון שפעטרס איז ער ניט גיזעסין נאר נאר זיין לוסט זאל זיין אין דר תורה פון גאט · אונ ער זאל אין איר עוסק זיין טאג אונ נאכט · אטייל פון טאג אונ אטייל פון דר נאכט · אונ אז ער ווערט לידיג פון זיינע עסקים זאל ער זיך זעצין תורה לערנן אונ קיין מענטש זאל זיך ניט טראכטין איידר איך זאל איין עבירה טאן · בעסער וועל איך מיך לייגין שלאפין · אודר איך וועל מיך אביסל גיין שפאצירן דרום זאגט ער דו זאלסט לערנן תורה טאג אונ נאכט אפילו אז דוא גייסט נאך דיינע עסקים · אונ זאלסט ניט טאן קיין עבירות · אונ זאלסט מקיים זיין דיא מצות וואש זיינען גיבאטין אין דער תורה · והיה כעץ שתול אז וויא איין בוים וואש איז גיפלאנצט אויף בעך וואשר · דש זיינע בלעטר ווערין קיין מאל ניט פר דארט · אונ זיינן תמיד גרין · אזו הועט אויך זיין דער תלמיד חכם וואש לערינט תמיד תורה מיט תלמידים · אונ די תלמידים מיט זייער תלמידים · אונ קיין לאר ווארט גייט ניט ארויש פון זיין מויל · אונ אפילו זיינע דברים בטלים אז מען בקלערט זיי זיינן זיי אויך אטייל תורה אונ שטראף · אונ ער רעט ניט ח״ו קיין אום נוצליכע רייד :

דרום טאר קיין תלמיד חכם ניט זיצן אדר שטיין מיט איין עם הארץ ידען ער איז דאך ניט מקבל תוכחה אזו וועט ער אים אויש לייגן צוא אלע דאש בייז · דרום זאגט די גמרא ווען איין תלמיד חכם רעט עפיס גייג דיינע אויערן דר צו · אונ זיי זאלין ביי דיר זיין אזו וויא קאלטע וואשער

נאך צו דעם וואש איז זייער דארשטיג · דען אלי זיינע רייד זיינן איטל תורה אונ חכמה · אונ אז דו פר שטייסט ניט עפים איין זאך פון זיינע רייד · זאלסטו ניט אן הייבן דאש ער האט ח"ו אום רעכט גיזאגט · נאר זאלסט עש אן הייבן אין דיין שפלות · אונ זאלסט זיך מצער זיין דרויף דען אז דו וועסט זיינע רייד גוט בטראכטן וועסטו זעהן דאש זיי זיינן איטיל תורה אונ מצות · אונ זיינן נוצג אין גשמיכע אונ אין וועלטליכע זאכין · וכל אשר יעשה יצליח אונ אליש וואש ער טוט איז בגליקט · דען זיין כוונה איז מיט אלים לשם שמים · (אמר רבא) רבא זאגט אלי צייט זאל איטליכר תורה לערנן · אז וויא דער פסוק זאגט · ובתורתו יהגה יומם ולילה אויך זאגט רבא תמיד זאל אמענטש תורה לערנען אפילו ער פאר שטייט ניט חאטשע מיטאר דאך ניט תפלה טאן אז מען פר שטייט ניט · אבער ביי תורה איז ניט אזו · אז וויא דער פסוק זאגט גרסה נפשי לתאבה טייטש די גמרא דוא זאלסט תורה לערנען אפילו דוא פאר שטייסט ניט · וועסטו דאך האבין שכר דער פאר · אזו גאר ליב איז די תורה דען די תורה האט איין סגולה אין זיך ווער עש לערינט זיא · איז עש אים איין רפואה אויף דר וועלט · אונ אויף יענער וועלט וואש איז די רפואה פון דער וועלט · זאגט די גמרא אז דיין קאפ אדער דיא אנדרע גלידר טוען דיר וויא · אדער אפילו דיין גאנצער גוף איז דיא רפואה תורה צוא לערנן · אז וויא דר פסוק זאגט ולכל בשרו מרפא · די תורה איז איין רפואה צוא אלע זיינע גלידער · אונ זיין לייב : רבי יודא בר רבי חייא זאגט עש איז גרעסער די רפואה

פון דער תורה פון דער רפואה פון דאקטורים · דען איין דאקטער גיט איין קרייטיכין אדער גיטראנק צו איין רפואה · דאש זעלביגי איז גוט צוא איין אבר · אבר צו די איברגי איז עש שלעכט · אבער די תורה איז ארפואה צום גאנצין גוף · אזוא וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק תודיעני אורח חיים דוד המלך האט גיזאגט צוא גאט מיין ליבר גאט זאג מיר וועלכע חברותה האסטו ליבער פון אלע · קריגן די חכמים ז"ל איינר זאגט הקב"ה האט אים גיזאגט · איך האב ליבר דיא חברותה וואש לערנען תורה אונ טוען מעשים טובים · דר אנדרר זאגט ער הט אים גיזאגט איך האב ליבער די חברותה פון סופרים אונ מלמדים · די סופרים מיינט מען די וואש שרייבין ספרי תורות אונ תפילין אונ מזוזות · אונ דיא וואש שרייבין פירושים · אויף דער תורה אונ אויף פסוקים · אונ אויך די וואש זיינן מעתיק די תורה אויף אנאנדר לשון מיזאל זיא וואול פר שטיין אונ די מלמדים מיינט מען אזעלכע מלמדים וואש גאט האט ליב אבר ניט די מלמדים וואש דער נערין זיך אין דר תורה אונ לערנן פון זייער הנאה ווענין זיי זאלן רייך ווערין · אונ לערינט נאר מיט זיינע תלמידים צו איין זמן קבוע · דר נאך לאזט ער זיי לויפין אז ווי איין גאנז וואש מיהאט זיא אן גישטאפט דער נאך לאזט מען זיא לופן אודר אויך די וואש ריידן פאצטן בשעת זיי לערנן מיט די תלמידים · די זעלביגי מלמדים הט גאט פיינט דען זיי טוען גאטש דינסט מיט ערמות אונ פאלשקייט: אויך שטייט אין פרק די תורה זאל ניט זיין ביי דיר ווי

איין האק זיך צו דר נערן פון איר מכ"ש וק"ו דר וואש לערינט ניט רעכט מיט זייני תלמידים · אונ טוט פאלשקייט מיט זיין לערנן אז ווי אויבן שטייט אדר ער גיט ניט אכטונג: אויף זייני תלמידים · אדר אויפן לערנען אויף אזעלכין מלמד · זאגט דר פסוק ארור העושה מלאכת ה' ברמיה פאר פלוכט זאל ווערין דר וואש טוט די מלאכה פון גאט מיט פאלשקייט · דרום זאגט די גמרא דרום איז די תורה גיגעבן גיווארין אין דר מדבר · הקב"ה האט אונז דער מיט גוויזן · אזו ווי די מדבר איז הפקר אונ איטליכר האט אחלק אין איר אונ עס קאסט אים קיין געלט ניט · אזו זאל זיך אויך איטליכר מלמד הפקר אונ פרייא מאכין דאש איטליכר זאל פון אים תורה לערנן אום זיסט · דען דריבר בלייבן פיל יונגן בטל ווייל זיי האבן ניט קיין שכר לימוד צו צאלין אזו ווי הקב"ה האט גילאזט זיין תורה לערנן דורך משה רבינו צו ישראל אום זיסט · אזו דארף אויך איטליכר זיין · ניט מער נאר דאש קהל זיינן מחוייב צו געבן דיא מלמדים עסין אונ טרינקן אונ אלע זייערע בדערפניש · אונ דאש קהל וואש טוען אזו איז וואול צו זיי אונ וואול צו די מלמדים וואש בגערין מער ניט נאר זייער אויף קומעניש :

נון סייא נאך דעם נאך וואש זאגט אז גאט האט גיענפערט צוא דוד איך האב ליבער דיא וואש לערנען תורה אונ טוען מעשים טובים אונ סייא נאך

דעם נאך וואש זאגט ער האט אים גיזאגט איך האב ליבער סופרים אונ מלמדים מיינט מען אליש אזעלכע וואש לערנען תורה לשם שמים · דען דאש איז דיא גרעסטע מצוה אין דער וועלט · אונ איך וועל דא קורין בשיידין וועלכעם הייסט לשם שמים · דער וואש לערינט תורה פון דעסט וועגין דאש ער וואלט גערין גיוויסט דיא מצות אונ דינים פון דער תורה: דען ער וואלט זיי גיגערין רעכט גיטאן · ווי גאט האט גבאטן אונ לערינט אויך מיט תלמידים · כדי זייא זאלין אויך וויסין גאט צוא דינען · אונ ווייטער צוא לערנען מיט תלמידים · דאש איזדי גרעסטע מצוה אין דער וועלט אזו פלעגין לערנן פאר צייטין די תנאים אונ אמוראים דיא זעלביגע לייט האט הקב״ה זייער ליב אונ אויך זייערע מעשים · ווייל דאש זיי מיידין זיך יומם ולילה אין גמרא אונ פוסקים רעכט צו וויסן דיא דינים · אונ צו קומן אויפין אמת פשט אויף דעם זעלביגן מענטשן איז גיזאגט גיווארין כי בתורת ה׳ חפצו וגו׳ והיה כעץ שתול וגו׳ דער הייסט ארעכטער תלמיד חכם:

דרום שטייט דאש ווארט יהגה · דאש האט אין זיך צווייא טייטשין · יהגה ער טוט ריידין אין דער תורה יה:ה ער טוט טראכטין אין דער תורה · אבער דער וואש לערינט תורה פון זיין הנאה וועגין · דאש ער וויל געלט אודער קעסטליכקייט בקומען · אדר ער וואלט גערין איין רב גיווארין אודר פון שכר עולם הבא וועגין איז עש ניט לשם שמים · אבער דאך איז עש אויך גוט · אזו אויך זאגט דיא גמרא תמיד זאל איין מענטש תורה לערנין אפילו ניט לשם שמים דען דער נאך וועט ער דעם רעכטין סוד גיווואר ווערין · אונ וועט שון יוא לערנין לשם שמים אבער דר וואש בגערט גאר ניט צו וויסן דעם רעכטין סוד · זאגט אויף אים דיא גמרא עש וואלט בעסער גיוועזן ער זאל גיט בשאפין ווערין · אונ דער שכר פון דעם וואש לערינט לשם שמים האט גאר קיין שיעור ניט · אבר עש זאל קיינר ניט לערנין פון שכר וועגין נאר ער זאל זיין כוונה האבין אפילו איך זאל גאר קיין שכר ניט האבין וויל איך אויך גאט דינן פון זיין אהבה אונ גדולה וועגין ברוך הוא וברוך שמו · די גמרא זאגט די וועלט שטייט אויף דיא וואש לערנין תורה לשם שמים אזו אויך שטייט אין פרק אויף דרייא זאכין שטייט דיא וועלט · על התורה וכו׳:

גרסינן מיר האבין גילערינט אין מסכת כתובות דער וואש לערינט תורה לשם שמים וועט ער זוכה זיין אויף צוא שטיין תחיית המתים אבער דער וואש לערינט תורה נאר פון זיין הנאה וועגין וועט ער ניט אויף שטיין צוא תחיית המתים · דען דער טויא וואש קומט פון דער תורה איז מחיה מתים דער נאך זאגט ווייטער דיא גמרא דער וואש העלפט תלמידי חכמים צו תורה לערנן · אונ איז זיי מהנה פון זיין געלט אונ גוטש · אדר ער מאכט חברותה מיט איין תלמיד חכם אונ גיט אים ריוח ער זאל ערליך גישפייזט ווערין אונ דער וואש דינגט אן יונגען צו לערנן תורה פון זיין געלט · אדר ער האלט תלמידי חכמים איבר זיין טיש אונ לאזין תורה לערנן אין זיין הויז · דאש איז בעסער ווי דר וואש לערינט תורה אזו ווי דר פסוק זאגט שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך זבולון האט גהאנדילט סחורה אונ האט זיך גטיילט דעם ריוח מיט זיין ברודר יששכר · דרום שרייבט אים דיא תורה פאר יששכר · דאש ער האט מער שכר פון יששכר אויך זאגט די גמרא אויף דעם פסוק ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם איר האט זיך בהעפט אין גאט אייער גאט · פרעגט דיא גמרא וויא איז עש מיגלאך זיך צו בהעפטין אין גאט ער איז דאך איטל פייאר וואש פאר ברענט אנדער פייאר · נאך מיין זאגט דער פסוק לאהבה את ה׳ אלהיך לשמוע בקולו ולדבקה בו זאלסט ליב האבן גאט דיין גאט צו צו הערין אין זיין קול אונ זיך צו באהעפטין אין אים איז אויך קשה ווי איז עש מיגלאך זיך צו באהעפטין אין גאט:

ענפערט דיא גמרא דאש מיינט מען דוא זאלסט זיך באהעפטין צוא תלמידי חכמים · אונ דער וואש גיט זיין טאכטער צו איין תלמיד חכם אדר ער איז אים מהנה פון זיין געלט אדער ער מאכט חברותה מיט אים · איז גלייך וויא ער וואלט זיך באהעפט אין דער שכינה עש שטייט אין פסוק לא בשמים היא ולא מעבר לים היא משה רבינו ע״ה זאגט צוא ישראל דיא תורה איז ניט אויפין הימל אדער אויף

יענער

אז וויא אויף משה רבינו ע"ה · דיא אנדערי דרייסיג זיינן ראוי גיוועזן דיא זון זאל בלייבן שטיין דורך זייערי תפלות אז וויא דורך דער תפלה פון יהושע בן נון דיא איבריגי צוואנציג זיינן גיוועזן מיטל מעסיג · אונ דער בעסטר צווישן זייא איז גיוועזן יונתן בן עוזיאל וואש ער האט גימאכט דעם תרגום ברוח הקודש דער ערגסטיר צווישן זייא איז גיוועזן רבי יוחנן בן זכאי · האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט אויף אים · דאש ער האט גיקענט כל התורה כולה משנה תלמוד הלכות אגדות דקדוקי תורה דקדוקי סופרים קלים וחמורים גזירה שוה תקופות גימטריאות משלות כוכבים משלות שועלים שיחות דקלים שיחות שדים שיחות מלאכי חשרת דבר גדול ודבר קטן מעשה מרכבה הויות דאביי ורבא אויף אים אונ זיין גלייכן גייט דער פסוק להנחיל אוהבי יש צוא מאכין ארבין מיינע ליב האבער דרייא הונדערט מיט צעהן עולמות · נון מארקט זיך ווען דער ערגסטיר איז אזוא גיוועזן · וויא האט שוין גיקענט זיין דער בעסטיר: אונ אויף דעם יונתן בן עוזיאל האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט · אז בשעת ער האט גילערינט זיינען אראפ גיקומן מלאכים פון הימל צוא צוא הערין זיינע דברי תורה · אונ מיט דעם אטום וואש איז ארויש גיגאנגן פון זיין מויל מיט תורה האט ער פאר ברענט דיא פויגל וואש פליהן אין דער לופטן: גרסינן מיר האבן גילערינט דר וואש איז איין ארומאן אונ לייט גרויש דוחק · אונ לערנט פארט תורה· ווערט דר הערט זיין תפלה · אונ ער וועט זיך זעטין פון לויטרקייט פון דר שכינה · אז וויא דר פסוק זאגט: והיו עיניך רואות את מוריך דייני אויגין וועלין זעהן דיינע וויזער דאש איז די שכינה · כך היא דרכה של תורה אזו איז דער סדר פון דר תורה · אפילו דו האסט נאר צו עסין ברויט מיט זאלץ · אונ וואשר מיט דר מאס · אונ האסט אויך ניט אויף עפים צו שלאפין · ביז דו מוזט ליגן אויף דר הוילר ערד · זאלסטו דאך תורה לערנן · אונ גאר דיין לוסט זאל זיין דר צו · אז דו טוסט אזו איז וואול צו דיר אויף דר וועלט · אונ אויף יענר וועלט · אייביג זאל איטליכר תורה לערנן אונ ארביטין אין איר · דען עס איז זייער גרויש איר שכר דאש אפילו איין תלמיד חכם שטארבט יונגר הייד · אונ האט אפילו נאר ווייניג תורה גילערינט · אויב ער האט נאר גילערינט לשם שמים · האט ער אזו פיל שכר וויא דר וואש האט גילעבט הונדרט יאר · דען דער וואש שטארבט צו צוואנציג יאר קאן ער זאגין צו הקב"ה דו זאלשט מיר גיוועזן דער ליינגערן מיינע יארין וואלט איך תמיד תורה גילערינט אצונד אז דו האסט מיך אוועק גינומן יונגר הייד פון דער וועלט ווילסטו מיך ווייניגער שכר געבין דרום האט ער אויך פיל שכר גלייך ווי ער וואלט לאנג גילעבט · אונ וואלט תמיד תורה גילערנט:

עס איז איין משל צו איין מלך וואש דינגט ארביטער צוא ארביטן זיין גארטין · אמאל נעמט דער מלך אוועק איינם פון זייא פון דער ארבעט · אונ גייט זיך מיט אים שפאצירן · אז עס קומט פאר נאכט מוז ער אים דאך בצאלין גלייך מיט אלע · דען ער קען זאגין ליבער מלך האסטו מיר גיזאלט לאזין ארביטן · וואלט איך אויך גיארבעט גלייך מיט אלע · אזו איז אויך דר מלך מלכי המלכים הקב"ה · די ארביטער זיינען די תלמידי חכמים וואש ארביטן אין דער תורה · אונ דער תלמיד חכם וואש שטארבט יונגער הייד האט גלייך שכר מיט אלע · דאש איז וואול צו פאר שטיין · אויף דעם האט שלמה המלך ע"ה גיזאגט והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון דאש זעטיקייט פון עושר לאזט אים ניט שלאפין · האבן דיא חכמים גיזאגט צו אים וואש מיינסטו דר מיט אדרבה דר זאטער שלאפט זייער וואול · אונ דער הונגרגר קאן ניט שלאפין · האט ער ווידר גיענפרט אזו מיין איך דער וואש איז זאט פון דער תורה · דר קאן ניט שלאפין אין קבר דען זיינע תלמידים זאגין נאך דברי תורה פון זיינט וועגין · אזוא רידין זיך זיינע לעפצין אין קבר · אז וויא עס שטייט דובב שפתי ישנים זייא טואן ריידין דיא לעפצין פון דיא וואש שלאפין אין קבר · גלייך וויא זייא וואלטין גילעבט אז מיזאגט נאך פון זייערט וועגין איין הלכה · אדער אגוטין פשט · דען זייא האבן הנאה דער פון · אויף דעם זאגט דער פסוק (ובניהו בן יהוידע איש חי) אונ בניהו איז גיוועזן איין לעבדיגר זון · דאש מיינט מען אויך אזוא ער איז גיוועזן איין אייבערשטער איבר דיא סנהדרין · אונ זייא פלעגין נאך זאגין גוטי פשטים פון זיינט וועגין · דרום שרייבט אויף אים דיא תורה ער איז גלייך וויא ער וואלט נאך גילעבט · אונ דר וואש ווייסט

נאך

נאך צו זאגן איין גוטן פשט פון אמנציגש ווענין · אונ זאגט אים ניט נאך איז ער מעכב די גאולה אבר דר וואש זאגט יוא נאך איז ער מקרב די גאולה · אז וויא עש שטייט ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי אסתר האט גיזאגט צום מלך פון מרדכיש וועגין · אונ דער פון איז גיקומן די גאולה · (אביי) זאגט דער וואש האלט זיך גרויש אונ זאגט דעם פשט גליך וויא ער זעלברט האט אים גיזאגט דער טוט איין עבירה · אונ איז אויך מעכב דיא גאולה:

## הלכות ספר תורה

עש איז אגרושע מצוה איטליכער יהודי זאל זיך שרייבין אספר תורה דרויף צו לערנען טאג אונ נאכט · אז וויא דער פסוק זאגט כתבו לכם את התורה שרייבט אייך אויף דיא תורה אונ דער וואש קאן ניט שרייבין זאל ער זיך לאזין שרייבין אדער ער זאל קויפן איין ספר תורה אונ ניט דאש מיינט מען דיא מצוה צוא געבין איין ספר תורה אין שול ארין · דען דאש איז אחוץ אנדר מצוה · נאר מען מיינט ער זאל האבין ביי זיך איין ספר אין דר היים · אונ מיט איין חומש איז ער ניט יוצא דען פון דער ספר תורה קען מען פיל מיין חכמות לערנען וויא פון אחומש · מיטאר ניט פאר קויפן קיין ספר תורה · נאר פון צוויי זאכין וועגין · שכר לימוד צוא צאלין · אונ איין וויב צו נעמען · אבער אז ער האט עפיס אנהערש צוא פאר קויפן טאר ער די ספר תורה ניט פאר קויפן · איין ספר תורה תפילין אונ מזוזות: אדער אנדרע היליגע ספרים וואש זיינען פאר פוילט גיווארין זאל מען זייא ארין לייגין אין איין ערדנע כלי · אונ מיזאל זייא בגראבין אין דער ערד בייא איין תלמיד חכם דאש עש זאל ניט קומן הינטער די פיס אבער מיטאר זייא ניט פאר ברענן ח"ו · דען עש איז איין לאו אין דער תורה ניט אויש צו מעקין אדר צוא פאר ברענען איין (שם) ח"ו · אויך טאר מען קיין (כתבי קודש) ניט אוועק ווארפין · אונ מען איז זייא מחוייב בכבוד צו האלטין · עש איז אסור צו לייגין איין (עשרים וארבע) אויף איין חומש · דען דער חומש איז העכר דער פון אזו אויך ניט קיין (כתובים) אויף (עשרים וארבע) · אונ ניט קיין גמרא אויף כתובים:

אויך טאר מען ניט גיין מיט איין ספר תורה אין בית הכסא אדער אין באר ארין · אויך ניט אויפן בית החיים · סיידין זיא איז ווייט פיר איילין פון איין קבר · אויך טאר מען ניט אן רירין קיין ספר תורה נאקיטער הייד · אויך טאר מען ניט זיצן אויף איין באנק אדר איין טיש אדער איין בעט וואש ליגט דרויף איין ספר תורה · אויך טאר מען ניט וואוגן מיטען וייב אין דעם חדר וואש איז דרינן דא איין ספר תורה · אונ די אנדרע ספרים מוז מען אויך צוא דעקין · אונ זייא זאלין ניט זיין נאהינט לעבין בעט · אויך ניט צו פוסן · קורץ פון דער זאך מען איז מחוייב נוהג כבוד זיין צו די היליגע ספרים · אז ווי עש שטייט אין פרק כל המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות · וכל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות דר וואש האלט ערליך די תורה האלטין אים די לייט אויך ערליך אונ דער וואש פאר שוועכט דיא תורה פאר שוועכין אם די לייט אויך · אונ דער וואש איז טמא גיווארין פון איין (מת) · אדער ער האט (רואה קרי) גיוועזן · אזו אויך איין נדה · דיא אלע מעגין וואול אן רירן איין ספר תורה מיט ריינע הענט · דען זיא איז ניט מקבל טומאה · דער וואש זעהט טראגין איין ספר תורה זאל ער אויף שטיין פאר איר אונ זאל בלייבין שטיין ביז מען שטעלט זיא אריין אויף איר ארט · אדער דאש ער זעהט זיא שוין ניט מיטען אויג:

אויך איז אגרושע מצוה מיזאל מאכין צו דער ס"ת איין שיין אונ ריין ארט · אונ מיטאר ניט ריירין קיין שום ווארט מב"ש קיין אום תרבות ווארט אונ אויך ניט שפייאין פאר דער ס"ת · גליך וויא אין שול · אויך טאר מען ניט אויש שטרעקין דיא פיס · אדער ווענדין דעם רוקן צו דעם ס"ת · אויך איז מען מחוייב צו שטיין פאר איר אפילו אין זיין הויז מיט פארכט אונ אנגסטין · אונ ניט קיין קלות ראש צוא טרייבין · אונ אויך ניט קיין גילעכטער · דען זיא איז איין עדות צו דר גאנצער וועלט וויא דער פסוק זאגט אונ דיא תורה זאל זיין צוא אייך איין עדות · דרום איז איטליכר מחוייב דיא ספר תורה מכבד צוא זיין · מען איז מחוייב צו לייאנן דיא סדרה אלע וואך צווייא מאל דעם פסוק · אונ איין מאל תרגום · אונ איין מאל אין רש"י · אונ אז ער לייאנט איין מאל דעם פסוק אין דער היים · אונ דאש אנדרע מאל מיטען



153

חזן אין שול · איז ער אויך יוצא אבער עש איז פיל בעסער ער זאל צו הערין איטלכש ווארט פון חזן · אונ זאל ניט פאר פעלין אפילו איינש פון זייא :

דער וואש לערינט תורה איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועז אלע תרי"ג מצות וואש אין איר שטייאן · דען אין עשרת הדברות פון (אנכי) ביז (לרעך) זיינען תרי"ג אותיות · קעגן די תרי"ג מצות · אונ וייל גאט האט ליב דיא ישראל דרום האט ער זייא גיגעבין פיל מצות · כדי זייא זאלין זוכה זיין צוא עולם הבא · אז וויא דער פסוק זאגט למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר פון וועגן זיין גירעכטיקייט האט ער גיגרייסט אונ גישטארקט דיא תורה · כדי מיר זאלין דורך איר זוכה זיין צו עולם הבא · אונ זיא מאכט קלוג דעם מענטשין · אונ ברייגנט דיא נשמה אויף איר ארט אונטער דעם כסא הכבוד · אונ זיא מאכט פרייליך דאש הארץ · אונ דער לייכט דיא אויגן · אונ פירט דעם מענטשן אין רעכטין וועג אז וויא דר פסוק זאגט תורת ה' תמימה משיבת נפש עדות ה' נאמנה מחכימת פתי פקודי ה' ישרים משמחי לב · מצות ה' ברה מאירת עינים די תורה פון גאט איז גאנץ אונ דער קוויקט דעם נפש · די עדות פון גאט איז וואר הפטיג · זיא מאכט קלוג די נארין · דיא בפעל פון גאט זיינען רעכט פארטיג · אונ דער פרייאין דש הארץ · די מצות פון גאט זיינען לויטר · אונ דער לייכטין די אויגן · אונ די תורה איז איטיל שלום · אז וויא דר פסוק זאגט שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול פיל שלום איז צו דיא וואש האבן ליב דיין תורה · אונ עש איז צו זייא קיין שטרויכלונג ניט :

סליק פרק תלמוד תורה

## הלכות משא ומתן פרק שנים עשר

דער צוועלפטיר פרק רעט וויא מיזאל האנדלין באמונה · אונ קיינער טאר זיין חבר קיין אום רעכט ניט טאן :

אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו וואול דעם וואש פארכט זיך פאר גאט · דאש ער גייט אין זיינע וועגין · אונ עש שטייט דאך שוין אויבן וואש עש זיינען די וועגין פון גאט · וויא ער איז איין רחום וחנון אום זיסט · אזו זאלסטו אויך זיין איין רחום וחנון אפילו אויף בהמות · מכ"ש אויף מענטשן וויא ער איז נושא עון ופשע וחטאה מוחל די עבירות דורך תשובה · אזו זאלסטו אויך מוחל זיין דיין חבר אז ער בעט פון דיר מחילה · וויא ער איז איין גומל חסד · אזוא זאלסטו אויך גומל חסד זיין · יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך אז דו וועסט דיך מפרנס זיין פון דר מלאכה מיט דיינע הענט וואול דיר אויף דער וועלט · אונ עש וועט דיר גוט זיין לעולם הבא · דען דו וועסט מיט קיינם ניט קריגן · אונ אלע וועלין דיך ליב האבין · אונ שלום האבין מיט דיר · דען דוא וועסט קיינעם ניט לייקענען אדר פאלש שווערן אונ וועסט ביי קיינעם ניט בארגין · דער פסוק זאגט אין משלי איש אמונות רב ברכות דער מענטש וואש האנדילט באמונה דער בקומט פיל ברכות · דען דיא לייט ווילן מיט אים האנדלין · אונ פר זיכרן זיך אין אים · אונ לייאן אונ גיטרויען אים · אונ לאזין זייער געלט ביי אים · אונ ער האט חן אונ ליב שאפט אין גאטש אויגן · אונ אין לייטנש אויגן · אונ ער ווערט אפילו גירופן איין צדיק · אז וויא דער פסוק זאגט צדיק באמונתו יחיה דער צדיק וואש האנדילט באמונה דר וועט לעבין לעולם הבא · אבר דר וואש האנדילט ניט באמונה דר האט פיל פיינד · אונ פרייעט זיך ניט מיט דעם וואש גאט האט אים בשערט · אונ ער נערט צום חברש געלט · אונ וויל קיינעם גיט גלייך טאן · זיין חוב וויל ער ניט בצאלין · אונ אפילו ער בצאלט שוין יוא · מוז יענער גרויש מיא אונ נאך לויפינש האבין דרויף · אונ ער רייסט אים אפ דער פון · ער מיינט ער וועט דר כון רייך ווערין · אבר אדרבה ער ווערט דריבר ארום · אז וויא דער פסוק זאגט ווייטער ואין להעשיר לא ינקה רע דער וואש היילט רייך צוא ווערין פון אום ריין געלט · דער ווערט קיין מאל ניט ריין פון קיין בייז · דש עש קומען אויף אים בלבולים · דאש געלט פאר גייט · אונ די עבירות דער פון בלייבין ביי אים · אז וויא דער פסוק זאגט עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו ואחריתו יהיה נבל דער וואש מאכט זיך עשירות מיט אום רעכט געלט · אין זיינע האלב יארין וועט ער עש אן ווערין אונ זיין סוף וועט זיין שאלקהפטיקייט אונ לסוף וועט ער דארפין צוא די לייטן · אונ זייא וועלין אים פיינט האבין איבר זיין רשעות אונ וועלן אים ניט וועלן קיין צדקה געבן: דרום איז צום בעסטין דר מענטש זאל האנדלין באמונה

אונ

אונ זאל ערליך בצאלין זיינע חובות ניט גיטאן מיט אונ גוט געלט · דש יענער זאל ניט דארפין אן ווערין דרינן · אונ יענער זאל אים ניט דארפין נאך לויפן · אז וויא דער פסוק זאגט אל תאמר לך שוב ומחר אתן לך זאלסט ניט זאגין גייא אוועק אצונד קום מארגין וועל איך דיר בצאלין נייערט דו זאלסט אים תיכף ומיד בצאלין · אונ אז אימנצר אין דיר שולדיג זאלסטו אים ניט צווינגן · טאמער האט ער ניט תיכף · אזוא ביסטו דאך עובר אויף איין לאו אין דער תורה לא תהיה לו כנושה זאלסט צו אים ניט זיין וויא איין מאניר · (רב לוי) זאגט אז דו וועסט האנדלין באמונה וועסטו רייך ווערין · אונ אויב ניט וועסטו ארום ווערין · דאש איז גידרונגן פון דר תורה · עש שטייט לא יהיה וגו' זאלסט ניט האבין קיין צוויי אירליי גיוויכט · אדר מאסין · דש אז דו קויפסט קויפסטו מיט דער גרוישר מאס · אונ פאר קויפן פאר קויפסטו מיט דער קליינער מאס לא יהיה לך דרשת דיא גמרא אז דוא וועסטו אזו טאן וועסטו ניט האבין · אונ אז דוא וועסט ניט אזוא טאן יהיה לך וועסטו פיל האבין :

תנו רבנן די רבנן האבין גילערנט זיבן אירלייא גנבים זיינען פאר האנדין · דאש ערשטע ווער עש גנבת גאלד אונ זילבער · דאש אנדרע ווער עש גנבת די דעה פון לייטין · דאש ער זאגט איינם אז ער האט אים אטובה גיטאן · אונ באמת איז עש ליגן · דאש דריטע ווער עש בעט צו זיך איין אורח · אונ זיין הארץ איז ניט דר ביי · דאש פערטע ווער עש שיינקט איין מתנה צו אזוא איין מענטשין וואש ער ווייסט ער וועט זיא ניט נעמען · דש פינפטע ווער עש איז איין שיינקער אונ עפינט אויף איין פולע פאס מיט משקה אונ זאגט צו איינם איך עפין עש פון דיינט וועגין · אונ באמת וואלט ער זיא בלויז גיעפינט · אדר נאך זעלבע גלייכין · דער הייסט אויך אגנב · דאש זעקסטי ווער עש האט פאלש גוויכט · אדר פאלשי מאסין · אדר פאלשי איילן · דאש זיבנטע ווער עש מישט עסיק אין בוימל · אונ פאר קויפט עש פאר בוימל · דאש אלש איז פאר באטין אין דער תורה · אונ דער ערגסטיר פון זייא איז דר וואש גנבת די דעה פון לייטין · דען עש איז גלייך וויא ער גנבת דיא דעה פון הקב"ה אויך אנדערי גניבות קאן ער אום קערין · אונ דאש קען ער ניט אום קערין · דער פסוק זאגט לא תעשו עול במשפט ביי גוויכט אדר ביי מאסין · פרעגט די גמרא וויא קומט דר צו דאש ווארט פון משפט · ענפערט די גמרא דער וואש וועגט אדר ער מעסט הייסט ער איין (דיין) · אזו וויא דר (דיין) מוז רעכט פסקינן · אזו מוז מען אויך רעכט וועגין · אונ אזו וויא דער וואש משפט ניט רעכט בריינגט ער פינף זאכין אויף שונאי ישראל · אויך האט ער פינף בייזע נעמען עול שנוי משוקץ חרם תועבה · אזו איז אויך דער וואש וועגט אדר מעסט פאלש · אונ ער מאכט דאש ישראל פאלין ח"ו אין דאש שווערד · אונ מאכט גלות אונ גירושים ר"ל: דרום זיינען דאש ב"ד דרויף מחוייב השגחה צוא געבין אונ לייט דרויף צוא זעצין · אונ זיינען מחוייב צוא שטראפין דיא לייט דרויף · דרום איז איטליכר קרעמער מחוייב זיינע וואג אונ גוויכט ריין צוא האלטין · אונ איז זייא מחוייב אופט אויש צו ווישן אונ צוא פאריכטן · זייא זאלין גיריכט זיין · דער וואש פאר קויפט משקאות · וואש פאר איין משקה עש איז זאל ער ניט פר קויפן מיט דער שוים · נאר ער זאל דיא שוים אראפ נעמען אין אבלי אריין · כדי זיין מאס זאל גירעכט זיין · אונ זאל אויך אביסל צו געבין · דען עש איז דאך ניט מיגליך עש זאל ניט בלייבין אביסל אין דער מאס אויך דער וואש וועגט זאל ער אביסל איבר וועגין · רבי יוחנן זאגט ווער עש גנבת ביי זיין חבר אפילו נאר וואש איין שילינגער איז ווערט · איז גלייך וויא ער גנבת ביי אים זיין נשמה · אז וויא דער פסוק זאגט כן אורחות וכו' אזוא איז דער סדר פון דעם וואש גנבת ביי זיין חבר · דאש ער נעמט ביי אים אוועק זיין נשמה · אונ דער גנב וואש קערט אום די גניבה מוז מען אים מוחל זיין · דען אויב ניט וועט ער קיין תשובה ניט טאן · תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערנט די גנבים אדער גזלנים אדער דיא וואש נעמען ריבית פון יהודים · אז זייא ווילן אום קערין געלט פר דער זאך טאר מען ביי זייא ניט נעמען · אונ דר וואש נעמט יוא האבן אים די חכמים פיינט · אבער אז זייא קערין אום דיא זעלביגי זאך זעלבסט בעין מאג מען יוא ביי זייא צוא נעמין :

מעשה איינער האט אמאל גיוואלט תשובה טאן · אונ איטלכן זיינש אום קערין · האט זיין ווייב צוא

אים

אים גי׳ אזט וויא קענכטו תשובה טאן דעם גארטיל וואש
דיא האסט אויף דיין לייב איז דאך אויך ניט דיין אזוא
האט ער קיין תשובה ניט גיטאן · דרום האבן דיא חכמים
ז״ל אתקנה גימאכט : דאש מיזאל ביא דיא גנבים אונ
גזלנים אונ (מלוה ברבית) ניט מקבל זיין : אונ דר וואש
איז יוא מקבל איז ער עובר אויף די רייד פון די חכמים ·
אונ מוז עונש ליידין אזוא איז דר דין קאן ער דיא זאך ביי
זיי מוציא זיין בדינים · אדער דורך אנאנדר אופן · אונ
ער האט עש נאך ניט מייאש גיוועהן · מאג ער וואול נעמין
גיצאלט דער פאר · אונ אויב ניט טאר ער קיין גיצאלט
ניט נעמין אבר דיא גניבה זעלבסט מאג ער יוא נעמין :
אונ דער וואש וויל זיין אצדיק זאל איטליכן מוחל זיין :
אז וויא דיא צדיקים אונ חסידים פון פאר צייטין פלעגין
טאן אלי נאכט איידר זייא האבן זיך גילייגט שלאפן האבן
זייא מוחל גיוועהן איטליכן אויף אלים וואש ער האט זייא
גיטאן דאש קיינר זאל קיין עונש ניט ליידין דורך זיי
אז וויא דר פסוק זאגט גם עונש לצדיק לא טוב עש איז ניט-
גוט דער צדיק זאל ברייננן איינם צוא עונש אבער אז ער
האט עפים פאלארין און זיין חבר האט עש גיפונן אונ וויל
עש ניט אפ געבן אדר ער האט גיגנבין ריבית קצוצה מוז ער
עש מוציא זיין בדיינים · אבר אז ער קען עש ניט מוציא
זיין מוז ער עש מוחל זיין :

אונ ווען איינר האט גינומן ריבית פון איין יהודי · אונ
איז גישטארבן · זיינען זיינע קינדר ניט מחוייב
אום צו קערין · סיידין עש איז אזו איין כלי אדר איין
בהמה וואש איטליכר ווייסט אז ער האט זיא גינומען
פר ריבית · מוזן זיי עש אום קערין פון זייער פאטערש
כבוד וועגין · אונ דר וואש נעמט ביא איין יהודי איז
די עבירה פיל גרעסר פון גזילה אונ גניבה · דען ער
פאר לייקנט אין גאט אונ אין זיין תורה · אונ וועט
אויך ניט אויף שטיין צו (תחית המתים) · אויך דער
וואש גיט ריבית צו זיין חבר · אדר צוא דיא עדות :
אדער צום רב · אדער צום סופר וואש שרייבט דעם
שטר חוב · דר טוט אויך אגרושי עבירה · דרום זאל
איטליכר זייער גיווארינט זיין · אונ זאל לערנען דיא
דינים פון ריבית · דאש ער זאל וויסן וויא אזו צו לייאן
בהיתר · אזו וויא די חכמים האבן אונז גילערינט אונ
איין עצה גיגעבין :

דער וואש וויל לייאן געלט ביא איין יהודי · אדר ער
וויל מיט אים חברותה מאכין · זאל ער זיך גוט
אן פרעגין ביא לומדים · אדר ביא דעם אב בית דין
ווי אזו ער זאל טאן בהיתר · דאס ער זאל ניט
גישטרויכלט ווערין אין דער גרוישר עבירה פון ריבית:
אונ אין דעם גרויסין עונש דער פון · די דינים דער
פון זיינן פיל צו שרייבין · נאר דאש איז דיא בעסטע
עצה · ווען איינר איז זיין חבר שולדיג געלט · אונ דין
צייט איז גיקומן ער זאל אים בצאלין אין דאש בית די
האבן גיפסקת מיזאל ביי אים אמשכון נעמין נאר ער
זאל שטיין אין דרויסן · אונ דר וואש איז אים שולדיג
זאל אים ארויש טראגין איין משכון · אונ אז ער וויל
אים ניט ארויש טראגין דארף דאש בית דין שיקן איין
שליח ביא אים אמשכון צו נעמען ·

איין פועל וואס האט ביי דיר גיארבט · ביסטו מחויב
אים זיין שכר צו בצאלין דען דעם זעלביגן טאג
איידר די זון גייט אונטר אונ אויב ניט ביסטו עובר
אויף איין לאו אין דער תורה · תנו רבנן די רבנן האבן
גילערנט קיין מענטש זאל ניט קויפן אזו איין סחורה
וואש איטליכר האט איין אויג אויף איר פון איין עין
הרע וועגין · אבר דאש וואש דר מענטש האנדילט בסוד
איז דרינן איטל ברכה · אויך האבן די חכמים ז״ל גזאגט
פיר ערליא געלטין האבין קין הצלחה ניט · דאש
געלט וואש איין סופר נעמט פר ספר תורות אונ תפילין
אונ מזוזות שרייבן · אונ דאס געלט וואש איין דרשן
נעמט פר דר דרשה · אונ דאש געלט פון דעם וואש
רייזט איבערן ים · אונ דר וואש האנדילט מיט יתומים
געלט · פרעגט די גמרא בשלמא דאש געלט פון איין
דרשן ווייל ער נעמט שכר שבת · אויך דער וואש
רייזט איבערן ים פון סכנה וועגין דען ער קען חיו דער
טרונקן ווערין · אונ אום קומן פון אלע זיין גוטשי אזו
אויך דר וואש האנדילט מיט יתומים געלט · דען זיי
קענן ניט מוחל זיין ווייל זיי זיינן נאך קליין · אבר פר
וואש האט קיין הצלחה ניט דעם סופרש געלט · זאגט
רבי יהושע בן לוי דיא אנשי כנסת הגדולה האבן גיפאסט פיר
אונ צוואנציג תעניתים אז די ספרים זאלין ניט רייך
ווערין

ווערין · דען זיא ועלין ניט וועלין שרייבין :

אויף איין קליינה זאך זאל קיינר ניט מדקדק זיין מיט זיין חבר אונ זאל עש אים מוחל זיין · אויך זאל ער קיין תרעומות ניט האבין אין זיין הארצין אויף זיין חבר · מכ"ש דאש ער טאר זיך מיט אים ניט קריגין · תמיד זאל איטליכר זעהן צו האנדלין באמונה · דען עש איז גלייך ווי ער וואלט אויש גילערינט כל התורה כולה · אונ וואלט זיא מקיים גיוועזן אזו וויא דער פסוק זאגט וצדיק באמונתו יחיה דר צדיק וואש האנדלט באמונה ווערט לעבין לעולם הבא · דר פון לערנן מיר אפ אז דר וואש האנדילט באמונה איז גלייך ווי ער וואלט מקיים גיוועזי די תרי"ג מצות · אונ ירושלים איז נאר דריבר חרוב גיווארין · ווייל זיי האבין ניט גיהאנדילט באמונה אזו ווי דער פסוק זאגט שוטטו בחוצות ירושלים דעו נא וראו ובקשו ברחובות אם תמצאו איש עושה משפט מבקש אמונה ואסלח לה שוועבט ארום אין די גאסין פון ירושלים · ווייסט אונ זעהט אונ זוכט אין די ברייטי גאסן אויב איר ווערט גיפינן איין מענטש וואש טוט משפט · אונ בגערט צו האנדלין באמונה · אזו וועל איך איר מוחל זיין · אויך ווען איינר קומט צום משפט נאך זיין טוט פרעגט מען אים צום ערשטין האסטו גיהאנדילט באמונה דאש אנדרי האסטו גילערנט תורה · אונ האסט רעכט מעיין גיוועזן · אונ זיך מפלפל גיוועזן אין איר · האסטו דיר קובע גיוועזן איין צייט צו דער תורה · האסטו קינדער גיהאט לשם שמים · האסטו גיהאפט אויף דער גאולה :

אויך גייט ניט דער רעגין אין גלות · נאר פון וועגין דעם זכות פון דיא וואש האנדלען באמונה · אז וויא דער פסוק זאגט אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף ווען דער אמת טוט שפראצין אויף דער ערד ליגט אראפ דאש גירעכטיקייט פון הימל · זאגט ווייטר דער פסוק וה' יתן הטוב וא"צנו תתן יבולה גאט טוט געבין דאש גוטין אונ זיין לאנד טוט געבין איר פרוכט · עש זיינן גלייך דיא מצוה פון צדקה מיט דער מצוה פון צוא האנדלען באמונה · דרום וואול דעם וואש האט אין זיך דיא צוויא זאכין · ער הייסט ארעכטער עושר וואש איז זיך ראוי צו ברימען מיט זיין עשירות אויך איז עשיר אותיות שעיר האר · דען דריי איילי האר זיינען פאר האנדין בייא איין מענטשין · אויפין קאפ אונ בארד אונ אונטער די ארום אונ אויף דער ערוה דער עושר וואש האט אין זיך די צוויי זאכין איז ער קעגין די האר פון קאפ אזו ווי די האר פון קאפ אונ די בארד באשיינען דעם מענטשן אזו ווי די גמרא זאגט רבי יוחנן לא היה ליה רבי יוחנן האט ניט גיהאט קיין בארד דאש איז די שונהייט פון פנים אזו אויך מאג זיך דער זעלביגער עושר בארימען מיט זיין עשירות · אונ עש ווייזין פאר איטליכן אונ זאלין זיך אפ שערין די האר פון זיין קאפ כדי ער זאל זיין צום שענסטן · אונ זאל פאר זיי צדקה געבין · אונ אזו ווי די האר פון אונטר די ארום קומן ניט צו ניץ דעם מענטשין · אונ עש איז אים איין שאנד זיי צו ווייזין אזו איז אויך פאר האנדן איין עושר וואש פאר לייקנט זיין עשירות אונ בהאלט דאש געלט אין בוזים אונ זאגט איך האב ניט אונ גיט קיין צדקה ניט · דעם זעלביגן עושר איז ניט גוט דער נאך זיינען די האר פון דער ערוה אזו איז אויך פאר האנדין איין עושר איין ערוה דאש ער קריגט מיט זיין געלט אונ טוט משיג גבול אונ גיט נאך דעם יצר הרע מיט זיין געלט אבר דר עושר וואש האנדילט באמונה מיט זיין געלט אונ גיט צדקה אויף אים איז גיזאגט דער פסוק חסד ושלום אויך זאגט דער פסוק חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו חסד אונ אמת האבן זיך בגעגינט אונ צדק אונ שלום האבין זיך באנאנדער גיקושט ·

וצדיק באמונתו יחיה :

## הלכות משפט צדק פרק שלשה עשר

דר דרייצעטיר פרק רעט וויא מיזאל רעכט משפט טאן :

עושה צדק ומשפט נבחר לה' מזבח דער וואש טוט צדקה אונ משפט איז ער אויש דער וויילט בייא גאט מער איידר אלע קרבנות · דען גאט האט קיין שום זאך ניט אזו ליב וויא משפט · אז וויא דער פסוק זאגט צדק ומשפט מכון כסאך צדקה אונ משפט איז אן גברייט אויף דיין כסא הכבוד · אונ דער וואש טוט ניט רעכט משפט דר הט פינף שלעכטי נעמין עול שנאוי משוקץ חרם תועבה עול איז טייטש ער טוט אום רעכט שנאוי ער איז גיפיינט אין גאטש אויגן אונ אין לייטנש אויגן · משוקץ ער איז אום

ווערדיג

ווערדיג חרם ער איז אין דעם חרם פון משה רבינו · תועבה ער איז גאר אין גאנצין אום ווערדיג . אויך ברייננט ער פינף מיני פורעניות אויף דר וועלט · אויף דיא שונאי ישראל ; דאש ערשטע ער איז מטמא דאש לאנד · דאש אנדרע ער איז מחלל השם · דאש דריטע ער מוט אפ דיא שכינה פון ישראל · דאש פערטע ער מאכט דאש שונאי ישראל פאלין אין דער שווערד ; דאש פינפטע ער בריינגט גלות אונ גירושים ר"ל · אבר דער וואש טוט רעכט משפט · איז ער גליבט אין גאטש אויגן · אונ אין לייטינש אויגן ;

דרום זאל מען מאכן דיינים פרומע לייט אונ יראי שמים· אונ זאלין זיין בקי אין אלע דינים · אונ זאלין איינעם ניט צו ליב · אדר צו פיינט האבין · אונ זאלין לייטינש ניט בדארפין אזעלכי לייט טרייבין בודאי קיין חניפה ניט אונ פארכטין זיך ניט פאר שלעכטע לייט · אבר אז מיזעצט אזו איין דיין וואש טויג ניט דער צו · איז גלייך וויא עבודת כוכבים גידינט · דאש פיל ביייז קומט אויף שונאי ישראל · עש שטייט לא תקח שוחד קיין דיין זאל קיין שוחד ניט נעמין · פרעגט דיא גמרא פשיטא טאר מען קיין שוחד ניט נעמן דען מיטאר דאך ניט אום רעכט פסקינן · ענפערט די גמרא מיטאר קיין שוחד ניט נעמען אפילו רעכט צוא פסקינן · כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים דען דער שוחד מאכט בלינד דיא אויגין פון חכמים · אונ פאר קרימט די רייד פון צדיקים · כלומר אפילו דר מענטש איז אום גירעכטי דאכט זיך אים ער איז גירעכט דרום איז ניט מיגליך ער זאל אים רעכט משפט טאן · אונ דיא עבירה איז זייער גרויש · דרום זאלן כל ישראל דרינן גיווארינט זיין ניט צו מאכין אזעלכי דיינים וואש טויגן ניט דר צוא · אדר דער דיין וואש פסקנת איינם אום רעכט אפילו גאר אויף איין שילינגר · מוז ער עש אים אפ געבן מיט זיין לייב · אז וויא דער פסוק זאגט ונתתי את קובעיהם נפש איך וועל געבין דיא דיינים וואש פסקנן אום רעכט מיט זייער לייב מוזן זייא עש בצאלין · נון וויל דער עונש איז אזו גרויש · דרום פלעגין זיך פאר צייטין דיא צדיקים אונ חסידים פארכטין דער פאר · אונ האבן ניט גיוואלט זיין קיין דיינים · אז וויא דיא גמרא זאגט איידער רב אסי איז גישטארבין · זיינן צו אים אריין גיגאנגן דיא חכמים ז"ל · האט ער אן גיהויבן צו וויינן · האבין זייא גיזאגט צוא אים רבי וואש ווייגט איר · איר האט דאך אלע אייערע טאג תורה גילערינט · אונ מצות אונ גמילות חסדים גיטאן · אונ אויך האט איר אויף גישטעלט פיל תלמידים אין דער תורה · אונ איר האט אויך גיהאט אין אייך די גוטי מדה דאש איר האט קיין מאל קיין דיין ניט גיוואלט זיין · זאגט ער איך וויין דרום · דען ווען איך וואלט איין דיין גיוועזין · וואלט איך בודאי קיין אום רעכט ניט גיטאן · אבר אצונד וויים איך ניט אויב מיהאט איטליכן רעכט משפט גטאן ;

אויך טאר דער דיין קיין חניפות ניט טרייבין · ער טאר צוא איינם ניט ריידין מיט ווייכע רייד · אונ צום אנדרין מיט הארטע רייד · אויך טאר ער איינם ניט אפ געבין ברוך הבא אונ דעם אנדערין ניט אונ אפילו עש קומן זיך לאדן איין תלמיד חכם מיט איין עם הארץ זאל ער זיך הייסין ביידע זעצין · אונ אז דער עם הארץ בלייבט שטיין איז אויך ניט קשה · אויך טאר ער צוא איינעם ניט זאגין רייד גישווינד דייגע רייד · אונ צום אנדערין וויל ער זאגין בטראכט דיך וואול · קורץ פון דער זאך ער מוז טאן צו ביידי גלייך · צום ערשטין אז זייא קומען פאר אים · זאל ער זייא ביידע האלטין פאר אום גירעכט · דר נאך אז זיי האבין מקיים גיוועזן דעם פסק דארף ער זייא ביידן האלטין פאר גירעכט ;

דער פסוק זאגט ואתה תחזה אנשי חיל דוא זאלשט אויש דר וויילין רייכע לייט וואש דארפן ניט צו לייטן · יראי אלהים גאטש פארכטיגע אנשי אמת ווארהפטיגע לייט וואש קענן דן זיין איינם גלייך מיט זיין חבר · שונאי בצע וואש האבן פיינט זייער איינן געלט · דאש זיי אכטן עש ניט קענן גאטש פארכט · מכ"ש דאש זייא וועלין קיין שוחד ניט נעמן · די גמרא זאגט וועלכר הייסט איין רשע ערום קלוגער רשע · דער וואש קומט פריער פארין דיין אונ זאגט אים זיינע טענות · אויך דר דיין טאר ניט צו הערין איינם אן דעם אנדערן · אז וויא דער פסוק זאגט שמוע בין אחיכם איר זאלט צו הערן צווישן אייערע ברידר בנאנד · דער פסוק זאגט לא תגורו מפני איש טייטש דיא גמרא דער דיין זאל זיך ניט פארכטן פאר קיין שום בעל

דין

דין · אפילו פאר איין עושר · אדר פאר איין תקיף · אדר אפילו ער זאל אים וועלין אונטר צינדן · אדר פאר מסרן אויף זיין לייב אונ גוטש · זאל ער זיך דאך ניט פארכטן פאר אים · אונ זאל אים ניט צוא פסקינען · כי המשפט לאלהים הוא דען דער משפט איז צו גאט : דרום מוז דר דיין זאגן ויא רעכט איז · אבר איי ער ווייסט דעם פסק מאג ער וואול זאגן איך וויל מיט אים ניט האבן צוא טאן · אויך טארין דיא דיינים ניט מענה דין זיין · דאש דיא בעלי דינים זאלן זייא דארפין נאך לויפן נאך זייער פסק · ניארט תיכף אז זייא קומן זאלין זייא אויש הערן זייערע טענות · דער נאך זאלין זיי דרינגן גוט מעיין זיין · אונ אויב עש איז זיי איין ספק זאלן זיי זיך גוט בטראכטן · אונ מוזן תיכף אויש זאגן דעם דין · אונ אז דיא דיינים וועלן רעכט פסקינן וועט קומן משיח · אז וויא דר פסוק זאגט ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה · אויך זאגט דער פסוק שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבוא וצדקתי להגלות אמן:

סליק פרק משפט צדק

## הלכות אהבת חברים וגמילות חסדים פרק ארבע עשר

דער פערצטער פרק רעט וויא איינער זאל זיין חבר ליב האבין וויא זיך זעלבכט · אונ וואש אים איז ניט ליב זאל ער זיין חבר אויך ניט טאן · בפרט ניט צו רידין אויף אים קיין לשון הרע · אונ זאל איטליכן גמילות חסד טאן :

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו הטא וגו׳ ואהבת לרעך כמוך אני ה׳ זאלסט ניט פיינט האבן דיין חבר אין הארצין · אונ מיטן מויל וועסטו מיט אים ריידין מיט גוטע רייד · נייערט האט ער דיר עפים דער ווידער גיטאן · טארסטו אויף אים קיין שנאה ניט טראגן. נאר שטראף דיין חבר · אונ מאגסט אים פיר האלטין ווארום ער האט דיר דער ווידר גיטאן · אבר טארסט אים ניט מבייש זיין פאר לייטין · אויך זאגט וייטר דער פסוק זאלסט זיך ניט נוקם זיין אין דיין חבר · דאש דו טארסט אים ניט קיין בייז בצאלין · אויך טארסטו ניט היטן קיין שנאה אין דיין הארצין דאש אז ער וויל ביא אים עפים לייאן טאר ער צו אים ניט זאגן דו האכט מיר ניט גיוואלט לייאן איצונד וויל איך דיר אויך ניט לייען · דאש איז איין לאו · דער אנדרר לאו מיטאר אים אפילו ניט זאגן דוא האסט מיר ניט גיוואלט לייאן · אבר איך בין ניט אזוא וויא דוא איך וועל דיר יוא לייען דען מיטאר גאר קיין שנאה ניט טראגין אין הארצין :

דער נאך זאגט וייטר דר פסוק ואהבת לרעך כמוך זאלסט ליב האבין דיין חבר וויא זיך זעלברט וואש דוא וועסט גערין מיזאל עש דיר טאן · זאלסטו עש דיין חבר אויך טאן · אונ אזוא אויך פאר קערט · דרום האט אונז הקב״ה פאר באטין דאש איינר זאל דעם אנדערין ניט שטראפין פאר לייטין · דען ער איז אים מבייש דער מיט · אונ דאש איז דאך אגרוישע עבירה · אז וויא דיא גמרא ברייננט אין גיטין מיט קמצא בר קמצא דאש גאט האט אים גיהאלפין דר צו אז זיין בית המקדש זאל חרוב ווערין וייל מיהאט אים אזוא מבייש גיוועין · דרום האט גאט פאר באטין מיזאל קיין שנאה ניט טראגין אין הארצין: דען דאש הייסט וויא שנאת חנם · אונ דאש איז דאך ידוע אז פון שנאת חנם איז חרוב גיווארין דער בית המקדש : דרום זאל איטליכר יהודי ניט ברוגז ווערין פון איין ווארט וועגין : אונ זאל קיין שנאה ניט טראגין אויפן חבר פון איין נארישקייט וועגין : אונ זאל אים שטראפין בשתיקה: מכ״ש דאש זייא זאלין זיך ניט קריגן אונ מבזה זיין איינש דאש אנדרע : בפרט אין ישובים וואו צוויי בעלי בתים וואוגן מיט אנאנדר קריגן זייא זיך איינש מיטן אנדרין · בפרט אין גרוישע שטעט ריידין זייא זלזולים איינם דעם אנדרן· דאש ברייננט זייא צוא שנאת חנם · אונ על פי רוב גיפינט מען עש ביא דיא ווייבר · וייל דיא מאנן ריידין זייא נאך אן דער צוא אונ דאש אי״ש קומט פון גאוה : דרום זאל איטליכר זיין איין ירא שמים אונ איין עניו אזו וועט ער בוודאי ניט האבן אין זיך דיא בייזע מדה פון שנאת חנם אבר ווען איינער שטעלט זיך קעגין חבר אונ זאגט צו אים ווארום האס.ו מיר דאש גיטאן · אדר ווארום האסטו דא״ש אונ דאש פון מיר גירעט · אז ער זאל עש אים זאגין בשתיקה אזו וואלט ער זיך פאר ענטפערט אונ זייא וואלטין זיך איינש דאש אנדרע מוחל גיוועזן · אבר פון שנאת חנם וועגין קומט קיין גוטש ניט דען זיא ווערט אלע מאל גרעסר אונ דר היצט די הערצר· דר נאך קומט עש דאך משפחות ליינין זיך ארייין דרינן

אונ

און עש ווערט דער פון ח"ו אגרוישי קריג · דרום זאל מען אפ טאן פון זיך דיא גאוה · אזו וועט מען ניט קומן צוא שנאת חנם דען דעם עניו פאר דריסט ניט קיין שום זאך: און ער פאר הערט און פאר שווייגט : אבער דעם גוותן פר דריסט איטליכעש ווארט · דען ער מיינט מען רעט אלש לגנאי דען דיא גאוה איז דער מקור און יסוד צוא אלע הארבע עבירות וואש אין דער תורה זיינען · פון גאוה קומט שנאת חנם · און רוגז · און קריג · און גשלעג · און רציחה און זנות און עש ברייננט אויך צו עבודת כוכבים דינן · און אויך אפילו דיא גאוה זעלבערט איז גיגליכן צוא עבודת כוכבים אז וויא דער פסוק זאגט תועבת ה׳ כל גבה לב עש איז אום ווערדיג צוא גאט דאש הויבע הארץ · און דיא צורת כוכבים הייסט אויך תועבה · פון גאוה קומט לשון הרע · קורץ פון דער זאך אל דאש בייז קומט פון גאוה · און אל דאש גוטש קומט פון ענוות : דא וועל איך אייך לערנען וויא אזו איר זאלט אפ טאן פון זיך דיא בייזע מדה פון גאוה למשל אז איינר טוט אים עפיס וואש אים דוכט זיך עש איז אום רעכט זאל ער גידיינקן אין דעם יום המיתה · און וויא מיוועט אים אריין לייגין אין קבר אריין · דען אלע מוזין דאך שטארבין און עש פעלט קיינעם ניט · אזוא וועט אים בוודאי פאר גיין זיין גאוה און דאש איז דאך אויך ידוע אז דאש וואש מוז זיין · און עש קען אנדירש ניט זיין · איז גלייך וויא עש איז שוין גיוועין · אזו אויך קען דאך אנדערש ניט זיין דאש איטליכער מוז שטארבין · דרום זאל זיך אים דוכטן גלייך וויא ער איז שוין גישטארבין און אז מען טוט עפיש איין טויטן מענטשין אדר מירעט אים עפיש דא קאן ער דאך ניט ענטפרין · אזו וועט ער בוודאי זיין איין עניו דרום דיא צדיקים בייא זייער טויט הייסין זייא לעבדיגע אז וויא דער פסוק זאגט ובניהו בן יהוידע איש חי דעם בניהו פאטער איז שוין לאנג טויט גיוועין · און דער פסוק רופט אים לעבדיגר מענטש ווייל ער איז אצדיק גיוועין · און די רשעים הייסין בייא זייער לעבין אויך טויט אז וויא דער פסוק זאגט יומת המת אויך זאגט דער פסוק ואיה חלל רשע · דער פון איז גידרונגען אז דער רשע בייא זיינעם לעבין ווערט אויך גירופין טויטער מענטש · אויך בייא זיין לעבין קריגט ער זיך אויף איטליכש ווארט און נאך זיין טויט גשיכט אים גלייך וויא ער וואלט זיך אויך גיקענט קריגן · גלייך וויא בייא זיין לעבין נמצא אז דרום איז זיין טויט מיט זיין לעבין גלייך · דרום הייסט ער בייא זיין לעבין אויך אטויטר מענטש · אבר דער צדיק הייכט בייא זיין טויט אויך אלעבדיגר מענטש · און בייא זיין לעבן דוכט זיך אים ער איז טויט : און ענפערט קיינעם ניט · נון ליבע לייט ווער עש וויל מיך פאלגין זאל ער פון זיך אפ טאן דיא מדה פון גאוה וועט ער קענן קומען צוא אלע גוטע מדות · און דיא מדה פון גאוה ווערט צום מיינסטן גפונן בייא עשירים · אזו וויא דער פסוק זאגט כסף וזהב ירבה לך ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלהיך אז עש ווערט דיר גימערט גאלד און זילבר · ווערט דער הייכט דיין הארץ : און פאר געסט אין גאט דיין גאט אויך האט גאט קיין שום זאך ניט אזוא פיינט וויא גאוה אז וויא דער פסוק זאגט אותו לא אוכל איך קען ניט וואונן מיט דעם בעל גאוה אויף דער וועלט :

אויך זאגט הקב"ה דר גאותן טוט אן מיין קלייד · אז ווי דר פסוק זאגט ה׳ מלך גאות לבש גאט דר קיניג איז אן גיקליידט מיט גאוה · און גאט טוט אן דאש קלייד אז ער טוט אנקמה אין די רשעים די בעלי גאותי דאש ער וויל ווייזן אז זייער גיאות איז ניט · אבער נייטער שטייט דאך אין דער תורה און נביאים און כתובים · דאש גאט איז איין עניו מידארף ניט מאריך זיין דרינען · דען דאש גיפינט מען אין ויתן לך נון וויא זאל דר זינדיגר מענטש ניט גידיינקן אין דעם טויט · דאש ער איז קיין שעה ניט זיכר · און קאן פאר גיין אין איין רגע און דר מענטש וואש גידיינקט דרינען פר גייט אים בוודאי זיין גאוה · דר נאך קאן ער קומן צו פיל גוטי מדות · און ווערט בהיט פר פיל הרבי עבירות בפרט פון די עבירות וואש צווישן אים און זיין חברי דהיינו לא תקום און לא תטור און לא תשנא את אחיך בלבבך אויך אנדרי עבירות· דהיינו שילטין און קריגן דען דאש אלין קומט פון גאוה · אז ווי דר פסוק זאגט הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא אז דיין חבר האט דיר עפיס דר ווידר גיטאן זאלסטו אים שטראפן · און זאגן צוא אים ווארום האסטו מיר דאש גיטאן · אדער גירעט ·

אזו

אזו וועט ער זיך פר ענטפרין פאר דיר · אונ איר וועט שלום ווערין:

אבר עס איז צום בעסטין דאש עש זאל אים ניט האריין קיין שום זאך · אונ קיין רייד · אונ זאל עש מוחל זיין · אז ווי די צדיקים אונ חסידים פר צייטין פלעגין טאן · די זעלביגי צדיקים הייסן ביי זייער טויטי לעבדיגי לייט · אונ דאש קומט אלין פון דער מדה פון ענוה · נאך מער דרשת דיא גמרא פון דעם פסוק הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא ווען דו זעהסט איינם אין עבירה טאן · זאלסטו אים שטראפין בשתיקה ער זאל ניט מבויש ווערין · אבר אז ער וויל דיין שטראף ניט מקבל זיין מאגסטו אים וואול שטראפין אונ מבייש זיין פר לייטין · אונ אז ער וויל דיך ניט פאלגין · הייסט ער איין כסיל איין נאר אונ איין רשע · אזעלכין האט שלמה המלך פר באטין מיזאל אים ניט שטראפין · אז ווי דר פסוק זאגט באזני כסיל אל תדבר אין די אויערין פון איין נאר זאלסטו ניט רידין קיין שטראף רייד · אונ ער ווערט פר לארין פון דר וועלט אונ פון יענר וועלט · אבער דיא לייט וואש נעמען אן שטראף פאר ליב אז וויא דער פסוק זאגט אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך זאלסט ניט שטראפין קיין ליץ · טאמער וועט ער דיך פיינדן שטראף צו איין חכם וועט ער דיך ליבן · דען ער איז זיך משמח מיט דער שטראף · אז ווי די גמרא זאגט רבי יוחנן בן נורי זאגט איך האב גימאכט דאש רבי עקיבא ע"ה איז פיל גישלאגט גיווארין פון רבן גמליאל אונ ער האט מיך נאך דריבר מער ליב גיהאט · אויף אים אונ זיין גלייכין איז גיזאגט דר פסוק הוכח לחכם וגו':

אלע צייט זאל איטליכר יהודי זעהן אונ אכטונג געבן זיך ניט צוא קריגן מיט זייגע חברים · אונ זאל איטליכן גוטש טאן אז ווי זיך זעלברט אז ווי דר פסוק זאגט ואהבת לרעך כמוך זאלסט ליב האבין דיין חבר וויא זיך זעלברט מה דעלך סני לחברך לא תעביד וואש עש איז אויף דיר גיפיינט זאלסטו דיין חבר אויך ניט טאן · רבי עקיבא זאגט עש איז איין קליינע פרשה ואהבת לרעך כמוך אונ דרינן הייגט כל התורה כולה · אונ אז ער שאפט מיט דיר עפיס זאלסטו עש טאן · גלייך ווי עש וואלט גיווען פאר קערט דאש דו וואלסט מיט אים גישאפט מכל שכן דאש דו זאלסט ליב האבין דיין בשעפר · אונ זאלסט טאן אלין וואש ער גיביט אונ שאפט מיט דיר · נמצא אז כל התורה כולה הייגט אין די דריי ווערטר · אז ווי די גמרא זאגט איין עובד כוכבים איז גיקומן צו שמאי אונ זאגט זיי מיך מגייר אונ לערין מיך כל התורה כולה ווייל איך קען שטיין אויף איין פוס · האט אים שמאי אוועק גישטוסן · איז ער גיקומען צוא הלל · אונ האט צו אים אויך גיזאגט די אייגני ווערטר · האט ער אים מגייר גיווען · דר נאך האט ער אים גילערנט דיא דריי ווערטר ואהבת לרעך כמוך · דען דאש איז דער כלל פון כל התורה:

דרום איז איטליכר מחוייב צו גידיינקן אין זיין חברש טובה גלייך ווי אין זיין טובה · אונ אז זיין חבר איז עפיס אין אסכנה · אונ ער קאן אים מציל זיין · אונ איז אים ניט מציל · איז גלייך וויא ער וואלט אים אום גיבראכט מיט זיין האנט · אז וויא דר פסוק זאגט לא תעמוד על דם רעך זאלסט ניט שטיין ביי דיין חברש בלוט · דאש דוא זאלסט אים ניט פאר לאזין אין איין צרה נייארט דו ביסט אים מחוייב צו העלפין מיט דיין לייב אונ גוטש · אונ אויב דוא ווילסט זאגין איך קאן אים ניט העלפין · דרום שטייט דער ביא ויראת מאלהיך זאלסט זיך פארכטין פר דיין גאט · דען ער ווייסט אויב דו קענסט אים העלפין · אונ אויב ניט · אונ אזוא אויך ביי אלי זאכן וואש דר מענטש קאן זיך פר ענטפרין פר לייטין שטייט דר ביי ויראת מאלהיך דען ער ווייסט דעם אמת · איין גר וואש איז מקיים די מצות איז אויך אין כלל ווי איין רעכטר יהודי:

שמונה אכט ערליי חברותות זיינן פר האנדן דאש אז מען בהעפט זיך צו זייא לערינט מען אפ פון זייערי בייזי מדות · דאש ערשטי ווער עש בהעפט זיך צו בעלי גאוה לערינט ער זיך אפ פון זייא די מדה פון גאוה · דאש אנדרי ווער עש בהעפט זיך צו רשעים לערינט ער זיך אפ פון זייא געלט איין צו זאמלן · אונ תענוגים זיך אן צו טאן · דאש דריטי ווער עש בהעפט זיך מיט ווייבר לערינט ער אפ פון זייא יצר הרע · אונ בייזי הרהורים · דאש פערטי ווער עש בהעפט זיך צו יונגי לייט לערינט ער אפ פון זייא דברים בטלים · אונ

גלעכטר · אונ קריג · אונ איטל בייז · דרום האבן די חכמים גיזאגט אין פרק די וואש ריידן מיט קליינע קינדר · אונ די וואש זיצן ביי עמי הארצים דאש מאכט אויש ציהען דעם מענטשן פון דער וועלט · דאש פינפטי ווער עש בהעפט זיך צו שלעכטי לייט לערינט ער אפ פון זייא עבירות · אונ פיל בייז צו טאן · אונ קיין תשובה ניט צו טאן · דאש זעקסטי ווער עש בהעפט זיך צוא ליצים לערינט ער אפ פון זייא לשון הרע אונ רכילות אונ שבועות אונ קללות · אונ ליגן זאגין אונ ניאוף · אונ נאך זעלכי גלייכינש :

דאש זיבטי ווער עש בהעפט זיך צוא ארמע לייט לערינט ער אפ פון זייא ענוות · אונ גאט צוא לויבן · אונ זיך צוא לאזין בנוגן מיט וואש גאט האט אים גיגעבן · אונ בגערט ניט קיין איבריגש · דאס אכטי ווער עש בהעפט זיך צוא צדיקים לערינט ער אפ פון זיי חכמה אונ פיל מדות טובות · אונ דאש איז אויך איין כלל פון אהבת חבירים · דאש מזאל דעם חבר דן זיין לכף זכות אזו אויך שטייט אין פרק והוי דן את כל האדם לכף זכות זאלסטו דן זיין איטליכן מענטשן צו זכות · דר דין איז אזו ווען דו זעהסט איינם עפיס איין זאך טאן · אונ עש איז דיר איין ספק אויב ער איז אפרומער מאן אונ אויב ניט · אונ אפילו דוא ווייסט גוויש ער איז ארשע נאר דו ווייסט ניט טאמר האט ער תשובה גטאן ביסטו אים מחויב דן צו זיין לכף זכות · אבר אז דוא ווייסט גוויס אז ער האט נאך קיין תשובה ניט גיטאן מאגסטו אים דן זיין לכף הובה · אונ אים פיינט האבין אזו אויך זאגט די גמרא אפילו דו זעהסט איין תלמיד חכם איין עבירה טאן · טארסטו אויף אים קיין בייז ניט גידיינקן · דען ער האט בוודאי תשובה גיטאן :

אונ דער וואש איז אים יוא חושד · אונ גידיינקט אויף אים בייזי קומן אויף אים יסורים · אז וויא דער פסוק זאגט החושד בכשרים לוקה בגופו דער וואש איז חושד איין פרומן מאן · דער ווערט גישלאגין אין זיין גוף דען דאש אלש קומט פון שנאת דרום טראכט ער אויף אים בייז תמיד · אז וויא איך האב אויבן גישריבן פון וואנען עש נעמט זיך פון גאוה · דען דר בעל גאוה האט קיין יראת שמים ניט · אונ מיינט מען טוט אים תמיד דר ווידער זיין כבוד · אויך לאזט ער אוועק פיל מצוות פון זיין גאוה וועגין · נאך מער ברייננגט אים זיין גאוה · דש ער פאר שווייגט ניט קיין שום מענטשין · אונ וויא באלד מעז רעט אים איין ווארט · מיינט ער מירעט אים דר ווידר זיין כבוד · דרום פאר דריסט עש אים · אונ ער קריגט זיך מיט דיא לייטין · נאך מער ברייננגט אים זיין גאוה · דאש ער איז קיינים ניט מוחל אויף אלים וואש ער האט קעגן אים גיזינדיגט מיט רייד אדער מיט הסגת גבול אדר מיט אנדר זאך אונ האלט די שנאה ביי זיך · אונ וויל אויך ייענים קיין מחילה ניט בעטין פון זיין גאוה וועגין אבר דר וואש איז איין ירא שמים · אונ בדיינקט זיך איך האב דאך גאט אופט דר ווידער גיטאן · נוא וויא זאל ער עש מיר מוחל זיין · אז איך וויל ייענעם ניט מוחל זיין · אזו וועט ער פון זיך בוודאי אראפ ווארפין דיא גאוה :

אויך דר גאותן לייגט איטלכן אויש צוא בייזין · אבר דער עניו איז איטלכן דן (לכף זכות) · דרויף איז פאר האנדין דרייא מעשיות · איין מעשה אמאל האט זיך איין ארומאן פאר דונגן ביי איין עושר אויף דרייא יאר · איז זיין צייט אויש גיגאנגען אום ערב יום כיפור · זאגט ער מיין ליבר בעל הבית גיב מיר מיין שכר · דען איך וויל פארין אהיים · זאגט דר בעל הבית איך האב קיין געלט ניט · זאגט ער גיב מיר בהמות · זאגט ער איך האב קיין בהמות אויך ניט זאגט ער גיב מיר פעלדער · זאגט דער בעל הבית איך האב קיין פעלדער אויך ניט · זאגט ער גיב מיר קליידר אדער בעט גיוואנט פאר מיין שכר · זאגט ער איך האב קיין שום זאך דיר ניט צו געבין · אזו איז ער נעביך אהיים גיגאנגן מיט טרויאריג גימיט · אונ האט ניט גיבראכט אפילו קיין פחות משוה פרוטה · נאך יום טוב · האט דער בעל הבית אן גילאדין דרייא אייזלען מיט עסין שפייז אונ געלט אונ קליידער · אונ האט עש גיבראכט דעם ארומאן אונ פרעגט אים וויא האסטו מיך דן גיוועזן · זאגט ער איך האב מיר גידאכט טאמער האסטו מקדיש גיוועזן אלש וואש דוא האסט · זאגט ער מיזאל דיך אויך דן זיין צוא זכות פון הימל וויא דוא האסט מיך דן גיוועזן :

נאך

נאך איין מעשה איין חסיד האט אמאל אויש גילייזט איין מויד פון דער תפיסה · אויף דער נאכט האט ער זיא גילייגט בייא זיך צו פוסן אין דער פריא האט ער זיך גיטובלת · אונ פרעגט זיינע תלמידים וויא האט איר מיך דן גיוועזן · זאגין זייא מיר האבין אייך דן גיוועזן לכף זכות · זאגט ער גאט זאל אייך אויך דן זיין לכף זכות · נאך איין מעשה (רבי יהושע בן חנניה) איז גיגאנגען צוא איין זונה וויא ער איז גיקומן פאר איר הויז · האט ער אויש גיטאן זיינע תפילין · אונ גייט אריין צו איר · אונ מאכט צו די טיר · דר נאך איז ער ארויש גיגאנגין · אונ האט זיך גיטובלת · אונ לערינט מיט זיינע תלמידים · האט ער זייא גיפרעגט וויא האט איר מיך דן גיוועזן זאגין זייא מיר האבן אייך דן גיוועזן צו אלים גוטין · זאגט ער עש איז אמת · גאט זאל אייך אויך דן זיין לכף זכות פון הימיל דרום זאל זיך איטליכר אפ לערנען פון דיא דרייא מעשיות · דאש ער זאל איטליכן דן זיין לכף זכות :

אויך זאגט די גמרא דער וואש בגייט זיך ערליך מיט זיינע שכנים · אונ דער וואש לייאט דיא ארמע לייט אין זייערע נויטען · אונ דער וואש נעמט זיין שוועסטערש טאכטער פאר אווייב · אויף זייא איז גיזאגט דער פסוק · ווען דוא וועסט גאט אן רופן וועט ער דער הערין דיין תפלה · אמאל האט איינער מבזה גיוועזן איין חסיד דר חסיד האט גינומען איין שיסל מיט גוטע פירות · אונ האט אים גישיקט · אונ בפוילט צו אים דש שיק איך דיר דרום וויל דו האסט מיך מכבד גיוועזן מיט דיין חלק גן עדן · דאש איך האב בקומען וויל דו האסט מיך מבייש גיוועזן · דרום זאל איטלכר גיווארינט זיין דרינן · אויך טוען מיר דרויף דריי מאל אין טאג תפלה · דאש מיר זאלין שטיל שווייגין אונ קיינעם ניט מבזה זיין · אז וויא מיר זאגין אלהי נצור לשוני מרע ושפתי וכו' מיין גאט היט מיין צונג פר בייז אונ מיינע לעפצין פון צו ריידין בייזע רייד · אונ צו די אלע וואש שעלטין מיך זאל מיין לייב שווייגין · אונ מיין לייב זאל זיין וויא ערד צוא איטלכן מענטשין · דען זיינען די גוטע מלאכים זיינע מליצים · אונ זאגין צו גאט זעה וויא ער האט מוחל גיוועזן צו די לייט וואש האבין אים פיל בייז גיטאן · אזו גיהערסטו אים אויך מוחל זיין :

אזוא וויא מיר גיפינן דאש (רבי אליעזר) האט תפלה גיטאן אויף רעגין · איז זיין תפלה ניט אן גינומען גיווארין · דער נאך האט (רבי עקיבא) תפלה גיטאן · אונ האט גיזאגט אבינו מלכנו חטאנו לפניך · דא איז גיקומן איין רעגין · איז ארא גיגאנגין איין (בת קול) פון הימל איר זאלט ניט מיינען דער איז פרומער פון דעם נאר דער וויל דער איז איטלכן מוחל · דרום איז זיין תפלה דער הערט גיווארין · אונ (רבי אליעזר) איז ניט מוחל · דרום איז זיין תפלה ניט דר הערט גיווארין דרום אויך ווען ישראל זיינען איינש · אונ זיינען מוחל איינש דאש אנדרע אונ עש איז צווישן זייא קיין קריג ניט פאר האנדין · זאגט אויף זייא דער פסוק למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך פון וועגין מיינע ברידער אונ גיזעלין וועל איך ריידין שלום צווישן דיר · אונ נאט וועט אונז טאן אלע טובות אונ נחמות וואש די נביאים האבן גיזאגט · אונ ער וועט אונז שיקן משיח במהרה בימינו אמן :

סליק פרק אהבת חברים וגמילות חסדים :

## ענין הכעס והחמה שלא לכעוס
## פרק חמשה עשר

דער פופציטר פרק רעט דער מענטש זאל ניט זיין אין כעס · דען פון קיין כעס קומט קיין גוטש ניט :

שכל אדם האריך אפו ותפארתו עבור על פשע דער שכל פון מענטשין איז ער זאל דער לייגרין זיין צארין · אונ זיין שיינקייט איז ער זאל איבר פארין אויף דיא זינד · אז וויא מיר גיפינען בייא יצחק אבינו ע"ה דאש אבימלך האט אים אוועק גיטריבין · דר נאך אז ער איז צו אים גיקומן האט ער אים מכבד גיוועזן אונ האט אים ניט גיוואלט קיין בייז בצאלין · אזוא אויך יוסף הצדיק זיינע ברידר האבין אים פאר קויפט · אונ ער האט זייא גישפייזט אונ ערליך גיהאלטין · עש איז אויך אמאל גיוועזן איין חסיד · אלע נאכט איידר ער האט זיך גילייגט שלאפין האט ער אזו גיזאגט · דא בין איך

איך מוחל איטליכן מענטשין וואש האט מיר דער ווידער גיטאן · דאש ער זאל קיין עונש ניט ליידין דורך מיר · אויך זאגט דיא גמרא דרייא זיינען וואש גאט האט ליב · דער וואש ווערט ניט ברוגז אונ דער וואש שיכרת זיך ניט אן · אונ דער וואש איז מוחל איטליכן מענטשין · רב אדא האט גילעבט עטליכע הונדערט יאר האבין אים זיינע תלמידים גיפרעגט ליבר רבי דורך וואש פאר איין זכות האט איר זוכה גיוועזן אזו אלט צו ווערן · זאגט ער איך האב קיין מאל ניט גיצערינט אין מיין הויז · אויך בין איך ניט גגאנגן פריער פר דעם וואש איז עלטר אדר קעסטליכר גוועזן פון מיר · אויך האב איך ניט מהרהר גיוועזן אין דער תורה אויף איין אום ריין ארט · אויך איך בין ניט גיגאנגן פיר איילין אן תורה אונ תפילין · אונ איך האב ניט גישלאפין אין שול אונ אין בית המדרש · איך האב מיך ניט גיפרייט אין דער צרה פון מיין חבר · אויך האב איך קיינם ניט גירופין מיט קיין צו נאמן : דרום זאל איטליכר מענטש גיווארינט זיין ניט צוא זיין אין כעסי דען אין דעם בעל כעס גיוועלטיקן אלע מיני גיהנם · אויך קומן אויף אים פיל קריינק · נוא פר זינדיגט ער די וועלט אונ יענע וועלט · רבי יונתן זאגט עש קימן פיל קריינק אויף איין רגזן · אז ווי דר פסוק זאגט ונתן לך ה׳ לב רגז וכליון עינים ודאבון נפש : גאט וועט דיר געבן איין צארינדיג הארץ · אונ פאר בלענטע אויגן · אונ וויטאג צו דיין לייב · אבא בר הונא זאגט דער וואש איז אפט אין כעס איז אפילו דיא שכינה ניט גיאכט אין זיינע אויגן · אזו וויא דר פסוק זאגט רשע כגובה אפו בל ידרוש אין אלהים כל מזמותיו דר רשע איבר זיין הויך צארין פארשט ער ניט אין גאט מיט אלע זיינע מחשבות · רבי ירמיהו זאגט ער פר געסט אויך זיין תורה · אונ ווערט נארישאז וויא דער פסוק זאגט כי כעס בלב כסילים ינוח דען דער כעס רועט אין הארין פון די נארין אונ רשעים:

רבי נחמן זאגט ווער עש איז איין כעסן זאלסטו וויסן דאש זיינע עבירות זיינן פיל מער פון זיינע מצות · אז ווי דר פסוק זאגט ובעל חמה רב פשע דר צארינדיגר מענטש האט פיל זינד · נאך זאגט דיא גמרא תמיד זאל איין מענטש ניט צארינדיג זיין וויא שמאי נאר אזוא וויא הלל האט קיין מאל ניט גיצערינט · איין מעשה איז גיוועזן איינער האט זיך גיוועט צו הונדערט גילדין · דאש ער וועט קענן הלל אין כעס ארייין ברייננגן אמאל אום ערב שבת שפעט · האט זיך דער הילל גיצוואגין קימט ער צוא גיין אונ האט גירופין צוייא מאל הילל אין דער הים · איז הילל אין דער הים · האט ער זיך פאר בונדן זיין קאפ · אונ איז גישווינד ארויש גיגאנגעו צוא אים · אונ זאגט צוא אים מיין זון וואש ווילסטו · זאגט ער איך האב עפים צו פרעגן זאגט הילל פרעג · פרעגט ער אים פאר וואש האבין דיא לייט פון בבל גלאטע קעפ · זאגט ער דוא האסט גיפרעגט אגרוישע זאך · דאש איז דרום ווייל זיי זיינן ניט קלוג · אינדאיין ווילע ארום האט ער ווידר גישריען איז הילל אין דער הים · איז ער ווידר ארויש גיגאנגן · האט ער ווידר גיפרעגט עטליכע מאל אזעלכע זאכן לסוף זאגט ער איך האב פיל קשיות צו פרעגן · נאר איך פארכט מיך דאש דוא וועסט ברוגז ווערן · זאגט הילל פרעג מיין זון וואש דוא ווילסט · איך וועל דא בלייבין שטיין · הייבט אן דער מענטש · אונ זאגט דוא ביסט דער הילל דער נשיא פון ישראל · זאגט ער וואש פרעגסטו דען · זאגט ער איך האב פאר שפילט איבר דיר פיר הונדרט גילדן · דאש איך האב דיך ניט גיקענט ברוגז מאכין · זאגט הילל זאיי זייער גווארינט מיין זון ניט צו זיין אין כעס יער איז וואול ווערט הלל· דאש דו זאלסט פרלירן הונדרט אונ פיר הונדרט גילדן אונ הלל זאל ניט צערנן :

נאך איין מעשה איין עובד כוכבים איז גיקומן צוא שמאי אונ זאגט צו אים וויפל תורות האט איר ישראל זאגט ער צוויי תורות תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה · דאש איז משניות אונ גמרא זאגט ער זאיי מיך מגייר אין דער תורה שבכתב וויל איך גלייבן אונ אין דער תורה שבעל פה וויל איך ניט גלייבין אזוא האט אים שמאי איין שטוים גיגעבין מיט זיין שטעקן · איז ער גיקומען צוא הילל האט ער אים יוא מגייר גיוועזן · אונ האט מיט אים אן גיהויבין צוא לערנן (אב גד הו) אין דער פריא לערנט ער מיט אים פאר

קערט

קערט (והדגבא) זאגט ער נעכטין האסטו דאך מיך
אנדערש גילערינט · זאגט הילל דו מעגסט מיר גלייבן
איך קען מיט דיר לערנן · בקיצור דער גר איז גיווארין
איין גר צדק :

נאך איין מעשה איין עובד כוכבים איז דורך גינאנגן
אונטר דעם בית המדרש האט ער גיהערט דאש
איינער לערינט מיט זיין תלמיד ואלה הבגדים וועלכע
קליידער זאל מען מאכין דעם כהן גדול · אונ דער עובד
כוכבים האט גיגערט צוא וועלכע קליידער אזוא איז ער
גיקומן צוא שמאי · אונ זאגט זאיי מיך מגייר אונ מאך
מיך פאר איין כהן גדול · האט ער אים איין שטוים
גינעבין מיט זיין שטעקין דער נאך איז ער גיקומן פאר
הילל האט ער אים יוא מגייר גיוועזן · דער נאך האט ער
גיוואלט מיזאל אים מאכין פאר איין כהן גדול · זאגט
הילל צוא אים עש קען ניט זיין ביז דוא טוזט פריער
לערנן אלע דינים פון איין כהן גדול · אז ער איז גיקומן
צוא דעם פסוק והזר הקרב יומת איין פרעמדר וואש איז
ניט פון זרע אהרן הכהן אז ער גינעהנט צוא טאן דיא
עבודה קומט אים מיתה · פרעגט דר גר אויף וועמן גייט
דער פסוק · זאגט הילל אפילו אויף דוד המלך זאגט ער
מכ"ש איך בין פון עובדי כוכבים בין איך בוודאי ניט
ראוי אריין צוא גיין אין בית המקדש אריין · אדר דיא
עבודה צוא טאן · דר נאך איז ער גיווארין איין גר צדק
אמאל איז ער גינאנגן צו שמאי אונ זאגט צו אים ווארום
האסטו מיר ניט גיזאגט אז איך קען ניט זיין קיין כהן גדול·
דיין צארין האט מיר שיר אום גיבראכט פון דער יודשר
אמונה · אונ דיא ענוה פון הילל האט מיך יוא גבראכט
דר צוי פיל ברכות זאלין קומן אויף זיין קאפ :

אמאל זיינן זיך אלי גרים צום אויף גיקומן בנאנדר ·
אונ זאגין איינש צום אנדרן דר כעס פון שמאי
הט אונז שיר אום גבראכט פון אונזר אמונה· דרום זאל
איטליכר גיווארינט זיין ניט צו זיין אין כעס · אויך זאגט
די גמרא דאש דריי מאל שטייט אין דער תורה דאש
משה רבינו ע"ה איז ברוגז גיוועזן · אזוא האט ער זיך
טועה בדין גיוועזן · נוא מכ"ש אנאנדר מענטש · דרויף
זאגין די חכמים ז"ל דר כעסן איז גלייך ווי איין משוגע·
בפרט ווער עש מאכט עפיס קיילע אודר ער שלאגט זיין
קינד אין כעס · האט ער בוודאי גרויש עונש דר פאר ·
די חכמים גלייבן די זאך צו איין מענטשן וואש טראגט
אין איין האנט איין כלי מיט גוטן אייל · אונ אין דער
אנדרר האנט איין כלי מיט וואשער · אונ ער דארף
גייטיג אויש ליידיגן איין האנט אזו גיט דאך מיט דער
שכל ער זאל אוועק ווארפין דיא כלי מיט וואשר · אונ
דעם אייל זאל ער האלטן · אונ דר וואש טוט פר קערט
איז ער דאך אגרוסר נאר · אונ איין משוגע · אזו איז
דאש אויך · ער זאל איין האלטן זיין כעס וואלט ער
גיקענט האבן עולם הבא · אז ער טוט אבר פר קערט
פר לירט ער עולם הבא · אונ האלט ביי זיך דאש ביזי·
דא האבן די חכמים ז"ל איין קעסטליכי עצה גיגעבן ווי
אזו מיזאל פון זיך אראפ ווארפן דעם כעס· דאס מיזאל
גידיינקן אין טויט וויא אויבן שטייט :

אזו אויך ווען איינער וויל תשובה טאן אויף זיינע
עבירות · אונ איז אויף זיך מקבל תענית · אז ער
זאל נאר איין מאל איין האלטין זיין צארין פון נאטש
ווענין איז גלייך וויא ער וואלט גיפאסט · אונ וואלט זיך
סיגופים אן גיטאן · דען הקב"ה איז אים מוחל אלע זייני
עבירות · דרום זאגין די חכמים ז"ל איידר מיזאל ליידין
שווערי יסורים · בעסר זאל מען ליידן די גרינגע יסורים
פון כעס אויף האלטן אויך דאש איז אים ניט מבטל פון
זיין לערנין אונ דאוונין · גיט מער ער דארף פר הערין
אונ פר זעהן דורך דעם ווערין אים פר געבן זייני עבירות
אונ ער באקומט דיא זכיות פון יענם וואש איז אים
מבזה · אונ יענר בקומט דאש גיהנם :

דרום האבן דיא חכמים ז"ל גיזאגט ווער עש וויל אין
זיך האבין די בעסטי מדה פון אלי מדות דאש
איז די ענוה : צום ערשטין מוז ער פון זיך אפ טאן
דעם כעס · דען איין רגזן אפילו ער האט שוין תשובה
גיטאן וויפל יאר · פר דארבט ער איר מיט איין מאל
כעס · דאש זי איז פר גישט גירעכנט· דר ראשית חכמה
שרייבט ווער עש וויל רעכט תשובה טאן זאל ער
אשבועה טאן ניט צו זיין אין כעס · אונ אויב ער וועט
פאר געסין דיא שבועה · זאל ער זיך איין קנס מאכין
צו געבין אין צדקה אריין · אז ער וועט זיין אין כעס
אבר אז ער זעהט איינם איין עבירה טאן · אזו וואלט
ער

ער דאך גמענט ברוגז ווערין · ווייל עש איז פון גאטש וועגין · נאר ער טאר דאך ניט עובר זיין זיין שבועה דרום זאל ער זיך שטעלין גלייך ווי ער איז ברוגז · אזו זאל ער זיך נוהג זיין עטליכע יאר · ביז ער וועט באקומן אין זיך דיא מדה פון ענוה :

אין איין תענית איז דר מענטש גרינג ברוגז צוא ווערין דרום זאל ער זייער גיווארינט זיין · דען דענמאלט איז ערגר וויא אין אנאנדר טאג · דען עש וואלט פיל בעסר גיוועזן ער זאל ניט פאסטן · אזו איז אויך דער דין אום שבת אונ יום טוב · אזו אויך אז איינער האט בייא זיך אורחים דענמאלט איז אויך פיל גרעסר דיא עבירה פון כעס · איידער אנאנדרט מאל · דען דיא אורחים מיינן ער מאכט דרום איין קריג מיט זיין גזינד כדי ער זאל אונז פטרין · דרום איטליכר מענטש וואש וויל האבין אין זיך יראת שמים · זאל ער פון זיך אפ טאן די בייזי מדה · אזו וועט אים גאט מציל זיין פאר אלי בייזע פורעניות אונ יסורים אונ פאר איין מיתה משונה · אונ פאר דעם גיהנם . אונ ער האט שלום אויף דער וועלט · אונ אויף יענר וועלט · אונ קומט מיט שלום אין גן עדן אריין · אז וויא דער פסוק זאגט או יחזיק במעוזי יעשה שלום לי :

סליק פרק הכעס והחמה :

# הלכות שלא לספר לשון הרע וניבול פה
## פרק ששה עשר :

דר זעכציטר פרק רעט מיזאל ניט ריידין קיין לשון הרע אונ ניבול פה :

לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה גייט קינדר הערט מיך צו · איך וועל אייך לערנען די יראה פון גאט ווער איז דער מענטש וואש וויל לעבין בעוה"ז ובעוה"ב · אונ ער האט ליב צוא זעהן גוטש אין זיינע טעג · היט דיין צונג פון לשון הרע · אונ דיינע לעפצין פון צו ריידן שאלקהאפטיקייט · מעשה איין גיוירץ קרעמר איז ארום גיפארין פון איין שטאט צו דער אנדרר · אונ האט אזו אויש גישריען ווער וויל קויפן דאש לעבין · ביי מיר איז דא קרייטיכר פון אייביג לעבין · אז די באכטר פון רבי ינאי האט אים דער הערט אזו שרייאן · איז זיא גיקומן פאר איר פאטער · איז ער גיגאנגן צוא דעם מענטשין · אונ זאגט אים פאר קויף מיר דיינע קרייטיכר זאגט ער צו אים דו פר קויפסט זעלבסט אויך די אייגנע קרייטיכר · פרעגט אים רבי ינאי וואש איז דאש · זאגט ער זאגט דען ניט דער פסוק מי האיש החפץ חיים אוהב וגו' נון זעהן מיר וואול אז דאש לעבין הייננט אין דער צונג אונ אין מויל פון מענטשין · אזו אויך זאגט דער פסוק מות וחיים ביד הלשון דער טויט אונ דאש לעבין הייננט אין דער צונג ווען. דער מענטש רעט גוטע זאכין האט ער דאש לעבין · אונ פאר קערט האט ער דעם טויט · אז וויא דער פסוק זאגט שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו ווער עש היט זיין מויל אונ צונג · היט ער פון צרות זיין לייב · דען דער צונג איז גלייך וויא איין האנט · דרום זאגט דער פסוק מות וחיים ביד הלשון אזו וויא דיא האנט קען אום ברייננגען איין מענטשין · אזו איז אויך דיא צונג · אונ די צונג איז נאך פיל ערגער · דען די האנט קען ניט טויטין איין מענטשין · סיידין זיא איז נאהענט צו אים · אונ בגרייפט אים · אבער די צונג קען טויטין פאר הונדערט מייל · דרום זאגט דער פסוק חץ שחוט לשונם מרמה דבר אזוא וויא איין פייל אזו טוט קוילין דיא צונג וואש רעט שאלקהאפטיקייט · אונ לשון הר"ע קען טויטין איין מענטשין אפילו ער איז פאר הונדרט מייל · אזו וויא דר פסוק זאגט שתו בשמים פיהם לשונם תהלך בארץ זיי טואן אין הימעל זייער מויל אונ זייער צונג גייט ארום אויף דער ערד · כלומר לשון הרע גייט אזו ווייט וויא פון הימל צו דער ערד · נאך איין פשט איז זייא טוען זייער מויל אין הימעל כלומר זייא ריידין פון גרוישע לייט · אונ זייער צונג גייט ארום אויף דער ער"ד · כלומר זייא ריידין אפילו פון שפלע לייט · דען דר וואש גיוויינט זיך צו ריידין לשון הרע · רעט ער פון אלע לייט גלייך · אויף גוטע אונ שלעכטע אויף נאהנטע אונ ווייטע אונ מאנזבלן אונ ווייבער אויף יונגע אונ אלטע : (כמה) וויא זייער גרויש איז דער עונש פון דיא וואש ריידין לשון הרע · לא די זייא פאר זינדיגין זייערע טעג · אונ עולם הבא אויך · נאר זיי פאר זינדיגן נאך זייערע ווייב אונ קינדר · אונ אז איין אשה רעט לשון הרע · פאר זינדיגט זיא איר

מאן

מאן אונ קינדר׳ אונ קומן אום פון זייער גוטש׳ אפילו דר וואש הערט נאר צוא לשון הרע מוז אויך גרויש עונש ליידין׳ דרום האט גאט בשאפין די לעפליך צום אויער דאש אז איינר וועט הערין בייזע רייד זאל ער דר מיט פאר שטעקין די אויערין׳ אונ דרום זיינען די פינגער שפיציג׳ כדי מיזאל זייא קענין אין אויער אריין טאן ניט צו הערין קיין בייזע רייד:

דאש הרבקייט פון דער עבירה פון לשון הרע לערנען מיר אפ פון מרים הנביאה זיא האט גירעט אויף איר ברודער משה רבינו ע״ה׳ האטשע איר כוונה איז דאך גיוועזן צוא גוטין אים אונ זיין ווייב׳ דאך איז זיא פארט גישטראפט גיווארין מיט צרעת׳ נוא וויא גרויש איז דער עונש פון דעם וואש איז זיך מתכוין צוא ריידין בייזע רייד׳ אונ לשון הרע׳ דרום גיהער זיך איטליכר היטן דער פאר׳ דא וועל איך בשיידין וועלכעש הייסט לשון הרע׳ ווער עש רעט פון די לייטין׳ אין דעם הויז לעבט מען וואול: אין דעם הויז קאכט מען וואול אין דעם הויז עסט מען וואול׳ אדער מען גייט אין שיינע קליידער וואו נעמען דאש אלש דיא לייטין׳ אדער ער זאגט יענער האט שלעכטיץ גיטאן׳ אדער ער זאגט דוא קענסט דעם ניט וואלסטו אים אזו קענען ווי איך וואלסטו זיך פאר וואונדרט אדער דעסט גלייכין נאך זעלכע רייד דאש איז אייטל לשון הרע קורץ פון דר זאך וואש איינר רעט פון חבר אז ער הערט ניט הייסט לשון הרע:

רכילות הייסט אז איינער קומט צו זיין חבר אונ זאגט דאש אונ דאש האט דיר יענער גיטאן אדער גירעט אויף דיר׳ דער פון קומט רציחות ר״ל בפרט אז מיט זיין לשון הרע אונ רכילות איז ער מזיק זיין חבר׳ האט ער בודאי קיין חלק לעולם הבא ניט די עבירה פון לשון הרע איז הארבער פון אלע עבירות וואש שטייאן פאר באטין אין דער תורה אויך איז גאט ניבער מוחל דיא עבירה פון זנות מיט איין אשת איש׳ איידר די עבירה פון לשון הרע אזו וויא מיר גיפינן אין דער גמרא דוד המלך איז גיזעסין ביי דיא סנהדרין אונ די סנהדרין האבין גילערינט אנדערע הלכות דא האבין זיך אן גירופין (דואג אונ אחיתופל) ווער עש איז מזנה מיט אשת איש וואש פאר איין מיתה קומט אים אונ זייער כוונה איז גיוועזן דוד המלך מבייש צו זיין זאגט דוד צו זיי דער וואש איז מזנה מיט איין אשת איש קומט אים חנק אבער ער האט דאך איין חלק לעולם הבא׳ אבער דער וואש רעט לשון הרע׳ אונ איז מבייש זיין חבר׳ דער פאר לירט עוה״ז אונ עוה״ב׳ אונ אויף אלע עבירות פון דער תורה דער ליינגירט הקב״ה זיין צארין טאמער וועט ער תשובה טאן׳ אונ אויף לשון הרע שטראפט ער אים באלד אויף דער וועלט אין זיין לייב אונ גוטש אונ אויף יענער וועלט שטראפט ער זיין נשמה אונ אפילו דיא לייט וואש זיצן לעבין אים אונ שטראפין אים ניט דרויף וועלין זיי אויך עונש ליידין:

דרום זאל מען אים אן שרייען דוא רשע רייד ניט פון דיא לייטין אונ אז ער קערט זיך ניט דער צוא׳ זאל מען פון אים אנטלויפין אונ אויב עש איז אזו איין מענטש וואש מיהאט מורא פון אים צוא אנטלויפן זאל מען צוא מאכין דיא אויערין אונ בעו״ה איצונד ערט אין אונזערע דורות איז דאש לשון הרע אונ רכילות זייער נתרבה גיווארין דרום האבין די חכמים איין עצה גיגעבין וויא מיזאל באהיט ווערין פון דר גרושר עבירה׳ איטליכר מענטש זאל זיך גיוויינען וויניג צוא ריידין אזו וועט ער זיך ניט אויש ריידין קיין שלעכטיץ אויך שטייט אין פרק (רבי שמעון) זאגט אלע מיינע טאג בין איך אויף גיצויגן גיווארין צווישין תלמידי חכמים האב איך קיין בעסערע מדה ניט גיפונען אז שווייגין אויך האט שלמה המלך גיזאגט גם אויל מחריש חכם יחשב איין נאר אז ער שווייגט איז ער אויך גירעכינט פאר א חכם אונ ווען איינר גיוויינט זיך אין שווייגין ווערט ער באשירמט פר לשון הרע אונ רכילות אונ ניבול פה׳ אונ פר פיל עבירות׳ אונ דורך ניבול פה קומט פיל בייז אויף שונאי ישראל ר״ל׳ אז ווי די גמרא זאגט דאש פיל עבירות דער נייאן זיך אלי טאג איבר ניבול פה׳ רב נחמן זאגט איטליכר מענטש ווייסט וואול ווארום די חתן אונ כלה גייען אונטר דר חופה׳ נאר דער וואש רעט ניבול פה פר לירט ער עולם הבא׳ אונ אפילו עש איז אויף אים נגזר גיווארין פיל גוטש פר זיבציג יאר׳ ווערט עש פר קערט צו בייזין׳ רבה בר שילא זאגט פון וועגין רב חסדא׳ מען מאכט אים אויך איין טיף גיהנם׳ אזו ווי דר פסוק זאגט שוחה עמוקה פי זרות זעום ה׳

יפל שם איין טיף גיהנם מאכט מען דעם וואש רעט פרעמדי רייד אונ ניבול פה דר וואש דער צערינט הקב"ה וועט אהין ארייין פאלין · די גמרא זאגט אין שבת פון וועגין דער עבירה פון ניבול פה קומן אויף שונאי ישראל פיל צרות אונ בייזי גזירות אונ די קינדר שטארבן ר"ל · אונ די יתומים אונ אלמנות שרייאן אונ קיינר ענטפערט זיי ניט · אזו ווי דר פסוק זאגט על כל בחוריו לא ישמח גו' זעה דאך די גרויסי עבירה וואש דר מענטש טוט מיט זיין מויל אונ צונג :

דרום איז ראוי דער מענטש זאל זיך וואול באדיינקען איידער ער לאזט ארויש איין ווארט פון מויל · ער זאל בעסער אויש געבין פיל געלט אויף אום נוצליכע זאכין · איידער ער זאל ריידין אום נוצליכע רייד · דען געלט קאן מען ווייטער גוויגען · אבער קיין ווארט קאן מען ניט צוריק האפין · ריידין דורך גרושע תשובה · דען איטליכש ווארט וואש דר מענטש רעט ווערט איין גשריבן אין איין בוך · אונ אויך רעט ער אגוט ווארט ווערט דרויש אגוטר מלאך · אונ פון איין שלעכט ווארט ווערט אשלעכטר מלאך · אונ זיי בצאלין אים זיין שכר אונ עונש · דיא חכמים ז"ל שרייבין דאש מויל איז נאר באשפין גווארין גאט צו לויבין · אונ תורה צו לערנען אונ מצות צו טאן: אז וויא איך וועל דא עש בשיידין · דאש איז דאך ידוע דאש גאט האט זיך אויש דער ווילט אין זיבנטן : שבת איז דר זיבטר טאג · שמיטה איז דאש זיבעטע יאר · יובל איז דיא זיבטע שמיטה · אויך דאש זיבטע טויזנט יארי אז וויא אויבן שטייט אין הלכות שבת · אזו אויך דאש מויל איז די זיבטע כלי · עש שטייט צווישין צווי אויגין אונ צווישין צווייא אויערין. אונ צווישן צווייא נאז לעכר · אונ דאש מויל איז דאש זיבטע · דרום האט עש גאט אויש דער ווילט מיזאל אים דער מיט לובין :

אזו אויך אין מויל האט ער בשאפין צווייא כלים · איינש גיהער צו דעם גוף דאש איז דער וושט · דאש אנדרי גיהער צו דער נשמה · דאש איז דער קנה · דאש ער איז בשאפין גווארין נאר צוא איטל געטליכע זאכין · צו תורה אונ מצות · אונ גאט צו לויבן · נוא ווען איינער איז מטמא זיין גוטע כלים מיט בייזע רייד · ווי גרויש אונ הארב איז דיא עבירה · אויך האט שלמה המלך ע"ה גיזאגט ברוב דברים לא יחדל פשע דורך פיל רייד ווערט ניט פאר מיטן די זינד דאש עש איז ניט גימאלט ער זאל זיך ניט אויש ריידן קיין לשון הרע אונ רכילות · אונ ניבול פה אונ ליגן אונ חניפות · אויך האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט וכל המרבה דברים מביא חטא ווער עש מערט רייד ברייגנט ער זינד · דען עש איז ניט גימאלט ער זאל ניט אויש ריידין קיין לשון הרע · אונ בלויז איז דאך דברים בטלים אויך אגרוישע הארבע עבירה :

דרום האבן די חכמים ז"ל גזאגט יחסותה דבבל שתיקותה דער יחוס פון בבל איז שווייגין אבר דער וואש רעט פיל דארף מען אים וואול בודק זיין אויב ער איז איין מיוחס · בפרט דער וואש איז זיך מתכבד מיט דר שאנד פון זיין חבר · אדר ער ווארפט אים אויף איין שם רע · זאלסטו וויסן אז ער האט דיא זאך אין זיך זעלברט רופט ער אים ממזר · איז ער בוודאי זעלברט איין ממזר רופט ער אים רשע איז ער זעלבסט איין רשע · רופט ער אים גנב איז ער זעלבסט איין גנב · אונ אזו אויך אלע זאכן כל הפוסל בכומו פוסל דער וואש פסלת יענם מיט איין מום · איז ער בוודאי זעלבסט פסול מיט דעם מום · אויך האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט דער רבי זאל לערנן מיט זיינע תלמידים מיט אקורץ לשון · נון איז דאך שוין מכ"ש אונ ק"ו דאש מיטאר ניט ריידין קיין איברגע רייד ניט אין דער תורה :

די לייט האבין גיפרעגט איין חכם פר וואש שווייגסטו תמיד האט ער גיענטפרט איך רייד ניט מער נאר אין תורה אונ מצות אונ אין דאווגן · אבער ניט אין אנדערע זאכין · אויך זאגט דיא תורה פון פיר אירלייא זאכין וועגין זיינען ישראל אויש גילייזט גיווארין פון מצרים · אונ איינש דער פון דאש קיין לשון הרע איז ניט גיוועזן צווישן זייא · ווער עש איז דרינען גיווארינט ווערט בהיט פאר צרות · אונ בייזע בגעגינש אז וויא דר פסוק זאגט שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו אונ: אויך האט ער לאנג לעבין אונ איטיל גוטע טעג · אז וויא דער פסוק זאגט מי האיש החפץ חיים וגו' אז וויא אויבין שטייט :

סליק פרק לשון הרע ורכילות וניבול פה

גם הוא לי לישועה כי לא לפניו חנף יבא גאט יתברך וועט מיר אויך זיין אין מיין הילף · דען פאר אים קומט ניט דער בעל חניפה רב חסדא זאגט פון רבי ירמיהו וועגין פיר כיתות קומן ניט אין דער מחיצה פון גאט · כלומר פאר דער שכינה · דיא בעלי חניפה · אונ בעלי שקר · אונ בעלי לשון הרע · אונ ליצנים דר סימן דרויף איז (חשמ"ל) חנפנים · שקרנים · מספרי לשון הרע · ליצנים · דיא גמרא ברייננט דרויף פסוקים · דרייא זיינען וואש גאט האט פיינט · איין חנפן וואש רעט מיטן מויל אונ דאש הארץ איז ניט דער בייא · אונ דר וואש ווייס עדות זיין חבר אונ זאגט ניט : אונ ווער עש זאגט עדות איינר אליין דאש זיין חבר האט מזנה גיוועזן · רבי שמעון בן יוחאי האט גידרשת וואש מיינט דער פסוק אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב וואול דעם מענטשין וואש גייט ניט אין וועג פון דיא רשעים · אונ אין וועג פון דיא זינדיגע שטייט ער ניט · אונ אין דעם זיצונג פון שפעטערש זיצט ער ניט · נאר דער פסוק ווייזט אונז אז דר וואש גייט אום מיט די רשעים · וועט ער דער נאך מיט זייא שטיין אונ זיצן · אויף אים זאגט דער פסוק אם חכמת חכמת לך ולצת לבדך תשא ביסטו איין חכם אין דער תורה אונ מצות · איז דיין חכמה צוא דיר זעלברט · כלומר עש איז קיינם ניט אזוא נוט וויא דיר אז וויא דיא גמרא זאגט רבא האט גיזאגט צו זיינע תלמידים איר זאלט ניט טרייבין קיין ליצנות אזו וועט אויף אייך קיין יסורים ניט קומן :

רב קטינא זאגט דר וואש טרייבט ליצנות ווערט גימינרט זיין שפייז אונ פרנסה · אז וויא דער פסוק זאגט משך ידו את ליצנים · גאט ציהט אוועק דיא פרנסה פון דר האנט פון דיא שפעטירש · לסוף קומט ער אין גיהנם אריין · אז וויא דער פסוק זאגט יום עברת היום ההוא · אונ עברה מיינט מען דעם גיהנם · רבי יהושע זאגט איין בעל גאוה פאלט אריין אין גיהנם · רבי תנחום זאגט דר וואש טרייבט ליצנות · דער פאר לענט די גאנצע וועלט אז וויא דער פסוק זאגט ואל תתלוצצו כי כלה ונחרצה איר זאלט ניט טרייבין קיין ליצנות : דען איר פאר לענט די גאנצע וועלט רבי אליעזר זאגט דר וואש טרייבט חניפות פאלט אריין אין גיהנם · אז וויא דער פסוק זאגט הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע ולכן כאכל קש לשון אש וויא צוא דיא לייט וואש זאגין צום שלעכטין מאן גוטש · אונ צום גוטין שלעכטש פון חניפות וועגין · דרום וועלין זייא פאר ברענט ווערין וויא שטרויא אין דעם פייאר פון גיהנם :

רבי אליעזר זאגט ווען איינר טרייבט חניפות צוא איין מענטשין לסוף פאלט ער אריין אין זיין האנט · אז חנניה דער נביא שקר האט פאלש נביאות גיזאגט דאש ישראל וועלין באלד דער לייזט ווערין פון בבל אונ דיא כלי המקדש וועלין ווידער גיבראכט ווערין קיין ירושלים · האט ירמיהו גיזאגט אמן עש זאל אמת זיין · נאר איך האב גיהערט אנאנדר נבואה דאש די איבריגע כלים וואש זיינען נאך דא וועלין אויך גינומען ווערין · אונ דיא איבריגע ישראל וועלין נאך פאר טריבין ווערן אין גלות אריין דרום קערט אייך ניט צוא דעם נביאות שקר אונ טוט תשובה · נון ווייל ער האט גיזאגט אמן אויף זיין פאלשע נביאות · דאש הייסט חניפות דרום איז ער גיפאלין אין זיין האנט אריין · דאש ער האט אים גינומען אין תפיסה אריין · אז וויא דיא גמרא זאגט כל המחניף לרשע לסוף נופל בידו ווער עש חנפת איין רשע לסוף פאלט ער אין זיין האנט אונ אז איין קהל חנפנין איין מענטשין איז דאש זעלביגע קהל מיאוס פר הקב"ה וויא איין נדה אז ווי דר פסוק זאגט ערות] חנף גלטור ;

רבי שמעון בן חלפתא זאגט זינט די בעלי חניפה זיינן אויף גישטאנען · דא פסקעט מען דיא פאלשע דינים · אונ אלע דיא גוטע מעשים זיינן פאר דארבין · אונ איינר טאר דעם אנדרין ניט שטראפין · אונ קיינר טאר ניט זאגין צו זיין חבר יענער איז בעסער · אונ אז די בייזע מדה פון חניפות איז צווישין תלמידי חכמים איז נאך פיל ערגער וויא צווישן עמי הארצים · אזו אויך האבין גיזאגט די חכמים ז"ל דער תלמיד חכם וואש איז ניט אינווייניג וויא אויסין ווייניג · כלומר זיין הארץ מיטן מויל איז ניט גלייך · איז ער קיין תלמיד חכם ניט · אביי זאגט איין חונף הייסט תועבה · אזוא אויך זאגט דיא גמרא · דער וואש טרייבט חניפות איז ערגער פון דעם וואש דינט עבודת כוכבים · דרויף איז פאר האנדן דרייא טעמים · איינש דער וואש דינט עבודת כוכבים

דינט ער נאר איין עבודת כוכבים · אבר דער חונף דינט פיל עבודת כוכבים דש ער חנפת פיל לייט · דאש אנדרי די עבודת כוכבים זעלברט דער צערינט ניט נאט · אבר בייא חניפות · אפילו ווער עש איז נאר מקבל חניפות דער צערנט ער אויך גאט · דאש דריטע די לייט קענען זיך פאר דעם חונף ניט היטן · דען ער גייט אריין אונ שטעלט זיך גלייך וויא ער איז אצדיק · אונ קען קיין צוויי ניט צייל̇ן · אבער באמת איז זיין כוונה נאר דיא לייט מרמה צוא זיין:

אויך הייסט דר חונף איין גנב · דען ער גנבת די דעה פון די לייט · דאש מען פר טרויט פר זיי זייערי סודות · אונ דאש איז פיל ערגר ווי דער וואש גנבת געלט · דרייא ערלייא חנפנים זיינען פאר האנדין · דאש ערשטי · ווער עש חנפת די לייט · כדי זיי זאלין אים ליב האבין · אונ ער זאל הן האבין אין זייערי אויגן אונ די תפארה פון חונף ווערט ניט דר הערט · אונ ווערט פר שעמט · אונ ער ברייננט פיל צרות אויף דער וועלט: דאש אנדרי ווער עש ברייבט חניפות פון זיין הנאה וועגין · דאש ער חנפת די עשירים · אדר ראשים כדי ער זאל ביי זיי עפיס גיבן · אונ האט זיין בטחון דרויף · דר חונף איז נאך פיל ערגר · אויף אים זאגט דר פסוק ארור הגבר אשר יבטח באדם פר פלוכט זאל ווערן דר מענטש וואש פאר זיכרט זיך אין אמענטשן · דאש דריטי ווער עש ווייזט זיך גלייך וויא ער איז פרום אונ גייט אין שול אריין · אונ בוקט זיך צו מודים · אונ זיין כוונה איז דר מיט כדי מען זאל אים מאכין פאר איין גבאי · אדר ראש הקהל · אונ זיין כוונה איז מיט זיין חניפות איין צוא פירין דאש קהל · כדי ער זאל הויך גיהאלטין זיין · אונ ער מאכט זיך לאנגי קליידר אונ דעקט איבר זיין פנים מיטן טלית · מ'זאל מיינן ער דאוונט בכוונה אונ ער מאכט זיך פר איין צדיק אונ חסיד דער זעלביגר חונף איז נאך פיל ערגר פון דיא ערשטי · אונ ער פר לירט עולם הבא · אונ עש העלפט אים ניט סיידין גרויש תשובה · עש שטייט דאך שוין אויבן דאש פיר כיתות קענן ניט קומן פר דר שכינה חנפנים שקרנים מספרי לשון הרע ליצנים דיא פיר כיתות זיינן גיטיילט אויף עטליכי חלקים · די חנפנים זיינן גטיילט אויף ניין חלקים:

דאש ערשטי ווען איינר זעהט זיין חבר איין עבירה טאן · אדר ער ווייס דאש ער האט איין עבירה גיטאן אונ ער גיט אים גירעכט · פון זעלכע חניפות קומט פיל בייז · איינש ער מאכט דאש יענר בגערט ניט קיין תשובה צו טאן · דאש אנדרע ער איז דאך אים מחייב צו שטראפן · אונ ער גיט אים נאך גירעכט דאש דריטי ער מאכט דאש ער וועט עש ווידר טאן · דאש פערטי עש קאן דאך זיין דאש מיט דער עבירה טוט ער שאדין איין מענטשין אונ ער שטארקט דיא עוברי עבירה · כמ"ש אז די עבירה איז מפורסם פאר אלי לייט · אונ דר חנפן מאכט גירעכט דעם רשע · אונ אום גירעכט דעם צדיק · דאש איז צווייא ערלייא עבירות · דאש אנדרי ווער עש לויבט איין רשע פאר לייטין דען ווען עש גיפעלין אים זייני מעשים · מוז ער דאך אזו זיין ווי ער · אזו ווי דער פסוק זאגט עוזבי תורה יהללו רשע די וואש פר לאזן די תורה די לויבן דעם רשע · דען אויב ניט וואלט ער קיין רשע ניט גילויבט אונ וואלט דר ציילט זייני בייזי מעשים · דאש דריטע ווער עש לויבט איין רשע פר אים אליין · אונ חנפת אים אונ זאגט אים די אונ די גוטי מעשה האסטו גיטאן אונ זיינע בייזע מעשים גידיינקט ער אים ניט דר מיט מאכט ער דאש ער טוט קיין תשובה ניט · אונ קריגט נאך מער גאוה · דאש האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט אפילו די גאנצי וועלט זאגין דו ביסט אצדיק · זאלסטו דאך דיך האלטין פאר איין רשע · אונ זאלסט פיינט האבין די וואש לויבין דיך · דען זייא ברייננן דיך צוא גרוישי לייד · אונ צום גיהנם:

דוד המלך ע"ה האט אויך גישאלטין דעם חונף · אז ווי דר פסוק זאגט יכרת ה׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות גאט זאל פר שניידין די גלאטי לעפצין · אונ די צונג וואש רעט גרוישקייט · אויך אמייל לייט טרייבן חניפות די רשעים וואש זיינן רייך · דאש זיי ווילן ביי זייא געלט אדער שררה בקומן · אויף אים זאגין דיא חכמים ז"ל דאש דר כבוד ווערט פון אים אפ גישייט דורך גרויש שאנדי · דאש פערטי ווער עש בהעפט זיך צוא איין רשע · אונ לויבט אים ניט · אונ שטראפט אים אויך ניט · דאש הייסט אויך חניפות · אז ווי דר

פסוק

פסוק זאגט בהתחברך לרשע פרץ ה' את מעשיך דער נביא זאגט צוא יהושפט מלך יהודה ווייל דוא האסט זיך בהעפט צוא איין רשע · האט גאט צו בראכין דיינע מעשים · כלומר דו ועסט קיין מזל ניט האבין · אויך איז דר חונף נמאס ביא גאט · אז וויא דר פסוק זאגט נבזה בעיניו נמאס ער איז מבוזה אונ מיאוס אין זייני אויגן אויך איז ער נמאס ביא דיא צדיקים · די חכמים ז"ל זאגין אויך אז דר חונף מוז גלייך זיין מיט דעם רשע אויך זאגט דר פסוק כל עוף למינו ישכון יבן אדם לדומה לו איטליכר פייגל רועט ביי זיין מין · אונ דר מענטש ביי דעם וואש איז גלייך צוא אים :

אויך איז אפילו איין עבירה דעם רשע אין פנים ארין צו קוקין · אז ווי דר פסוק זאגט לולי פני יהושפט מלך יהודה אם אביט אליך ואם אראך ווען ניט יהושפט מלך יהודה וואלט איך אפילו ניט גיקוקט אין דיין פנים ארין אויך זאגן די חכמים ווער עש קוקט אויף איין רשע ווערין אים פינצטר זייני אויגן · אז ווי יצחק אבינו ווייל ער האט גיקוקט אויף עשו איז ער בלינד גיווארין · דאש פינפטי ווער עש איז חשוב ביי קהל · אונ ער פר פירט זייא · אונ חנפת איינם אונ מאכט אים פאר איין ראש הקהל · אדר צו פר איין גבאי · אדר פר איין אב בית דין · אונ דר זעלביגר מענטש איז ניט ראוי דר צו פון דעם חניפות קומט פיל בייז · דאש עש ווערט ניט רעכט גיפסקנת · דאש זעקסטע ווער עש קען שטרפין די לייט · אונ שטראפט זיי ניט · כדי זייא זאלין אים ניט פיינט האבין · אזו אויך ווער עש האט בכח דיא רשעים מבער צו זיין אונ ער לאזט זייא בלייבין ביא זייער מוטוויליקייט דער הייסט אויך ארעבייר חונף · דאש זיבטי ווען איינר זעהט די לייט אום רעכט טאן אונ ער גידיינקט זיך ווי קום איך זיי צו שטראפן אדר וואש ועט העלפין מיין שטראף · נוא מאכט ער זייא נאך מער זינדיגן · דער הייסט אויך איין חונף · דען טאמר וואלט יוא גיהאלפין זיין שטראפין :

דאש אכטי ווער עש הערט לייט ריידן בייזי רייד לשון הרע אונ ניבול פה · אדר ער זעהט לייט טוען בייז · אונ ער זיצט לעבין זיי · אפילו ער וויים וואול · אז ער זאל זיי שטראפין וואלטין זיי אים ניט גיהערט דאך ווייל ער זיצט לעבין זיי · איז ער אויך איין חונף דען זיי מיינן זיי טוען רעכט · ווייל ער זאגט ניט איך וויל ניט זיצן מיט אזעלכי רשעים :

דאש ניינטע ווער עש איז מכבד איין רשע · אפילו ער רעט אויף אים קיין גוטש ניט · הייסט ער אויך איין חונף · דען איין ירא שמים קוקט אפילו ניט אויף קיין רשע · אבר דאך אז ער פארכט זיך פאר אים ער זאל אים קיין שאדין ניט טאן אין זיין גוף אדר געלט · מאג ער אים חנפנן אז ווי יעקב האט גיחנפת זיין ברודר עשו · די כיתה פון שקרנים זייגן אויך גטיילט אויף ניין חלקים :

דאש ערשטי ווער עש פאר לייקנט זיין חבר געלט אדער וואש עש איז ווערט געלט דהיינו איין פקדון אדר זיין שכר וואש ער האט ביי אים פר דינט · אדר ער האט עפיס גיפונן זיין חבר'ש אונ לייקנט עש אים · אדר ער זאגט פאלש עדות אויף זיין חבר · אין דעם כלל איז אויך ווער עש טוט אום רעכט זיין חבר אין האנדיל · דרום ווערט ער גירופן איש רע איש בליעל ער איז איין רשע · אונ איז פסול לעדות · ביז ער טוט תשובה · דאש אנדרי ווער עש זאגט איין ליגן · כדי מיזאל אים עהליך האלטין · אדר דאש יענר זאל מיינן ער איז זיין גוטר פריינד · אונ זאל פר אים פר טרויען אלע זיינע זאכין · אונ זיין כוונה איז נאר כדי ער זאל אים קענין איין שדין טאן · אויף אים זאגט דער פסוק בפיו שלום ידבר את רעהו ובקרבו ישים ארבו מיט זיין מויל רעט ער פריינטליך מיט זיין חבר · אונ אין זיין הארץ איז איטל רמאות · דר נאך זאגט דער פסוק העל אלה לא אפקד בם נאום ה' אם בגוי אשר כזה לא תתנקם נפשי אויב אויף זעלכי בייזי שטיק זאל איך ניט גידייגקן אין זיי זאגט גאט · אונ אויב אין אזו איין פאלק זאל איך מיך ניט נוקם זיין · די צוויי ערליי שקרנים בוען צוויי עבירות אייניש זיי טוען שאדן די לייט · דאש אנדרי זיי זאגן ליגן :

דאש דריטי ווער עש זאגט פאר זיין חבר איין ליגן · דאש ער וויל ער זאל אן ווערין דעם רוח וואש ער וואלט גיקענט גווינן · אדער ער וויל ער זאל אים אמתנה געבין · דאש איז אויך גלייך ווי ער וואלט עבודת כוכבים גידינט · דאש פערטי ווער עש טוט

יענעם קיין שאדין ניט מיט זיין ליגן זאגין · נאר ער
זאגט סתם איין פאטשט · דאש איז אויך איין הארבי
עבירה אויף אים זאגט דער פסוק יפיח כזבים עד שקר
דער וואש זאגט ליגן דער וועט אויך פאלש עדות
זאגין · אויך זיינען פאר האנדין אטייל לייט אז זייא
הערן איין פאטשט זעצן זייא זיך אנידר אונ טראכטן
נאך אויש פיל ליגן דר צו · אבר פון שלום וועגין מאג
מען איין ליגן זאגן · דאש פינפטי ווער עש זאגט מיט
זיין מויל צום חבר ער וועט אים עפים געבן אדר לייען
אדר שייגקן · אדער ער וועט אים אטובה טאן · אונ
דאש הארץ איז ניט דר ביי אויף דעם בעטין מיר אלע
טאג אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה גאט היט מיין
צונג פון ביז אונ מייני לעפצן פון צו ריידן פאלשקייט :
דאש זעקסטי ווער עש זאגט צו זיין חבר עפים צוא
לייען · אדר צו שייגקן · אונ ער האט זיך פר
לאזט דרויף דר נאך לייקנט ער אונ זאגט איך האב
דיר ניט צו גיזאגט · אדר ער זאגט איך האב דיר צוא
גיזאגט אויף אתנאי · דאש איז גלייך וויא ער וואלט
עובר ברית גיוועזן · אונ וואלט גיבראכן זיין נדר: אויף
דעם זאגט דער פסוק שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו
כזב ולא ימצא בפיהם לשון תרמית דאש איבר בלייבונג פון
ישראל זאלין ניט טאן קיין אום רעכט · אונ זאלן ניט
ריידין קיין ליגין · אונ עש זאל ניט גיפונגן ווערין אין
זייער מויל קיין פאלשי צונג · אונ דער זעלביגר וואש
זאגט עפים צו זיין חבר אונ איז ניט מקיים · איז ער
איין רמאי · אונ איין בטריגר · אזוא אויך ווער עש
באריכמט זיך פאר לייטן ווי ער וועט געבן אדר לייען
זיין חבר · טאר ער עש בוודאי ניט ברעכין · דען וויל
ער האט הנאה פון דעם בריכן זיך איז עש גלייך ווי
איין נדר · אויף אים זאגט דער פסוק נשיאים ורוח וגשם
אין איש מתהלל במתת שקר עש איז פר האנדן איין שטורם
ווינד אונ איין וואלקן · אונ קיין רעגין איז ניטא· אזוי
איז אויך דר וואש בריכמט זיך צו געבין זיין חבר אונ
גיט אים נים · אונ יענער האפט דרויף·דיא עבירה איז
נאך פיל גרעסר אונ הארבר פון כל שקרים :
דאש זיבטע ווער עש זאגט צו זיין חבר איך האב דיר
איין טובה גיטאן · אדר איך האב גירעט פון דיינט
וועגן אונ באמת איז עש ליגן · דאש הייסט אויך שקרים
אונ דער מענטש הייסט איין גנב דען מיטאר אפילו ניט
גנבנן דיא דעה פון איין עובד כוכבים· דאש אכטע ווען
איינר באריכמט זיך ער הט אין זיך גרוישע מעלות אונ גוטע
מדות אונ האט עש ניט אין זיך אויף אים זאגט דר פסוק
לא נאוה לנבל שפת יתר אף כי לנדיב שפת שקר עש איז ניט
שיין צו איין שאלקהאפטיגן מענטשין איבעריגע רייד·
אויך ניט דאש איינר זאל זיך באריממען ער האט אין זיך
גוטע מדות · דאש ער וויל זיך הויך האלטין · אונ באמת
איז עש ליגין· אויך האבין דיא חכמים גיזאגט ווען מען
לויבט איינעם דאש ער קען צוויי מסכתות · אונ ער קען
מיין ניט נאר איינע זאל ער זאגין איך קען מיין ניט נאר
איין מסכתא · מכל שכן דאש קיינער טאר זיך ניט באריסן
מיט וואש ער האט ניט אין זיך · דאש האט גאט פיינט·
דען אפילו אויף איין אמת טאר מען זיך אויך ניט בריםן
אזו ווי עש שטייט אין פרק רבי יוחנן זאגט אז דו האסט
פיל תורה גילערינט האלט דיך ניט הויך אונ באריס דיך
ניט · דען דו ביסט דרויף בשאפין גיווארין·דאש ניינטע
ווער עש זאגט נאך איין פאטשט אונ פאר ענדערט זיא
אביסל חאטשע עש שאט דאך קיינעם ניט · דאך וייל
ער האט הנאה פון זיין ליגין איז עש אויך אין כלל פון
שקר אזו ווי דר פסוק זאגט למדו לשונם דבר שקר זיי האבן
גיוויינט זייערע צונגן צו ריידין פאלשקייט :
דיא כיתה פון ליצנים איז גיטיילט אויף פינף חלקים ·
דאש ערשטע ווער עש שענד די לייט אונ ווארפט
זייא אויף איין מום · אזו ווי דער פסוק זאגט תשב באחיך
תדבר בבן אמך תתן דופי דוא זעצסט זיך אונ רעדסט
אויף דיין ברודער · אונ אויף דיין מוטערש זון גיסטו
איין שאנד דער הייסט איין לץ אונ קיינער איז ניט
נוט ביי אים אין דיא אויגין דאש ברייגנט אים
זיין גאוה · אזו ווי דר פסוק זאגט זד יהיר שמו בעברתו זדון
דער מוטווילינגער מענטש וואש האלט זיך בגאוה · איז
זיין נאמען ער טוט דיא עבירות במזיד·דיא צווייי ביזע
מדות מוטווילקייט אונ גאוה זאמלען זיך איין צוא איין
בייזין מענטשין·דער פון קומט דאש ער שפעט פון דיא
לייט חאטשע ער האט דרינען קיין ריוח ניט · דאך מאכט
ער יענעם שפל אונ באשמירט אים מיט שאנד · אונ איז
אים מבייש מכל שכן אז יענער הערט·דיא עבירה איז
הארבער

דרבער פון גזילה אונ גניבה דען דער גנב טוט פון געלט
וועגן אבער דער לץ האט גאר ניט דער פון · אונ ער
מאכט נאך אנדערע לייט זינדיגן מיט זיינע ליצנות · אז
ער זאל זיך אבער באדיינקען וויא שפל ער איז וועלבסט
וואלט ער ניט גישפעט פון אנדרע :

דאש אנדרע ווער עש שייעט פון זיין חבר ווייל דאש
ער מיינט ער איז ניט אזו קלוג אדער אזו רייך ·
אדער אזו חשוב · אדער ער לערינט ניט אזו וואול וויא
ער · דאש קומט אויך פון זיין גאוה · ווייל עש גייט אים
וואול אונ יענעם גייט איבל · דרום שפעט ער פון אים
אונ מאכט אים שפל · אונ זיך מאכט ער הייך · דען ער
מיינט ער האט דאש אלש פון זיין חכמה אונ שכל · אונ
גידיינקט ניט אז אלש איז פון גאט · ער מאכט רייך אונ
ארום · ער דער הייכט אונ דער נידרט ער בשאפט דעם
שיינעם אונ דעם מיעסין איינם בשאפט ער גלייך · אונ
דעם אנדרין הינקדיג · איינם זעהנדיג דעם אנדרן בלינד
איינם הערינדיג · דעם אנדרן טויב · דרום לאז ער זיך
בדיינקען אז גאט קען מאכין אז יענער זאל אים אנרעסרין
מום אויש ווארפין · אויך אמאל קומט דאש ער שפעט
פון תלמידי חכמים אונ צדיקים אונ חסידים · דען זייער
לערנען אונ פרומקייט איז ניט גיאכט אין זיינע אויגן ·
דען עבירה גוררת עבירה איין עבירה שלעפט די אנדערע
עבירה · אויך דעם זאגט דער פסוק בז לרעהו חוטא דער
וואש פאר שעמט זיין חבר דער איז איין זינדיגער · אויך
זאגט דער פסוק לועג לרש חרף עושהו ווער עש שפעט
פון איין ארומאן דער שענט זיין באשעפר · אויך זאגט
דער פסוק אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן צו די שפעטר
פאר שפעט גאט · אונ צוא די ענוים גיט ער חן אין גאטש
אויגן אונ אין לייטיש אויגן :

אויך זאגט דער פסוק יושב בשמים ישחק ה' ילעג למו דער
וואש זיצט אין הימיל טוט לאכין פון זייא גאט
טוט שפעטן פון זייא דאש דריטע ווער עש שפעט פון דעם
וואש יענער רעט · אדער ער טוט · דאש האלט ער אלש
פאר נישט אין זיין דעה · אונ זיינע רייד אונ מעשים
גיפעלין אים וויא צום בעסטין דאש קומט אויך פון גאוה ·
אז וויא דער פסוק זאגט בז לדבר יחבל לו דער וואש פאר
שעהמט אלע זאכין · טוט ער זיך פאר דארבין דש קומט
אלש פון גאוה · ווייל דאש ער האלט זיך מער חכם פון
דר גאנצער וועלט אויף אים שטייט אין פרק זאלסט ניט
פאר שעהמן קיין שום זאך · אונ דער וואש האלט זיך
יוא אזו הויך אונ קלוג ברייננט עש אים צו מינות · דאש
ער ווערט שפעטין פון די מצות וואש זיין שכל פר שטייט
ניט · דהיינו ציצית אונ תפילין אתרוג אונ לולב אונ נאך
זעלכע מצות וואש דיא אמונה פון יהודים היינגט דרינן
דאש איז אלש ניט גיאכט אין זיינע אויגין · אונ ער איז
איינער פון די ליצים וואש שלמה המלך ע"ה האט פאר
באטין מיזאל זיי ניט שטראפין · אזו ווי דער פסוק זאגט
אל תוכח לץ פן ישנאך זאלסט ניט שטראפין קיין שפעטער
טאמער ווערט ער דיך פיינט האבין אויך זאגט דער פסוק
יוסר לץ לוקח לו קלון ווער עש שטראפט איין שפעטר נעמט
ער זיך איין שאנד · דען ער זאגט צו אים וואש שטראפסטו
מיך שטראף דיך זעלבערט דוא ביסט דאך ערגער פון
מיר צו אזו איין מענטש איז קיין האפונג ניט דען קיין
מענטש טאר אים קיין ווארט ניט ריידן · ער מיינט זיינע
רייד זייגען צום בעסטין אויף אים גייט דער פסוק ראית
חכם בעיניו תקוה לכסיל ממנו ווען דו זעהסט איינער האלט
זיך פאר איין חכם אין זיינע אויגין · איז צום נאר מער
האפונג פון אים :

דאש פערטע זיינען דיא לייט וואש זיצין אין די קראמן
אונ ריידין תמיד דברים בטלים אדער דער וואש
גייט ארום מיט אום גוצליכע פאטשטן דאש הייסט דברים
בטלים דער פון קומען צווייא הארבע עבירות · איינש
ער טרייבט ליצנות מיט זיינע דברים בטלים · דאש אנדרע
ער איז זיך מבטל פון דער תורה ער גייט אזו וויא איינר
איז פריי פון דער תורה · דרום האט זיין עונש גאר קיין
שיעור ניט אויך איז אין דעם כלל ווער עש איז זיך מבטל
פון דער תורה אונ גייט צום שפילין אדער צו די עובדי
כוכבים אין זייער פעסט שול דאש איז אלש אין כלל פון
מושב לצים · דאש פינפטע ווער עש שפעט ניט אפט נאר
אמאל אז ער איז פרייליך אדער פאר טרינקן · פון פאר
טרינקען קומט דרייארליי בייז · איינש ער שפעט פון די
לייט · אזוא וויא דער פסוק זאגט לץ היין הומה שכר דאש
שפעטין קומט פון וויין · אונ דאש ברוגען קומט פון
שיכערין · דאש אנדרע ער רעט שלעכטע רייד בשעה

ער איז פאר טרונקען · און רעדט מאלט ווערט ער דר קענט אז ער רעט פיל איז ער איין נאר · אז וויא דער פסוק זאגט וקול כסיל ברוב דברים דער וואש רעט פיל איז איין נאר און איין רשע· דאש דריטע ער פר טרינקט זיין שכל· און איז מבטל זיין תורה און תפלה :

דרום זאלט איר וויסן אז דער וואש טוט איינש פון די פינף זאכין וואש שטייען דא דער זעלביגער מענטש וויל אויף זיך ניט האבין דעם יאך פון תורה און מצות און אפילו דיא שכינה איז ניט גיאכט אין זיינע אויגן · און טוט גלייך ווי איינר וואש האט קיין העריו ניט איבר זיך · דרום איז זיין עונש זייער גרויש · דש ער מוז ליידין יסורים מדה כנגד מדה · לשון הרע איז גיטיילט אויף אכט חלקים · דאש ערשטע איטליכער זאל זיין צונג גיוויינן צוא ריידין אל דאש גוטין און קיין ביז ניט צוא ריידין אפילו אויף איין בהמה טמאה · אז וויא עש איז גיוועזן איין מעשה · חסידים זיינן בגאנגער גיגאנגן ביי איין גיפייגרת אייזיל · זאגט איינער וויא שטינקט דיא נבילה · זאגט דר אנדרר זעה דאך זיא האט ווייסע ציין · כלומר ווארום האסטו ניט גיזאגט איר שיינקייט ווארום שענסטו דוא זיא · נון כ"ש דאש מיטאר קיין ביז ניט ריידין אויף קיין שום זאך אין דער וועלט כ"ש אויף איין מענטשין · דאש אנדרע ווער עש גיוויינט זיך ליגן צו ריידין · און רעט פון די לייטין · דעם איז שווער תשובה צו טאן דען ער ווייסט ניט וועמען ער האט דער ווידער גירעט · ער זאל אים מחילה בעטין :

דאש דריטע ווער עש רעט פון זיין חבר אפילו אמת · נאר עש קאן אים איין שאדין דער פון ארויש קומען · דאש הייסט אויך לשון הרע · דאש פערטע עש איז אויך איין לאו אין דער תורה מיזאל ניט מקבל זיין קיין לשון הרע אז וויא דער פסוק זאגט לא תשא שמע שוא זאלסט ניט הערין קיין פאלשע רייד · אין כלל פון דעם לאו איז אויך ווער עש הערט צוא ניבול פה · אדער שבועות אדער קללות אדער לשון הרע · אדר רכילות · אפילו דברים בטלים הייסט אלש פאלשע רייד · און עש איז גלייך די עבירה פון דער וואש הערט עש צוא · צוא דעם וואש רעט עש · דאש פינפטע איז ווער עש טרייבט רכילות דאש ער גייט פון איינעם צום אנדרן · און זאגט דיין חבר האט דאש גיטאן · אדער ער האט דאש פון דיר גירעט דער הייסט רכיל פון רכילות קומט רציחות · דאש דרייא מענטשן קענין אום קומן דריבר דר וואש מיזאגט אויף אים און דר וואש זאגט און דער וואש איז מקבל דען דער רכיל זיט דעם איין שווערד אין דער האנט ער זאל יענם הרגנן אז ווי דר פסוק זאגט אנשי רכיל היו בך למען שפוך דם רכילות טרייבר זיינן גוועזן צווישן אייך כדי מיזאל פאר גיסן אום שולדיג בלוט אין רכילות הייסט גאוה כעס שקרים שנאה לשון הרע דברים בטלים שבועת שוא רציחות :

און וואו עש איז פאר האנדין לשון הרע און רכילות דארטין איז דיא שכינה ניטא · אז וויא מיר גיפינע ביי אחאב מלך ישראל אין זיינע צייטין האבין די ישראל עבודת כוכבים גידינט · און האבן דאך איין גינומן אלי מלחמות וויל עש איז קיין רכילות און לשון הרע ניט גיוועזן צווישן זייא · אז וויא עש שטייט דאש דיא מלכת איזבל האט גיהייסן הרגנען אלע נביאים · איז גיגאנגן דער נביא עובדיהו און האט בהאלטין הונדרט נביאים · און פיל לייט האבין גיוואוסט דער פון · דער נאך האט זיך אליהו הנביא גישטעלט פר דעם מלך און כל ישראל · און האט גישריען דאש עש איז שון מער קיין נביא ניט גיבליבן ביי ישראל נאר ער · און קיינר האט ניט פר מסרת די הונדרט נביאים · דרום האבין זייא גוואונן אלי מלחמות · אבער אין שאול המלך צייטין האטשע זייא זיינן גיוועזן אייטל גרוישי תלמידי חכמים · און האבין תורה גילערינט · און מצות און גמילות חסדים גיטאן און קיין עבודת כוכבים האבין זייא ניט גידינט האבין זייא דאך אן גיווארין דיא מלחמה · דאש שאול המלך איז אום גיקומן מיט זיינע זין ווייל עש איז גיוועזן לשון הרע ביי ישראל און דער תלמיד חכם דואג האט רכילות גיזאגט דאש דוד האט גיגעסין אין דער שטאט נוב און דיא שטאט איז גיוועזן אייטל כהנים און איבר זיין רכילות זיינען ניהרגית גיווארין אכציג קעכטליכע כהנים דרום האבין זייא אן גיווארין דיא מלחמה · וויל דיא שכינה איז ניט גיוועזן צווישן זייא · דען רכילות איז ערגער פון אלע עבירות אין דער וועלט :

אויך איז אמאל גיוועזן איין עושר · ער האט גיהאט דריי טעכטער איינע איז גיוועזן איין גנבתה ·

דיא

די אנדערע איז גיוועז איין נאשרין · די דריטע איז גיוועז איין רכילות טרייבערין · האט ער מורא גיהאט זיי חתונה צו מאכן אין אנאנדער שטאט פון זייערע חסרונות וועגין · איז גיוועז איין חכם וואש האט גיהאט דרייא פיינע בחורים · איז ער גיקומן צו דעם עושר אונ האט בגערט זיינע דרייא טעכטר צו זיינע דרייא זין · זאגט דער עושר איך וויל מיינע טעכטער ניט אויש געבין איבער זייערע חסרונות זאגט ער מיין ליבער פריינד פארכט איך ניט גיט זיי צוא מיר איך וועל זייא אפ גיוויינן דר פון · דר עושר האט זיך גלאזט איבר ריידין אונ האט חתונה גימאכט אלע דרייא טעכטער פאר די דרייא בחורים · אונ דער חכם פארט מיט זייא אהיים · די גנבתה האט ער גיגעבן געלט גינוג דאש זיא האט מער ניט גידארפט צוא גאנבענען · די נאשרין האט ער גיגעבן אללרלייא שפייז · צוא די רכילות טרייברין פלעגט ער גיין צו איר אהיים · אונ האט גיזאגט מיין ליבע שנור וואש גייט דיר אפ זאג מיר איך וועל דיר אלש געבין · אונ אלע טאג האט ער זיא גיקישט אונ גיהאלזט פון ליבשאפט וועגין · אמאל איז דער עושר גיקומן גיוואר ווערין צוא זיי · פרעגט ער די ערשטע טאכטר וויא גייט עש דיר מיין ליבע טאכטער · זאגט זיא עש איז מיר זייער וואול איך האב אלש גינוג · דאש איך דארף ניט גנבנן · פרעגט ער די אנדערע טאכטר וויא גייט עש דיר · זאגט זיא איך האב אלזדינג איך דארף ניט נאשין · פרעגט ער די דריטע טאכטר וויא גייט עש דיר מיין ליבע טאכטר · זאגט זיא מיין ליבער פאטר דוא האסט מיך זייער בטריבט איך האב גימיינט דוא האסט מיר איין מאן גיגעבן · ניין דוא האסט מיר צווייא מאנען גיגעבין · איז ער זייער דער שראקן גיווארין אונ זאגט וואש רעדסטו ד״ו · זאגט זיא שטעל דיך אונטרן איבן ווערסטו זעהן · ער האט אזו גיטאן · אין דעם קומט אביין איר שווער אונ הייבט זיא אן צוא קושין אונ האלזין וויא זיין גוואונקייט · אזוא איז דער פאטער ארויש גישפרונגן אונ האט אים גיהרגת דער נאך איז איר מאן אהיים גיקומן אונ האט זיא גיהרגת מיט איר פאטער אזוא זיינען דרייא לייט אום גיקומן פון רכילות וועגין נון זעהט איר ליבע לייט וואש עש קומט פון רכילות :

דאש זעקסטי איז אבק לשון הרע ניט קיין רעכטער לשון הרע · אז וויא די גמרא זאגט צום מיינסטין טוען די לייט די עבירה פון זנות · צום מיינסטין טוען די לייט די עבירה פון גזילה · אונ די גאנצע וועלט ווערין גישטרויכלט אין אבק לשון הרע דש איינר זאגט נאך איין פאטשטש פון זיין חבר · אונ זיין כוונה איז ניט צוא בייזין אים צוא שעדין דאש הייסט אבק לשון הרע · קורץ פון דער זאך אלש וואש איינר רעט פון זיין חבר אונ זיין חבר איז ניט גערין דרינען · הייסט עש לשון הרע · אונ אויך אזוא איין זאך וואש אים אין די אויגן רעט ער עש ניט · אונ אונטר די אויגן רעט ער עש יוא · הייסט עש לשון הרע · אויך טאר ער זיין חבר ניט לויבין פר זיין שונא דען ער וועט אויף אים בייז ריידין · דרום אויך טאר מען זיין חבר ניט לויבין פר פיל לייט . טאמר גפינט זיך צווישן זייא איין שונא · סיידין זיין חבר איז איין צדיק אונ האט איין שם פאר אחסיד · טאג ער אים וואול לויבין · דען ער האט בוודאי קיין שונא ניט אונ אפילו איינער וועט יוא בייז ריידין אויף אים · וועט מען אים ניט גליבין · אונ די לייט וועלין אן שרייאן אויף אים · אונ דאש איז איינש פון די גוטע מדות וואש מען זאל איין גוטין מענטשין לויבין · אונ אשלעכטין זאל מען לאזין בלייבין :

דאש זיבטע איז ניבול פה · דען ווען אפילו עש איז נגזר גיווארין גוט אויף איינעם פאר זיבציג יאר · מיט ניבול פה איז ער מבטל · אויך דער וואש הערט ניבול פה איז ער מחוייב אוועק צוא גיין · אונ אז ער קען ניט אוועק גיין זאל ער פר שטאפין זיינע אויערן · איטליכער מענטש איז מחוייב זיין מויל צוא גיוויינען עש זאל דער פון קיין ביז אדר קיין אום ריין ווארט ניט ארויש גיין אזוא גיפינען מיר אויך די תורה האט אן גישריבן איבריגע עקף אותיות והבהמה אשר איננה טהורה זיא הט וואול גקענט שרייבן בטמאה נאך זיא האט קיין אום ריין ווארט ניט גיוואלט שרייבין · אויך גיפינען מיר אז די חכמים זיינען זייער נזהר גיוועז

דרינען

דרינגן · דרום זאל זיך דער מענטש גוט בטראכטין אייהדר ער לאזט ארויש איין ווארט פון מויל דען פון איין בייז ווארט ווערט בשאפין איין בייזער מלאך · אונ פון איין גוט ווארט ווערט בשאפין אגוטר מלאך דרום האבין די חכמים גיזאגט דאש קיין בעסערע מדה איז ניט פאר האנדין פון שווייגין :

דאש אכטע איז איין גרגן דאש ער ווארטשיט תמיד אונ אלש וואש מירעט איז ער ניט צו פרידן ער מיינט מען טוט אים אלש להכעים אונ אום רעכט · אונ אלע די טובות וואש מען טוט אים איז אים צוא ווייניג דען ער מיינט מען דארף אים נאך מער טאן · טוט אים איינר נאר איין זאך וואש גפעלט אים ניט מיינט ער יענר האט אים פיל בייז גיטאן אונ פר קערט אז ער טוט יענם פיל בייז מיינט ער ער האט אים נאר ווייניג גיטאן · אונ תמיד קריגט ער זיך מיט זיינע חברים אונ מיט זיין הויז גיזינד · אונ אז איינער טוט אים אטובה אכט ער עש פאר ניקשט · אונ טוט אים אפ ביין דער פאר · מכל שכן ווען איינער טוט אים עפים וואס גפעלט אים ניט וויל ער זיך נוקם זיין אין אים אויף אים זאגט דער פסוק דברי נרגן כמתלהמים והם ירדו חדרי בטן די רייד פון דעם גרגן זיינן אייטיל קריג אונ זייא נידרן ביז אין בויך אריין דאש איז דער כלל פון לשון הרע :

רכילות ווערט אויך גיטיילט אויף פיר חלקים · דאש ערשטע ווער עש זאגט ליגן אויף זיין חבר · דאש אנדערע ווער עש זאגט אביסל ליגן · אונ אביסל אמת · דאש דריטע ווער עש זאגט נאר אמת · נאר ער זעצט צוא עטליכע ווערטר · אדר ער מאכט מיט אנאנדר ניגון · דאש יענער פר שטייט עש איז רכילות דאש פערטע ווער עש זאגט אייטיל אמת · נאר ער מאכט קריג דער מיט · אז וויא דואג האט פאר מסרת דוד המלך פר שאול אזו זיינען פיל כהנים נהרג גיווארן איבר זיין רכילות · חאטשע ער האט דאך נאר אמת גיזאגט · דרום ווער עש וויל בהיט ווערן פון רכילות אונ לשון הרע זאל ער תמיד תורה לערנן · אונ אין וועלטליכע זאכן זאל ער ווייניג ריידין · אז וויא דוד המלך ע״ה זאגט ישבו שרים בי נדברו עבדך ישיח בחוקיך אז די שרים זעצין זיך בנאנד ריידן זייא פון מיר · אבר איך בין דיין קנעכט · אונ טוא ריידין אין דער תורה · אונ דער מענטש וואש היט זיין צונג פון ליגן · אונ פון חניפות אונ פאר לשון הרע אונ רכילות אונ פון ניבול פה · אונ פון שבועות אונ קללות · אונ פון אלע די בייזע רייד · דער זעלביגער מענטש איז איין בן עולם הבא · אונ איז גלייך וויא ער וואלט די גאנצע וועלט גימאכט מצות טאן · וויא דער פסוק זאגט תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון די ווארהאפטיגע תורה איז גיוויינטליך אין זיין מויל · אונ קיין אום רעכט ווערט ניט גיפונן אין זיינע לעפצן · מיט שלום אונ גלייכקייט איז ער גיגאנגען מיט אים · אונ פיל לייט האט ער ווידער גיקערט פון זינד · אונ האט זייא גימאכט מצות טאן :

סליק פירקא

## סוד חבירך לא תגלה פרק שמונה עשר

דער אכציטער פרק רעט וויא מיזאל דעם חבר׳ש סוד ניט מגלה זיין :

לא תעמוד על דם ריעך זאלסט ניט שטיין אויף דיין חבר׳ש בלוט דר פסוק זאגט אונז דאש קיינר זאל זיין חבר צוא קיין שאדין ניט בריינגען סיי מיט רייד · אדער מיט מעשים · אונ דו ביסט אויך מחוייב צו העלפין איטליכן מענטשין מיט דיין לייב אונ גוטש אז עש קומט אים צו איין שאדין · אונ ביסט אים אויך מחוייב צו היטין עש זאל אים קיין שאדין ניט צוא קומען אזוא ווי דא ווערט באשיידט ווערין איין משל ווען דוא זעהסט איין מענטש ווערט דער טרונקען אין וואשער אדער גזלנים לויפין נאך איין מענטשין אים צו הארגנען אדער צו באגזלנן ביסטו אים מחוייב צו העלפין ווי ווייט דו קענסט מכ״ש דאש דוא טארסט אים ניט מזיק זיין אין זיין לייב אדר אין זיין גוטש מכ״ש דאש דו טארסט אים ניט פר מאסרין חאטשי עש שטייט דאך אפט פאר באטין אין דער תורה איז עש אויך גידרונגען פון דעם פסוק לא תעמוד וגו׳ · דאש וויא באלד דוא ווערסט גיוואר אז דיין חבר קען איין שאדין צו קומען אונ דוא קענסט אים העלפין ביסטו אים מחוייב צוא העלפין אונ אויב ניט ביסטו

עובר

עובר אויף דעם גרויסין לאו (לא תעמוד וגו׳) אין דעם כלל איז אויך ווען דיין חבר פאר טרויט פאר דיר איין סוד טארסטו אים ניט מגלה זיין · דען עש קען אים דורך דעם איין שאדין קומען׳ אין דעם כלל איז אויך דאש מיטאר ניט עפענען דעם חברש בריב · טאמער האט ער דרינן גישריבין איין סוד וואש קיינער טאר פון אים ניט וויסן׳ דען אמאל קען זיין אז עש איז אים אסכנה אין זיין לייב אדער געלט · אז איטענצר ווערט וויסן פון דעם סוד מכ״ש אז זיא איז פר חתמת טאר מען זי בוודאי ניט עפענען אויך דער מאיר הגולה דר רבינו גרשון האט דרויף איין חרם גיגעבין :

דער מדרש ברייננט איין מעשה איין מיידל איז גנאנגן אין ירושלים אונ האט עפעס גיטראגין אין איין שיסל · אונ אשיסל דריבער צוא גידעקט · האט זיא איין מענטש גיפרעגט וואש טראגסטו דא ׳ זאגט זיא ווען מיין מוטער זאל וועלין אז מיזאל וויסין וואש דא איז · וואלט זיא עש דאך ניט צו גידעקט נוא ווארום בגערסטו צוא וויסן דעם אנדרינש סודות · דרום ביסטו איין שוטה · אונ האסט קיין דרך ארץ ניט · דער פסוק זאגט הולך רכיל מגלה סוד ווער עש גייט מיט רכילות דער איז מגלה סוד דרשת די גמרא אזוא דעם פסוק ווען איינער האט איין משפט מיט זיין חבר פון דיינים אונ ער וויל ער זאל פאר געסין זיינע גוטע טענות · דא גייט ער אונ מאכט אים צארינג אונ ווארפט אים אויף׳ אלש וואש ער האט גיטאן · אונ איז אויף אים מגלה סוד · אויף אים גייט דער פסוק הולך רכיל וגו׳ אונ דאש איז אזו איין גרבע עבירה וואש דרינען היינגען פיל עבירות דאש ערשטע ער איז מגלה סוד דאש אנדרע ער איז אים מבייש · דאש דריטע ער איז עובר אויף לא תשנא את אחיך זאלכט ניט פיינט האבין דיין ברודר׳ דאש פערטע ער איז עובר אויף לא תלך רכיל דש פינפטע ער רעט לשון הרע׳ דאש זעקסטע ער איז עובר אויף לא העמוד על דם רעך דאש זיבעטע ער איז עובר אויף ואהבת לרעך כמוך זאלשט ליב האבין דיין חבר וויא זיך זעלבשט · דאש אכטע ער איז עובר אויף לא תגזול · דען אז ער ווערט ניט קענען רעכט טענין · דא בקומט ער זיין געלט צו אום רעכט · דאש ניינטע ער איז עובר אויף לא תרכוד זאלשט ניט גלושטן דיין חברש געלט דש צעהנטע

ער איז עובר אויף הולך רכיל מגלה סוד :

אויף אים זאגט דער פסוק ריב את ריבך וגו׳ קריג דיין קריג אונ קיין אנדרינש סוד זאלשטו ניט מגלה זיין נמצא אז דער רשע איז עובר אויף צעהן הרבע עבירות גלייך וויא ער וואלט עובר גיוועזן אויף די עשרת הדברות דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין זיין חבר צו קיין שאדין ניט ברייננען מיט קיין שום זאך · בפרט זיין סוד ניט מגלה צוא זיין · אפילו ער האט דר פון קיין שאדין ניט · אז וויא דר פסוק זאגט ונאמן רוח מכסה דבר דר בגלייבטר פאר הוילט די זאכין · דער וואש האט איין אויפין מויל דער קען בייא זיך קיין סוד ניט איין האלטין · אונ ער הייסט איין רכיל : אונ דר וואש האט איין צו גישלאסין מויל · דער קאן יוא איין האלטין ביי זיך איין סוד · אונ ער הייסט איין נאמן · דרום האבן די חכמים ז״ל פר באטין פאר קיינעם קיין סוד ניט פאר טרויען סיידין ער ווייסט גוויש אז ער האט איין צוא גישלאסין מויל · אז וויא דר פסוק זאגט סודך לאחד מן האלף אל תגלה דיין סוד זאלסטו אפילו איינעם צווישן טויזנט ניט מגלה זיין :

איין חכם האט גיזאגט דיין סוד האלט ביי זיך תפוס · כלומר אז דוא ביסט מגלה איין סוד דיין חבר · אזו ביסטו בייא אים תפוס · דאש דוא האסט מורא ער זאל אים פאר קיינעם ניט מגלה זיין · תמיד זאל איטליבער זיין נזהר ניט צו פר טרויען קיינעם קיין סוד׳ נייא אויף זיך · כמ״ש אויף זיין חבר · רבי יוסי האט זיך בריהמט אלע מיינע טעג האב איך מיך ניט ארום גיקוקט · כלומר איך האב קיין מאל קיין סוד ניט גיזאגט · דש איך זאל דארפין ארום קוקין קיינער זאל אים ניט הערין · עש איז גיוועזן איין בחור וואש האט אויש גיזאגט וואש מיהאט גירעט אין בית המדרש פאר צווייא אונ צוואנציג יאר האט מען אים ארויש גישטופט פון בית המדרש אונ מיהאט אים גירופן מגלה סודות · קיין מאל זאלסטו ניט פאר טרויען פאר קיינעם קיין סוד · אז וויא דאש עפריך ווארט גייט דעם סוד וואש דוא ווילסט ניט פר טרויען פאר דיין פיינט · פאר טרויא אויך ניט פאר דיין פריינד דען ער קאן נאך ווערין דיין פיינט :

מעשה איין חכם האט פאר טרויעט איין סוד פארין אנדערין חכם · האט ער צו אים גיזאגט האסטו



177

מיך רעכט פאר שטאנען כלומר לאז עש ביי דיר בלייבן האט אים יענער גיענטפערט עש איז גלייך ביי מיר וויא איך האב אים פאר געסין דוא האסט קיין זארג ניט צו האבין · דער וואש איז מגלה זיין חברש סוד אפילו איין אמת · איז גלייך וויא ער וואלט גידינט עבודת כוכבים מכ"ש ווער עש זאגט נאך איין ליגן · דר איז אום ווערדיג אין גאטש אויגין אונ אין לייטינש אויגין · אזו עש איז קיין ערגערע בריאה פון אים ניט פאר האנדין אויף דער וועלט · אזו וויא דער פסוק זאגט ושבועת שקר אל תאהב כי את כל אלה שנאתים נאום ה׳ :

סליק פרק הולך רכיל מגלה סוד :

## ענין לשמח בחלקו פרק תשעה עשר

דער ניינצעטר פרק רעט וויא איטליכער זאל זיך באנוגן אונ זאל זיך משמח זיין מיט וואש גאט שיקט אים צוא סייא גוטש סיי בייז :

צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר דער נביא זאגט דער צדיק עסט צו זעטין זיין לייב דאש ער זאל גיזונד זיין צוא גאטש דינסט · אבער דער בויך פון רשע איז תמיד גימינערט כלומר דער צדיק לאזט זיך באנוגן מיט וואש גאט באשערט אים ער באגערט ניט קיין איבריג עסין אונ טרינקן · נאר צוא דער האלטין זיין לייב אויך בגערט ער ניט קיין איברגע קליידר · נאר ווערדליג ער זאל ניט מבוייש ווערין פר לייטין · אונ בגערט אויך ניט קיין שיינע הייזער · דען זיין כוונה איז אלש לשם שמים דרום קוקט ער ניט אויף גאלד אונ זילבר · אבר דער רשע בגערט נאר איבריג עסין אונ טרינקן האט ער שיינע קליידער בגערט ער נאך שענרע · האט ער אשיין הויז וויל ער אשענערע האט ער פיל גאלד אונ זילבער · וויל ער נאך מער · דש ברייגגט אים אלש זיין גאוה · אבער דר צדיק גידיינקט תמיד אלש וואש גאט גיט אים · דאש גיט ער מיט חסד אונ רחמים · דען ער איז דעם מענטשן ניט מחוייב צוא געבין · אונ אלש וואש ער גיט אים איז איבריג :

דען הקב"ה האט דרויף בשאפין דעם מענטשין דש ער זאל אים דינען אונ זיין תורה לערנען · אונ זיינע מצות טאן אונ זאל בעסער זיין פון אמלאך · דען דער מלאך האט קיין עולם הבא ניט · אזו גידיינקט זיך דער צדיק דרום לאזט ער זיך בנוגין · נאר ער זאל קענגן זיין נשמה דער האלטין אין גוף · כדי ער זאל קענגן גאט דינען · אונ אפילו עש גייט אים איבל איז ער עש אויך מקבל באהבה · דען ער רעכינט זיך פאר איין גאסט אויף דער וועלט · אונ גידיינקט זיך אז איך ווער אהיים קומן ווערט מיר בעסער זיין · אבער דער רשע אין אלש פאר קערט · ער מיינט ער איז דרויף בשאפין גיווארין געלט אונ גוטש איין צו זאמלין · אונ זיך שיינע קליידר מאכין אונ שיינע הייזער בויאן · אונ זאל פרעסין · אונ זויפן ער מיינט די וועלט איז די רעכטע וועלט אונ ער גידיינקט ניט דאש דער טויט שטייט הינטער אים · דאש ער ווערט אלש מוזען איבער לאזין דרום הייסט ער איין רשע · ווייל ער טוט ניט זיין שליחות וואש ער איז דר צו גישיקט גיווארין ·

עש איז איין משל איין מלך שיקט ארויש צוויי שלוחים אזו איז איין שליח גיוועזן איין נאמן · אונ האט זיך ניט גיזוימט הינטר וועגין אונ האט גיגעסין אלש וואש איז אים צוא גיקומען אפילו טרוקן ברוט · נאר ער זאל קענין זיין לעבין דער האלטין צו טאן דאש שליחות פון מלך · דער אנדערער שליח האט זיך שוין יוא גיזאמט הינטער וועגין · אונ איז נאך גיגאנגן זיין וואול לושט מיט עסין אונ טרינקען אונ איז גיבליבין ליגין אין דער ארבריג · אונ האט פאר געסין זיין שליחות · נוא אז דר שליח נאמן קומט פארין מלך · דא פרייאט זיך דער מלך אונ בצאלט אים זיין שכר · אבר יענער שליח וואש האט פאר געסין זיין שליחות שיקט נאך אים דער מלך · אונ זאגט צוא אים איך האב דיך גישיקט מיינע זאכין צוא פאריכטין אונ דו האסט דרינן פאר געסין · אונ ביסט נאך גיגאנגען נאך דיין לוסט · אזו לאזט ער אים הייגגן · אזו איז דאש אויך · דער צדיק טוט דאש שליחות פון גאט בקומט ער עוה"ב · אבר דער רשע איז פאר קערט קומט ער אין גיהנם :

דרום ווארום זאל דער מענטש אזוא אלש גאך לויפין נאך געלט · ער מוז עש דאך אלש איבר לאזין · ווארום זאל ער בעסר ניט איין זאמלן זעלכע זאכין וואש ער נעמט מיט זיך מיט אויף יענר וועלט · דאש איז תורה

אונ מעשים טובים אויב דער מענטש וויל זיך גידיינקען איך וועל איבר לאזין דאש געלט מיינע קינדר דאש איז דיא גרעסטע נארעשקייט אין דר וועלט · דען טאמר וועט ער ארום ווערין נאך ביי זיין לעבין · אזו ווי דער פסוק זאגט בחצי ימיו יעזבנו ובאחריתו יהיה נבל אין זיינע האלבע יארין וועט ער דאש געלט פר לאזין · אונ זיין סוף וועט זיין שאלקהאפטיג זעהן מיר דאך אלע טאג דאש איינער ווערט רייך · אונ דער אנדערר ווערט ארום דאש אנדרע ווער ווייסט אויב זיינע קינדער וועלין עש בהאלטין : דאש דריטע טאמער וועלין זיינע קינדער נאך זינדיגין דער מיט · דאש זיא וועלין זיך בגאוה האלטין · אדער טאמער וועלין זיי זיך קריגען דער מיט · אדר זיא וועלין דער מיט טאן אנדרע הרבה עבירות · אונ טאמר אז זיי וועלין קיין געלט ניט האבין וועלין זיי זיין צדיקים אונ אפילו ער וועט זיך שוין ערלאך פירן מיט זיין געלט טאמער וועלין זיינע קינדער דער מיט זינדיגן · נוא קאן דאך זיין ער זאל דריבער עולם הבא אן ווערין אזו ווי דר פסוק זאגט יש עושר שמור לבעליו לרעתו עש איז פאר האנדן אזו איין עשירות וואש איז גיהיט צו זיין בעלים צוא זיין בייז · דרום זאל זיך איטליכער מענטש תמיד משמח זיין מיט וואש גאט האט אים באשערט · אפילו ער איז גאנץ ארום זאל זיך אים דוכטין ער איז רייכער פון מלך · אונ זאל זיין בטחון האבין אויף גאט : דאש ער שפייזט דיא גאנצע וועלט ווי דער פסוק זאגט נותן לחם לכל בשר גאט גיט ברויט צו אלע באשעפניש אויך שטייט פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון ער עפינט זיין האנט אונ מאכט זעטין איטליכן מענטשין נאך זיין רצון נאך דעם מענטשין גיט ער ברויט אונ פלייש · אונ דיא בהמות גיט ער שפייז דרום איז ראוי אז דער מענטש זאל זיך משמח בחלקו זיין אז וויא דיא בהמות אונ חיות זיינען פרייליך צוא זייער שפייז :

אין מדרש שטייט איין מעשה · עש איז גיוועזן אחסיד בשעת ער האט גיוואלט עסין · האט ער זיך אן גיטאן טלית אונ תפילין אונ האט צום אויף גיזאמלט זייני תלמידים · אונ האט זיי אויך אן גיטאן טלית אונ תפילין · אויך זיין גיזינד האבן אויך אן גיטאן זייער טליתים אונ תפילין · אונ זיי אלי האבן אן גיהובין צו זינגן שיינע לויבן גיזאנג צו הקב"ה פארין עסין האבין אים די לייט גיפרעגט ווארום טוט איר דאש · האט ער גיזאגט ווען איך וואלט זיין אין איין תפיסה אונ וואלט ניט האבין צו עסין וואלט איך בוודאי גיבעטין דעם ממונה פון דר תפיסה · אונ וואלט אים פיל געלט גיגעבן ער זאל האטשי געבין אשטיקל גערשטין ברויט דאש איך זאל ניט שטארבן פר הונגר · נון מכ"ש וק"ו הקב"ה גיט מיר עסין אונ איך זיץ אונטר מיין טיש אונ טוא מיר אן תענוג · נאך מער ער גיט מיר מיין ברויט אן טירחה · ווען אפילו איך זאל דארפן אליין אקרין אונ זייען אונ שניידין אונ דרעשין · אונ ווינד שויפלין · אונ מאלין אונ זיפן · אונ קנעטין אונ באקין וואלט איך דאך דער מיט גרויש מיא. גיהאט וואלט איך בדארפט צוא לויבין נוא מכ"ש אז ער גיט מיר אלש פארטיגש · אונ צו דער צייט · דארף איך אים דאך בוודאי לויבן מיט גרויש שמחה אויף דעם גרושן חסד וואש ער טוט מיר אלע טאג :

נאך איינש איך דארף דאך לויבן הקב"ה דאש ער גיטימיר מיין שפייז אונ בדערפניש פון זיין מילדע האנט · ניט פון לייטיניש גאב · דען זייער גאב איז ווינציג · אונ די שאנד איז פיל · דרום לויב איך הקב"ה אויף זיין גרויש חסד · דאש איך זיץ בייא מיין טיש · אונ האב נאך אורחים בייא מיין טיש · דען דער וואש זיצט איבר אפרעמדין טיש · אונ עסט מיט פרעמדע לייט · דעם איז די גאנצי וועלט פר פינצטרט · רב חסדא זאגט זיין לעבין איז קיין לעבין ניט · דרום האב איך הקב"ה צו דאנקן :

תנו רבנן די רבנן האבן גלערינט דריי זיינן וואש זייער לעבין איז קיין לעבין ניט · דער וואש האפט צו זיין חברש טיש דר עסט ניט צו דר צייט אונ אויך ניט די שפייז וואש אים ליב איז · דאש אנדרע ווער עש לאזט דאש ווייב גיוועלטיקן איבר זיך · דאש דריטע ווער עש האט יסורים אין זיין לייב · אטייל זאגין אויך דער וואש האט מער ניט איין העמד אן צוא טאן · דאך אפילו ער עסט ביי איין פרעמדין טיש זאל ער דאך גאט לויבן · אונ זאל זיך לאזין בנוגן גלייך ווי ער וואלט רייך גיוועזן אונ וואלט גיגעסין בייא זיין טיש

איטליכר

אטליכר יהודי איז מחוייב גאט צו לויבין · אפילו עש גייט אים איבל · אדער ער איז ארום · אדער ער איז קראנק · אדר אפילו ער איז אין דר תפיסה · אז וויא דוד המלך זאגט צרה ויגון אמצא ובשם ה׳ אקרא צרה אונ קלאג האב איך גיפונן אונ אין דעם נאמן פון גאט האב איך דאך גירופין · אויך זאגט דר פסוק צדק ומשפט אשירה לך ואזמרה נית אזו ווי די עובדי כוכבים טוען ווען עש גייט זייא וואול לויבין זייא זייערי צורות כוכבים · אונ ווען עש גייט זייא איבל פלוכן זייא זייערע צורות כוכבים · ווי דר פסוק זאגט כי ירעב והתקצף במלכו ובאלהיו אז ער איז הונגריג צערינט ער אויף זיין מלך אונ גאט אבר מיר קינדר ישראל זיינן מחוייב גאט צו לובן אפילו עש גייט אונז איבל · דען אפילו ער שיקט יסורים אויף אמענטשין איז עש אלץ לטובה :

עש איז איין משל איינר איז חייב מיתה גיווארין בייא דעם מלך · אזו שטארקט ער זיך בכל היכולת אונ מיט כל התחבולות · דאש מיזאל אים נאר איין האנט אפ שניידן · אונ אז ער פועלט דעם חסד דאש ער ווערט דער לייזט פון שווערין טויט · דאנקט ער דאך אונ לויבט דעם מלך · אזו אויך אז עש קומען יסורים אדר קריינק אדער ארומקייט אויפן מענטשן · איז דאש דאך איין כפרה אויף זיינע זינד · וואש ער וואלט אויף זיי גימוסט גרויש עונש ליידין אין גיהנם · אונ ער קומט דאך אפ מיט איין קליינע ווייליע יסורים אויף דר וועלט · אזו דארף ער דאך דאנקן גאט דרויף אזוא גיפינן מיר אויך דאש איוב איז אום גיקומען פון זיין האב אונ גוטש · אונ פון זיינע בהמות אונ שיינע הייזיר · אונ קעסטליכי קינדר · האט ער דאך גילובט גאט · אונ האט גיזאגט גאט האט עש מיר גיגעבן אן משפט גאט האט עש ביי מיר ווידר גינומן מיט משפט דען ער האט דאך גיזעצט זיין בית דין של מעלה מיט מלאכים אונ זיי האבן גמשפט אויב ער זאל עש בייא מיר ווידר נעמין אזו האבן זיי דאך בוודאי גמשפט פון מיין טובה וועגין אזו אויך דארף איטליכר מענש טאן : אונ דר מענטש וואש איז בועט אין יסורים אונ איז זיי אויף זיך נית מקבל באהבה · אונ איז זיך חו״ו צער דרויף · טוט ער אגרוישי עבירה · דאש ערשטי

ער נעמט נית אן פר ליב די שטראף פון גאט · דאש אנדרי אז ער זאל זיי יוא אן נעמין פר ליב וואלטן זיי דאך גיוועזן איין כפרה אויף זייני זינד · ווי עש שטייט את אשר יאהב ה׳ יוכיח וועמן גאט האט ליב שטראפט ער · כדי עש זאל זיין אכפרה אויף זייני זינד · אונ אז ער נעמט זיי נית אן פר ליב זיינן זיי קיין כפרה נית · מעשה איין מלך האט בייא זיך גיהאט איין דאקטר איין יהודי · לסוף איז דער מלך זייער ברוגז גיווארין אויף אים · אונ האט אים גינומן אין תפיסה ארייין · אונ האט אים אן גיטאן אייזרני קיטן אויף זייני הענט אונ פים · אונ אויפן האלז · אונ האט אים גיגעבן אלי טאג נאר אשטיקל גערשטין ברויט · אונ אקריגל וואשר · אונ האט אים אן גיטאן גראבי קליידר · דאש ער האט אים גיוואלט פייניגן · דר מלך האט גיוואוסט דאש דר דאקטר איז אגרויסר חכם · האט ער אלין נאך גיפרעגט וואש ער רעט · אבר דר דאקטר האט גוואול גיוואוסט דאש דער מלך וואלט גערין גיהערט וואש ער רעט · אזו האט ער נית גירעט קיין שום ווארט דיא גאנצע צייט אפילו מיט דיא שומרים · אונ האט אפילו נית גיזאגט איך בין הונגעריג :

אמאל האט דר מלך גשיקט נאך זיין ווייב אונ קינדר אונ זאגט צו זיי זאלין צו אים קומען אין תפיסה ארייין · אונ זאלין מיט אים ריידין זייגען זייא גינאנגין צו אים אונ דר מלך האט זיך צו גיהערט וואש זיי וועלין ריידין האבין זיי גיזאגט צו אים דוא ביסט דאך אין גרוישע לייד · אונ ליידסט גרויש הונגר אונ דארשט · אונ דוא ביסט דאך שיין אונ רויט אויפין פנים אונ ביסט פעט · זאגט ער מיינע ליבע פריינד אין אלע מיין עסין אונ טרינקען טוא איך ארייין זיבין אירליי קרייטיכר · דרום בלייבט שיין מיין פנים זאגין זייא צו אים זאג אונז טאמער וועט אונז אויך אמאל זעלכע יסורים צוא קומען וועלין מיר וויסען וואש צו טאן · זאגט ער איך וועל אייך זאגין וואש דיא זיבין ערלייא קרייטיכער זייגען · דאש ערשטע איז בטחון דאש איך האב מיין בטחון צו השי״ת דאש ער וועט מיך מציל זיין פון אלע צרות אונ וועט פר קערין דעם מלך זיין הארץ ער זאל זיך מרחם זיין איבער מיר · אונ ער

וועט מיר בודאי העלפין אזו ווי דער פסוק זאגט ברוך
הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו דען ווער עס פר זיכרט
זיך אין גאט איז גאט זיין פר זיכערונג · דש אנדערע
איז תקוה איטליכר דארף האפין. צו גאט דש ער וועט
ניט פאר פאלין ווערין אין זיינע צרות:
דאש דריטי איז סיבה עס קומן ניט קיין יסורים אופין
מענטשין סיידין איבר איין סיבה· דאש ער האט
זיך פאר זינדיגט · דאש פערטע איז מה אעשה וואש
קען איך טאן וויא זאל איך ווענדין דיא גיבאט פון
מלך סיידן מיט האפונג צו גאט· דאש פינפטע איז שמח
ביסורים איך פרייא מיך מיט מיינע יסורים דאש גאט
שטראפט מיך אויף דר וועלט כדי איך זאל ריין קומן
לעולם הבא · וויא דר פסוק זאגט אשרי הגבר אשר תיסרנו
יה וואול דעם מענטשין וואש גאט שטראפט אים אויף
דר וועלט · דאש ער ווערט גילייטרט לעולם הבא · אז
ווי די גמרא זאגט רבי יהושע בן לוי זאגט ווער עס פרייט
זיך מיט זייני יסורים אויף דער וועלט ברייגגט ער די
גאולה ווי דר פסוק זאגט בהם עולם נושע מיט דיא יסורים
ווערט דיא גאנצי וועלט גיהאלפן · דאש זעקסטע איז
שמח בחלקו איך פריי מיך מיט מיין חלק וואש גאט האט
מיר גיגעבן · אונ לאז מיך בנוגן דר מיט · אונ בגער
ניט נאך וואול טעג · אונ גידיינק עס איז נאך פאר
האנדין אזעלכי וואש ליידן נאך ערגרי יסורים פון מיר
דאש זיבטי איז ישועת ה' איך וייס דאש הש"י קאן
מיר העלפין אין איין אויגן בליק דען ער איז איין רחום
וחנון ער דער בארימט זיך איבר דעם מענטשין אונ טוט
מיט אים פיל חסד· ער וועט דאש ביז פון מיר אפ טאן·
אונ וועט בצאלין מייני פיינד וואש האבן מיך פר מסרת
בייא דעם מלך:

נון מיין ליבי פריינט איטליכר זאל זיך די זיבן ערלייא
קרייטיכר אין מוה אריין נעמין · וועט אים הש"י
בוודאי ניט פר לאזין אז ווי דר פסוק זאגט ובוטח על ה'
ידושן ווער עס פר זיכערט זיך אן גאט ווערט פעט דען
ער האט תמיד אגוט לעבין . אונ איז פריליך אז ווי
רבי אליעזר זאגט ווען איינר האט היינט צו עסין· אונ
פרעגט וואו וועל איך מארגן נעמן · דער איז מקטני
אמנה ער גלייבט ניט דאש הש"י גיט איטלכן מענטשין
זיין שפייז:

## הלכות לשמח בחלקו פרק תשעה עשר

מיר קענן דאך אפ לערנן פון שלמה המלך · ער איז
דאך דער רייכסטער מלך גיוועזן אויף דער ערד ·
אז וויא דיא חכמים שרייבין · אויך אין מלכים שטייט
אויך פיל פון זיין עושר. · אז וויא דער פסוק זאגט אין כסף
נחשב בימי שלמה למאומה קיין זילבר איז ניט גאכט גיוועזן
אין שלמה צייטין · עס איז גילעגין אויף דער גאס · אז
וויא איצונד ליגן דיא שטיינער · אז שלמה המלך האט
גזעהן דאש ביז וואש עס קומט פון עשירות · דען דער
עושר האלט זיך בגאוה · אונ טוט אפ פון זיך יראת
שמים · אונ דורך דעם פר זינדיגט ער עוה"ב אזוא האט
ער גבעטין צו הקב"ה ריש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חוקי
קיין ארומקייט אונ קיין עשירות זאלסטו מיר ניט געבין·
נאר גיב מיר מיין שפייז אלע טאג · דען דאש עשירות
וועט מיך אום ברייגגן פון עולם הבא · אונ אויך דאש
ארומקייט וועט מיר ברייגגן צוא גניבה אונ חלול השם :
נון זעהט וויא גרויש איז דיא מצוה פון דעם וואש איז
זיך משמח בחלקו אונ לאזט זיך בנוגן מיט וואש
גאט האט אים גגעבין · דען ער ווערט בהיט פון פיל
גרוישע עבירות · פון גניבה אונ גזילה אונ קנאה אונ
שנאה · אונ השגת גבול · אונ גילוסט ניט צו זיין חברש
זאכין · דען דער וואש איז עובר אויף לא תחמוד איז ער
כמעט עובר אויף כל התורה כולה · דען אלע עבירות
הייגגן דריגן · גניבה אונ גזילה אונ רציחה · אונ עבודת
כוכבים · דען ווען איינר גילוסט צוא זיין חברש געלט ·
דא איז ער אים מקנא · דער פון קומט שנאת חנם · איין
עבירה ברייגגט דיא אנדרע עבירה · אונ דער בעל מקנא
האט קיין מאל קיין מנוחה ניט :

איין חכם האט גיזאגט וויא הארב איז דער עונש פון איין
בעל מקנא · דען יענר וואש ער איז אים מקנא דר
זעהט אין אים זיין נקמה · דען דר בעל מקנא איז זיך אלע
מאל מער מצער פאר וואש עס גייט יענעם וואול · אונ
זיין לעבין איז איטל צרות אונ וייא טאג · אזוא ווערט
ער צארינדיג איבר הש"י דאש עס גיפעלט אים ניט וויא
ער טוט · דרום ווערט דיא קנאה בייא אים גישטארקט ·
אזו קומן אויף אים פיל חולאים רעים · ער מוז שטארבן
אין האלב יארין · אזו אויך שטייט אין פרק רבי אליעזר

הקפר

הקפר זאגט די קנאה אונ דער תאוה אונ דער כבוד ציהן אויש דעם מענטשין פון דער וועלט · דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין אז צוא טאן פון זיך דיא בייזע מדה פון קנאה · אונ זאל זיך בנוגן לאזן אונ זיך משמח זיין מיט וואש גאט האט אים בשערט · עושר אדר דלות גיזונד אדר קריינק וואול טאג אדר יסורים · אונ זאל קיין בעסערש ניט בגערין · אזוא טואן דיא רעכטע צדיקים וואש האבין זייער בטחון אין הש"י :

אויך דער וואש גילוסט צוא אלים דער לאזט זיך אויך ניט בנוגן · אויך דער וואש בגערט כבוד · דער איז זיך אויך ניט משמח מיט דעם זייניגן וואש גאט האט אים צוא גיטיילט · אונ האט קיין בטחון ניט אין גאט · דאש ער קען אים געבן כבוד אדר עושר · דא וועל איך אייך געבן צו פר שטיין וויא מיזאל דער קענען איין מענטשין אויב ער איז איין בעל מקנא בפרט אין איין עושר דאש עשירות איז גיטיילט אויף צווייא חלקים איינע איז איין עושר פון זיין מזל ווענין דער אנדערר איז איין עושר פון זיין זכות ווענין דער וואש איז איין עושר פון מזל דער האט קיין בטחון גיט אין גאט · והא ראיה ער איז קארג אונ וויל קיין צדקה גיט געבין דער שטן זיצט אויף זיין געלט ער זאליוועט זיך זעלברט אויש צוא געבין · אז וויא אויבין שטייט פיל דער פון אין הלכות משא ומתן · אבער דער עושר פון גאט ער גיט צדקה · אונ האט זיין בטחון אין גאט · אז וויא דער פסוק זאגט ברכת ה' תעשיר דיא ברכה פון גאט מאכט רייך · אבר דער עושר וואש האט ניט בטחון אין גאט זאגט אויף אים דער פסוק ואבד העושר ההוא דער זעלביגר עושר וועט פרלארין ווערן :

דרום זאל איטליכר אויף זיך נעמען די מדה פון בטחון אונ זאל זיך משמח בחלקו זיין · אונ זאל מודה זיין דאש די השגחה פון גאט איז אויף איטליכן מענטשין דאש ער גיט איטליכן זיין שפייז אלע טאג צו דר רעכטר צייט · אבער דער וואש פאר לאזט זיך אויף זיין חכמה נעמט בייא אים גאט אוועק זיין חכמה · וויא דער פסוק זאגט לוכד חכמים בערמה ער בצווינגט דיא חכמים מיט זייערע ערמות · אונ דער וואש פאר לאזט זיך אויף זיין עושר · נעמט בייא אים גאט אוועק זיין עושר · וויא דער פסוק זאגט והבוטחים על חילם דיא וואש פאר זיכרין זיך אויף זייער געלט · ווערט עש פאר לארין וויא איין אהלער פליהט אוועק · אויך זאגט דער פסוק בחצי ימיו יעזבנו אין זיינע האלבע יארין וועט ער דאש עשירות פר לאזן · ואחריתו יהיה נבל אונ זיין סוף וועט זיין שאלקהאפטיג נאך מער טוט גאט דעם וואש פאר זיכערט זיך אין זיין עשירות · אונ האלט זיך גרויש דער מיט · דאש ער קען דער פון קיין הנאה גיט האבין וויא דער פסוק זאגט ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו גאט האט אים ניט גימאכט גוועלטיגן צוא עסין דער פון :

נאך מער דר וואש נעמט זיך איבר מיט זיין געלט · דר פאר לייקינט אין גאט ח"ו וויא דער פסוק זאגט כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב דיא וואש פאר לייקינן אין גאט ווערין ארום אונ הונגריג · אבער דיא וואש פארשטין גאט זיינען ניט גימינרט אל דאש גוטש · אונ דער וואש פאר זיכרט זיך אין זיינע קרובים ווערין זייא אים פאר לאזין · וויא דער פסוק זאגט אח לא פדה יפדה איש איין ברודר וועט ניט אויש לייזן דעם אנדרין אין זיינע נויטן · אזו זאגט גאט ער זאל זיך ניט ברימען דער גבור מיט זיין גבורה · אונ דער עושר מיט זיין עשירות · השכל וידוע אותי ער זאל קלינן אין דער תורה · אונ זאל וויסן מיינע ווענין · אזו וויא איך בין איין רחום וחנון אזו זאל ער אויך זיין :

ווען איינר איז אפילו איין ארומן זאל ער זיך דאך משמח זיין מיט זיין דלות גליך ווי גאט וואלט אים גבענצט מיט אגרוישע מציאה · אונ ער זאל תמיד איז זאגין מיין ליבער גאט יתברך דוא האסט מיך בשאפין פון ניסט אונ האסט מיך גישפייזט אין מיין מוטערש בויך · אונ דוא האסט מיך גישפייזט אין מיין מוטרש ברוסט · אונ אויך פון מיין יוגנט ביז איצונד ניט פון ווענין מיינע גוטע מעשים · דען איך בין איין זינדיגר מענטש אונ בין ניט ראוי דאש גוטש וואש איך האב גיהאט פון דיר גאט מיין גאט · נאר פון דיין גרויש גינאד אונ בארים הארציקייט ווענין · דאש דיין חכמה ווייזט אזוא אויש · נון איצונד חאטשע מיינע שפייז זיינן אביסל פר ענדערט · בין איך זיך משמח מיט דיין שטראף · אונ בין עש מקבל באהבה דען איך וויים וואול וואש דוא טוסט מיר אלם לטובה ·

דר

דער גאט וואש האט מיך גישפייזט פון מיין יוגנט ביז אהער • אים לויב איך אונ בין אים מחוייב צו לויבן אויף דעם אלים וואש ער הט מיר גיטאן • אונ אויף דעם וואש ער טוט מיר אונ אויף דעם וואש ער וועט מיר טאן • נון וויא זיין היילגר נאמען וויל אונ גיבייט אויף מיר בין איך אויף מיר אלש מקבל באהבה אונ וועל מיך פרייען דער מיט • גלייך וויא מיט אגרוישע מציאה :

מעשה איין מלך האט ארויש גיקוקט פון פענצטר פון זיין שלאם • אונ דער שלאם איז גישטאנן לעבן טייך • האט ער גיזעהן וויא עש איז גיקומען איין אלטר מאן • אונ האט זיך גיזעצט אויפן זאמד ביי דער וואשר • אונ האט ארויש גינומן איין דארע שטיקל ברויט • אונ האט עש צוא נוייקט אין וואשער ביז עש איז צו ווייקט גיווארין • דר נאך האט ער עש גיגעסין אונ האט גטרונקן וואשער פון טייך • דר נאך האט ער זיך גילייגט שלאפין אויפן זאמד • אזוא האט אים דר מלך גישיקט רופן אונ האט אים גיפרעגט דו ביכט דא גיזעסין אויפן זאמד • זאגט ער יוא מיין ליבער קיניג • זאגט ער איך פאר וואונדער מיך דוא אלטער מאן • וויא דוא לאזט זיך בנוגן אונ האסט אזו איין בייז לעבין • זאגט ער מיין ליבר קיניג איך בין מיך משמח דער מיט גלייך וויא איך וואלט גיגעסין בעדני מלכים זאגט דער מלך איך פאר וואונדר מיך וויא דוא ביכט זיך משמח מיט אזוא איין בייז לעבין • זאגט ער מיין ליבער קיניג איך וועל אייך זאגין ווער עש האט איין ערגער לעבין פון מיר • זאגט דער מלך זאג • זאגט ער ווער עש לויפט נאך געלט אונ גוטש • אונ וואלט גיגערין רייך גיווארין • דער האט איין ערגער לעבין פון מיר • דען ער האט קיין מאל קיין רוא ניט אויף זיין הארצין ביי טאג לויפט ער אהין אונ אהער • וויא איין משוגנער אונ ביי נאכט שלאפט ער ניט • אונ טראכט וויא אזו ער זאל געלט גיווינן • אונ ער פארט איבער ימים אונ מדבריות אויף יארידים אונ טאג אונ נאכט האט ער מורא אונ זארגט פאר גזלנים • אונ אז ער קומט שוין אהיים • דא זארגט ער ווידר • אונ רעכנט חשבונות מיט זארג אונ אנגסט • אונ עש איז אים קיין מאל ניט גינוג • ער ריכט זיך תמיר ווידער צו פארין אונ ויא מיין ער גווינט • וויל ער נאך מער האבין • אוהב כסף לא ישבע כסף ווער עש האט ליב געלט • דער ווערט ניט זאט מיט געלט • אויך קאן ער קיין מאל ניט שלאפן וויא דער פסוק זאגט והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון איין עושר וואש לאזט זיך ניט בנוגן דער קאן קיין מאל ניט שלאפין • אונ זיין סוף איז ער פאר לירט ביידע עולמות • דאש ער ווערט אן זיין געלט • אונ ווערט אן אויך עולם הבא :

אז דער מלך האט דאש דער הערט פון אלטין מאן הט ער אים מודה גיוועזן אונ הט אים זייער גילויבט • אונ האט אים גגעבן גרוישי מתנות • דרום זאל איטליכר די מעשה אין מוה ארין נעמן אונ זאל זיך משמח בחלקו זיין אונ זאל זיין ביטחון האבין צוא הקב"ה • אונ עש איז בעסער ער זאל זיך בהעלפין וויא וייט ער קאן • אונ זאל אום שבת עסין גלייך וויא אום דער וואכין • אונ זאל צו קיין לייטן ניט בדארפן • וואול דעם מענטשן וואש דר נערט זיך פון זיין יגיע כפיו וויא דר פסוק זאגט יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך אז דו וועסט עסין פון דעם וואש דו פאר ארביסט מיט דיין האנט • וועט דיר וואול זיין בעולם הזה ובעולם הבא • נמצא אז דער וואש איז קיינעם ניט מקנא • אונ איז זיך משמח בחלקו • דער האט איין גוט לעבין • אונ לעבט מיט שלום אונ פריידי אז וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט נתת שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו עש גיט מיר איין שמחה אין הארצין ווען דאש קארין אונ ויין פון דיא רשעים טוט זיך מערין כלומר איך בין מיך זיין משמח מיט מיין ביסל • וויא דיא רשעים זיינן זיך משמח מיט זייער פיל קארין אונ וויין • דען זייא זיינען זיך ניט משמח • אונ גלוסטן תמיד צוא מער אבער איך לאז מיך באנוגן מיט מיין ביסל • איך לייג מיך מיט שלום • אונ שטייא אויף מיט שלום • אונ שלאף במנוחה • אונ שטייא אויף במנוחה : וויא דר פסוק זאגט בשלום יחדו אשכבה ואישן כי אתה ה' לבדד לבטח תושיבני אמן :

סליק פרק לשמוח בחלקו

## הלכות לקיים המצות פרק העשרים

דער צוואנציגטר פרק רעט וויא מיזאל דיא מצות טאן : אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' דאש איז דאך ידוע

ידוע אז דיא מצות פון דער תורה זיינן גיטיילט אויף דרייא חלקים · אטייל הייסן מצות · אונ אטייל הייסן משפטים · חוקים זיינען דיא מצות וואש מיר ווייסן אויף זייא קיין טעם ניט · דהיינו ציצית אונ תפלין שעטנז חזיר · זעלכע מצות וואש דער יצר הרע אונ דיא עובדי כוכבים שפעטין דער פון די הייסן חוקים מצות זיינן אזעלכע מצות וואש מיר ווייסן יוא דעם טעם דער פון · דהיינו שבת אונ יו"ט סוכה · משפטים דאש זיינען דיא דינים · ווען איינער דעם אנדרין איז שולדיג געלט · אדר. ער טוט אים איין שאדין · אדער גניבה גזילה דאש הייכט משפטים דאש זאגט דיא תורה אם בחקותי תלכו אויב איר וועט גיין אין מיינע חוקים · חאטשע איר ווייסט ניט דעם טעם דער פון · אונ מיינע מצות וועט איר היטן כלומר אז וויא איינער וואש היט אונ ווארט עש זאל אים צוא קומען איין מצוה · דאש ער וויל זיא טאן אום גיזאכט:

דיא גמרא זאגט אין עבודת כוכבים אם בחוקתי תלכו דאש מיינט מען איר זאלט זיך מיען אין דר תורה אונ אלע אייערע עסקים זאלן זיין אין איר · ואת מצותי תשמרו דאש מיינט מען איר זאלט דיא מצות טאן · דען ווען איינער לערינט תורה · אונ טוט קיין מצות ניט · איז זיין תורה פאר נישט גירעכינט · אונ אז ער טוט מצות אונ לערינט קיין תורה ניט · זיינען זיינע מצות פאר נישט גירעכינט דען ער ווייסט דאך ניט וויא אזו דיא מצוה צוא טאן אז וויא איך וועל דא בעסר בשיידין · וויא דער פסוק זאגט ואם לא תשמעו לי ולא תעשו אויב איר וועט מיך ניט צוא הערין צו לערנן תורה · וועט איר ניט קענן דיא מצות טאן · די גמרא זאגט ווייטער אויף דעם פסוק דר וואש לערינט ניט קיין תורה · דער טוט פיל עבירות · דאש ערשטע ער לערינט קיין תורה ניט · דאש אנדערי ער טוט די מצות ניט · דאש דריטע ער האט פיינט די וואש לערנן תורה דאש פערטע דיא תורה אונ מצות זיינען אים מיאוס דאש פינפטע ער וויל ניט ליידין אנאנדער זאל תורה לערנען · אדער דיא מצות טאן · דאש זעקכטע ער ווערט אנדרע תורה צוא לערנן · אדער דיא מצות צו טאן · דאש זיבעטע ער איז כופר בעיקר אבער דער וואש לערינט יוא תורה אדר ער העלפט תורה לערנן · אונ ער לערינט זיא דרום כדי ער זאל וויסן וויא אזוא די מצות צו טאן · אונ ער לערינט אויך מיט תלמידים אונ מאכט דיא לייט תורה לערנן אונ מצות טאן · דר בקומט לאנג לעבן אויף דער וועלט · אונ איז אויך זוכה לחיי עולם הבא · אונ דער וואש הייבט אן איין מצוה צוא טאן זאל ער זיא גומר זיין · אונ אויב ער איז זיא ניט גומר איז זיין עונש דאש ער בגראבט זיין ווייב אונ קינדר דאש לערנן מיר אפ פון יהודה ער האט אן גיהויבן אמצוה צוא טאן · דאש ער האט זיין ברודער יוסף מציל גיוועזן פון טויט · נאר ווייל ער האט זיא ניט גומר גיוועזן דאש ער האט אים ניט אהיים גיבראכט צום פאטער · דריבער האט ער פאר זינדיגט זיין ווייב בת שוע אונ זיינע צווייא זין ער ואונן ·. אלע צייט זאל איין מענטש נאך קלערין וואו עש איז ערגין דא אמצוה צוא טאן · זאל ער זיא טאן אום גיזאכט אונ מיט שמחה גלייך וויא ער וואלט אמציאה גיפינען · עש איז איין משל איין מלך זאגט צוא איינעם. גייא אונ ברייננ מיר איין רויז דאש איך זאל פון איר הנאה האבין · דא וועל איך דיך רייך מאכין · אונ וועסט בייא מיר נושא חן זיין · דער וואש איז קלוג דער גייט מיט שמחה אונ זוכט אויש דיא שענסטע רויז אונ לייגט זיא אריין אין אנידרגע טיכל · אונ ברייננט זיא פארין מלך מיט שמחה · אזו גיט אים דער מלך נאך מער וויא ער האט אים צוא גיזאגט · אבער דער וואש איז ניט קלוג · טראכט ער זיך וואש וועט מיר דער מלך געבין · ער האט וואול אנדערע רויזן אין זיין גארטין וואש בדארף ער מיין רויז · אונ גייט אונ פאר לאזט דעם מלך גיבאט · דער ווייל גייט ער אונ גיפינט איין פאר שבירטע רויז · נעמט ער אונ ברייננט זיא פארין מלך · אזוא ווארפט ער אים זיא דאך אין פנים אריין · אונ הייסט אים ארויש ווארפין:

אזוא זיינען די מצות ווער עש זוכט נאך נאך זיי אונ טוט זייא מיט שמחה אונ האלט דיא גיבאט פון הקב"ה אזו האט ער גרויש שכר אבער דער נאר דער רשע גייט נאך נאך וואול טאג אונ טראכט ניט אויף די מצות

אונ

אונ אז די מצוה קומט צו אים בשוגג טוט ער זיא אן כוונה אונ אמאל האט ער נאך בשעת מעשה אין זינן אויף איין עבירה דר איז מטנף זיין מצוה דרום ווערט ער ארויש גישטויסין מיט איר · דרום זאל איטליכער די מצוה טאן מיט שמחה אונ מיט כבוד אזוא וויא אז איינער קולעט איין עוף. טאר ער דאש בלוט ניט צוא דעקין מיט דער פוס אדער. מיט איין שטעקין נאר מיט דער האנט אדער מיטען חליף אזוא זאלין זיין אלע מצות · עש שטייט אין פרק הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה זיי גיווארינט אין אגרינגרע מצוה גליך וויא אין אנדרברע מצוה דען דוא ווייש ניט דעם שכר פון קיין שום מצוה · אופט איז דר שכר פון אגרינגער מצוה אונ פון אהארבע גליך והא ראיה · ביי כיבוד אב שטייט · למען יאריכון ימיך דאש איז דאך די הרבסטע מצוה אין דער וועלט ווי אזו מען הארף זיך מיט אים נוהג זיין וויא עש שטייט אין הלכות כיבוד אב ואם דא שטייט דר שכר דער ביי דאש לאנגע לעבין אונ ביי דר גרינגר מצוה. פון שלוח הקן אז ער גיפינט אן כוונה איינגעשט מיט פויגל זאל ער די מוטר אפ לאזן אונ די קינדר זאל ער נעמן דאש גווערט דאך נאר איין רגע שטייט אויך דער שכר דער ביי והארכת ימים · דאש לאנגע לעבין :

דרום האבין דיא חכמים ז"ל גיזאגט · אין מעבירין על המצות · מיזאל ניט איבער פארין אויף די מצות דאש איינער וועט וועלין זאגין איך וועל בעסער טאן יענע מצוה אונ דיא וועל איך לאזין ניין · העוסק במצוה פטור ממצוה · ווען איינר איז עוסק אין איין מצוה איז ער פטור פון דר אנדרר מצוה אזו אויך וועלכע מצוה עש קומט אים פריער · די איז ער מחוייב צו טאן · אונ זאל ניט זאגין איך וועל דיא מצוה לאזין אונ וועל ווארטין אויף יענער מצוה וואש איז גרעסער פון דער מצוה ניין ער זאל די ערשטע מצוה טאן אום גינאמט אונ אפילו ער פאר זאמט יענע מצוה איבער דער איז אים גרעכנט גליך וויא ער וואלט ביידע גיטאן אבער אז ער קען טאן ביידע מצות אונ טוט נאר איינע איז אים יענע ניט גרעכינט איר זאלט ניט מיינן דאש עש איז פר האנדן גרינגע אדער קליינע מצות ניין אלע מצות זיינען הארב אונ גרויש אונ קעסטליך אונ עש איז גרויש שכר אויף זיי נאר וואש דען מיינען דיא חכמים זאלסט גיווארינט זיין אין אגרינגע מצוה דש מיינט מען אזו איין מצוה וואש קאסט ווייניג געלט דהיינו ציצית אונ סוכה אדר אנדרע מצות וואש קאסטין ווייניג אבער דער תכלית המצוה איז ניט גרינג :

דיא מצות פון דער תורה זיינען גיטיילט אויף צווייא חלקים · איין חלק הייסט מצות עשה · דער אנדרר חלק הייסט מצות לא תעשה · אזעלכע מצות וואש הקב"ה האט גיבאטין צו טאן דהיינו ציצית אונ תפילין אונ מזוזה דאש הייסט מצות עשה אונ אזעלכע מצות וואש הקב"ה האט גיבאטין ניט צוא טאן דהיינו חזיר טריפות שעטנז דש הייסט מצות לא תעשה · ווען איינר איז עובר אויף איין לא תעשה שטייט זיין עונש אין דר תורה מלקות אדער מיתה · למשל ווען איינער איז מחלל שבת קומט אים סקילה · אונ ווען איינער איז מזנה מיט איין אשת איש קומט אים חנק · אז ער עשט חזיר אדער ער טוט אן שעטנז קומט אים מלקות אבר אויף די מצות עשה שטייט קיין עונש ניט נאר אויף צוויי שטייט יוא איין עונש דר וואש איז זיך ניט מל · אונ דר וואש ברייננט ניט קיין קרבן פסח איז זיין עונש כרת ווייטער שטייט קיין שום עונש ניט אויף דיא מצות עשה · נון זאל זיך קיין מענש ניט גידיינקען אז איך וועל די מצוה טאן וועל איך שכר האבין אונ אז איך וועל זי ניט טאן וועל איך קיין עונש ניט האבין אזו ווי אטייל לייט זיינען זיך טועה אונ מיינען עש איז קיין עונש ניט פאר האנדן אויף די מצות עשה · דרום די מצוה וואש קאסט זיי קיין געלט ניט אונ זיי האבן קיין טירחה ניט טואן זיי אונ די איברינגע מצות טואן זיי ניט · דרום זאלט איר ווישין אז דער וואש נעמט זיך אין מוח אריין אזו איין בייזע מחשבה דאש די מצות זיינען ניט גיאכט אין זיינע אויגן איז זיין עונש פיל גרעשער פון דעם וואש איז עובר אויף איין לא תעשה :

דען ווען איינער איז עובר אויף איין לא תעשה · דא בצווינגט אים דער יצר הרע דר צו · דש ער זאל דיא עבירה טאן · דרום אז ער טוט תשובה אונ חרטה אונ נעמט אויף זיך שוין ניט צו טאן קיין עבירות איז אים הקב"ה מוחל · אבער דער וואש איז מבטל איין מצות עשה דהיינו ער לייגט קיין תפילין ניט איין טאג אדר ער בענטשט ניט קיין אתרוג אונ קיין לולב דא



185

רייצט אים דער יצר הרע ניט אן דער צוא · נאר זיין
גיטער הארץ איז אזוא דאש די מצוה איז בייא אים
ניט גיאכט · אונ אז ער פר זאמט איין מצוה קען ער
זיא ניט צו ריק האפן · עש איז איין משל אמלך זאגט
צו זיינע קנעכט ווער עש וועט היינט טאן מיין ארבעט
אין מיין גארטין וועל איך אים געבין הונדרט גילדן ·
אטייל קנעכט ארבעטן עריגסט · אונ אטייל קערן זיך
ניט דער צו · אונ ארבעטין אנדרן אונ פאר דינן איין
האלבן גילדן · נוא זאל דער מלך ניט ברוגז זיין דרויף
דאש זייא פר שעמן זיין ארבעט מיט די הונדרט גילדן
אונ ארבעטין פאר אהאלבין גילדן · אזו איז דאש
אויך ער פאר זאמט דיא מצוה · אונ גייט נאך זיינע
עסקים וואש טרעפט גיט אן קיין טויזינט חלק פון דעם
שכר פון דער מצוה נמצא אז דער וואש איז מבטל
איין מצות עשה · איז הארבר ווי דער וואש איז עובר
אויף איין לא תעשה:

העולם הזה אויף דר וועלט איז צייט דר מענטש זאל
ארבטן אין תורה אונ מצות · אונ לעולם
הבא בקומט ער זיין שכר פר דר ארבייט · אבר דר וואש
האט קיין מצות ניט גטאן פר וואש זאל ער שכר נעמן
דר וואש נעמט זיך ניט מיט קיין צירונג אויפן וועג פון
וואש וויל ער זיך צירן · די וועלט איז גלייך ווי די וואך
אונ יענע וועלט איז גלייך ווי שבת · אזו ווי דר וואש
גרייט ניט אן פאר שבת דער האט ניט צוא עסין אום
שבת · אזו אויך ווער עש טוט קיין מצות ניט אויף דר
וועלט דר האט קיין שכר ניט אויף יענער וועלט · אבר
דר וואש טוט יוא מצות אויף דר וועלט · דר האט יוא
שכר אויף יענר וועלט · אזו ווי דר פסוק זאגט כל אשר
תמצא ידך לעשות בכחך עשה כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה
בשאול אשר אתה הולך שמה דאש מיינט מען אלין וואש דו
קענסט גרייכן מצות צו טאן אויף דער וועלט זאלשטו
טאן דען אין קבר וועסטו קיין מצות ניט קענן טאן אונ
אויך קיין תורה ניט לערנין דרויף זאגט דער פסוק ·
וחסרון לא יוכל להמנות ווען איינר איז אין איין חברותה וואש
טוען מצות אונ אמאל פר זאמט ער איין מצוה ווערט
ער גימינערט פון איר · דאש ער ווערט ניט גצילט מיט
זיין חברותה צו נעמן שכר אויף איר:

דרום זאל קיינר ניט פר זאמן קיין מצוה · אונ זאל ניט
זאגין יענע מצוה איז גרעסר · דען דש איז דאך
ידוע דאש מיר קענן ניט וויסן פון וועלכר מצוה עש
איז נאנץ דר עיבר אונ פון וועלכר עש איז קליין · דר
פסוק זאגט ושמרתם את המצות איר זאלט היטן די מצות·
דרשת די גמרא אז ווי מען דארף מאכין די מצות אום
גיזאמט· אזו זאלט איר אויך טאן די מצות אום גזאמט
תיכף ומיד · אז עש קומט איינם צו איין מצוה · זאל
ער זי טאן אום גיזאמט אונ זאל זי ניט אפ לייגן · דאש
ער זאל ניט זאגן איך וועל זי נאך צייט האבין צו טאן
אונ זאל זיך גידיינקן אז איין מלך בשר ודם זאל אים
היסין עפיס טאן וואלט ער עש דאך בוודאי באלד
גיטאן · מכ"ש וק"ו דר מלך מלכי המלכים הקב"ה גיבוט
אים דארף ער דאך עש בוודאי טאן גישווינד · אונ
גיפרישט אונ מיט פריילך גימיט דען ער גיבט דאך
עש פון מענטשינס טובה וועגין · דאש ער זאל זוכה
זיין לחיי עולם הבא ווי דר פסוק זאגט ה׳ חפץ למען צדקו
יגדיל תורה ויאדיר אונ כדי דר מענטש זאל אן גיבריית זיין
צו עולם הבא · דרום האט ער די תורה גרינג גימאכט
אונ האט פיל מצות גיבאטין דאש איטליכר זאל קענן
מצות טאן:

אונ ווען איינר טוט איין מצוה זאל ער זי זעלבסט טאן
מיט זיין האנט · אונ זאל זיא ניט היסין טאן זיין
זון אדר זיין קנעכט · כדי דיא מצות זאלן גליבט זיין
אין זייני אויגן · דהיינו ביי חנוכה ליכטליך זאל מען
קיין געלט ניט ציילן · אונ אויך קיין אנדר זאך גיט ניצן
דר ביי דעסט גלייכן די ליכט פון שול דארף מען אויך
ערליך האלטן אדר דעסט גלייכן אנדרי מצות · אז ווי
דיא גמרא ברייגט דרויף איין מעשה · יששכר כהן גדול
פון דעם דארף ברקאי · ער האט דיא מצות שוואך
גיהאלטן · בשעת ער האט גיבראכט קרבנות האט ער
זייני הענט איין גוויקלט אין איין זיידן טיכל · כדי ער
זאל זיי ניט איין שמירן · אמאל האבין זיך דר מלך מיט
דר מלכה גינועט· דר מלך האט גיזאגט איין יונגי ציגקלי
איז גוט צו עסין אונ די מלכה האט גיזאגט איין יונגע
שעפסלי איז בעסיר צו עסין האבן זיי גיזאגט ווי וועלין
מיר עש וויסן · לאמיר שיקן נאך דעם כהן גדול האבן
זיי

זיי אים גיפרעגט וועלכים איז בעסר איין יונגע ציקלע·
אדר איין יונגע שעפסלע האט ער גישאקילט מיט זיין
האנט אונ האט גזאגט איין שעפסלע· דען איב ניט
וואס האט מען גיהייסן מקריב זיין איין שעפסלע
פר אקרבן תמיד· אונ ניט קיין ציקלי· דא איז דר מלך
זייער ברוגז גיווארין דאש ער האט אזו גישאקלט מיט
דר האנט· אונ האט גיהייסן מיזאל אים אפ האקין די
רעכטי האנט· האט ער שוחד גיגעבן האט מען אים
אפ גהאקט די לינקי האנט· איז דר מלך גוואר גיווארן
האט ער אים גהייסן די אנדרי אויך אפ האקין· זאגט
רב יוסף גילויבט איז גאט וואש ער האט דעם יששכר
זיין שכר אפ גיגעבן אויף דר וועלט דש ער וועט קומן
שיין לעולם הבא· נוא דאש זעהט מען אז דער וואש
האלט גרינג דיא מצות כוז ער עונש ליידין אויף דער
וועלט אדר אויף יענר וועלט אויך איז איטלכר מחוייב
אלי מצות חשוב צו האלטן ניט פר גרינג אונ קיינר זאל
ניט קלינן צו זאגן וואש הארט עש הקב"ה אז איך וועל
גיין אין שעטנז· אדר איך וועל קיין שופר ניט הערין
בלאזין· אדר איך וועל אין סוכה ניט עסין· אדר איך
וועל עסין אן גיוואשין· אדר איך וועל קיין ברכה ניט
מאכין קיינר טאר זיך אזוא ניט גידיינקען· אונ זאל
גידיינקן ווער עש האט דאש גיבאטן. אונ אפילו ער
ווייס ניט דעם טעם אונ די כוונה פון דר מצוה זאל ער
זי דאך טאן דען דר וואש האט גיבאטן די מצוה איז
ער איטל חכמה· אונ עש איז ניט פר האנדן קיין שום
מצוה אין דר תורה עש זאל אין איר ניט זיין קיין גרויש
חכמה וויא דער פסוק זאגט כי לא דבר רק הוא מכם משה
רבינו ע"ה זאגט צו ישראל לערינט די תורה אונ טוט
די מצות· דען עש איז קיין לער ווארט ניטא אין איר
אונ עש איז גרויש חכמה אונ גרוישי סודות אונ איטלכר
מצוה ברייננט דעם מענטשין צום אייביגן לעבין:

דרויף זאגט דר פסוק אמרת אלוה צרופה מגן הוא לכל החוסים
בו דיא זאג פון גאט זיינן גלייטרט אונ לייטרין
אויך דעם מענטשן צוא עולם הבא אונ עש איז איין
בשיצונג צו דיא אלע וואש בשיצן זיך אין הקב"ה אונ
איין בפיל איין נאר אונ איין רשע וואש זאגט וואש
נוצט די מצוה אונ שפעט פון איר זאל ער פר פלוכט
ווערן· דער פסוק זאגט· ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי
איך האב אייך אפ גשיידט פון די פעלקר איר זאלט זיין
צו מיר· דרשת דיא גמרא אויף דעם פסוק· מנין פון
וואנען איז גדרונגן דאש קיינר זאל ניט זאגין חזיר איז
מיאוס איך קאן עש ניט עסין· אדער מיר איז מיאוס
שעטנז צוא טראגין נאר איר זאלט זאגין איך וואלט
חזיר גיגעסין אדער שעטנז גיטראגין נאר איך וויל
זיין גאטש קנעכט· אונ וויל האלטן אלש וואש ער
האט גבאטין אין זיין תורה ווי דר פסוק זאגט להיות לי
איר זאלט פון מיינט ווערן מצות טאן אונ ניט פון
אייערט וועגין:

אויך דרשת דר פון די גמרא ווען איר טוט דיא מצות
דא זייט איר מיין פאלק· נמצא איז הער פון
גדרונגן ווען איינר טוט קיין עבירה ניט איז זיא אים
גרעכנט פר איין מצוה למשל ווען איינער איז הונגריג
אונ וויל עסין זאגט מען אים עם דאש ניט עש איז
טריפה· אונ ער עסט עש ניט איז עש אים גירעכנט
פר איין מצוה אדר דעסט גלייכן איינר וויל איין מלבוש
אן טאן אונ מען זאגט אים עש איז שעטנז אונ ער
טוט עש ניט אזו אן עש איז אים גירעכנט פאר איין
מצוה דר פסוק זאגט· למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר פון וועגן
זיין גרויש צדקות פון הקב"ה האט ער גרויש גימאכט
זיין תורה אונ האט פיל מצות גבאטן· כדי כל ישראל
זאלין קענן זוכה זיין לעולם הבא אונ וועגין זיין
ליבשאפט צו אונז האט ער אונז בליגט מיט זייני מצות
ציצית אין אונזרי קליידר· תפילין אויף אונזרי קעפ אונ
אויף אונזרי ארום· מילה אין אונזרי לייב· מזוזה אין
אונזרי הייזר· אויף דעם זאגט דר פסוק שבע ביום הללתיך
על משפטי צדקך פון וועגן זיבן מצות וואש דו האשט אונז
גגעבן דש מיר טוען זיי אלי טאג דרום האבן מיר דיך
צו לויבן דש זיינן די זיבן מצות· תפילין אונ ציצית·
אונ מילה אונ מזוזה· עש זיינן דרויף פיל טעמים ווארום
דש הייסט זיבן מצות· איין טעם איז די פיר פרשיות
פון תפילין זיינן ווי פיר מצות· אונ ציצית· אונ מזוזה·
אונ מילה· איז זיבן:

אטייל לייט זאגין תפילין זיינן אכט מצות דען צווייא
תפילין זיינן אכט פרשיות אונ ציצית זיינען

פיר

187

פיר מצות דען פיר ציצית הייגגען אן איטליכן טלית אטייל לייט זאגן פיר ציצית זיינען אכט אונ דרייסיג פעדים אזו זיינען זיא אכט אונ דרייסיג מצות אטייל לייט זאגן ציצית זיינן צווייא אונ פופציג מצות דען די צוואנציג קניפן זיינן אויך צוואנציג מצות נאך איין פשט איז אויף דעם פסוק · שבע ביום הללתיך לייאן עש שובע דאט מען איז מחוייב צוא לויבן הקב"ה ביז מען ווערט זאט פון זיין לויב · אויף די מצות וואש ער האט אונז גיגעבן · זיי ווייזן אונז דעם רעכטן וועג צו עולם הבא · ווי די גמרא ברייגגט איין מדרש · אמאל איז דוד המלך עליו השלום גיזעסן אין באד · איז ער בזארגט גוועזן ווייל ער איז גיוועזן אן מצות אן תפילין אן ציצית אז ער האט גידאכט אין דר מילה האט ער זיך משמח גיוועזן דאש ער גייט ניט אפילו איין רגע אן אמצוה · אז ער איז ארויש גיגאנגן פון באד האט ער גילויבט הקב"ה אונ האט גיזאגט דעם מזמור למנצח על השמינית פון וועגן דר מילה וואש זיא איז גיבאטין גיווארין צום אכטין טאג :

דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק לוית חן הם לראשך איין בהעפטונג פון חן זיינען דיא מצות צוא דיין קאפ · דרעת דער מדרש לוית מיינט מען דיא מצות זיינען מלוה דעם מענטשין וואו אהין ער גייט עש זאל אים קיין שאדין ניט גישעהן · אונ אויך בלייבין אים דיא מצות פון זיין גיבארין ביז זיין נשמה גייט אויש · צום אכטין טאג איז מען אים מל · דער נאך טוט ער אן איין קלייד איז דער ביי דיא מצוה פון ציצית אונ שעטנז · שערט ער זיך טאר ער דיא פאות ניט אפ שערין · עסט ער טאר ער ניט עסין קיין טריפות אדר וואש אסור איז · אקערט ער זיין פעלד טאר ער עש ניט אקערין מיט כלאים · דאש מיינט מען איין אקס מיט איין פערד דער נאך זייעט ער זייגע פעלדר טאר ער זיי ניט זייען קיין כלאים צוויי מינים באנאנדער · שנייט ער זיין תבואה אדער ביימער · טאר ער ניט אפ שניידן אין גאנצין ער מוז לאזין לקט שכחה פיאה צוא עניים · גייט ער אין וועג אונ באגעגינט איין נעסט מיט פייגיל · טאר ער ניט נעמען די מוטער מיט דיא קינדר · אין דער פריא דארף ער דאווגען מיט טלית אונ תפילין · פאר נאכט דארף ער דאווגען מנחה אונ מעריב · פארין שלאף דארף ער לייענן קריאת שמע אום שבת דארף ער טאן די מצות וואש גיהערין צום שבת אום יום טוב דיא מצות וואש גיהערין צוא יום טוב ראש השנה דארף ער שופר בלאזין · יום כיפור דארף ער פאסטין · סוכות דארף ער בענטשין אתרוג אונ לולב :

קורץ פון דער זאך פון זיין גיבארין ביז זיין טויט איז ער גיליבט מיט מצות · בפרט תורה לערנן איז ער מחוייב כל זמן עש רירט זיך נאך איין אבר אין אים · דאש באטייט דאש ווארט לוית חן דיא מצות באלייטין דעם מענטשין מיט אייטל חן אונ חסד אונ רחמים · עש איז איין משל איין מלך האט פיל קנעכט אונ אטייל פון זייא האט ער זייער ליב ווי זיין הארץ זאגט ער צו זיי מיינע ליבע קנעכט זייט מיינע גיטרייא באדינער וועל איך אייך געבין מיין שילט אונ מיין פאנציר אונ מיין חותם וואש איך האב מיך גיחתמת צוא מיין חתונה אזו אויך הקב"ה איז דער מלך מלכי המלכים אונ דיא גאנצע וועלט זיינען זיינע קנעכט · אונ דיא ישראל זיינען זיינע ליבע קנעכט · דרום גיט ער זיי זיינע מצות אונ זיין חותם · דאש איז די תפילין אונ דעם אמת · נוא זעהן מיר אז דאש אלש איז איין מתנה פון ליבשאפט וועגין :

דיא גמרא זאגט אין קדושין דר וואש טוט איין מצוה מיט דר גאנצר כוונה ווערט אים גיטאן פיל גוטש אונ מען דער לייגערט אים זיינע יארין אונ ער ווערט זוכה זיין צו ערבין דאש לאנד ארץ ישראל · אבר אז ער טוט זיא אן כוונה ווערט אים קיין גוטש ניט גיטאן אונ זיינע יארן אונ טעג ווערין דר קירצט · אונ ער ווערט ניט ארבין דאש לאנד · אונ דער וואש קען ניט לערנן קיין מקרא אונ קיין משנה אונ האט אין זיך אויך ניט קיין דרך ארץ · איז ער ניט ראוי מזאל מיט אים וואונן אין איין שטאט · אבער דער וואש האט יוא אין זיך די אלע דרייא · דעם קומט קיין ביז ניט צו · אויך זאגין די חכמים ווער עש טוט איין מצוה אין שעה פאר זיין טויט איז גלייך ווייא ער וואלט מקיים גיוועזן כל התורה כולה אונ פאר קערט

אז ער טוט איין עבירה איין שעה פארין טויט איז גלייך
וויא ער וואלט מבטל גיוועזן כל התורה כולה :

רבי יונתן זאגט דער וואש טוט איין מצוה רעכט אויף
דער וועלט · דא גייט זיא פאר אים · אונ בלייט
אים צו עולם הבא אין גן עדן אריין · אונ ווער עש טוט
איין עבירה אויף דר וועלט · אונ טוט דרויף גיט תשובה
פארין טויט · דא בגרייפט זיא אין אים אונ לאזט אים
גיט אפ · אונ שלעפט אים מיט זיך אין גיהנם אריין ·
די מצות גיהערין צום גן עדן אונ די עבירות צום גיהנם
וויא דער פסוק זאגט אשרי האיש ירא את ה' במצותיו חפץ
מאוד וואול דעם מענטשן וואש פארכט זיך פאר גאט
אונ גלוסט זייער צו זיינע מצות · אונ דר מענטש וואש
בצווינגט דעם יצר הרע קומט אים קיין עבירה ניט צו
האנדין · אונ אז ער טוט יוא איין עבירה טוט ער אויף
איר תיכף תשובה אין זיין יוגנט דר הייסט איין רעכטר
ירא שמים · רבי אליעזר זאגט במצותיו חפץ מאוד אין
זיינע מצות בגערט ער זייער אבער ניט אין דעם שכר
פון זיי · בלומר ער טוט זיא פון ליבשאפט וועגין אפילו
עש זאל אויף זיי קיין שכר ניט זיין · דר הייסט ארעכטר
ירא שמים · אונ אפרומר מאן ער דינט הקב"ה פון
ליבשאפט וועגין וויא איין זון זיין פאטער · ניט פון
שכר וועגין · אונ אזו וויא איין זון ווייסט דאך וואול
אלע זאכין פון זיין פאטער · אונ בוט וואש אים
וואול גיפעלט · אזו זאל אויך איטליכער אוועק
לאזין זיינע עסקים דען הקב"ה ווערט זייא אים
פארכטן · אונ זאל גאט דינן :

אויך זאגט דיא גמרא אטייל שכר פון דער מצוה גיט
מען אויף דער וועלט · דהיינו אז איינר מאכט
איין שיין חנוכה ליכט · אונ איז זייער נזהר אין דער
מצוה דאש די חכמים האבן גיבאטין · אזוא האט ער
אויך קינדער תלמידי חכמים · אונ ווער עש איז נזהר
אין מצות מזוזה באקומט ער איין שיינע דירה · ווער עש
איז נזהר אין מצות ציצית באקומט ער איין שיין קלייד
ווער עש איז נזהר צוא האבין וויין אויף קידוש איז ער
זוכה צו רייכקייט אונ צו פיל וויין · ווער עש איז מכבד
אלטע לייט · איז ער זוכה אלט צו ווערין · ווער עש איז
מכבד פאטר אונ מוטר דער לעבט לאנג אזו זיינן אלע
דיא מצות פון כל התורה כולה חוץ דעם גרויסין שכר
וואש ער האט לעולם הבא · אויף דער וועלט עסט ער
די פירות אונ אויף יענר וועלט באקומט ער דאש קרן
אונ דער וואש טוט דיא מצות מאהבה גיט פון שכר
וועגין דער באקומט פיל טויזנט מאל מער שכר פון
דעם וואש טוט זיא פון שכר וועגין ווי דער פסוק זאגט
ליראי ה' ולחושבי שמו הקב"ה גיט שכר צו די וואש פארכטן
זיך פאר אים אונ גידיינקען זיין נאמען דרשת די גמרא
דאש מיינט מען ווער עש גידיינקט איין מצוה צו טאן
אונ ער קען זיא גיט טאן איבר איין אונס רעכינט אים
הקב"ה גלייך וויא ער וואלט זיא יוא גיטאן :

רבי חנינא בר אבין זאגט ווער עש טוט איין מצוה מיט דר
רעכטיר כוונה וויא ער איז גיבאטין גיווארין קומט
אים קיין בייז ניט צו · וויא דער פסוק זאגט שומר מצוה
לא ידע דבר רע ווער עש היט איין מצוה ווערט ניט וויסין
קיין בייזע זאך · רב אסי אונ אטייל לייט זאגן רב חנינא
בר פפא דרשת אויך פון דעם פסוק ווער עש טוט א מצוה
מיט דר גאנצר כוונה אפילו עש איז אויף אים נגזר גיווארן
איין בייזע גזירה ח"ו איז ער זיא מבטל · רבי יהושע בן
לוי זאגט וואש מיינט דר פסוק אשר אנכי מצוה אתכם היום
לעשותם הקב"ה זאגט איך גיב אייך היינט דיא מצוה
צוא טאן איז מען דען מארגין פטור פון דיא מצות נאר
אזוא מיינט מען איר זאלט היינט דיא מצות טאן אויף
דער וועלט אונ מארגין צוא עולם הבא ווערט איר אייער
שכר בקומען דען דארטן קען מען קיין מצות גיט טאן ·
נאך מער זאגט רבי יהושע בן לוי אלע דיא מצות וואש
ישראל טואן אויף דער וועלט צו עולם הבא קומען דיא
מצות זעלבערט אונ זאגין עדות פר הקב"ה דיא מצוה
האט דר (פלוני) גיטאן אונ די מצוה האט יענר (פלוני)
גיטאן וויא דר פסוק זאגט יתנו עדיהם ויצדקו דש מיינט מען
די מצות זעלבערט זאגין עדות ווער עש האט זיי גיטאן
דער נאך זאגט ווייטער דער פסוק ישמעו ויאמרו אמת ·
לעולם הבא ווערין דיא עובדי כוכבים הערין · אונ ווערין
אויך מוזין עדות זאגין דאש ישראל האבין מקיים גיוועזן
די מצות · אונ האבין זיך גילאזט טייטן אויף קידוש
השם · מיר האבין גילערינט אין דער מכילתא דרשת
ער דעם פסוק ועושה חסד לאלפים לאוהבי ולשומרי מצותי הקב"ה

טוט חסד צו צוויי טויזנט דורות צו די וואש טוען די מצות פון ליבשאפט וועגן ניט פון שכר וועגן· אונ צו די זעלביגי וואש ווארטין דיא מצות זאלין זייא צוא קומן אונ טאן זייא תיכף ומיד מיט דער רעכטער כוונה· אונ ווער זיינען דיא זעלביגע לייט· דאש זיינען דיא צדיקים אונ חסידים וואש וואוגען אין ארץ ישראל· אונ זיינען זיך מוסר נפש פון דיא מצות וועגין· אז וויא עש איז גוועזן אין דער צייט אז די עובדי כוכבים האבין גוזר גזירות גיוועזן· אז מען האט אויש גיפירט איינעם צוא הרגן האט מען אויש גירופין דער גייט אויש צוא הרגענען ווייל ער האט זיין קינד מל גיוועזן· פאר דעם אנדרן האט מען אויש גירופין דעם פירט מען אויש צו היינגען ווייל ער האט מצות גינעסין· דעם האט מען גישמיסן מיט איין רוט ווייל ער האט לולב גיבענטשט דאש אלש איז גיקומן פון וועגן זייער ליבשאפט וואש זיי האבן גיהאט הקב"ה האבן זיי מקדש השם גוועזן· וואול דעם זעלביגן אונ וואול זיינע קינדר ביז איביג:

קיין מענטש זאל ניט גידיינקען וואש זאל איך מצות טאן· איך בין דאך איין חוטא אונ האב פיל עבירות גיטאן וואש וועלין מיר דיא מצות העלפין· אויף דעם זאגט דיא גמרא האסטו גיטאן פיל עבירות טוא דער קעגין פיל מצות· מיט דיא אייגענע איברים וואש דו האסט די עבירות גיטאן· האסטו איין עבירה גיטאן מיט די אויגן· דא לייג תפילין צווישן דיינע אויגן האסטו איין עבירה גטאן מיט ליגן זאגן· זאלסטו תורה ריידין מיט דיין מויל· האבין דיינע הענט פאר גאסין אום ריין בלוט· דש מיינט מען דו האסט איינם מבייש גיוועזן· אזוא האסטו אים זיין בלוט פאר גאסין· דער קעגן מאך שלום צווישן מאן אונ ווייב· אונ צווישן איינם אונ זיין חבר· אונ טוא תשובה אונ תפלה אונ צדקה האסטו גיזינדיגט מיט דיינע הענט· לייג תפילין אויף דיין האנט· אונ גיב צדקה· האסטו גיהאט בייזע מחשבות זאלסטו האבין גוטע מחשבות אונ אזוא אויך מיט דיא איבריגע איברים· אזוא אז דוא וועסט קומען צום יום הדין וועלין דיא מצות אפ גירעכינט זיין קעגין די עבירות· אונ אויב די מצות וועלין מער זיין וועט דיר גוט זיין· אונ אויב די עבירות זיינן מער איז ח"ו שלעכט:

דיא מצות פון דר תורה זיינן תרי"ג זעקס הונדרט מיט דרייא צעהן דרייא הונדרט מיט פינף אונ זעכציג לאוין· קעגין דיא טעג פון יאר אונ איטליכר טאג זאגט צום מענטשין טוא אין מיר קיין עבירה ניט· אונ ווידער זיינען צוויא הונדרט מיט אכט אונ פערציג מצות עשה קעגין דיא איברים פון מענטשין אונ איטליכר איבר זאגט צום מענטשין טוא מיט מיר איין מצוה ניט קיין עבירה· אויך שטייט אין פרק אל תהי רשע בפני עצמך דאש דוא זאלסט קיין עבירות ניט טאן בשתיקה· אונ פר לייטין וועסטו פרום זיין· דר פסוק זאגט כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם דען עס זיינן רעכט פארטיג דיא וועגין פון גאט דיא צדיקים גייאן אין זייא· אונ דיא רשעים ווערין גישטרויכלט אין זייא דיא גמרא שרייבט דרויף איין משל· ווען עש איז איין סעודת מצוה· דא עסט דער צדיק פון מצוה וועגין· אבר דער רשע עסט נאר זיין בויך אן צוא פילן דאש מיינט דער פסוק צדיקים ילכו וגו' דרום זאל קיינער ניט עסין פון זיין הנאה וועגין נאר פון מצוה וועגין· דאש גאט האט אזו גבאטן אפילו ער האט הנאה פון דער מצוה הארט מיך ניט· אז וויא מיר עסין שלש סעודות אום שבת· חאטשע אמאל האט ער דאך דר פון קיין הנאה ניט דאש ער איז זאט· דאך טוט ער עש פון מצוה וועגין· אזו זאלן אויך אלע מצות זיין· אונ זאלסט זייא טאן פון דעם שענסטין אונ בעסטין ניסטו איין ארומאן גיב אים פון דעם בעסטין· קויפסטו איין אתרוג אונ איין לולב· קויף פון דעם בעסטין אונ שענסטין· זאלסט אויך קויפן אשיינם טלית אונ תפילין אונ איין שיינע סוכה:

אויך ווען איינער האט גיקויפט איין אתרוג· דער נאך טרעפט זיך אים איין טייערער צו קויפן· איז ער מחוייב צו קויפין אפילו ער טרעפט אן טייערער מיט אשליש פון ערשטין למשל אז דר ערשטער קאסט זעקס גילדין· זאל ער נאך דער לייגין צוייא גילדין דאש הייסט איין (שליש מלגו)· אטייל לייט זאגן ער איז מחוייב מוסיף צו זיין ביז איין (שליש מלבר) דש הייסט דרייא גילדן חוץ יענע זעקס· אזוא זיינען אויך אלע דיא מצות· אויך איז איטליכר מחוייב די מצוה צו טאן לשם שמים ניט פון גאוה וועגין זיך צו ברימען פאר לייט

לייטין ׳ דען דר מיט נעמט ער אפ זיין שכר אויף דער
וועלט ׳ אונ זיא ווערט אים נאך צוא איין עבירה ׳ אבער
אז זיין כוונה איז לשם שמים ׳ אפילו לייטין ווייסין דער
פון איז אויך נישט קשה ׳ דען זיין כוונה איז דאך ניט
פון לייטין וועגין ׳ נאר פון גאטש וועגין ׳ אזוא וויא דער
פסוק זאגט ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ווארום
שמיים ניט לבך דיין איין הארץ נאר לבבך מיינט מען מיט
דייני ביידי הערצר מיט דעם יצר טוב אונ מיט דעם יצר
הרע זאלסטו דינן הקב״ה ׳ אונ זאלסט טאן אלע די מצות
לשם שמים : האדם דר מענטש איז ניט בשאפין גיווארין
נאר תורה לערנן ׳ אונ אירע מצות צוא טאן ׳ אונ ער
איז נאר וויא איין שליח וואש איינר שיקט אים זיינע
זאכין אויש צוא ריכטן אז ער טוט זיין שליחות באמונה
דא בקומט ער זיין שכר ׳ אונ אויב ער פר געסט דרינן
אונ גייט נאך נאך וואול טאג מיט פרעסין אונ זויפן ׳ אזו
איז דאך וויא צו דעם שליח ׳ אזו איז אויך דער מענטש
איז גישיקט פון גאט צוא פאריכטן זיינע זאכין ׳ אונ אז
ער טוט זיין שליחות באמונה ׳ דאש ער לערינט תורה
אונ טוט מצות לשם שמים ׳ אזו בקומט ער פיל שכר
לעולם הבא ׳ אונ עסט אויך די פירות פון די מצות
אויף דר וועלט ׳ אבר אז ער גייט נאך נאך וואול טאג ׳
אונ פאר געסט זיין שליחות איז דאך וויא צוא אים דאש
ער פר שעהמט די מצות וואש הקב״ה האט גיגעבין צוא
משה רבינו ע״ה ׳ אונ משה רבינו האט זיא איבער
גיענטפערט צו יהושע ׳ אונ יהושע צו דיא זקנים ׳ אונ
דיא זקנים צו די נביאים ׳ אונ דיא נביאים צו די אנשי
כנסת הגדולה ׳ אונ דער נאך איין דור נאך דעם אנדרין
ביז דיא חכמי המשנה ׳ דער נאך דיא חכמי התלמוד ׳
דער נאך דיא פוסקים ׳ דאש זיינען דיא רעכטע מצות
וואש דער מענטש איז בשאפין גיווארין זייא צוא טאן
ניט קיין אנדער מלאכה ׳ אבער דער מענטש מוז אויך
האבין איין מלאכה צוא זיין פרנסה אונ קליידער אונ
וואונונג דען אז ער ווערט קיין פרנסה ניט האבין וועט
ער ניט קענען גאט דינען ׳ אבער זיין עיקר האנדיל זאל
זיין צו תורה אונ מצות אונ זיין עסין אונ טרינקן זאל
זיין כדי ער זאל קענן גאט דינען מיט תורה אונ מצות
וויא דער פסוק זאגט ודברת בם זאלסט ריידין אין תורה
אונ מצות :

# תם ונשלם שבח לאל בורא עולם